STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10508

DI BRIK

Isaiah Spiegel

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישעיהו שפיגל

*

די ברוק

נאוועלן

דאָס בוך דערשיינט דורך דעם
שמואל און דאָראַ קאַרפּמאַן־פאָנד (לאָס־אַנדזשעלעס)
צום ערשטן יאָרצייט פון שמואל קאַרפּמאַן ע״ה
געשטאָרבן דעם 7טן יאַנואַר 1962 — ב׳ שבט תשכ״ב

This book was published by the
Samuel and Dora Karpman fund (Los Angeles)
on the first anniversary of the death of
Samuel Karpman
(died January 7, 1962)

ישעיהו שפּיגל

די בריק

נאָוועלן

פאַרלאַג י. ל. פּרץ
ישׂראל
1963

Jeshajahu Spiegel

DI BRIK

(*THE BRIDGE*)

Short Stories

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby st., Tel Aviv

ישעיהו שפּיגל / די בריק

נאָוועלן

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

צייכענונגען: אלכסנדר באָגען

©

נדפס בישראל 1963
Printed in Israel 1963

דפוס „אורלי", תל־אביב, רח׳ יסוד המעלה 27, טלפון 32062



ישעיהו שפיגל

שאַרלאָטען

ישעיהו שפיגל

*

די בריק

דער פליענדיקער הירש

דעם לעצטן, אין יידיש געשריבענעם, בריוו פון פעטער שמואל, דעם מיט די געצאַקטע, בלאָ־ווייסלעכע ראַנדן פונעם קאָנווערט, מיט די אומצאָליקע דראָבנע מילך־שריפט־אותיות „מדינת ישראל״ — „מדינת ישראל״, פאַרבאַהאַלטענע אינעם סאַמע פלייש פונעם פּאַפּיר, מיטן שיינעם, פליענדיקן הירש צווישן די וואָלקנס, — אָט־אָ דעם דאָזיקן בריוו האָט בצלאל באַשלאָסן מיטצונעמען מיט זיך בעת דער נסיעה. דאָס ערשטע מאָל, אַז אַזאַ בריוו איז אַרויסגעפאַלן פונעם בריווטרעגערס האַנט, זענען זיי ביידע, בצלאל מיטן ווייב, שטיין געבליבן פאַרגאַפּטע. פאַרחידושטע און דערפרייטע האָבן זיי ביידע אים פאָרזיכטיק געעפנט, כדי נישט צו שעדיקן, חלילה, דעם מינדסטן ראַנד און דערנאָך, ביים ליכט פון דער זון, — ס׳איז גראָד געווען אַ טריבלעכער, קנאַפּ־זוניקער פּוילישער יעשענטאָג — זיך לאַנג איינגעקוקט אינעם דאָזיקן אויסטערלישן פליענדיקן הירש מיט די דורכזיכטיקע פליגל. בצלאל האָט אים לאַנגע רגעס געהאַלטן איבערן האַרץ און בשום אופן נישט געקענט אָנהייבן צו לייענען, גראָד ווי דער דאָזיקער הירש וואָלט מיט אַ פאַרבאָרגענעם כישוף פלוצעם אָפּגעשטעלט אין אים דאָס האַרצקלאַפּן. זכרונות־ברעקלעך ווי יונגע, זשומענדיקע גאָלד־פליגן פון די פאַרפלאָסענע קינדעריאָרן, האָבן גענומען אַרומזשומען אַרום די אויערן: אַלטע יידישע קלויזן מיט פלאַטערנדיקע פּרוכתן, באַפליגלטע לייבן און לעמפּערטן, כלערליי אור־פייגל מיט מענטשישע אויגן־אַפּלען און אין מיטן — דער דאָזיקער שיינער פליענדיקער הירש, טאַקע פון דאָרט, פון יענע וויטע, פאַר־נעפּלטע אורצייטן, ווען די וועלט און גאָט זענען נאָך געווען יונג, פון

די הייליקע חומש־מקומות, ווו די אורביימער האָבן געבליט מיט יידישער שירה.

ער האָט זיך אָפּגעווענדט פּלוצעם פון פענצטער — און זיך צעוויינט.

דער טאָג איז אין דרויסן געשוואומען אַ פּאַרקלערטער, מיט זילבער־באַזוימטע פּוילישע האַרבסטהימלען, וואָס זענען געלעגן זייער נידעריק איבער דער פאַררעגנטער ערד. דער ווינט האָט געיאָגט די נידעריקע וואָלקנס, זיי געטריבן צו צפון־זייט, ווו ס'האָט זיך דערווייל געזאַמלט אַ שוימנדיקער וואָלקנטייך פון פליסיקן זילבער. די פּוילישע האַרבסטהימלען זענען געפלאָסן איינזאַמע און פאַרפאַנצערטע. אין זייערע בוזעמס האָט זיך ניט געזען דער מידסטער פויגל־שאָטן. אָנשטאָט דעם געצוויטשער פון פּוילישע פייגל האָט בצלאל פּלוצעם דערזען אַרויסשווימען פון יענעם וואָלקנטייך די פליגלשפּיצן פון אַן אויסטערליש פליענדיק באַשעפעניש. באַלד האָבן זיך די פליגל אָפּגעריסן פון די וואָלקנס און אויפגעהויבן מיט זיך — אַ יונגן שלאַנקפיסיקן הירש. ער האָט זיך געפּרוווט אויפהייבן, דער הירש, אַלץ העכער, געטראָגן פון די וואָלקן־פליגל, בעת זיינע דינע פיס זענען געלעגן נאָך פאַרטשעפּעט אינעם שוואַרצן טייך פון די שווימענדיקע וואָלקנס. ער האָט זיך אָבער באַלד אַ ריס געטאָן ווי אַ געפאַנגענער פון די קאַלטע שווימענדיקע הימלען און ווי אַ דינער, צאַפּלדיקער זונשטראַל געצויגן צו מזרח.

דער דאָזיקער אויסטערלישער בריוו פון פעטער שמואל איז געלעגן די גאַנצע צייט צוזאַמען מיט דער פאַרגעלטער, האַלב־צעפאַלענער פאָטאָגראַפיע פון דער מאַמען גיטעלע. אייגנטלעך איז די פאָטאָגראַפיע געלעגן אַן איינגעוויקלטע אינעם ליכטיקן בלאָ־ווייסלעכן פּאַפּיר און בלויז פון איבערשטן בריוואַנד האָט אַרויסגעקוקט דער מאַמעס גראָער באַשייטלטער קאָפּ, איר זייער ווייסלעכער טויטער שטערן מיט די שיינע צוגעלענטע יידישע אויגן. אָט, אַ פּשוטע פאָטאָגראַפיע פון אַ טויטער מאַמען, וואָס ער האָט זי אָפּגעפונען, בצלאל, צווישן דעם שוואַרצן, טרויעריקן יידישן קויט אינעם הינטערגעסל פון געטאָ, דאָרט, ווו די נייע, פרעמדע מענטשן האָבן זיך געהאַט גיך אַריינגעכאַפּט אין די יידישע הייזער ווי נאָר דאָס געטאָ איז געפאַלן. ער ווייסט נישט, צי האָט

ער זינט יאָרן איבערגעלעבט אַ גרעסערע מענטשלעכע פרייד ווי דעמאָלט, בעת ער האָט אויפגעהויבן פונעם מיסט די דאָזיקע פאַרגעלטע אַלטע פאָטאָגראַפיע פון דער מאַמען. יאָ, אפשר בלויז דעמאָלט בעת ער האָט זיך מיט זיין זעלנער־אַפּטייל געטראָגן איבער די פאַרשטעט פון בערלין אָדער דעמאָלט, אין יענעם קילן מאַי־טאָג, בעת די הימלען איבער דער ערד זענען פלוצעם געוואָרן פרידלעך־שטיל, ווי לאַנקעס אין אַ זון־פאַרגייַין און די ערד, אַן אָנגעקאָרמעטע מיט בלוט, האָט זיך איבער־געוואָרפן מיט אַ פרידלעך, שלווהדיק גרין. גראָד אַזוי האָט אין אים דעמאָלט געקלאַפּט דאָס האַרץ — בעתן אויפהייבן די פאָטאָגראַפיע פון קויט, יידישע בעטפעדערן און אַלטע, פאַרטרערטע שמות.

מיטאַמאָל, ביי אַט אָ דעם הויכן מיסטבאַרג אין געטאָ, איז די מאַמע גיטעלע שטיין געבליבן לעבן אים, הינטער אים און איבער אים. פאַרכ־טיקע יידישע רייד, פאַרזונקענע ערגעץ אין אַן־דנאָעדיקע בלאָע אָפּגרונטן האָבן פלוצעם זיך אַ הייב געטאָן איבערן מיסטבאַרג ווי אַ טשאַטע ווייסלעכע, צעפּלאַשעטע פייגל. אין אומצאָליקע מחנות האָבן זיי געצויגן גאָר נידעריק פון די ערשטע קינדערוועלטן, וואָס וואַקסן אַריין וואָרצל־דיק אין מענטשלעכן האַרץ און בלייבן שוין אויף אייביק פאַרפלאַנצט ווי די קערעלעך אין אַ מילגרוים. וואָרעם ווער געדענקט ניט די טויטע ? בפרט — אַ מאַמען. אַז אַט־אַט, מיט ערשט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָט ער זי איבערגעלאָזט דאָ, אין דעם אָפּגעצוימטן געטאָ, אַן אייַנגעבויגענע, אַ ווייסלעכע, אַן אייַנזאַמע. זי האָט דאָך ניט געקאָנט מיטלויפן מיט אים ביז צו די פאַרטשעווער וועלדער אויף אירע קראַנקע, שוואַכע מאַמעשע פיס. איבעריקנס האָט דאָך די מאַמע בשום אופן ניט געוואָלט אַוועקגיין פון אַזוי פיל יידן. ס׳איז לייכטער צו שטאַרבן צווישן יידן, אַפילו אין געטאָ — פלעגט זי תמיד זאָגן. צי איז זי אָבער געשטאָרבן צווישן יידן, אין דעם אָפּגעצוימטן געטאָ ? ער האָט שוין אַלץ געוווסט, בצלאל, וואָס אַזוינס ס׳איז אינצווישן דאָ געשען. זיי זענען נישטאָ, די יידן און צווישן זיי — די מאַמע. זיי זענען אַוועק. צום הויכן זאַמדוועג הינטער די פוילישע באָדלוועלדער. נישטאָ. אַפילו דאָרט אויך נישט. נישטאָ. אַזוי ווי טוי, למשל, וואָס די זון זויגט אויס באַגינען פונעם גראָז. ווו

איז עס? אָדער שניי, נעפּל... אָדער אַ טרער. יאָ, אַ טרער. די מאַמע גיטעלע איז תמיד געווען אַזאַ גיכע אויף טרערן. אייגנטלעך איז שוין ניט געווען אויף וואָס צו וויינען. אויף טוי, וואָס איז געווען און איז נישטאָ? אויף שניי און נעפּל, וואָס זענען ערגעצווו פאַרפלאָסן? אויף אַ מענטש וואָס איז נאָר איינמאָליק געווען אויף דער ערד און — נישטאָ... ווי, ווי וואָס אונדז איז געשען. נאָר ער וויל איצט, בצלאל, ניט טראַכטן וועגן דעם אַלעם. ס'איז גוט וואָס ער זעט איר פּנים — אַ טויטס, אַ מאַטס און פון דעסטוועגן — די מאַמע, אַן איינגעוויקלטע אין פּעטער שמואלס בלאָ־ווייסלעכן בריוו. אַ בלענדנדיקער טרייסטפונק טליעט אויף פון ערגעץ אַן אָפּגרונטיקער טיפעניש און באַלייכט זיין קנאָכיק פּנים. די פרייד פונעם טויט, וואָס ווערט אויף ס'ניי לעבן. טאָקע די אויפגעהויבענע טויטע פאָטאָגראַפיע פונעם מיסטבאַרג. און פון אונטער די צעפּאַלנדיקע הייזלעך, טוכלע קאָרידאָרן און פאַרזונקענע שוועלן הערט ער פּלוצעם איר קול:

— בצלאל, זעסט — איך לעב... איך לעב... איך לעב...

ער האָט זיך דעמאָלט גיך אויסגעדרייט, געזוכט איבער זיך אין טויטלעכן געטאָ־חלל.

— מאַמע, דו לעבסט? מאַמע, דו לעבסט?

— יאָ, בצלאלקע, איך לעב, איך לעב... ווייל דו לעבסט, מיין זון... ווייל דו לעבסט...

ער האָט נישט געקאָנט משיג זיין פון וואַנען עס קומט צו אים דאָס דאָזיקע סודותדיקע באַקאַנטע קול. און ס'האָט זיך געטראָגן אַזוי נאָענט הינטער די אויערן־לעפּלעך, ווי אַ ווינטל. און אפשר שווייגן טאָקע ניט די טויטע? צי שיקן זיי ניט זייערע איבערגעשניטענע קולות צו די, וואָס טרעטן אויף דער ערד? וואָרעם — צי גיבן אונדז ניט צוריק די שוואַרצע איינזאַמע נאַכטוואָסערן דאָס ליכט פון גאָטס אייביקע שטערן?

אָבער דאָס אַלץ איז געווען דעמאָלט, בעת ער האָט אויפגעהויבן פונעם מיסטבאַרג איר טויטע געשטאַלט. איר גוף האָט אויף ס'ניי אָנגעהויבן לעבן אין זיין דמיון, אין זיינע תנועות, איבערגעפּולטע מיט זכרונות פון די ערשטע קינדעריאָרן. איצטער ווייס ער שוין: פון אַלץ

וואָס ער פירט אַרויס פון דער פוילישער ערד, איז בלויז זי — די טויטע מאַמע אויף דער פאָטאָגראַפיע. טייל מאָל האָט ער דאָס געפיל, אַז ס׳איז גוט געשען מיטן פעטער שמואלס לעצטן בריוו, וואָס איז אָנגעקומען אין דער לעצטער רגע פאַר דער נסיעה. איצט ווייסט ער: ער פירט אַרויס די טויטע ביינער פון דער מאַמען איינגעוויקלט אין דער בלאָ־ווייסלעכער יידישער פאָן — זאָל עס זיין בלויז אין דאָזיקן פלאַטערנדיקן, דורכזיכטיקן בריוו פון דאָרטן, מיטן פליענדיקן הירש ערגעץ צווישן ווייסלעכע, שוועבנדיקע וואָלקנס. און חוץ דעם דאָזיקן פאַפּירענעם ארון האָט אים געטרייסט נאָך עפּעס, אָבער דאָס איז שוין געווען גאָר אַן אַנדערע טרייסט, אַ טרייסט, וואָס דאַרף ערשט אויפגיין אין אומבאַקאַנטקייטן: דאָס קליינע הילצערנע קופערטל מיטן מיליטער־רישן פלעד, ווו ס׳ליגן זיינע אָרעמע, גראָלעכע קאַרטאָן־בלעטער: — פאַרשנייטע טראַנשייען ביי סטאַלינגראַד, בונקער־יידן, פּאַרטיזאַנער, דייטשן, דייטשן, דייטשן און איבער אַלץ — קינדער, זקנים און פייגל אין דעם שטאַרבנדיקן געטאָ.

*

ס׳איז ניט געווען אַזוי לייכט דאָס אַלץ מיט דער נסיעה. און ס׳איז לחלוטין ניט געווען צו ריכטן זיך דערויף ווי אַלץ, וואָס קומט אומגעריכט און גיט אַ פּראַל מיט רציחה איבערן מענטשלעכן הארץ.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אויף דער גרענעץ ביים אַריינפאָרן אויף דער לעצטער סטאַציע. די בערג זענען געשטאַנען אין אַ דינעם, שנייאיקן נעפּל, בעת פון דער טשעכישער זייט איז געגאַנגען אַ שרעקעוודיקער שניי־געווירבל מיט פלאַטערנדיקן קילן זילבער אינעם פרעמדן חלל. קעגנאיבער די בערג אויף מזרח זענען געלעגן פאַרשאָטענע אינעם בלאָלעכן נעפּל, די נידעריקע פעלד־שטחים — פוילן, פוילן, פוילן. די ערד אַרום גרענעץ־וואָקזאַלעכל, ווו ס׳איז שטיין געבליבן דער לעצטער צוג פון די פאָרנדיקע יידן, איז געווען בייזלעך הארט פונעם פראָסט, כאָטש אַ ביסל העכער, צווישן די בערג, איז דער פראָסט געווען ווייך־מילד מיט אַ לינדקייט, וואָס קומט פון יונגע פאַרשנייטע וועלדלעך,

פון קיל־שאַרכנדיקע וואַסערלעך צווישן אייביק־פאַרמאַכיקטע פעלדזן. ס׳איז נאָך געווען פאַרן אויפגיין פון טאָג. פון די בערג איז געפאַלן אין דורכזיכטיק־פלאַטערנדיקע געוועבן אַ ראָזלעכע פאַרנעפּלונג ווי שיטערער, יונגער בעז. דאָס איז געקומען פונעם ערשטן ליכטאויפשפּראָץ, וואָס האָט ערגעצוו, הינטער די פעלדזן, אין בלאָלעכן מזרח, זיך געראַנגלט מיט דער אָפּפליסנדיקער נאַכט. פּלוצעם האָבן זיך די פיאָלעטע באַרגשפּיצן איבערגעוואָרפן מיט פלייצנדיקן זונליכט פון אַ נייעם געבוירענעם טאָג אויף פרעמדער ערד. נידעריק, גאָר נידעריק זענען געהאָנגען די שיטערע נאַכטוואָלקנס, וואָס זענען מיט אַ מאָל געוואָרן זייער פלאַך און צעריסן, אָפּדעקנדיק אונטער זיך דעם ווינטערדיקן הימל, אַ טיף־בלאָלעכן און גרינלעך ביי די ראַנדן. דער הימל איז געפלאָסן סודותדיק און גערוישלאָז ווי אַ טייך פון קאַלטן, בלאָלעכן פאָרצעליי.

ווען ניט די ווילדע געשעעניש דאָ אינעם גרענעץ־בײדל... וואָלט ער אפשר, בצלאל, מיטגענומען פון דער אַלטער היים אַ וואַרעמען פונק פון מענטשלעכער בענקעניש, גראָד ווי מען בענקט נאָך אַ לאַנגער נסיעה צוריק צו דער שטאָט, צו די ווענט, צו די פּולאַפּ־ווינקלען, וואָס זאַפּן איין טאָג־איין טאָג־אויס דעם מענטשנס קול, תנועות, געלעכטער און טרערן. דער דיל, ווו דעם מענטשנס פיס טרעטן, איז תמיד הייליק. וואָרעם, וואָס איז אייגנטלעך, טראַכט בצלאל, די ערד, ווו אַ מענטש ווערט געבוירן? דאָס איז דער ווינט, וואָס גייט פון הימל, דאָס נידעריקע גראָז פונעם זאַמדריוו, דער קרומער שאָטן פונעם עפּלבוים, בעת ער ברענט מיט אַזוי פיל שיינע פייערן אין דעמערונג. און דערנאָך: אויגן, אויגן. פּנימער. קעגנאיבערדיקע פענצטער פון מענטשן. אַ פלאַטערנדיקער שאָטן פון אַ מיידלשן קאָפּ. און דאָס גאַנצע לעבן וועט זיך שוין דאָס האַרץ ציען צו דער דאַרער פאַרנעפּלטער געשטאַלט פונעם פרעמדן מיידל אין דער קעגנאיבערדיקער פענצטעררא̈ם...

ווען ניט די ווילדע געשעעניש אינעם ביידל...

ס׳האָט אים ווי געשלאָגן מיט עפּעס איבערן קאָפּ, ווי אַ פליישיקע, בייזע האַנט וואָלט זיך אויפגעהויבן איבער אים און דווקא דאָ, אויף דער לעצטער גרענעץ צווישן די בערג, אים געגעבן אַ שווערן קלאַפּ צווישן

די אויגן. ס׳איז געווען ווייטיקלעך ביז וויינען. ער האָט אַפילו ניט געשריגן. אים איז געווען ווי ער וואָלט אומגעריכט באַקומען אַ חלף־שניט איבערן קאַרק.

אָנגעהויבן האָט עס זיך, אַז זיי מוזן אָפּשטעמפּלען די פּאַפּירן. ס׳איז דאָך שוין ניט געווען קיין פּיצל אָרט אויף צו לייגן אַ זיגל. ס׳איז זיי געגאַנגען אין גאָר עפּעס אַנדערש. גאָלד! גאָלד! גאָלד! אַפילו אין געטאָ האָבן דאָך די יידן פאַרבאַהאַלטן גאָלד... זאָלן זיי זוכן ביי אים וויפל זיי ווילן. ער וועט אַלץ אַרויסלייגן פראַנק און פריי. ער וועט עפענען דאָס הילצערנע קופערטל, אַפילו דער מאַמעס פאָטאָגראַפיע, פאַרלייגט אינעם פעטער שמואלס בלאָ־ווייסלעכן בריוו מיטן פליענדיקן הירש — — —

ער איז געשטאַנען פאַר אַ נידעריק דאַר מענטשל, וואָס האָט געהאַט אַ גראָלעך־פאַרוואַקסן פנים און זייער שפּיציקע רויטלעכע אייגעלעך ווי ביי אַ מעוברתדיקער קאַץ. אינעם הילצערנעם ביידל, ווו די יידן זענען איינציקווייז אַדורכגעגאַנגען, איז איצט געווען וואָרעם פון אַ קיילעכדיק בלעכערן אויוונדל. דאָס אויוונדל איז געווען רויטלעך־אָנגעגליט ביי די זייטן און עפּעס אַ מענטש מיט אַ זעלנערישן רימען איבער זיין ענגער זעלנערישער קורטקע אַרום דעם דיקלעכן בויך איז געלעגן אויף דער ערד און געהאַלטן אין איין אַריינוואַרפן אין דער צעגליטער עפענונג קורץ־געזעגטע, אָפּגעשיילטע, ווייסע צווייגן פון אַן אָנגעשאָטענעם האָלצבאַרג. דעם מענטשנס פנים איז געווען פאַרפלאַמט פונעם פייער, וואָס האָט געשלאָגן פונעם אויוונדל. פון דער היץ האָט דאָס בערגל אָפּגעשיילטע ווייסע צווייגן אויפגעטייעט. אין ביידל איז געשטאַנען אַ זיסלעכער וואַלד־געשמאַק פון בלוטיקער זשיוויצע. בצלאלן האָט פּלוצעם אַ שלאָג געטאָן דער דאָזיקער קלעפּיקער ריח מיט אַן אומהיימלעכן שוידער. אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס וואָס ער זעט, איז ניט עפּעס אַנדערש ווי אַ בערגל מיט אָנגעשיטע מענטשלעכע גלידער. וויפל ער האָט זיך ניט געווערט אַנטקעגן דעם דאָזיקן טויטלעכן, אומברחמנותדיקן חזיון — האָט זיין אויג בשום אופן ניט געקאָנט פאַרווישן דאָס געזעענע. ער האָט מיט צונויפגעזאַמלטע פרעמדע כוחות גיך אָפּגעווענדט דעם קאָפּ פונעם

ווייסלעכן געשפּענסטיקן בערגל. די לופט אין חלל איז געהאָנגען שווער, טויטלעך און פרעמד. דורכן פענצטערל איז פּאַוואָליע געפלאָסן די פּראָסטיקע באַרגלופט מיט פליסנדיקע שטראָמלעך פונעם קאַלטן פאָרצע־לייענעם הימל.

נאָך פריער, ווי נאָר בצלאל איז אַרייַן און זיך אַרומגעקוקט אינעם ביידל, האָט דער ליגנדיקער ביים אויוון זיך אויפגעשטעלט. ערשט איצט האָט בצלאל דערזען, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט בלויז איין האַנט. דער לינקער אַרבל פון דער זעלנערישער קורטקע האָט זיך אים געוויגט טויטלעך און הויל אין זיין ניט אויסגעפולטן חלל ווי אַן אָנגעהאָנגענע סטראַשידלע. זיין רעכטע איז געווען ברייטפּלייציק, פּויעריש און אויך מיט איין פעלנדיקן מיטעלן פינגער. ער איז פּאַוואָליע צוגעגאַנגען, דער איינהענטיקער, צום נידעריקן דאַרן מענטשל אוןביידע האָבן זיך פאַר־רייכערט דינע, שפּיציקע ציגאַרעטלעך. אַריבערבויגנדיק זיך איבערן טישל האָט דער איינהענטיקער עפּעס אַ מורמל געטאָן אַזוי, אַז בצלאל האָט ניט געקענט דערהערן דאָס מינדסטע וואָרט. זיי זענען ביידע גע־שטאַנען קעגנאיבער אים און אַ לאַנגע רגע אים אָנגעקוקט שווייגנדי־קערהייט, אַרויסלאָזנדיק דינע געקרייזלטע רויכלעך. די רויכלעך זענען געבליבן הענגען איבערן טישל, געשוווּמען נידעריק ווי קליינע בייזע וואָלקנדלעך.

ער קאָן ניט זאָגן, בצלאל, אַז דער נידעריקער האָט טאַקע געהאַט אַ שלעכטן בליק אין זיינע שוואַרצאַפּלען. זיי זענען געווען אַזוי קליין, די שוואַרצאַפּלען, בלאַס און טויטלעך, אַז מען האָט קוים געקענט דערזען אין זיי דאָס מינדסטע ליכט־אָפּשפּיגלונג. פאַראַן אַזעלכע אויגן, וואָס האָבן אַ גלאָזיקע בלאָלעכע פאַרגליווערונג. בעת דער איינהענטיקער האָט געהאַט אַ ריזיקן קאָפּשיידל מיט אויפגעהויבענע, ניט־צעקעמטע, געדיכטע האָר־בערגלעך — איז דעם צווייטנס קאָפּ געווען אין גאַנצן אַ נאַקעטער, אַ קאַלט־ביינערדיקער, אָן דעם מינדסטן שאָטן פון האָר. ער האָט אויך געפּרוווּט איבערציען איבער זיין מויל עפּעס אַ תנועה פון אַ פאַרבאָרגן, הכנעהדיק שמייכעלע, וואָס איז אָבער צעפלאָסן צווישן די האַרטלעכע שטריכן פון זיין קאַלט ניט אין גאַנצן פּויליש פּנים. ביידע

האָבן איצט בצלאלן אָנגעקוקט מיט פאַרשנדיקע, שיפלעכע בליקן, גראָד ווי זייערע אויגן וואָלטן ניט געווען פון לעבעדיקע נערוון און בלוט, נאָר קילע און טויטלעכע אויגן־אַרביטעס פון סודותדיקע, גלאָזיקע דורכ־לייכט־אַפּאַראַטלעך. פון בצלאלס פּנים האָבן זיך זייערע בליקן פּאַוואָליע און שווער געגליטשט אַראָפּ איבער זיינע מלבושים, איבער זיין פאַר־קנעפלטן רעקל און זענען געבליבן הענגען אויף דעם הילצערנעם פּיר־קאַנטיקן קופערטל ביי זיינע פיס. ער האָט געוואָרט, בצלאל, אויף עפּעס אַ באַוועגונג, אויף אַ וואָרט, וואָס זאָל איבערברעכן דאָס דאָזיקע בייזע שווייגן. דאָס שוויגן האָט אים אַפילו געצווּונגען אויף אַ רגע זיך אָנצו־האַלטן מיט די הענט ביים טישל, דורך די פינגער האָט ער דערפילט, אַז דאָס טיש־האָלץ איז סענקעוואַטע, קלעפּיק און וואַרעם. פון דער שטייענדיקער היץ אינעם ביידל האָבן די ברוינלעכע סענקעס פונעם טיש אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ שווער־קלעפּיקן האָניק. ער האָט זיך אָבער באַלד צוריק אויסגעגליכן, אַראָפּגענומען די הענט פונעם טישל און געקוקט ביידן גלייך אין די אויגן אַריין מיט אַ פלאַטערנדיקער גע־שפּאַנטקייט.

— נ—ו—ו— נ—ו—ו—?...

דאָס האָט דער איינהענטיקער אַ זאָג געטאָן מיט אַ ראַציק קול ווי אין חלל אַריין. דער ליידיקער אַרבל האָט זיך אים אָנגעהויבן רירן און פלאַטערן ווי זיין הוילקייט וואָלט זיך פלוצעם אויסגעפילט מיט אַ לעבע־דיקער האַנט. די צעשפּרייטע פינגער פון זיין רעכטער האַנט האָבן גענומען פּאַוואָליע און פאַרזיכטיק גלעטן זיין אויפגעהויבענעם און שטאַרק־באַוואַקסענעם קאַפּשיידל.

אויפן ערשטן פאַרשנדיקן בליק האָבן די ביידע גאָרניט נישט געקאָנט דערזען. ס׳איז זיי געווען שווער עפּעס פאַרצופילן. כאָטש מיט די אַרויספּאַרער קאָן מען קיינמאָל ניט וויסן. מען איז מיט די־אַ קיינמאָל נישט זיכער. אָט, למשל, אַזאַ איינער, וואָס שטייט איצט אַנטקעגן זיי: דאָס פּנים — רויק און אָפן; די אויגן — האַלב פאַרזשמורעטע און אויך רויקע, אַפילו פאַרקוקטע אין זיך. דאָס גאַנצע געשטעל פונעם פרעמדן ייד איז עפּעס ייִדישלעך און ניט ייִדישלעך. למשל — די הענט און

דער נאַקן. דער עיקר דער נאַקן מיטן הויך־אויפגעהויבענעם קאָפּ. שוין אַ ביסעלע צו שטאָלץ. אַנטלויפט פון פוילן — און איז נאָך פול מיט יידישער גאווה... יאָ, די פּליצעס זיינע זענען שטראַם־גלייכע, נישט ווי ביי ס׳רוב יידן, וואָס זיי פאַלן אַראָפּ קרומלעך־פאַרבויגן... שיער ניט גו, ווי זייערע נעז... און די הענט? די הענט זענען מוסקולירט — זעט מען, גאַרנישט יידיש. אָבער — צו דער זאַך האָט עס ניט. כאָטש... אַזאַ איינער איז שוין אַ שאָד... געקאָנט בלייבן און בויען ס׳פאָטערלאַנד... ער איז אויך ניט אַזוי שוואַרץ ווי די אַנדערע. למשל — די אויגן: העל־קאַלירקע, נאָר... די נאָז!... די נאָז!... נו, טאָקע, יעדנפאַלס דאַרף מען ניט אַריינפאַלן אין לייכטגלויביקייט... עס קאָן גריילעך געמאָלט זיין, אַז דאָס איז בלויז אַזאַ שפּיל פון אים... ווער קאָן זיי ניט, די יידישע אַנטלויפער פון פוילן?

— נו? — עפּעס איינגעניט אַ סך געלט?...

ס׳האָט אים אַ ברי געטאָן. וואָס וועט ער זיי ענטפערן? ער האָט אַ רגע געשוויגן. ס׳איז דאָך די לעצטע גרענעץ מיט פוילן. ער האָט אַזוי געוואָלט מיטנעמען פון איר, פון דער פוילישער ערד, אַ גוט און ליב געפיל... כאָטש דאָס איז געווען אַזוי שווער... ווי די שיידונג מיט אַ ליבלעכן, וואָס האָט פאַרקלאַפּט די טיר... דיך פאַרשעמט... איז ער דאָך דאָ אויפגעוואַקסן... זיך געהאָדעוועט... זיך געשלאָגן פאַר איר — פאַר אירע שטעט, פאַר אירע דערפער... פאַר אירע מענטשן...

— נו? ליגט אַרויס — וועלן מיר פאַרשפּאָרן זוכן...

ער הערט דאָס, בצלאל, ווי דאָס געפליסטער פון אַ צווייטן חדר. ווי דורך אַ נעפּל פאַלן אַראָפּ די דאָזיקע ווערטער איבער זיין פּנים. ער הערט דאָס פון איינהענטיקן. אים ווערט שווער איצט אויף דער ברוסט. ס׳בריט אים דאָס פּנים פון עפּעס אַ גליאיקער בושה. ווען זיי וואָלטן געוווסט וואָסערע אוצרות ער פירט אַרויס... דאָס הילצערנע קופערטל, דער מילי־טערישער פעלד, די שוואַרצע און רויטע פלעקן אויף די גראַלעכע, דיקלעכע קאַרטאָנען... — יאָ — און דער מאַמעס פאָטאָגראַפיע איינגעוויקלט אינעם בריוו פון פעטער שמואל... אינעם בריוו מיטן פליענדיקן הירש... אָט דער פליענדיקער הירש האָט אים שיער נישט געמאַכט פאַרגעסן, אַז ער האָט

נאָך עפּעס פון זיינע אוצרות... דאָס, וואָס הענגט ביי אים אויף דער ברוסט... אונטערן רעקל...

— נו???

ער האָט פּאַוואָליע, פּאַוואָליע אָנגעהויבן אַרויסלייגן פון ביידע זייטן־קעשענעס אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך אין זיי אָנגעזאַמלט די לעצטע טעג. און וואָס אַזוינס געפינט זיך ניט אין די קעשענעס פון אַ מענטשן בעתן בהלהדיקן פאָרן? גלאַנציקע גראָשנדיקע מטבעות, צעקנייטשטע פּאַפּיר־בייגעלעך... בלייערס און קנעפּלעך, קנעפּלעך, קנעפּלעך... אַ טאַקע פון די דאָזיקע קנעפּלעך האָט בצלאל בשום אופן ניט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן. אַ בליץ האָט אים איצט אָוועקגעטראָגן אויף גרינע ברענענדיקע פליגל ערגעץ צו די קינדעריאָרן... קנעפּלעך אין חדר... הינטער דער קלויזוואַנט... קונדסים... פּאָר אַזאַ אָ, מיטן גרינלעכן פייער, באַקומט מען... אַ... קעזלפעדער... אויף וואָס אַזוינס קאָן מען זיי ניט איינטוישן, די קעזל־פעדערן?... אויף דריי „שבועתלעך" — קאַזאַקן אויף קליינע רויטע פערדעלעך, מיט די פּיקעס אין דער הייך... יאָ, דאָ האָבן די ברענענדיקע פליגל פונעם בליץ זיך איינגעבראָכן. דאָס איז אַלץ פון די קעשענעס... מער נישט.... זאָל ער איצט אַרויסנעמען די טויטע מאַמע מיטן בריוו? אַז זיי וועלן זוכן — וועט ער אַלץ אַרויסגעבן... דערווייל — ווי שיין גלאַנצן די קנעפּלעך אינעם בלאָלעך־פליסנדיקן ליכט!... דאָס ליכט פלייצט דורכן קליינעם ביידל־פענצטערל... בורשטין?... ווי קומט צו אים בורשטין? ניין, געווייינטלעכע פלוזערס... פלוזערס... פלוזערס...

— דאָס איז אַלץ? און אין קופּערטל?

הייסט עס — מען דאַרף עפענען דאָס קופּערטל, כאַטש ער האָט זיך אין האַרץ אַזוי געוווערט קעגן דעם. ווער עפנט דאָס אַ וווּנד, וואָס טריפט? אפשר גאָר זיי בעטן? דאָס, וואָס אין קופּערטל איז דאָך עפּעס מער ווי גראָלעכע קאַרטאָנענע בלעטער... זיי וועלן אָבער סיי ווי ניט גלייבן...

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און מיט קאַלטע, אָפּגעשטאַרבענע הענט, פונוואַנען ס׳איז אים ביסלעכווייז אָפּגעפלאָסן דאָס בלוט צום האַרץ, האָט ער געעפנט דאָס קליינע אייזערנע שלעסל פונעם דעקל. ער האָט אונטער־

געהויבן דעם מיליטערישן פעלד און איינציקוויז גענומען ארויסלייגן אויפן טיש די גראָבע קאַרטאָן־בלעטער. באַלד וועלן זיך אָנהייבן, ווייס ער, די גלגולים פון יענע טויטע פאַרגליווערטע פאַרבנפלעקן. אָבער דאָס איז דאָך אומפאַרמיידלעך, גראָד ווי ס׳איז אומפאַרמיידלעך אַז ס׳זאָל ניט איצט פליסן אין זיין אויסגעשטרעקטער האַנט דאָס בלוט אין די געפעסן. דאָס ערשטע...

— פאַרטיזאַנער־מאַלצייט אויפן שניי...

— פאַרטיזאַנער אויפן שניי? — — —

ביידע פאַליאַקן האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבערן פירקאַנטיקן קאַר־טאָן. דעם איינהענטיקנס לײדיקער אַרבל האָט אָ פּאַכע געטאָן איבערן טיש ווי אַ שוואַרצער אָפּגעריסענער פליגל.

...פון ווייטנס זענען זיי בלוילעך־פיאָלעט און פון נאָענט — קלעפּיק־ראָזלעך — די וואָלקנס און דער הימל איבערן וואַלדראַנד. צי איז עס דער סטעפּנעפּל, וואָס באַפאַרבט אַזוי רויטלעך דעם שנייאיקן האָריזאָנט? צי איז עס די קלאָרע אָפּשפּיגלונג פונעם דערנעבן פליסנדיקן טייך, וואָס אויף זיינע וואַסערן האָט זיך ערשט געוויגט אַ געשפּענסטיקער גופים־געראַנגל? איצט פליסן זיי, די וואַסערן, פאַרגליווערטע מיט פיאָלעטע פלעקן — פון דערטרונקענע, צעניזוקטע און טויטע. און גאָר נאָענט, ביים וואַלד־ראַנד, אַ מעשענער, רויטלעכער קעסל. אַנגעהאַנגען ביי זיינע אויערן אויף אַריינ־געקלאַפּטע העלצער. אונטער אים טליעט דאָס פייער. די מענטשלעכע פנימער זעט מען נישט. זיי זענען אַרומגעהילט, די געשטאַלטן, אין פאַר־גליווערטן שניי־לבוש און זעען אויס ווי ביימלעך, אַרומגעזעגטע פון זייערע צווייגן...

דאָס צווייטע:

— טראַנשייען ביי סטאַלינגראַד...

— צוריק ביי דער ווייסל...

— אַלעקסאַנדער־פּלאַץ, מאַי, ניינצן פינף און פערציק...

און איצט:

— יידן פונעם בונקער...

— יידן פונעם בונקער ?

דאָ זענען שוין די קעפּ פוןביידע פּאַליאַקן געבליבן הענגען לענגער איבערן טישל. דער איינהענטיקער האָט זיך אַפילו אַ ביסל אָפּגערוקט, כדי בעסער אַרומצונעמען דאָס אויפגעטויכטע בילד. ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— ווי לעבעדיקע... נאָר וואָס פון דער ערד...

— אַזוי ווי לעבעדיקע ? — האָט בצלאל פּלוצעם אויפגעהויבן די אויגן — ניין, גאָרנישט ווי לעבעדיקע... גיכער — טויטע... די טויטע, וואָס גייען אַריין צוריק אין לעבן...

...אין די מענטשלעכע בלוטלאָזע פּנימער איז געלעגן אַ יענער־וועלטיקער פּחד און אַ שוואַרצקייט פונעם טויט. זייערע אַראָפּהענגענדיקע מלבושים האָבן געטראָגן אין זיך אַ ווייסלעך־גראָלעכן שימער, וואָס איז געקומען פון די נידעריק־שווימענדיקע פּוילישע וואָלקנס. די דאָזיקע ווייס־קייט האָט זייערע צעפּאַלענע מלבושים געמאַכט אויסזען ווי שיטערע טויטנהעמדער, וואָס מען טוט אָן דעם אָרעמען אויסגייענדיקן מענטשלעכן גוף. בלויז די אויגן... און דאָס מיידעלע, וואָס האַלט זיך ביים קלייד פון דער מאַמען... אַ שווערער, אָפּגרונטיקער בליק, וואָס איז מתפּלל נאָך רחמנות, רחמנות, רחמנות... די דאָזיקע מענטשן טרעטן שוין נישט אַריין אינעם אַמאָליקן גבול פון לעבן. זיי האָבן מיטגענומען פון דער בונקער־פינצטערניש דעם שוואַרצן סוד פון טויט און די הילפלאָזיקייט פון דער ערד, וואָס איז געוועזן גרייט זיי אויפצונעמען שווייגנדיק אין איר רחמנות־דיקער שויס. זיי טרעטן, די דאָזיקע באַפרייטע בונקער־יידן, ווי אויף נידעריקע וואָלקנס, צעריסענע, וואָס פליסן מיט זיי אַריין אין אַ פרעמדער אונטערגעגאַנגענער וועלט...

און ווידער:

— יאָדלעס אויפן פּאַנאַר...

— קומענס אין אַן אוישוויצער לאַנדשאַפט...

— דייטשן ביי אַ ברענענדיקן קלויז...

און איצט:

— זונבלומען אינעם שטאַרבנדיקן געטאָ...

— זונבלומען ?...

דער דאַרלעכער מיטן נאַקעטן קאָפּ האָט זיין פּנים אין גאַנצן אַראָפּ־געלאָזט איבער די פאַרביקע פלעקן.

— פוילישע זונבלומען אין געטאָ! ווי שיין זיי בליען! זע!

...אַן אָפּגעצוימטער שטח מיט פאַליענדיק גראָז, וואָס איז בורשטין־געל ווי פאַרהונגערטע מענטשלעכע הויט. דאָס גראָז איז זייער בייגעוודיק און די ערד גלעט זיי מיט קילע ברוינלעכע פלעקן. און אין מיטן פון דאָזיקן שטאַרבנדיקן טויטנגראָז — די אויפגעשפּראָצטע, דריי שלאַנקע הויכפּיסיקע זונבלומען. די ברייטלעכע זונקערלעך זילבערן אַרויס פונעם זונבלום־פּנים ווי לענגלעכע פאַרגליווערטע טרערן. תמיד בעת בצלאל קוקט אויף זיי, קאָן ער זיך ניט באַפרייען פונעם רעיון: דער נצחון פון גרינס און בליעכץ אינעם טויטן געטאָ. נצחון? וואָסער ביטערע אבלות ליגט אין דאָזיקן גרינעם נצחון. און פון דעסטוועגן...

דער איינהענטיקער האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— דאָס איז אַלץ?

ס'האָט געהייסן אַז מיטן קופּערטל זענען זיי טאַקע צופרידן. זעלטן, אַז אַן אַרויספאָרגנדיקער ייד זאָל אַרויספירן אַזעלכע נוצלאָזע פאַרביקייטן... אַן אויסטערלישער ייד... פון דעסטוועגן דאַרף מען נאָך אַ זוך טאָן אונטער דער קורטקע...

ער האָט אָנגעהויבן אויפקנעפּלען דאָס האַלב מיליטערישע רעקל, פונאַנדערגעשאַרט בײדע פאָלעס און זיך נעענטער צוגערוקט צום טיש.

ביידע פאַליאַקן זענען פּלוצעם שטיין געבליבן פאַרגאַפטע. אַן אויס־טערליש ליכט האָט אַ שלאָג געטאָן פון זייערע אויגן. דער איינהענטיקער האָט זיך אַזש אַ שאָקל געטאָן אויף היינטערווילעכץ, בעת זיין פלאָטערנ־דיקער אַרבל האָט אַ פליעסק געטאָן ווי אַ שוואַרצער געכאַפּטער פיש. ער האָט זיך באַלד אויסגעגליכן, אָנגעשטרענגט שאַרף די ראיה און בצלאלן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער איינהענטיקער האָט געמאַכט אַזאַ באַוועגונג מיט די פּיס ווי ער וואָלט זיך געגרייט אים אָפּגעבן מיליטערישן כבוד. דער צווייטער, דער דאַרלעכער, איז געשטאַנען נאָך אויסגעצויגענער, העכער אויפגעהויבן זיין דאַרלעך־גראָ פּנים און געפינטלט מיט די אויגן אַ געפּלעפּטער. זיי זענען ביידע געווען מבולבל. דאָס, וואָס זייערע אויגן זעען

איצט, געשעט באמת דאָס ערשטע מאָל. וויפל יידן עס זענען שוין נישט אַדורך דאָס דאָזיקע ביידל — אָבער אַזוינס האָט זיך ביז איצט נישט געטראָפן. אַרום די דריי מענטשן איז געשטאַנען אַ געשפּאַנטע, שטיקנדיקע שטילקייט. אין דרויסן האָט ביחלעך זיך געריסן אַ לאָקאָמאָטיוו. זיין פּייפן איז געווען דין און וויינענדיק און געשפּאָלטן די בלאָלעכע באַרגשטילקייט אויף דער גרענעצערד. ביידע פּאָליאַקן האָבן מיט אַ מאָל פאַרבויגן פאַר בצלאלן די קעפּ.

— אַ—אַ—אַ—! — האָבן זיי ביידע אויסגעשריגן, זיך געבויגן אין אַלע זייטן, ווי זיי וואָלטן זיך געלאָזט אין אַ קאַדריל — אַ! אַ! אַ! געראַי סאָוויעטסקאַוואָ סאָיוזאַ! גע—ראַי סאָ—וויעטס—קאַוואָ סאָ—יו—זאַ!!

אין אַלץ איז געווען שולדיק רחלע. זי האָט דווקא געוואָלט, ער זאָל די „בענדלעך‟, ווי זי האָט גערופן זיינע ביידע מעדאַלן, אָנהענגען בעת דער נסיעה. אים, בצלאלן, איז עס געווען דערווידער. ער וואָלט זיי גיכער אַריינגעלייגט אין דער הינטערקעשענע, ווו ס׳ליגט דער מאַמעס פאָטאָ־גראַפיע אינעם בריוו פון פעטער שמואל מיטן פליענדיקן הירש. האָט ער דאָך דאָס באַקומען נישט אויף באַפּוצונג, נאָר פאַר זיין בלוט און פאַרן בלוט פון די אַלע געשטאָרבענע. און ווער פּוצט זיך דאָס מיט בלוט?...

דאָס זענען געווען צווי זעלנערישע פאַרדינסט־קרייצן, אָנגעהאַנגען אויף קאָלירטע בענדלעך איינער איבערן צווייטן. זיי האָבן איצט, די דאָזיקע קרייצן, געשלאָגן פון זיך אַן אויסטערלישע טרויעריקע ליכטיקייט, גראָד ווי דאָס ליגן פאַרדעקטערהייט הינטער זיין מלבוש אין דער פינצטערניש האָט אין זיי מערער אויפגעזאַמלט דעם דאָזיקן לייכטנדיקן יחוסדיקן מעטאַ־לענעם פייער. בעת איינער פון די קרייצן איז געווען ברוינלעך, אַדורכגע־צויגן מיט דינע זילבער־אָדערלעך אַרום זיינע פיר אָפּשטייענדיקע סימעט־רישע פליגל, האָט דער צווייטער, וואָס איז געווען צוגעשפּילעט אַ ביסל העכער, געהאַט אַ שיינעם בליאַסק פון קיל זילבער. ביידע זענען זיי געלעגן אויף בצלאלס ברוסט אומבאַוועגלעך ווי קליינע פאַרשטאָרבענע שמעטער־לינגען מיט זייערע צעשפּרייטע פליגל. דאָס ווינטערדיקע מאָרגנליכט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין זיי, פאַרגיסנדיק די בלוזע מיט אַ ווייכן ליכטשפּיל פון מעטאַלענער שיינקייט. דאָס איז געווען אַ סודותדיק ליכטשפּיל, וואָס איז

געגאַנגען פון בײדע קרייצן פון אַ טונקעלן אָפּגרונט, װוּ זײנע אונטער־ערדישע װעגן האָבן געפירט אין פאַרשװיגענע שװאַרצע פּלײנען. אויף די דאָזיקע פאַרגעסענע ערדישע שטחים האָט געשװעבט דער גייסט פון אַלטער יידישער גבורה, פון אָפּערװיליקן גאַנג אינעם טויט, כדי צו הייליקן דעם שם פון אײן־אײנציקן באַשעפער. פון די מעטאַלענע פליגל האָט איצט גענומען פלײצן אַ רויטקייט װי פון מענטשלעכן בלוט, װאָס איז געלעגן פאַרגליװערט ערגעץ־װוּ אין בצלאלס דמיון. ער האָט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געזען זייערע שפּיצן — דעם בראָנדז און דאָס זילבער. דער בראָנדז האָט אים צוגעטראָגן די גאָלדיקע ברוינלעכקייט פון דער ערד, טאָקע יענע פּוילישע װײסל־ערד, בעת דאָס זילבער איז געפלאָסן מיט אַ סך ליכט איבער די שפּיציקע דעכער פון די צעניזוקטע בערלינער פאַרשטעט.

דער אײנהענטיקער, װאָס האָט זײן פעלנדיקע האַנט אװדאי פאַרלוירן אויף די מלחמה־פעלדער פון פּוילן, האָט מיט אַ בליק, ניט אָן פאַרבאַר־גענער קנאה, איצט געקוקט אויף דעם דאָזיקן יונגן ייד, װאָס טראָגט אַװעק די צװיי קרייצן ערגעץ אין דער װעלט, װייט פון פאָטערלאַנד. און צו װאָס טראָגט ער זיי נאָך מיט אַזאַ גאװה? ער האָט נאָך ביז איצט, דער אײנ־הענטיקער, נישט געהאַט אַזאַ פאַל. דעם אמת געזאָגט, װײס ער נישט װאָס צו טאָן. אַראָפּנעמען ביי אים די בײדע קרייצן, װאָס זענען אים געגעבן געװאָרן דאָ, אויף דער ערד פון פּוילן און איר גרויסן פאַרבינדעטן — דעם סאָװעטן־פאַרבאַנד? לאָזן אים מיטנעמען? לויט אים װאָלט מען געדאַרפט לחלוטין פאַרװערן דאָס אַרויסצופירן, יאָ בפירוש פאַרװערן. טאָקע פאַר זײן יידישער גאװה. זע נאָר די געבערגלטע, אויפגעהויבענע ברוסט! דער שװאַרצער בליאַסק פון די אַראָפּגעלאָזטע אויגן־אַפּלען! װיפל גדלות!... כע, כע... מען װעט אים דאַרפן אַ ביסעלע אַ צופּ טאָן. װער װייס? אפשר איז דאָס ביי אים אַזאַ יידיש געװגעלע... כדי צו פאַרדעקן די חטאים... און אפשר... זענען עס גאָר — געקויפטע קרייצן?... כדי צו פאַרטומאַניען... ביי די יידן קאָן מען קײן מאָל נישט װיסן... קײן מאָל קען מען ביי זיי נישט װיסן...

ער האָט מיט זײן אײנציקער צעקאַליעטשעטער האַנט אַ לייכטן ריר געטאָן בצלאלן איבערן אַקסל און זיך געװאָלט צורירן צו די קרייצן.

בצלאל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן לינקן אַקסל, ווי ער וואָלט פון דאָרט אַראָפּגעוואָרפן אַ קריכנדיקן זשוק. דאָס האָט אויך געהייסן:

— ריר זיך נישט צו, דו, הערסט?...

— דאָס איז פאַר וואַרשע? — האָט דער איינהענטיקער אַ ביסל צעטומלט צוריקגעצויגן די אויסגעשפּרייטע פינגער.

— יאָ... פאַר... וואַרשע...

— און דער אָ...?

— פאַר בערלין...

— ה־מ... ה־מ... — האָט זיך דער איינהענטיקער עפּעס געקרעקט — און מיט די־אָ זאַכן... אַנטלויפט מען פון פוילן?...

ער האָט זיך דעם גאַנצן וועג איינגעטענהט, בצלאל, אַז ער וועט תּמיד שווייגן. שווייגן, שווייגן. מיט קיינעמען ניט קומען אין וויכוח. צו פיל ביטערנישן האָבן זיך געהאַט אין אים אָנגעזאַמלט פאַר די לעצטע יאָרן. די ווייטיקלעכע אַנטוישונג, וואָס גיט נישט קיין רו... און איצט — זייער ביטול צו דעם, וואָס ס'גע שעט ערגעץ־ווו, פון וואַנען ס'איז געקומען דעם פעטער שמואלס בלאָ־וויסער בריוו. און בכלל: פּאַ־לעס־טינאַ!... איז־ראַ־על! ער האָט בשום אופן, בצלאל, ניט געקאָנט אַוועק־טרייבן איצט פון זיך דעם פליענדיקן הירש, וואָס האָט גענומען מיט אַ מאָל אַרומשוועבן אין חדרל מיט זיינע פאַרבאַהאַלטענע פליגל. אַן אייגן לעבן... צווישן אייגענע... בלויז יידן... אָן פאַרבאַהאַלטענער אָדער אָפענער שנאה... אָן גלות...

אין די מלחמה־יאָרן צווישן אַזוי פיל פעלקער האָט ער עס פאַרשטאַ־נען: אייגנס, אַן אייגן פּיצל ערד... זאָל זיין אַ ים־ברעג... אַ פּיצל מדבר... נאָר אייגנס — אייגנס צום לעבן און אייגנס צום שטאַרבן... אויפשטעלן צוריק דעם חלום... פון די חומש־יאָרן... און אָט — ווערט טאַקע מקוים דער דאָזיקער חלום... דאָס האַרץ קלאַפּט אַזוי אומרואיק, בעת דער פליענדיקער הירש פאָכעט מיט די פליגל. די ברוינלעכע הירשנאויגן זענען איבערגעגאָסן מיט פליסיקן האָניק. און תּמיד, בעת ער הערט דעם קילן פליגל־שאָרך, איז עפּעס אין אים מתפּלל: גאָט דערבאַרעמדיקער, מאַך אַז ס'זאָל, חלילה, די וואָר נישט פאַרשעמען דעם דאָזיקן חלום...

זאָל די וואָר נישט פאַרשעמען די לעבעדיקע און נישט די טויטע... טאָקע זיי — די טויטע, וואָס האָבן דיך באַקלאָגט, ירושלים... און בפרט זי — די מאַמע גיטעלע. — „בצלאלקע, אַז מען וועט אַ מאָל זוכה־זיין אויסגעלייזט צו ווערן... ס׳וועט קומען משיח... פאַרגעס נישט, בצלאלקע, אַז ס׳וועט זיין אויס געטאָ... מע קאָן נישט וויסן... פאַרגעס נישט אַהינצופירן מיינע ביינער... אַהין... צום פעטער שמואל... הערסט, בצלאלקע?"

דווקא איצט, אינעם ביידל, ווי ער שטייט, הערט ער אַזוי באַשיימפערלעך ווי די מאַמע רעדט צו אים די דאָזיקע ווייטע פאַרנעפּלטע רייד. וויפל מאָל האָט ער זיי שוין געהערט — די טויטלעכע, קילע רייד. אָבער איר צוואָה פירט ער דאָך אויס, כאָטש נישט אַזוי ווי זי האָט באַגערט. אָנשטאָט די טויטע ביינער, וואָס זענען אין ערגעץ נישטאָ — פירט ער בלויז די טויטע פאָטאָגראַפיע... איר בלייך פנים, אַרומגעזוימט מיטן יידישן פאַרוק... און דאָס אַלץ, איינגעוויקלט אין בלאָ־ווייסלעכן פאַפיר פון פעטער שמואלס בריוו... ווי אין אַ פאָן, טאָקע אין אַ יידישער, וואָס איז געשיקט פאַר אירערטוועגן, פון דאָרטן... פון דער ערד מיטן פליענדיקן הירש...

— ...און מיט אָט די מעדאַלן אַנטלויפט מען פון פוילן?

דאָס מאָל האָט שוין גערעדט דער צווייטער, דער גראָ־דאַרלעכער, און נישט אויפגעהערט אַרומצופויזען מיט זיינע אויסגעלאָשענע טויטלעכע אויגן־אַפּלען איבער ביידע קרייצן.

— ווער זאָגט עס, אַז איך אַנטלויף? — האָט בצלאל אויפגעהויבן די ווימפּערן און זיי אַריינגעלאָזט אין דער מיט פון יענעמס טויטלעכע אויגן־אַרביטעס — דאָס פאָטערלאַנד רופט... גייט מען... אונדזער ערד רופט... דאָס אַלץ... פשוט... די יינגע, אַלטע ערד... די יידישע ערד...

ביידע פּאָליאַקן האָבן געשוויגן. אין זייער שוויגן איז געלעגן אַ קאַלטע פאַרטייעטקייט פון חשד און בייז. זיי וועלן פונדעסטוועגן טאָן ס׳זייעריקע: דורכזוכן יעדעס ווינקעלע אויף זיין גוף און אין די מלבושים...

— לייגט אַלץ אַרויס!...

ער האָט שוין מער נישט געהאַט, בצלאל, ווי די כלערליי באַזיגלטע פּאַפּירלעך. זיי זענען געלעגן אויף די אָנגעוואָרפענע קאַרטאָנען און פאַר־

דעקט די פאַבריקע, פליסיקע פלעקן. ער האָט פּאַוואָליע אַרויסגענומען דעם בריוו מיט דער מאַמען. דער איינהענטיקער האָט אים גיך אַ כאַפּ געטאָן און לאַנג אַריינגעקוקט אין זיינע קרומלעכע יידישע אותיות. ער האָט אים פּאַוואָליע אויסגעגלעט און אויף ס׳ניי אַריינגעקוקט אינעם פרעמדן אומ־פאַרשטענדלעכן כתב. ער האָט דערנאָך אומגעווענדט דאָס בריוובייגעלע און שאַרף זיך איינגעקוקט אין דער איינגעדרוקטער בריוומאַרקע מיטן פליענ־דיקן הירש.

— אַ... אַ הירש! אַ פליענדיקער הירש! זשידאָווסקאַ לאַניאַ!... און סאַראַ יונגעטשקער! מיט פליגל ביי די באַקעס!...

בעת דער איינהענטיקער האָט זיך געפּאָרעט ביים בריוו האָט דערווייל דער דאָרלעכער געהאַלטן צווישן זיינע קורצע פינגער די פאָטאָגראַפיע. בצלאל האָט זי אים אַפילו געוואָלט תיכף אַרויסנעמען פון דער האַנט. די גאַנצע געשעעניש אינעם ביידל האָט אים שוין געמאַכט זידן דאָס בלוט אין די שלייפן. עס האָט אים ווי געטאָן זייער לשון און דער עיקר — זייער הויל, בייז שוויגן. ס׳איז דאָך געווען די לעצטע געזעגענונג מיט פוילן. צי האָבן זיי נישט כ׳ײרשטאַנען וואָס אַזוינס ס׳קומט פאַר אין אים? זיי האָבן, זעט אויס, לחלוטין נישט פאַרשטאַנען די יידן־עדות, וואָס זענען איצט אַדורכגעגאַנגען די לעצטע גרענעץ מיט דער פּוילישער ערד. צי אַזוי געזעגנט מען די, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך אַן אויסגעשאָכטן פאָלק?

פאָרן ביידל האָט זיך אויף ס׳ניי צעשניטן אַ שאַרפער פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו. דאָס פייפן איז דאָס מאָל געווען שאַרף און הילכיק, ווי פון אַ נאָענטן ריזיקן האָרן, וואָס האָט מיט אַ מאָל צעבלאָזן אַ ווייס־בלאָלעכן טאָג. ס׳איז געוואָרן שטאַרק ליכטיק פונעם שניי. דער הימל איז געהאָנגען בלאָלעך מיט צעגאָסענע שוואַרצלעכע טינטפלעקן פון דער אָפּטרעטנדיקער נאַכט. אויפן קעגנאיבערדיקן באַרגשפּיץ האָבן געגומען אַרויסגיין פונעם אָפּטרעטנדיקן נעפּל פאַראיינצלטע, שפּיציקע יאָדלעביימער. דאָס ליכט, וואָס האָט געפּראַלט הינטער זיי, האָט זיי געיאָגט נעענטער אַהערצו. זיי האָבן אויסגעזען, די יאָדלעס, ווי אַראָפּגעלאָזטע סודותדיקע געשטאַלטן, וואָס זענען געזעסן קניענדיקערהייט ביי די ראַנדן פון די שנייבערג.

ער האָט דאָס אַלץ דערזען, בצלאל, אין די דאָזיקע רגעס בעת דער

דאַרלעכער האָט זיך גענומען שאַרף איינקוקן אין דער פאָטאָגראַפיע, זי געהאַלטן אַ לאַנגע ווײַלע אויפגעהויבן צום ליכט, זי געדרייט צווישן די פינגער אויף אַלע זייטן. לסוף האָט ער זי פּאַוואָליע אַוועקגעלייגט אויפן טיש און מיט אַ גרינלעך-פאַרזשאַווערט ראַזיר-מעסערל גענומען שפּאַלטן די פאָטאָגראַפיע ביי אַלע פיר עקן, אָפּטיילנדיק פון איר אַ דינע, פּאַפּי־רענע שיכט.

בצלאל איז בלייך געוואָרן און אַ וואָרף געטאָן די האַנט איבער דער פאָטאָגראַפיע. דאָס מעסערל האָט אים צעקאַליעטשעט די האַנטפלאַך און אויף דער מאַמעס פּנים איז געבליבן ליגן אַ פאַרגליווערטער,רויטלעכער בלוטפלעק.

— איר וועט נישט שניידן! — האָט ער אַריבערבויגנדיק זיך איבערן טישל קוים פון זיך אַרויסגעשטאַמלט — איר וועט נישט שניידן!

דער איינהענטיקער האָט צו אים אַ ווונק געטאָן מיט אַ שפּיץ פון זיין האַלב פאַרמאַכט אויג.

— אפשר... אפשר זענען דאָ איינגעקלעפּט... דאָלאַרן...?

— אַ, דאָלאַרן... איר זוכט דאָלאַרן...

ער האָט זייגנדיק די צעקאַליעטשעטע האַנטפלאַך אַ פאַרשעמטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

ביסלעכוויז, ביסלעכוויז האָט זיך פון דער מאַמעס פאָטאָגראַפיע אָפּגעטיילט פון הינטערן פאַרזשאַווערטן מעסערשניט אַ דינער אָפּגעשייל־טער פּאַפּירשיכט. ער איז געבליבן ליגן, דער דאָזיקער פאַרוויקלטער פּאַפּירשיכט, אַ בלייכער, אַן אָפּגעשטאָרבענער ווי אַ טויטע איינגעוויקלטע מגילה פון נאָר וואָס אָפּגעשונדענער הויט פון אַ מענטש. די ווייסע, דורכ־זיכטיקע הויט האָט זיך געקאָרטשעט פון אומגעזעענע, ווונדיקע, ערדישע יסורים. די שוואַרצע טויטלעכע געשטאַלט פון דער מאַמען, בפרט דער אייבערשטער קאָפּטייל מיטן צוגעדעקטן טרויעריק־יידישן פּאַרוק, האָט זיך אַ רגע אַ וואַקל געטאָן, בעת איר פּנים, אַן אויסגעקרומטס און צעפּאַל־דעוועטס, האָט באַקומען אַן אויסטערלישע ווייכע תנועה פון האַלב שמייכל און האַלב געוויין. די דאָזיקע מאַמעשע תנועה, וואָס איז אַנטשטאַנען פון אַ פּלוצעם אויפדערוואַכט נישט־ערדיש לעבן מחמת דעם איינגעשניטענעם

ווייכן האַלדז, האָט אַפּילו אויף אַ רגע געמאַכט ברייטלעכער איר פֿאַרשלאָסן מויל, פֿונאַנדערגעשאַרט די ברעמען בעת די אויגן אירע זענען פֿאַרבליבן אָפֿענע, קאַלטע און אויסגעלאָשענע. זיי האָבן געקוקט צו אים תחנונימדיק און הייס פֿון אַ נישט־דאַאיקער וועלט מיטן קילן פֿלאַם פֿון פֿאַרגליווערטע טרערן. אין זיי איז נאָך געלעגן דער פֿרישער צאַפּל פֿון וואַרעמע אויגן־קוועלעכלעך אין גסיסה איידער זיי שליסן זיך צו מיט נאַכט. וויפֿל בצלאל האָט ניט געפּרוּווט אַרויסגיין פֿון דאָזיקן געפֿאַנגענעם טויטקרייז, פֿון איר קאַלטן שמייכל און פֿאַרגליווערטער פֿאַרטרערטקייט — איז ער אַלץ טיפֿער איצט געזונקען אין זיי, בעת זיין קאָפּ איז שווער אַראָפּגעהאַנגען איבער די צוויי ציטערדיקע מעדאַלן. ער האָט אַפּילו דערהערט אירע רייד פֿון הינטער בלאַלעכע פֿאַרשנייטע בערג פֿון די קינדעריאָרן ווי ס׳וואָלט נישט צווישן מאַמע און זון געלעגן דער פֿאַכענדיקער יידישער טויט, אַלע אָפּגרונטן, וואָס האָבן פֿאַרשלונגען דאָס יידישע לעבן. דווקא דאָ, אויף דער לעצטער גרענעץ, איז ער אויף ס׳ניי געבליבן שטיין אויפֿן גליטשיקן גבול פֿון אַלע שיינע יידישע וועלטן. דער איינציקער שליח־צבור פֿון די פֿאַרשניטענע איז גראָד די מאַמע זיינע — גיטעלע, מיטן טרויעריקן יידישן פֿאַרוק, מיט איר איינגעשניטענעם ווייכן האַלדז און מיט דער פֿאַרקרומטער תנועה פֿון שמייכל און געוויין. ער האָט לחלוטין נישט געהערט וואָס אַרום טוט זיך. די מגילה פֿון דער אָפּגעשונדענער פּאַפּיר־הויט האָט דערווייל פֿון זיך אַליין זיך פֿונאַנדערגעעפֿנט. ער האָט אַריינגעקוקט אין איר ווייסקייט ווי אין אַ גליטשיקן, שנייאיקן תהום. ער האָט אַפּילו נישט געהערט אַז אינ־צווישן איז דער איינהענטיקער אַרויס פֿונעם ביידל און מיטגענומען מיט זיך דעם בלאַ־ווייסלעכן בריוו מיטן פֿליענדיקן הירש.

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט ערשט דעמאָלט פֿונעם שווערן גראַלעכן נעפּל ווען פֿאַר אים איז ווידער געבליבן שטיין דער איינהענטיקער — דאָס מאָל מיט נאָך אַ מענטשן. דער פֿרעמדער האָט געהאַלטן דעם בריוו צווישן זיינע זייער בלייכע, שפּיציקע פֿינגער. דער פֿרעמדער איז געווען אַ נידע־ריקער, מיט אַ יידיש גלאַט־ביינערדיק פּנים. ער איז אַוודאי אַריינגעקומען פֿון דער נאָענט, וואָרעם ער איז געווען אַנגעטאָן בלויז אין אַ לייכטער בלוזע, פֿאַרשנורט מיט אַ בורשטין־געלבלעכן רימען. זיין קאָפּ איז געווען

איינגאַנצן נישט פּאַרדעקט. בצלאל האָט געזען אַז דעם פּרעמדנס האָר קרייזלען זיך אין קליינע שוואַרצלעכע קרויזן, בעת זיינע אויגן, ברייטלעכע און שיפּלעך־איינגעשניטענע, האָבן נישט פאַרלוירן זייער באַהאַלטענעם יידישן גלאַנץ. ס׳איז געווען קלאָר, אַז דער איינהענטיקער איז אַוועק מיטן בריוו צו אָט דעם פרעמדן, וואָס איז געניט אינעם יידישן כתב. ער איז אַוודאי דער ממונה איבער יידישקייט אויף דער לעצטער גרענעץ.

דער פרעמדער האָט זיך איבערגעקוקט מיט בצלאלן לאַנג און שווייגנדיק, נישט אויסריידנדיק דאָס מינדסטע וואָרט. ער איז דערנאָך אַדורכגעלאָפן דעם פּעטער שמואלס קרומע יידישע אותיות, איבערגעקערט דעם בריוו אויף דער צווייטער זייט און זיך איינגעקוקט ווי בעת אַ חלומדיקער געשעעניש אינעם פליענדיקן הירש. ער האָט דערנאָך פּאַוואָליע, ווי אַ צילנדיקער יעגער אויסגעשטרעקט זיין רויטן בלייער און גראָד ווי דאָס וואָלט געווען אַ שאַרפער, דינער קינזשאַל אַדורכגעפירט מיט אים איבערן בריוו עטלעכע רויטלעכע פּאַסן און שפּעטער אויך שאַרף אַדורכגעשניטן דעם שיינעם פליענדיקן הירש.

דער פרעמדער האָט אויף ס׳ניי אויפגעהויבן זיינע אויגן צו בצלאלן. אינעם בידל איז געשטאַנען אַ פּאַרגליווערטע, געפּרעסטע שטילקייט.

מיט זיין צעקאַליעטשעטער האַנטפלאַך האָט בצלאל איצט גענומען צונויפנעמען דאָס אַלץ, וואָס איז געלעגן אויפן טישל. ער האָט דאָס צונויפגעקליבן אַזוי ווי מען נעמט צונויף די רעשטלעך פון אַ צום טויט איבערגעפּאַרענעם מענטשן. דער מאַמעס צעפּאַלענע געשטאַלט מיט דער אָפּגעשוונדענער הויט איז שוין ווידער געלעגן אינעם בלאָ־ווייסלעכן בריוו, אַרומגעצוימט פון אַלע זייטן מיט די רויטלעכע שטריך פונעם פרעמדנס בלייער. זיי האָבן אויסגעזען ווי אָנגעשוואָלענע רויטלעכע דראָטן. דער פרעמדער מיטן יידישן פּנים האָט אים מיט אַ קאַלטער הכנעה געהאָלפן צונויפנעמען די רעשטלעך און אים דערלאַנגט מיט זיינע זייער שפּיציקע קאַלטע פינגער. ער האָט אויך דאָס מאָל געשוויגן. בצלאל האָט שוין געהאַט אַלץ צוריק אין די קעשענעס און זיך געקליבן אַרויסגיין, בעת דער פרעמדער האָט זיך אָפּגערופן אין אַ האַרטלעכן יידישן לשון:

— איר מיינט, אַז אייער הירש... אייער פּאַ—לעס—טי—נע... ווערט

הויך פליען? ער וועט זיך צעברעכן די פליגל, אייער פליענדיקער הירש...
ער האָט דאָך בלויז איין פליגל... קאָן מען דען פליען מיט איין פליגל?...

בצלאל האָט זיך אומגעדרייט. ער האָט אַריינגעקוקט אינעם פרעמדנס אויגן. זיי האָבן איצט באַקומען אַ שאַרפן פיאָלעטן גלאַנץ ווי פון צעגליט שטאָל.

— ס׳איז שוין אַנומלט... אויפגעשטאַנען אַזאַ פויגל — פון אַש... און געפלויגן... וועלן מיר אויך פרווון... פליען — אַפילו מיט איין פליגל... ווייל דעם צווייטן — דעם צווייטן האָט מען אונדז פאַרברענט... אויף אַש... — האָט בצלאל שטיל געענטפערט, ווי ער וואָלט פאַר זיך תפילה געטאָן.

ביי דער טיר האָט זיך בצלאל נאָך אַ מאָל אומגעקערט ווי ער וואָלט וועלן מיטנעמען מיט זיך דעם לעצטן פאַרגליווערטן בליק פון די מענטשן. זיי האָבן אָבער אים שוין אַנגעקוקט ווי מע קוקט אויף אַ שאָטן. ער איז אַריבער די שוועל אַ צעפלאָשעטער, אַ געטראָפענער מיט אַ הייסן ווייטיק. ביים עפענען די טיר האָט ער ערשט דערפילט די דרויסנדיקע פליסנדיקע באַרגלופט. זי איז געווען זיסלעך־מילד, די לופט, פונעם ערגעצווו אויפ־טייענדיקן פרילינג. ס׳האָט אים פאַרקלעמט אין דער ברוסט. אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס האַרץ האָט זיך אין אים אויף אַ ווייל אָפּגעשטעלט. ער האָט די האַנט זיינע אַרויפגעלייגט איבער דער געבערגלטער ברוסט און דערפילט אויף ס׳ניי דער מאַמעס פאָטאָגראַפיע, אָן איינגעהילטע אין פעטער שמואלס בריוו, אונטער דעם קאַלטן ווייגנדיקן מעטאַל פוןביידע קרייצן. זיי זענען געווען קאַלט, די מעדאַלן, ווי שטיין. זייער מעטאַל האָט געפרירט אין דער דרויסנדיקער באַרגלופט. איבער די דאַרע, פאַרשנייטע יאַדלעס האָט זיך געהויבן אַ שאַרף־בלאָלעכער הימל. זיין האַרץ האָט איצט געקלאַפּט מיט אַ פלאַטערנדיקער אומרואיקייט. ער האָט יעטוועדער רגע אַרויפגעגע־לייגט די פינגער אויף דער ברוסט. הינטער די צוויי קרייצן איז דאָך געלעגן דער ארון פון דער מאַמען. ער האָט זיך געטראָגן איצט, דער ארון, ערגעץ צווישן זייער נידעריק־שוועבנדיקע וואָלקנס, אויף די פליגל פונעם פאַרוווּנדיקטן פליענדיקן הירש.

1952

מוראשקעס

פאַר ד״ר פאַני און יהושע גינור

ווען די שיף, וואָס האָט געפירט בײדע אַלטיטשקע אַהער, האָט זיך גענומען דערנענטערן צום ברעג, האָט ליבע־מרים די גאַנצע צייט, אַ פאַרשלאָסענע אין זיך, אָן ווערטער, געפליסטערט איין אײנציקע תפילה אויף אירע פאַרוויאַנעט־אַלטע יידישע ליפּן: ... „...רבונו־של־עולם, פאָטער רחמנותדיקער אין הימל! דו פירסט דאָך שוין אונדזערע אַלטע, קרוכלע ביינער צוריק אין דיין הייליק לאַנד, ווי דו האָסט צוגעזאָגט אונדזער פאָטער אברהם... באַשער אונדז אין דיין גרויס פאָטערלעכן רחמים, אַז איך, ליבע־מרים און מיין מאַן קלמן, זאָלן ראוי זיין צו שטעלן אונדזער פוס אויף דער הייליקער ערד, וואָרעם דו ווייסט דאָך, טאַטע־פאָטער, אַז דו פירסט אונדז בײדע אַהער שלאָפע און אַלטע, כדי דאָ דיר אומצוקערן צוריק אונדזערע נשמות... און אויב דיין רצון איז געווען, גאָט דערבאַרעמ־דיקער, אַז אונדזערע ביינער זאָלן ניט צעשטויבט ווערן דאָרטן, אין עמלקס קאַלכאויוונס, און אַז מיר זאָלן בײדע זוכה זיין צו קבר־ישראל אויף דער ערד פון די אבות — באַשער אונדז, פאָטער אין הימל, מיט דיין גרויסן חסד, אַז איך, ליבע־מרים און מיין מאַן קלמן, זאָלן מיט געזונט און פרידן אָנקומען צו די טויערן פון ישראל. וואָרעם וואָס זענען מיר אַנטקעגן דיר און דיין מאַכטיקן ווילן? בלויז שוואַכע, בידנע, צעטומלטע מ ו ר אַ ש ק ע ס...״

די אָ תפילה האָט ליבע־מרים אַפילו מיטן מינדסטן וואָרט ניט אַרויס־געבראַכט אויף אירע ליפּן. דאָס פאַרפאַלק איז דעמאָלט געשטאַנען אויף דער הינטערזייט פון שיף, פאַרבויגן איבער די שווערע געפלאָכטענע שיפשטריק. זיי האָבן שטומע געקוקט אין ים אַריין. די שיף האָט געשניטן אונטן דעם ים אויף צווייען. ערשט דעמאָלט, ווען בײדע אַלטיטשקע זענען

שוין געווען העט־ווייט פּאַרויס — האָבן זיי געזען פונעם שיפדעק ווי דער צעשניטענער ים האָט זיך צוריק פאַרמאַכט. אפשר איז עס געווען דער געשפּאָלטענער ים פון די חומש־צייטן, וואָס האָט איר צוגעטראָגן די אָ שטומע ווערטערלאָזע תפילה אין איר פרום יידיש האַרץ. און אפשר גאָר די ווייטע וויגנדיקע ים־מרחקים, דער מאַכטיקער חלל, פול מיט אימה און אָנסופיקייט, פאַרזיגלט מיטן נידעריקן, קיילעכדיקן הימל — האָבן איר דערמאָנט אינעם סוף פון יעדן בעל־חי און אויך פונעם מענטש, וואָס לויפט, נעבעך, אַרום צעטומלט אויף דער ערד ווי אַ מוראַשקע...

דעם גאַנצן וועג אויפן ים האָט ליבע־מרים געהאַט בלויז אין איינציקע טרייסט: דאָס ווייסע שטיק לייוונט, וואָס זי פירט אינעם גרויסן, געפלאָכטענעם רוסישן קויש. פאַרביידן — פאַר איר און פאַר קלמנען, וועט עס ניט סטייען, אָבער פאַר איינעם וועט זיין אפילו צו פיל, ווען די צייט וועט קומען... דאָס שטיק לייוונט איז געלעגן אויפן סאַמע דנאָ פון קויש, צוגעדריקט מיטן זעקל פּאַרטריקנטע, שוואַרצע ברויט־סוכאַרעס. דאָס ברויט האָט זי געפירט אַזש פון ראַסיי. אויף אים איז געלעגן קלמנס פאַרוויקלטער אַלטער טלית. אַפילו אין פוילן, ווו ביידע אַלטע לייט זענען געווען בלויז אַ פאַר חדשים, האָט זי דאָס זעקל מיט די פאַרטריקנטע ברויט־סוכאַרעס ניט געעפנט. מען קאָן דאָך ניט וויסן וואָס ס'וועט זיין אויפן וועג... אויף דער שיף... און דערנאָך דאָרטן — אין הייליקן לאַנד. מע הערט, אַז דאָרט איז אַ הונגער. אינעם געפלאָכטענעם קויש, אַרומגעבונדן מיט לעדערנע פאַסקעס, האָט דאָס פאַרפאַלק נאָך געפירט: אַלטע מלבושים, פאַרשנירטע פעקעלעך מיט בריוו און זייער אַ סך פאָטאָגראַפיעס. אין בריוו מיט אַזאַ פאָטאָגראַפיע האָט קלמן אַרומגעטראָגן אויף דער שיף צווישן די יידן: די טאָכטער מיטן איידעם זיצן אין אָפענעם אויטאָ און מיט זיי — די דערוואַקסענע אייניקלעך... דער אָ בריוו איז טאַקע אָנגעקומען אין דער לעצטער רגע, פאַר דער נסיעה פון פוילן. קלמן האָט בשום אופן ניט דערקענט די טאָכטער: ס'איז יאָ עטעלע — און ניט עטעלע... איר פּנים איז געווען קיילעכדיק־ווייס, גאַרניט ווי דעמאָלט, מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק... אירע אויגן האָבן געקוקט אויפן טאַטן פאַרגליווערטע, טרויעריקע, מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם קינדערישן פאַרוואורף

אויף אירע ליפּן: „נו, טאַטע, ווער איז געווען גערעכט, דו, צי איך?״ אַפילו ליבע־מרים האָט נישט אויפגעהערט צו וויזן די פאָטאָגראַפיע צו אַלע ווייבער אויף דער שיף. די פרעמדע מענטשן האָבן גענומען די פאָטאָגראַפיע און לאַנג אַריינגעקוקט אין זייערע פּנימער.

— גליקלעכע אַלטיטשקע... אַז מע פאָרט צו אַזעלכע קינדער... ניט יעדער איז צו דעם זוכה...

ביי דער שיף האָט זיי טאַקע אָפּגעוואַרט מיטן אויטאָ דער איידעם, יגאַל, מיט דער טאָכטער, אורה. די קינדער האָבן גאָר גיך אַריינגעוואָרפן דעם גרויסן, געפּלאָכטענעם קויש אינעם אויטאָ — און געפאָרן אַהיים. דער וועג איז געגאַנגען לעבן די כרמל־בערג, נאָענט ביים ים־ברעג. די טאָכטער האָט דעם גאַנצן וועג געוויינט. איבער צוואַנציק יאָר ניט געזען טאַטע־מאַמע... נאָך אַזאַ חורבן... יגאַל האָט געפירט די מאַשין.ביידע אַלטיטשקע זענען געווען צעטומלטע און דערשראָקענע, בפרט דער טאַטע. ער האָט פאַרשעמט געקוקט אויף דער טאָכטער, אויף אירע טונקעלע, וויכע הענט. ער האָט אַפילו לאַנג געהאַלטן אירע פינגער אויף זיינע ליפּן, וואָס האָבן געפּליסטערט אַ שהחיינו... יגאַל האָט די גאַנצע צייט געשמייכלט פרעמדלעך־קאַלט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען קיין איין איינציק וואָרט פונעם הייסן, אימפּעטיקן יידיש־געפּליסטער צווישן טאַטע־מאַמע און זייער טאָכטער.

ליבע־מרים האָט נאָך געטראָגן אויף איר קאָפּ דאָס ווייסע טיכל, פאַרבונדן אונטער דער גאָמבע, ווי ס׳טראָגן פויערטעס אין פעלד, און קלמן — די גראָע, פּוילישע מאַטשעיעווקע ביז איבער די אויגן. די מאַשין איז געלאָפן איבערן שאָסיי מיט אַ שדישער געשווינדיקייט. איידער זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט — זענען די כרמל־בערג שוין געלעגן ווייט הינטער זיי, פאַרהילטע אין אַ זילבערנעם נעפּל. דער ים האָט פון דער ווייטנס געלויכטן אומעטיק־שטיל ווי פאַרנעפּלט גלאָז, פאַרוואָרפן מיט צעפּיצלטע זונפלעקן. דער הימל איז געווען שטאַרק בלאָ און אויס־טערליש הויך. ביידע אַלטיטשקע זענען געווען מיד פון דער נסיעה. דאָס שאַרפע, פרעמדע זונליכט, דער ים־ווינט, די אויסטערלישע הימלדיקע הויכקייט, די באַגעגעניש נאָך אַזוי פיל יאָרן — דאָס אַלץ האָט פאַרדרימלט

זייערע אַלטע, פאַרוואָגלטע קעפּ. דער טאַטע האָט מטושטשדיק געטראַכט: גאָטס גרויסע וועלט איז געגליכן צו אַ ים און דער ים — צו אַ שפּיגל... אָט איז די וועלט געווען אַזוי פיל יאָרן איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרץ, אָבלדיק טוך, ווי אַ שפּיגל נאָך אַ טויטן. איצט איז דאָס שוואַרצע אָבל־טוך אַראָפּגעפאַלן. די וועלט — דער ים — דער שפּיגל — לייכטן ווידער מיטן ליכט צו אַ ניי לעבן. ער האָט זיך געשעמט צו קוקן דער טאָכטער אין די אויגן. די גאַנצע צייט האָט ער געהאַלטן פאַרמאַכט זיינע אויגן־דעקלעך. די מאַמע ליבע־מרים האָט אַפילו איינגעדרימלט, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף דער טאָכטערס אַקסל, וואָס איז געזעסן אין דער מיט, צווישן טאַטע־מאַמע. אַ ברעקל פון אַ פלינקן חלום איז אַדורכגעלאָפן ליבע־מרימס פאַרשלאָפן, אַלט האַרץ. אַזוי לויפט אַדורך אַ בליץ דורך אַ פאַרוואָלקנטן הימל: זי האַלט נאָך עטלעכס צוויי יונגע, פאַרפלאָכטענע צעפּ ביים געזעגענען... ער, קלמן, איז אַלץ נאָך אָנגעברוגזט. אַז מ׳איז איין איינציק קינד ביי טאַטע־מאַמע — לויפט מען ניט צו די הרי־חושך... טריקענען זומפּן... ליבע־מרים האָט גיך צוריק געעפנט אירע אויגן: ס׳איז טאַקע ניט געווען קיין חלום, נאָר אַ וויכערדיקע, אָפּגעריסענע מחשבה... זי האָט אויפסניי אָנגעהויבן צו וויינען, מיטן קאָפּ אָנגעלענט אויף דער טאָכטערס אַקסל. זי האָט געוויינט שטיל און פאַרקלעמט ווי ס׳וויינען אַלטע, פאַרלאָזענע יידישע מאַמעס. אירע פינגער, פאַרקלעמערטע אין דער האַנט פון דער טאָכטער, האָבן דעם גאַנצן וועג ניט אויפגעהערט צו ציטערן. אַזוי זענען זיי אַלע פיר גאָר גיך אָנגעקומען אין דער שטאָט אַריין.

בעת טאַטע־מאַמע זענען אַרויף אויף די שטיגן און געבליבן שטיין ביי דער טיר פון זייער דירה — האָט קלמן אויפגעהויבן די האַנט און געזוכט אַ קוש צו טאָן די מזוזה. ער האָט אָבער גאָרניט געפונען אויף דער טיר־פראַמוגע. די פינגער זיינע האָבן אָבער שוין געהאַט אָנגערירט דאָס נאַקעטע, גלאַטיקע האָלץ. ער האָט די שפּיץ פינגער לאַנג ניט אַוועקגענומען פון זיינע ליפּן. פונעם גליטשיקן, קאַלטן לאַק איז צו אים געגאַנגען אַ ריח ווי פון פאַרגליווערטער טויטער זשיוויצע אויף אַ דורכ־געזעגטן בוים.

ס׳איז געווען פרייטיק פאַר נאַכט בעת טאַטע־מאַמע זענען אָנגעקומען.

נאָך פאָרן אַרויספאָרן צו דער שיף האָט די טאָכטער אורה אָוועקגעשטעלט אויף דער קרעדענס, אין סאַלאָן, די צוויי זילבערנע לייכטער. יעדעס יאָר, פאַר די ימים־נוראים, נעמט זי אַרויס די זילבערנע לייכטער — דאָס איז געשען אַפילו נאָך פאַראַיאָרן — און אין זיי געצונדן יאָרצייטליכט. ביז ס׳איז ניט פלוצעם אָנגעקומען דער בריוו, אַז טאַטע־מאַמע האָבן זיך געראַטעוועט פון חורבן... אַז זיי זענען געווען ערגעץ אין אוראַל און אַז זיי פאָרן אַרויס קיין פּוילן. און פון דאַנען, אַז גאָט וועט געבן...

און אָט שטייט איצט די מאַמע, ליבע־מרים, פאַרקוקט אין די זילבערנע לייכטער, וווּ ס׳שטעקן די ווייסע ליכט. באַלד וועט זי דאַרפן בענטשן. דאָס ווייסע פּויערשע קאָפּטיכל איז שאַרף אָנגעצויגן און הילט אַרום אירע גראָע, שיטערע האָר. דער אײדעם יגאל איז ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן, נאָכדעם ווי ער האָט דעם געפּלאָכטענעם רוסישן קאָרב אַריינגעשלעפּט אין ווינקל פון באַדצימער. קלמן האָט ביים פענצטער געמישט אינעם אַלטן, צעשאָטענעם פּוילישן סידור, בעת אורה, פון עפּעס אַ פאַרשעמטע און איינגעפאַלענע, איז געשטאַנען הינטער דער מאַמען.

— ווייסט כאַטש, מאַמע, סאַראַ לייכטער דאָס זענען? — האָט די טאָכטער שטיל געפּליסטערט הינטער דער מאַמעס אַקסלען.

— כ׳זע דאָך, טאָכטערשי... שיינע, זילבערנע שבת־לייכטער...

— אַלע יאָרן זענען זיי געווען יאָרצייט־לייכטער... יאָר נאָך יאָר... כ׳האָב ניט דורכגעלאָזט קיין איין יאָר, מאַמע... שטענדיק אין זיי געצונדן ליכט...

ליבע־מרים האָט אויפגעהויבן אירע אַלטע, טרוקענע הענט איבער די פלעמלעך און גאָרניט ניט געענטפערט.

ס׳ערשטע מאָל נאָך אַסך יאָרן זעט זי ווידער, אורה, ווי די מאַמע בענטשט ליכט אין די לייכטער. אָט ערשט האָבן געברענט אין זיי די טויטנליכט נאָך טאַטע־מאַמע און פלוצעם — ווי שיין זיי ברענען אויף ס׳ניי: די ליכט פון שבת, די ליכט פון לעבן, די ליכט פון תחיית־המתים — — ווי ס׳וואָלט גאָרניט ביַשט געשען אין די אַלע שווערע, פאַרפלאָסענע יאָרן...

*

דאָס איז געשען ניט שפּעטער ווי צוויי חדשים נאָכן אָנקומען פון טאַטע־מאַמע. פאַר דער טאָכטער איז דאָס פּלוצעמדיקע געשעעניש געווען לכתּחילה פול מיט אויסטערלישן חידוש, בפרט אין דער אַ נייער, ניט לאַנג געקויפטער דירה. זי האָט שוין לגמרי געהאַט פאַרגעסן אין דער דאָזיקער פריקרער געשעעניש, ווען ניט אירע צוויי קינדער. אייגנטלעך איז עס געווען בלויז דער זעקסיעריקער עמי, וואָס האָט פּלוצעם אַנטפּלעקט דעם חידוש. דערנאָך האָט אויך זיין שוועסטערל תּמי מיט אים צוזאַמען נאָכ־געפאָרשט דאָס סודותדיקע, באַוועגלעכע שניירל פון די פלינקע, קליינע, שוואַרצע מוראַשקעס.

דעמאָלט, מיט וואָכן צוריק, האָט זיך געהאַט באַוויזן בלויז איין איינ־ציקע מוראַשקע. דאָס איז געווען אויפן דריטן טאָג, נאָכן אָנקומען פון טאַטע־מאַמע. אורה האָט דעמאָלט דערזען ווי זי פּויזעט, די מוראַשקע, לענגאויס דעם דיוואַן אין סאַלאָן און דערנאָך איז זי גיך פאַרשוווּנדן אונטער דעם דיוואַנבערעג, צווישן די ווייכע, וויינשל־קאָלירטע פּעדעם. זי האָט אַפילו געוואָלט דעמאָלט, אורה, אויפהויבן דעם שווערן דיוואַן — און די שוואַרצע מוראַשקע צעטרעטן. זי וועט דאָך ניט לאָזן, אַז אין סאַלאָן זאָלן זיך אָנהייבןווימלען די אַ שוואַרצע, פלינקע באַשעפענישן. זי איז אָבער געווען דעמאָלט צו פיל מיד, כּדי אויפצושטיין פונעם נידעריקן, געפלאָכטענעם פאָטעל. ס'איז גראָד געווען פאַרנאַכטלעך. דער זונפאַרגאַנג האָט דורך די פאַרשטעלטע לאָדנס געוואָרפן זיין מיד פאַלנדיק ליכט, וואָס האָט געהאַט די קאָליר פון איבערדרייפער מאַראַנצהויט. טאַטע־מאַמע זענען דעמאָלט געזעסן אינעם גערטנדל לעבן הויז און געשמועסט מיט פּוילישע לאַנדסלייט. אורה האָט דעמאָלט גיך פאַרגעסן די קריכנדיקע מוראַשקע. אָבער דערפאַר האָט זי זיך דערמאָנט דעם ברוגזן שמועס מיטן מאַן, דעם לאַנגן וויכּוח מיט יגאלן... אַ פּליסיקער, ביטערער טעם איז איר נאָך געלעגן אויפן גומען, ווי זי וואָלט נאָר וואָס אויסגעטרונקען אַ ביטער, שווער געטראַנק פון קראָפּעווע. אפשר איז ער געווען גערעכט, יגאל...

ווער ווייס... זי האָט ניט געפונען אין זיך קיין שום פאַרענטפערונג. צי האָט זי דען געקענט אַנדערש טאָן? לאַנג האָט זי זיך געוועהרט אַנטקעגן דעם, בפרט, אַז אַלע אַרום איר, די אַלע הי־געבוירענע, האָבן איר טאָקע אַנדערש געעצהט: טאַטע־מאַמע — זענען טאָקע טאַטע־מאַמע, אָבער פון דעסטוועגן... בעסער די אַלטע לייט איינאָרדענען אין דער פרעמד, אין אַ האָטעל־צימער, אָדער ביי באַקאַנטע... נאָר ניט ביי זיך... — ס׳וועט זיין בעסער פאַר די אַלטע און פאַר דיר, אורה... קיין גוטס קומט ניט אַרויס פון דעם, אַז טאַטע־מאַמע זענען מיט קינדער... צי האָט זי אָבער געקענט, אורה, די אַלטע טאַטע־מאַמע גלייך פון שיף אַוועקפירן אין אַ האָטעל און זיי ניט אַריינפירן אין דער אייגענער נייער היים? יגאל איז באַלד פון אָנהייב געווען געררייצט. אַלע אירע רייד האָבן זיך אין אים אָנגעשלאָגן ווי זיין גוף וואָלט געווען פון פאַרגליווערטן, האַרטן צעמענט. דערנאָך האָט זי שוין געהאַט אין גאַנצן אָפּגעלאָזט דעם וויכוח מיט אים. אַלץ איז תמיד געגאַנגען וועגן זעלביקן: די צוויי אַלטע לייט... זענען זיי דאָך געווען טאַטע־מאַמע... די טאָכטער האָט זיך אַליין פאַרשעמט פאַר דער מחשבה: די צוויי אַלטע לייט... האָט זי דאָך פאַר זיי אַזוי פיל יאָרן געצונדן די טויטנליכט... זיי זענען דאָך טאָקע אויפגעשטאַנען תחיית־המתים, נאָכן גרויסן נס... צי דאַרף זי זיי — די פאַרטריבענע, היימלאָזע אַלטע טאַטע־מאַמע, ניט אַריינפירן איבער איר שוועל?...

ס׳איז ניט געווען אַזוי לייכט פאַר דער טאָכטער, ביז יגאל האָט מסכים געווען אויף אַלץ. לכתחילה איז געווען די שוועריקייט מיטן שלאָפן, שפּעטער מיטן באַדצימער און מיט אַלע אַנדערע מענטשלעכע זאַכן, וואָס אַלטע לייט פאַרנעמען זיך מיט זיי לענגער ווי יונגע. דיביידע אַלטיטשקע האָבן זיך געשאַרט ביי די ווענט שטילע, נידעריקע און שטענדיק פאַרבליפטע. תמיד זענען זיי געווען פון עפּעס צעטומלט און דערשראָקן. די רייכע שטוב האָט די אַלטע טאַטע־מאַמע פּלוצעם אַריינגעפירט אין אַן אַנדער וועלט. ס׳האָט אויך לאַנג, לאַנג געדויערט ביז ביידע איניקלעך האָבן זיך געלאָזט אַ קוש טאָן אין זייערע פלאַקסענע צעשויבערטע קעפּלעך. צווישן דעם איידעם און די אַלטע לייט איז מלכתחילה געשטאַנען אַ וואַנט פון אָפּגעפרעמדקייט און קעלט: אפשר זייערע לשונות — און

אפשר גאָר די זקנימס אויסטערלישער הילוך: זייערע פּוילישע מלבושים, זייער איבערגעשראָקן שווייגן און דאָס פלאַטערנדיקע, שעמעוודיקע שאַרן זיך ביי די ווענט. ער מיינט, יגאל, אַז די הי־געבוירענע זענען געווען גערעכט. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. דערנאָך האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן פון קליינינקייטן: אַ מאָל איז דאָס געווען אַן אַלט רעפטל פאַרטריקנט ברויט, אַ מאָל אַ שטיקל ציבל. די אַלטע לייט פלעגן זאָרגפעליק און בגנבה אויפזאַמלען דאָס איבערבלייבעכץ פון טיש: די האַרטע ברויט־רינדלעך, די רעשטלעך עסבאַרע פּרוכט און אויסטערלישע ירקות. זיי האָבן דאָס אַלץ אויפגעזאַמלט, כדי עס ניט אַרויסצוואַרפן אויפן מיסט. אפשר איז אין זיי פאַרבליבן די אַ נטיה נאָך פון יענע פאַרוואָגלטע יאָרן אין ראַסיי. יגאל האָט געקוקט אויף דעם קרומלעך: ס׳סטייעט ניט אַרויסצוואַרפן דאָס איבערבלייבעכץ? זיין אייזן־פאַבריק גיט אים קנאַפּע רווחים? דאָס אויסטערלישע פּירעכץ פון די צוויי אַלטע לייט האָט אים שטאַרק געררייצט. אָבער דאָס אַלץ האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז ס׳איז געקומען די פּלוצעמדיקע אַנטפּלעקונג פון די שוואַרצע, קליינע, ווימלענדיקע מוראַשקעס.

*

אָנגעהויבן האָט עס זיך אין האָל.ביידע קינדער האָבן מיט דינע, פאַרבויגענע באַמבוס־שטעקעלעך געקלאַפּט אין די ווינקלען פון די ווענט. אַז אורה האָט זיך איינגעבויגן האָט זי ערשט דערזען: גאָר נידעריק, איבער דער גאַנצער לענג פון דער האָל־וואַנט, ציט זיך אַ דינער שנור פון שוואַרצע מוראַשקעס. זיי זענען געלאָפן אַזוי גיך, די מוראַשקעס, אַז די קינדער האָבן זיי אַפילו ניט באַוויזן צו טרעפן מיט זייערע דינע באַמבוס־שטעקעלעך. די פון זיי, וואָס זענען יאָ געטראָפן געוואָרן, האָבן זיך בלויז אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט און באַלד, אַרומגערינגלט מיט אַנדערע פון אַלע זייטן, האָבן זיי זיך געלאָזט אויף ס׳ניי לויפן אין דער שוואַרצער ווימלענדיקער ריי. די מוראַשקע־קייט האָט זיך געצויגן פונעם האָל ביז אין סאַמע מיט פון עסווינקל און פון דאַנען — לענגאויס פון דער סאַלאָנוואַנט ביז צום גרויסן, פאַראַדנעם באַלקאָן. דאָ, פון דער וואַנט פון באַלקאָן, זענען

זיי אַריין אין דער קיילעכדיקער עפענונג, וואָס דינט פאַרן רעגן־אָפּפלוס אין ווינטער. אורה האָט אויפגעציטערט פון דער דאָזיקער ווימלענדיקער, שוואַרצער קייט. די קליינע לויפנדיקע באַשעפענישן האָבן אויסגעזען אין אירע אויגן ווי דאָס וואָלט געווען אַ שוואַרצע סודותדיקע אַרמיי, וואָס איז געקומען אונטערגראָבן דעם פונדאַמענט פון איר ניי הויז. איצט איז איר פאַרבליבן בלויז איינס: צו דערגיין דאָס רעטעניש, נאָכצוגיין די ווימלענדיקע באַשעפענישן, אַנטפּלעקן דעם סוד פון דער מוראַשקע־נעסט. זי איז טאַקע נאָכגעגאַנגען אויף צוריק מיט דער שוואַרצער מוראַשקע־קייט: פון באַלקאָן אין סאַלאָן, פון סאַלאָן דורכן עסווינקל אין האָל און פון דאָרטן — פאַרקירעוועט צום ווינקל הינטער דער טיר פון באַדצימער, ווו ס׳איז געשטאַנען טאַטע־מאַמעס מיטגעבראַכטער, שווערער, געפלאָכטענער רוסישער קאָרב.

צו מאָרגנס, נאָך דער דאָזיקער אַנטפּלעקונג, איז גראָד געווען דער ערשטער טאָג, בעת ס׳הייבן אָן גיין די ערשטע קילע ים־ווינטן. פון באַלד אין דער פרי איז דער הימל געווען נידעריק, פאַרנעפּלט מיט אַסך פליסנדיקע דורכזיכטיקע וואָלקנס. די זון, וואָס איז תמיד געשטאַנען אַנטקעגן די פענצטער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער צו דרום־זייט. איר ליכט איז געווען ניט אַזוי שאַרף ווי תמיד. אַ גראָלעכע זונוייסקייט האָט זיך פויל געשפינט אַרום די פליסנדיקע וואָלקנס. אין די נעכט האָט דער חלל געציטערט מיטן דינעם צישנדיקן געוויין פון די ערשטע גרילן.

באַלד באַגינען האָט אורה געהאָלפן דער מאַמען אויספּאַקן דעם קויש און אַרויסציען פון דאָרט די מיטגעבראַכטע זאַכן. דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי יגאל האָט דווקא געוואָלט, אַז מען זאָל דעם קויש פאַרקויפן אויף אַלטוואַרג, וואָרעם נאָך ער, דער געפלאָכטענער רוסישער קויש, איז די נעסט פון אַלע מוראַשקעס. די טאָכטער איז געשטאַנען הינטער דער מאַמען און איר געהאָלפן אַרויסציען פון אינעווייניק די פאַרפּאַקטע זאַכן. בעת ליבע־מרים האָט מתחילת געהאַט אויפגעהויבן דאָס געפלאָכטענע קאָרב־דעקל, האָט אַ פרעמדע, שווערע לופט געשלאָגן אין פנים. די לופט איז געווען וואָרעמלעך, דומפּיק, אַדורכגעזאַפּט מיט אַ קיצלדיקער זויערקייט, וואָס קומט פון לאַנג ניט געלופטערטע מלבושים. צו ערשט האָט ליבע־מרים

אַרויסגענומען דאָס אַלטע קאָפּ־קישעלע, וואָס איז נאָך געווען איבערגעצויגן מיט אַ רויט ציכל, דערנאָך — כלערליי אַלטע מלבושים. שפּעטער — דאָס גראָע זעקעלע מיט די ברויט־סוכאַרעס און גאָר צום סוף, פון סאַמע דנאָ, האָט זי אויפגעהויבן דאָס פאַרוויקלטע, שווערע פּוילישע שטיקל לייוונט.

בעת ליבע־מרים האָט אויפגעהויבן פון דער אונטערשטער קאָרב־פינצטערניש דאָס שטיקל לייוונט, האָט די טאָכטער דערזען ווי איבערן לייוונט, ביי די ברעגן, פויזען איינצלנע, צעטומלטע, קליינע מוראַשקעס. זיי זענען געווען, די מוראַשקעס, דינע, לענגלעכע און געגאַנגען שוואַכע, ווי פאַרחלשטע. איצט זעט זי, אורה, אַז יגאל איז געווען גערעכט: דאָס איז טאַקע דער קויש די נעסט פון אַלע מוראַשקעס. די מאַמע און די טאָכטער האָבן זיך אַ רגע לאַנג איבערגעקוקט. ליבע־מרים האָט דאָס שטיקל לייוונט געהאַלטן נאָענט איבער איר האַרץ און מיט די פינגער געגלעט די שטייפע, ווייסע לייוונטברעגן.

— ווייסט כאָטש, טאָכטערשי, וואָס דאָס איז אַזוינס?... ס׳איז נאָך פון פוילן... ריינע טשעטשעוויטשקע... געשלעפּט איבער דער גרענעץ... און דערנאָך — אַהער... פאַרשטייסט מיך, עטעלע, נאָך הונדערט און צוואַנציק...

די טאָכטער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און מיט אירע פינגער זיך פאַרשטעלט דאָס מויל. מסתם איז דער אָוויר פון דער פאַרלעגענער פּוילישער לייוונט און פון די קריכנדיקע מוראַשקעס געווען אַן איבל־שווערער. זי האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ, מורמלענדיק אין אַ זייט:

— מאַמע... דאָ, אין ישראל, דאַרף מען דאָס ניט... אין ישראל דאַרף מען ניט קיין טשעטשעוויטשקע... אַז ס׳קומט די צייט, נאָך הונדערט און צוואַנציק...

— וואָס רעדסטו?... ס׳איז דאָך פאַר מיר און פאַרן טאַטן, זאָל לעבן... וואָס הייסט, אַז דאָ דאַרף מען עס ניט? מע דאַרף דאָ ניט קיין תכריכים, נאָך הונדערט און צוואַנציק??...

די טאָכטער האָט גאָרניט ניט געענטפערט. זי האָט די גאַנצע צייט זיך צוגעהאַלטן דאָס מויל מיט דער האַנט לעבן אָפענעם קאָרב. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ זייער שטיל און געדעמפּט קול: וועגן יגאלס

שטענדיקן ברוגז, וועגן די קינדער, וועגן פאַרפוילטן גרויסן קויש, וואָס מען דאַרף אַרויסוואַרפן, וועגן די מוראַשקעס, וואָס האָבן פאַרפלייצט די גאַנצע דירה, אַפילו דעם סאַלאָן...אַז יגאל האָט צוגעגרייט צוויי לײדיקע צימערלעך אין פאַבריק־בנין... מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן... טאַטע־מאַמע וועט דאָרטן ניט פעלן פון גאָרניט... וועלן זיין פאַרזאָרגט מיט אַלץ... די מאַמע דאַרף פאַרשטיין: שלום־בית... יגאל... די קינדער... ער האָט שוין אַפילו געהייסן, יגאל, אויסווייסן די צימערלעך... אַריינשטעלן אַ ביסל מעבל... פאַרריכטן די באַקוועמלעכקייטן...

ליבע־מרים האָט די גאַנצע צייט פון דער טאָכטערס רייד געשוויגן. זי האָט בלויז עטלעכע מאָל זיך פאַרריכט דאָס קאָפּטיכל, וואָס האָט זיך איר פלוצעם אַראָפּגעגליטשט אויף הינטן. זי האָט פּאַוואָליע אָנגעהויבן אַלץ צוריק אַריינצולייגן אין קויש. בעת זי האָט עס געטאָן, האָבן איר די הענט אונטערגעציטערט. אַ קליינע, שוואַרצע מוראַשקע האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט פונעם לייוונט אויף איר פאַרטריקנטער אַלטער האַנט. זי האָט געפילט, ליבע־מרים, דער מוראַשקעס פּאַוואָליעדיקן גאַנג איבער דער הויט. מיט דער צווייטער האַנט האָט זי גאָר פאַרזיכטיק צוריק זי אַראָפּגעשאַרט אויף דער לייוונט, ווו זי איז גיך פאַרשוווּנדן ביים ברעג. צו ערשט האָט ליבע־מרים צוריק אַראָפּגעלאָזט אין אָפענעם קויש דאָס שטיקל לייוונט, דערנאָך אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע דאָס קליינע זעקעלע מיט סוכאַרעס. דאָס אַלטע ברויט האָט געשאַרכט אינעם זעקל ווי צעוואָרפענע, טרוקענע ביינער. לסוף האָט זי דאָס רויטע קישעלע אַרויפגעלייגט אויף די פאַרשיידענע אַלטע מלבושים און פאַרדעקט מיטן דעקל דעם גרויסן, געפלאָכטענעם קויש.

בעת דאָס אַלץ איז געשען, איז קיינער אַחוץ דער מאַמען מיט דער טאָכטער ניט געווען אין שטוב. קלמן איז צוריקגעקומען ערשט שפּעט אין אָוונט. אַ לאַנדסמאַן פון דער אַלטער היים האָט דעם זקן פאַרבעטן צו זיך נאָך מנחה. בעת ער איז צוריקגעקומען האָט ער דערזען שטיין אין האָל דעם גרויסן, געפלאָכטענעם קויש און אויף אים איז געלעגן זיין טלית־זעקל. ליבע־מרים האָט אַן ווערטער אַ בייג געטאָן איר קאָפּ צו דער טיר. דערנאָך האָט זי זיך צו אים איינגעבויגן, פליסטערנדיק גאָר שטיל: „כיבוד־

אב אין הייליקן לאַנד..."ביידע האָבן זיך אַוועקגעשאַרט אין אַ ווינקל פון באַדצימער. מאָרגן אין דער פרי וועט דער אײדעם זייביידן צופירן מיט דער מאַשין צום נייעם וווינאָרט... צוויי צימערלעך אין יגאלס פאַבריק... און אַלץ צוליב וואָס? צוליבן קויש... צוליב די מוראַשקעס... צוליב די קליינע, שוואַרצע מוראַשקעס...

אין דער זעלביקער נאַכט זענען טאַטע־מאַמע לאַנג געלעגן וואַכע און נישט געקענט איינשלאָפן אין האַלבן חדרל אויף די שמאָלע, אײַזערנע בעטלעך. זיי זענען געלעגן שטומע, פאַרקאַרטשעטע און געקוקט אין דער פינצטער צו די פענצטער. פון דרויסן, דורך די לאַדנס, האָט געטריפט דאָס גראָע נאַכטליכט. גרילן האָבן געשלוכצט פסוקים תהילים אין דער דרויסנדיקער פינצטערניש. ליבע־מרימען האָט זיך געחלומט — דער קויש, אַ פולער — מיט מוראַשקעס, ווי ער שווימט אויפן וואַסער. זיי ביידע, ליבע־מרים און קלמן, טראָגן דעם קויש ביי די געפלאָכטענע, אָפּשטייענדיקע הענטלעך און טרעטן מיט אים איבערן וואַסערפלאַך אין לייכטע שריט, ווי זיי וואָלטן געשוועבט איבער די כוואַליעס. טאַטע־מאַמע האָבן געמוזט איינשלאָפן אַוודאי גאָר נאָענט צו פאַרטאָג. ס'איז נאָך געווען פינצטערלעך, בעת קלמן האָט זיך געשטעלט דאַווענען. ער האָט זיך היינט מערער ווי תמיד געוויקלט אינעם אַלטן פּויליש וואָלענעם טלית. ער האָט געוואָלט אָפּדאַווענען גאָר גיך, נאָך איידער דער אײדעם וועט אויפשטיין. בעת ער האָט צוריק איינגעוויקלט דעם טלית — איז שוין געווען העל־גראָלעך. דער טאַטע קלמן האָט געמוזט שטאַרק אויסשאָקלען דעם טלית פון די מוראַשקעס, וואָס האָבן זיך עקשנותדיק געהאַלטן צווישן די צעדריוולטע טלית־פאַלדן. ער האָט זיך איצטער זייער געאײַלט, וואָרעם ער האָט געוואָלט מיט די אייגענע הענט אַראָפּציען דעם קויש דורכן קאָרידאָר, גראָד ווי ער האָט עס געטאָן מיט וואָכן צוריק אַרויפשלעפּנדיק דעם קויש איבער די קאַלטע, ברייטע, מאַרמאָרענע שטיגן.

*

מען קען נישט זאָגן, אַז די צוויי שמאָלע פאַרלאָזענע חדרלעך, וואָס דער אײדעם יגאל האָט גאַנצע וואָכן געהאַט געגרייט, זענען לחלוטין ניט

געווען געאייגנט צום ווינען פאַר צוויי אַלטע מענטשן. צווישן דעם אײַזן־מאַגאַזין און די חדרימלעך האָט זיך געצויגן דערליידיקער, פינצטערער פאַבריק־קאָרידאָר, וואָס איז געווען איבערפולט מיט צעפאַלענע אַלטע פעסלעך און צעבראָכענע קעסטלעך. מחמת דעם טאַקע איז דער דורכגאַנג צווישן די בערג אויפגעשטעלטע ליידיקע קעסטלעך ביי די ווענט געווען אַ גאָר שמאָלער, ווי אַ פעלדסטעזשקע. איבער דער גאַנצער לענג פון קאָרידאָר האָבן זיך געצויגן אין דער הייך, פון וואַנט צו וואַנט, געדיכט־געוועבטע אַלטע שפינען־נעצן. זיי האָבן אויסגעזען פון אונטן ווי אויס־געשפרייטע דינע פישערנעצן. בעת די אַלטע לייט פלעגן אַדורכגיין דאָס קאָרידאָרל, זענען זייערע קעפּ געוואָרן געפאַנגען פון די אַ געדיכטע וויגנדיקע נעצן און צעריסן זייער פעדעם־געשפין. אָבער אויפן צווייטן טאָג זענען די איבערגעריסענע נעצן אויף ס׳ניי געהאָנגען פאַר־שפּינטע און וויגנדיקע פון די אומצאָליקע שפינען, וואָס האָבן דאָ געהאַט זייערע פאַרבאָרגענע, שוואַרצע היימען. דער פאַרשפינוועבטער פאַרלאָזענער, לאַנגער קאָרידאָר איז אויך געווען אַ מיקלט, ווו ס׳זענען אַהערגעקומען פונעם פעלד פאַרטריבענע, אַלטע מוטערקעץ. דאָרט, ביינערדיקע און פאַרהויקערטע, האָבן זיי אין דער טיפקייט פון די ליידיקע קעסטלעך אויסגעהויכט זייערע קעצישע נשמות מיט אַן איינגעבראָכן העשעך פון פאַרלאָזענע מענטשנקינדער. ליבע־מרים פלעגט טייל מאָל אַריינשטעלן אין די קעסטלעך טעצעלעך מיט מילך. זיי זענען אָבער געבליבן, די טעצעלעך, אומבאַרירטע און איבער די ברעגן פאַרפולטע מיט אַ סך געפאַלענע, טויטע פליגן. ס׳רוב אָבער האָבן דאָ פאַרבלאָנקעט אין קאָרידאָר הינט — איינזאַמע, קראַנקע, געפאַלענע אין זייער הינטישער זיקנה אינעם שטאָט־גערענגל, פאַר זייער הינטישן קיום. זיי זענען געלעגן, די געפאַלענע, אין די אָפענע קעסטלעך מיט פאַרוואָרפענע קעפּ, פאַרדעקט מיט די פאַדער־שטע לאַפּעס, ווי זיי וואָלטן זיך נאָך געשיצט קעגן דער דערנענטערונג פון אַן אומבאַזיגלעכער און געשטאַלטלאָזער שרעק. זייערע אויגן, פאַרגלאָצט־פאַרלאָשענע און פאַרטרערטע, האָבן אַלץ נאָך געקוקט אין דער הויך — צו די זיך וויגנדיקע שפינען־נעצן. זיי פלעגן ליגן דאָ אַזוי לאַנג, ביז ס׳איז ניט געקומען עמעצער פון די פאַבריקלייט און זיי אַרויסגעטראָגן

אויפן פעלד צוזאַמען מיט די קעסטלעך. ער האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אין דער ווייכער אויסגעגראָבענער ערד, וואָס איז געווען פול מיט פוילנדיקע וואָרצלען. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זיך דאָס אָרט גאָר גיך איבערגעדעקט מיט יונג, פאַליענדיק פעלדגראָז.

טאַטע־מאַמע האָבן איצט געלעבט אין די צוויי שמאָלע, פאַרלאָזענע חדרימלעך. די פענצטער אַליין — נידעריקע, אַראַביש־שמאָלע, זענען אַרויס־געגאַנגען אויף אַן אָפענעם זאַמדיקן פּלאַץ, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן פעלד. די ווענט אינעווייניק זענען געווען פרישע, איבערגעמאָלטע אויף אַ העל־גראָער פאַרב. אַ טיש, צוויי בענקלעך און צוויי נידעריקע אײַזערנע בעטלעך זענען געשטאַנען אין פאָדער־חדרל און אין צווייטן אָפּגעטיילטן חדר — די קיך: אַ נייע בלאָע נאַפטמאַשינקע און אַ גרויסער אויטאָ־בעקן מיט נאַפט. ס'זענען אויך געווען קיך־כלים און שטובזאַכן, וואָס צוויי מענטשן דאַרפן האָבן אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן. אַ צוגעבויטער הענגענדיקער טוש, און אויך אַן אָפּגעצוימט ווינקל פאַרן מענטשלעכן געברויך. די דאָזיקע צימערלעך האָבן מיט יאָרן צוריק געדינט פאַר יגאלן אַליין אין זײַנע בחורישע יאָרן, נאָך איידער ער האָט אויפן זעלביקן ירושה־באָדן אויפגעשטעלט די פאַבריק. ער האָט איצט ניט געדאַרפט אַ סך איבערבויען אָדער ענדערן, כדי דאָ אַרײַנצופירן די צוויי אַלטע מענטשן. און כאָטש זיי זענען געווען טאַטע־מאַמע פון אורהן — זענען זיי געווען פאַר אים אַזוי פרעמד־ווילד מיט זייער לשון און הלבשה, ווי זיי וואָלטן געקומען פון אַן אַנדערער אונטערגעגאַנגענער וועלט. בפרט דער געפלאָכטענער קויש, די מוראַשקעס, זייער קלויבן דעם ברויט־אָפּפאַל ביים טיש — דאָס אַלץ האָט אים אונטערגעטריבן גיכער אויסצופאַרטיקן דאָס אָרט פאַר די אַלטיטשקע. ער האָט בלויז געמוזט עפענען אַ נייע טיר פון גרויסן חדר, וואָרעם די אַלטע טיר צום לײַדיקן קאָרידאָר איז געווען פאַרלייגט ביז צום סופיט מיט די אַלטע, צעבראָכענע פעסלעך. אויך וואָלט עס געווען פאַר די אַלטע לייט צו שווער אַדורכצוגיין דעם פינצטערן לאַנגן קאָרידאָר, וואָס האָט געגרענעצט מיט דער פאַבריק. די נייע געעפנטע טיר פון גרויסן חדר האָט געפירט אין אָפענעם פעלד אַרײַן. דערפאַר האָבן טאַקע געדויערט די

צוגרייטונגען עטלעכע וואָכן ביז טאַטע־מאַמע האָבן זיך געקענט אַריבער־ציען אַהער אינעם נייעם וווינאָרט.

דאָס איינציקע וואָס ליבע־מרים האָט מיטגענומען מיט זיך פון דער טאַכטערס שטוב, זענען געווען די צוויי שבת־לייכטער. די טאַכטער האָט זיי אויך גערן מיטגעגעבן. סיי ווי דאַרף מען זיי דאָרט מער ניט האָבן. זיי זענען געשטאַנען, בײדע לייכטער, אַ גאַנצע וואָך איצט אויפן טישל מיטן ווייסן טישטעכל. ס׳האָט אויסגעזען ווי דאָ וואָלט תמיד געווען שבת. דער גרויסער געפלאָכטענער קויש איז ווידער געשטאַנען אין חדר־ווינקל און אין אים — דאָס זעקעלע אַלטע סוכאַרעס מיטן פאַרוויקלטן שטיקל לייוונט אויפן סאַמע דנאָ.

אַ גאַנצע וואָך פלעגט קיינער ניט אַריינקומען צו די צוויי אַלטע מענטשן. די פאַבריק איז געלעגן אין אַ זייט. פון דאָרט האָט זיך תמיד געטראָגן דער גרילצנדיקער שדישער מאַשין־גערויש. די טאַכטער פלעגט יאָ אַריינפאַלן מתחילת יעדן צווייטן טאָג, דערנאָך בלויז איין מאָל אין וואָך. שפעטער — שוין גאָר, גאָר זעלטן. אָפט מאָל איז הינטערן פענצטער געבליבן שטיין דער אײדעם יגאל. ער האָט גערעדט צו זיי אין אַ פרעמדן, האַרטן סאַברישן לשון. טאַטע־מאַמע האָבן אים קוים פאַרשטאַנען און בלויז געשאָקלט מיט די קעפּ. דערנאָך איז ער גיך אַוועק. אַ גאַנצע וואָך איז דאָ געווען בית־עולמדיק שטיל: זאַמד, הימל און אויסטערלישע פייגל. בלויז שבת אין דער פרי איז דער גרויסער זאַמדיקער פלאַץ הינטער די פענצטער געוואָרן איבערפולט מיט יינגלעך. זיי האָבן דאָ געשפּילט פוסבאָל. פון סאַמע באַגינען האָט זיך שוין געטראָגן דער פרעמדער ניט־יידישער רעש. ניט איין מאָל איז דער באַלעם געפאַלן נאָענט פון די צוויי נידעריקע פענצטער — און די יינגלעך האָבן דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל דאָ דערזען די פרעמדע, אַלטע, יידישע פנימער. זיי האָבן זיך אין זיי איינגעקוקט צעטומלטע, איבערגעשראָקענע און אַנטלאָפן מיט ניט־יידישע קולות. ליבע־מרים און קלמן האָבן פון דער אָפענער טיר געקוקט צו דער מחנה שרייענ־דיקע יידישע קינדער. ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז די צוויי אַלטע לייט זענען געוואָרן פאַרהיימישט מיטן אויסטערלישן פרעמדן געפילדער אין דאָזיקן פאַרלאָזענעם, אָפּגעזונדערטן און איינזאַמען ווינקל.

דאָס איז געשען דעם זעלביקן טאָג, בעת ליבע־מרים האָט באַלד אין דער פרי געהאַט אַרויסגענומען פון קויש דאָס שטיקל לייוונט און עס געלופטערט אויפן בעטל. ווידער זענען זיי געלאָפן צווישן די פאַרלייגטע, צעקנייטשטע פאַלדן — די קליינע, שוואַרצע מוראַשקעס. דערנאָך האָט זי אויך געלופטערט דאָס זעקעלע מיט די פאַרטריקנטע סוכאַרעס. פאַר וואָס ליבע־מרים האָט נאָך ביז איצט ניט געהאַט אַוועקגעוואָרפן דאָס טויטע, פאַרטריקנטע ברויט — איז טאַקע געווען אַ חידוש. זי האָט געקוקט אויף די ווימלענדיקע קליינע מוראַשקעס מיט גרויס רחמנות און אפילו זיי ניט פאַרטריבן. צי האָט גאָט, דער אַלמעכטיקער, זיי ביידן, איר און קלמנען, ניט געגעבן אויף דער עלטער דעם זעלביקן גורל, ווי זיי, די קליינע, דער־שראָקענע, שוואַרצע מוראַשקעס, וואָס באַהאַלטן זיך אויס צעטומלטע און דערשראָקענע צווישן טרוקענעם ברויט און אין די פאַלדן פונעם אַלטן שטיקל לייוונט? מיט אַ גרויסער שער האָט ליבע־מרים פאַרזיכטיק צעשניטן דאָס שטיק לייוונט אויף צווייען: איינס פאַר זיך און דאָס צווייטע — פאַר קלמנען, אַז די צייט וועט קומען...

דעם זעלביקן טאָג איז קלמן לאַנג געזעסן ביי דער אָפענער טיר און געזאָגט תהילים. ליבע־מרים האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן פענצטערל און געקוקט אין פעלד אַריין. ס'האָט שוין אָנגעהויבן בלאָ דעמערן מיט אָוונט. ניט ווייט פון דער טיר איז געשטאַנען איין איינציקער בוים און אויף אים האָט איצט קלמן אָנגעהאָנגען זיינע אַלטע אויגן. דער בוים איז געווען אַן אויסטערלישער, גאָרניט קיין פוילישער. ער איז געווען נידעריק, פלאַטשיק, און מ'האָט אַפילו אַרויסגעזען זיינע שווערע, שוואַרצע הויקערדיקע וואָרצלען. די וואָרצלען זענען געלעגן אויפן אייבערפלאַך פון דער ערד. דער בוים האָט איצט געפלאַמט אין זונפאַרגאַנג. גאָר אויבן, אויפן סאַמע שפּיץ, זענען געזעסן די יונגע, פריש־גרינלעכע בלעטער. ניי־געבוירענע, אָנגעגאָסענע מיט ערדישן אייביקן כוח און יונגער ליכטיקער גרינקייט, האָבן זיי זיך אַלץ מערער געשפּאַרט אין דער הייך. אונטער זיי, פאַרדעקטע און פאַר־טריבענע, זענען געהאָנגען די אַלטע און פאַרוועלקטע בלעטער־שפּיצן. דאָס זענען געווען די אַלטע שטאַרבנדיקע בלעטער, וואָס זענען מידע, פאַרקאָר־טשעטע און גראָע אַלץ נאָך געהאָנגען אויפן בוים. זיי האָבן געציטערט

אינעם מינדסטן ווינטל, וואָס וועט זיי באַלד אַראָפּשליידערן אויף דער ערד, ווו זיי זענען פאַרמשפּט אויף זייער שטילן, פאַרוועלקטן, אומפאַר־מיידלעכן בלעטערטויט.

קלמן האָט אַלץ ניט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם בוימשפּיץ. די יונג־געבוירענע בלעטערקרוין האָט שטאָלץ געקיניגט אין דער בלאָ־ראָזולעכער דעמערונג. אויך ביי די בוימברעגן זענען שוין געהאַנגען יונגע בלעטער און מיט זייער פלאַטערדיקן בלעטער־גוף אין גאַנצן פאַרדעקט אין דער סאַמע טיפעניש די אַלטע. אויך צווישן די טויטע בלעטער האָבן זיך געריסן די ערשטע, שפּראָצנדיקע יונגע בלעטלעך. אונטן איז דער בוימשטאַם געווען שוואַרץ און געשפּאָלטן אויף צווייען. ס'האָט אויסגעזען ווי דער בוים וואָלט געהאַט צוויי באַזונדערע קוואַלן, באַהאַלטענע אין דער ערד־טיפעניש. פון דאָרט האָבן די קוואַלן יעדער באַזונדער גענערט די ביימער־בלעטער: בעת איינער האָט געשיקט זיין קוואַליק חיות צו די גרינע ניי־געבוירענע, איז דער צווייטער קוואַל שוין לאַנג געווען טויט אין זיין טראַכט און אויס־געטריקנט אין דער פאַרהוילענער ערדטיפעניש.

ליבע־מרים האָט געדרימלט לעבן פענצטער מיט די פאַרלייגטע הענט אויף איר שירץ, אַ פאַרוועלקטן, זקנהשן דרימל. פלוצעם האָט זיך קלמן אויפגעשטעלט. ער האָט פאַרמאַכט דעם שווערן פוילישן תהילים־סידור. עפּעס אַ פרעמדער כוח, ווי פון אַ באַפעלנדיקן בייזן מלאך, האָט געמאַנט פון זיינע פיס אַרויסצוגיין אין דרויסן. ער האָט דערפילט אַ שווער און אימפּעטיק האַרצקלאַפּן. אים האָט אַ רגע פאַרפעלט אָטעם. ביי די שלייפן האָט זיך געזעצט אַ קאַלטער, שטעכיקער שוויס. „רבונו־של־עולם... צי רופסטו מיך שוין צו זיך?!"... ער האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס. צווישן די פיסקנעכלעך האָט געגליווערט אַן אייזיקע קילקייט, ווי ער וואָלט אַריין אין אַ פאַרפרוירענער, פאַרשנייטער אָזערע. די אָזערע איז געווען איבער־געוואָרפן מיט אַן אויסטערלישער ליכטיקייט. דאָס איז געקומען אפשר פונעם שניי און אפשר פון דער פאַרגייענדיקער זון, וואָס איז געהאַנגען אויף דער צווייטער זייט אָזערע. פון דעסטוועגן איז ער געגאַנגען מיט וואַקלדיקע טריט גלייך צום בוים. בעת ער איז שוין צוגעקומען נעענטער — האָט שוין ליבע־מרים געהאַט געעפנט אירע אויגן. זי האָט געזען פון דער

ווייטנס ווי ער קניט לעבן בוים און קוקט אַראָפּ אויף דער ערד צו די שוואַרצע צעריסענע וואָרצלען. מתחילת האָט זי געמיינט, אַז ער האָט זיך בלויז דאָרט איינגעבויגן און באַלד וועט ער זיך אויפשטעלן. ס׳האָט אָבער געדויערט צו לאַנג. איר האַרץ האָט איר אונטערגעזאָגט עפּעס שלעכטס. זי האָט געזען ווי דער יונגער בלעטערקרוין פלאַמט אַלץ שאַרפער אין ליכטיקן זונפאַרגאַנג ווי אַ רויטע שווערד. זי איז קוים צוגעלאָפן, אָנגערירט אים ביי די פאַרבויגענע אַקסלען און געמאַכט אַ געוואַלד: קל—מן!!! ביי וועמען לאָזסטו מיך איבער, ביי וועמען?

ליבע־מרים האָט קוים, קוים זיינע אַלטע הענט אַראָפּגענומען פונעם שטאַם, אַזוי שטאַרק האָט ער מיט זיי געהאַט אַרומגענומען די אַלטע געשפּאָלטענע בוימקאָרע. דער קאָפּ איז אים גיך צוריקגעפאַלן אויף הינטן, בעת די אויגן זענען נאָך געווען אָפענע. זיי האָבן געקוקט צו איר אַביסל־דערשראָקענע. זי האָט נאָך אַ מאָל געמאַכט אַ געוואַלד. פון ליידיקן פעלד זענען אין דער קווער אָנגעלאָפן מענטשן. בעת מ׳האָט קלמנען אויפגעהויבן פון אונטערן בוים, האָט מען געזען, אַז ער איז מיט דער פּלייצע געלעגן אויף די אַרויסשטייגנדיקע בוימוואָרצלען, ווו ס׳איז געווען אַ גרויסע מוראַשקע־נעסט. די מוראַשקעס זענען פון צווישן די געשפּאָלטענע שוואַרצע וואָרצלען געלאָפן צעטומלטע אַרויף איבער דער בוימקאָרע און פון דאָרט — צוריק אַראָפּ אין דער מוראַשקע־נעסט. פון דאַנען, פון דער נעסט אין די וואָרצלען, האָבן זיך געצויגן אומצאָליקע, ווימלענדיקע שוואַרצע מוראַשקע־שנורן איבערן פעלד. זיי האָבן זיך געצויגן, די מוראַשקעס, זיגזאַגיש און אַפילו צוגעקומען גאָר נאָענט צו דער קליינער שטיינערנער שוועל פון דער אָפענער טיר. זיי האָבן אויסגעזען, די מוראַשקעס, אין דער דעמערונג, ווי אַ שוואַרצע קייט, צעוואָרפן איבער דער אָוונטיקער ערד.

1960

פרעמדע

אַ שווער־סאַפּנדיקע און מיט אַ גיך, הייס אָטעמען פון איר שווערן אויפגעהויבענעם בויך, איז מאַריאַ אַריבערגעטרעטן די שוועל פון דער נייער דירה. דער גלאַטער שוועל־שטיין איז נאָך געווען איבערגעוואָרפן מיט שטיקלעך ליים און געשטופּלט מיט קאַלך־שפּרינקעלעך, וואָס האָבן געקריגן פון אַלטקייט אַ בלוילעכע קאָליר פון קליינע, צעוואָרפענע פאַטשערקעס. זי האָט תיכף דערפילט די זעלטענע קילקייט, וואָס שלאָגט פון די ווענט. עס איז ניט געווען די קילקייט, וואָס עס קומט פון אַן אָפענעם הימל־חלל, אָדער וואָס פלייצט אַראָפּ מיט פרישקייט פון די נידריקע, שווימענדיקע פּוילישע וואָלקנס. עס איז גיכער געווען די קילקייט, וואָס עס געבוירן אַלטע, פאַרגליווערטע קעלער־שאָטנס, וואָס בייטן זיך קיינמאָל ניט. און אפשר דערפאַר האָט די קילקייט, וואָס איז איצט איר אַנטקעגנגעקומען זי תיכף דערמאָנט אין יענעם קעלער דאָרטן... אין דער אַלטער היים... אַ באָזשע, באָזשע! ווי לאַנג איז עס ווי זיי זענעןביידע, זי מיט סטעפאַנען, געלעגן אין יענעם צמענטאַר־קעלער? די יאָרן, זינט דעמאָלט, זענען דורכגעלאָפן ווי אַ גיכער, זומערדיקער וואָלקן, וואָס איילט זיך ערגעצוווּ. דאָס אַלץ איז דאָך ערשט געשען ווי נעכטן. טאַקע נעכטן... ווען ניט ער, סטעפאַן, צי וואָלטן אירע פיס אַמאָל געקומען אַהער? דאָ, אויף דער פרעמדער הייליקער ערד, אויף דער ערד פון די יידן?... — — —

איר בויך האָט טיף איינגעזויגן אין זיך די קילקייט פון דער ליידיקער שטוב. ער האָט זיך געהויבן ווי אַ בלאָז־זאַק. די פיס האָבן זיך איר אַ וואַקל־געטאָן פון דער אָראָפּציענדיקער גופיקער שווערקייט. און באמת: ווי אויסטערליש ענלעך איז איצט די קילקייט פון די געקאַלכטע

װענט — צו יענער קעלער־קילקײט דאָרטן. אירע ברײטע נאָז־פּליגל האָבן אונטערגעציטערט, בעת די ליפּן, פולע און מעוברתדיקע, האָבן געטרונקען די װענט־קילקײט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער חדר־לײדיקײט און געװאָרט אױף סטעפּאַנען. ער האָט זיך מיט עמיצן פאַר־האַלטן אין דרױסן נעבן אויטאָ. זי האָט אים געהערט רעדן אויף זײער לשון. איצט האָט זי לחלוטין ניט דערקענט סטעפּאַנס קול. עס איז געװען מיד און געררײצט װי אַנגעשװאָלן. דורכן פאַרמאַכטן פענצטער האָט מאַריאַ דערזען עטלעכע מענטשן נעבן אויטאָ העלפן סטעפּאַנען בײים געפּעק. דאָס זענען געװען דאַרע און טונקלהויטיקע מענטשעלעך, פלינקע און נידריקע. זײ האָבן אַלע געהאַט דאַרע ײנגלשע פּנימלעך, אַרומגע־זוימטע מיט שװאַרצע, שיטערע בערדעלעך. זײ האָבן אויך געהאַט, די מענטשן, לאַנגע, געקרײזלטע פּיאות, װאָס האָבן זיך געװאָרפן אויף אַלע זײטן בעת זײ האָבן געטראָגן דאָס געפּעק פונעם אויטאָ צו דער שװעל.

מאַריאַ איז ניט אָפּגעטרעטן די גאַנצע צײט פונעם פענצטער. פּלוצעם האָט זי דערזען װי אײנער פון די אויסטערלישע ײדעלעך איז גאָר פלינק אַרױפגעשפּרונגען אויפן אויטאָ און פאַרװאָרפן דעם גרעסטן טשעמאָדאַן אויף זײנע קלײנע ײנגלשע אַקסלען. זי האָט זיך עפּעס פאַרשעמט פאַר זיך, מאַריאַ, און אַ קוק געטאָן אויף אירע הענט. די הענט זענען געװען פולע, דיקלעכע און פויעריש־פרישע, כאָטש אַ מאָטלעכע, מידע געלקײט פון שװאַנגערשאַפט האָט פאַרגאָלדיקט זײער װײסע הויט. זי װאָלט אויך געדאַרפט אַרױסגײן, העלפן אַרײנטראָגן עפּעס פון געפּעק. נאָר עפּעס האָט זי צוגעהאַלטן צום דיל. זי האָט זיך געפילט דאָ פרעמד און תמיד פאַר עפּעס געשראָקן. זײ, אין דרױסן, װאָלטן זי באַלד דערקענט. זײ װאָלטן דערזען, אַז זי איז צו זײ אַ פרעמדע... פרעמדקײט...

די דאָזיקע אויסטערלישע בליקן פון די ײדן האָבן זי דאָך באַגלײט דעם גאַנצן װעג אַהער, אַפילו דעמאָלט — אױף דער שיף... איר האָט זיך תמיד אויסגעװיזן, אַז אין זײערע בליקן ליגט די אײנאײנציקע פאַר־װוּנדערונג, װאָס זאָגט: װי קומסט דו אױף אונדזער שמחה? — זי פלעגט דעריבער גאָר אָפּט אַרומהילן איר קאָפּ מיט אַ קאָפּ־טיכל, פונװאַנען מען האָט בלױז אַרױסגעזען איר ברײט, ניט־ײדיש פּנים און די אויגן.

און אפשר, אפשר פילט זי איצט די פרעמדקייט און אַ בויערנדיקע בושה — מחמת גאָר עפּעס אַנדערש. זי האָט אַראָפּגעלאָזט אירע בליקן צום בויך און אויף אים אַרויפגעלייגט אירע ברייטע, פּויערישע הענט. זיי האָבן תיכף דערפילט אונטער זיך די גייענדיקע וואַרעמקייט פון דאָרט, ווי פון אַ יערנדיק, אויפגייענדיק ברויט. זינט עטלעכע טעג ווי איר בויך איז געוואָרן אַזוי אויסטערליש שווער. צי דאַרף זי, אין אַזאַ מעמד, זיך וויזן פאַר זיי, פאַר די פרעמדע, אויסטערלישע יידן?...

עס האָט לאַנג ניט געדויערט ווי די פרעמדע טונקל־הויטיקע, דאַרע מענטשן האָבן אַריינגעטראָגן דאָס גאַנצע געפּעק. סטעפאַן אַליין האָט מיט אַ רימען געצויגן אַ שווערן הילצערנעם קאַסטן איבערן שטיינערנעם דיל. דער אויטאָ איז אָפּגעפאָרן און דאָס מענטשן־געזעמל איז נאָך געבליבן שטיין ביי דער שוועל אין דער אָפענער טיר און זיך צוגעקוקט צו די ניי־געקומענע.

מאַריאַ איז איצט געשטאַנען אין חדר־ווינקל, אַרומגעוויקלט מיט דער קילקייט פון די פרעמדע, געקאַלכטע ווענט. זי האָט געהערט די מענטשן רעדן צווישן זיך — גיכע, אומפאַרשטענדלעכע רייד. ניין, קיין יידיש לשון איז עס ניט געווען, וואָרעם אַסך פון יידישע ווערטער זענען שוין געווען אייגן פאַר איר אויער. אַפילו שמואל האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. ער האָט זיך באַדינט מיט די הענט און מיט כלערליי תנועות, כדי זיך מיט די פרעמדע מענטשן צו פאַרשטענדיקן. דער טשעמאָדאַנען־שטויס איז דערווייל געוואַקסן נעבן די צוויי אייזערנע בעטלעך. איינער פון די פרעמדע יידעלעך איז צו צו די פענצטער און זיי ברייט אויפגע־פּראַלט. אַ וואַרעמע טאַל־לופט, אַ געווירציקע און פאַליענדיקע, האָט גענומען אַריינפליצן אין חדר. די לופט איז געשוואומען אין שאַרפע, וויגנדיקע שטראָמען אַרום מאַריאַס נאַז־פליגל. זי האָט אויף אַ רגע פאַרשלאָסן אירע אויגן. צווישן די קילע ווענט, אינעם חדר־ווינקל, ווי זי איז איצט געשטאַנען, האָט די וואַרעמע טאַל־לופט געהאַט אַ ריח פון אַלט, סמאַליעדיק גראָז, וואָס פאַסטוכער ברענען אין האַרבסט אויף די פּוילישע לאָנקעס...

אײדער מאַריאַ איז אַרויסגעגאַנגען פונעם חדר־ווינקל און געוואָלט

עפּעס אויספּאַקן צו עסן, האָט אַ דאַרע פרוי, מיט אַ ווייס קאָפּ־טיכל אַרום איר קינדעריש קעפּל, גיך אויסגעגאָסן אַן עמער וואַסער אינעם קיכל. זי האָט גענומען וואַשן דעם קאַלך־באַשפּריצטן דיל. די פרעמדע האָט געהאַט פאַרשאַרצט איר לאַנג פאַרביק קלייד כמעט ביז די היפטן און מאַריאַ האָט דערזען, אַז דער פרעמדערס פיס, דינע און טונקעלע, האָבן אויפגעלאָפּענע, דיקלעכע אָדערן פון פאַרצעליי־קאָליר. מאַריאַ איז גיך אַרויס פונעם ווינקל, צוגעלאָפן צו דער פרעמדער און געוואָלט שטומערהייט אַרויסנעמען פון אירע הענט דעם עמער.

— לאַ!... לאַ!... את — לאַ!... בטן!... — האָט די תימנערין זיך געאַמפּערט — את לאַ!... בטן!... בטן!... — און די פרעמדע טונקל־הויטיקע פרוי האָט מיט אירע דינע, מיידלשע הענטלעך אָנגעוויזן אויף מאַריאַס אויפגעהויבענעם בויך.

מאַריאַ האָט פאַרשטאַנען. די ווערטער פון דער פרעמדער, אַזעלכע ווייטע און אומפאַרשטענדלעכע, האָבן געטראָגן אין זיך עפּעס אַ פּלוצעמ־דיקע וואַרעמקייט. זי געדענקט מאַריאַ, אַז אין דער היים האָט זי אַנומלט געהאָלפן אַ קאַץ געבוירן אירע קעצעלעך. דאָס איז געווען מיט אַזויפיל יאָרן צוריק. זי האָט אין אַ קוישל, אַן אויסגעבעטס מיט היי, אַריינגעטראָגן די קאַץ אין שטאַל אַריין. איר איז געוואָרן איצט פּלוצעם ווייך און ווילגאַטנע אין די אויגן־ווינקלען. אפשר פון דער דערמאָנונג און אפשר גאָר פון דעם, וואָס ס׳געשעט אָט־אָ דאָ. זי האָט די פרעמדע איינגעבוקטע פרוי אין איר פאַרשאַרצט פאַרביק קלייד אַרומגענומען מיט אירע בליקן, וואָס האָבן געלויכטן אין שטומער, מענטשלעכער געריירטקייט. זי האָט אַזש געוואָלט וויינען, מאַריאַ. דאָס ערשטע מאָל נאָך אַזוי פיל יאָרן — וויינען פון גוטסקייט און דאַנקבאַרקייט צו דעם־אָ פרעמדן מענטשן. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן דער געבויגענער פרוי אויפן דיל און אויפגעעפנט די ליפּן. קיין שום וואָרט האָט זיך אָבער ניט געפורעמט אויף איר ברייט פּויעריש מויל. זי האָט דעריבער בלויז איר האַנט אַרויפגעלייגט אויף דער פרעמדער, ווי מען לייגט אַרויף די האַנט אויפן אַקסל פון אַ שוועסטער, זוכנדיק ביי איר טרייסט.

— לאַ!... לאַ!... בטן!... — האָט אָן אויפהער די תימנערין געוואָרפן

פון איר דין, צײַנלאָז מויל און זיך ווידער געבויגן איבערן פייכטן דיל.

בעת דאָס אַלץ איז געשען האָט דערווייל שמואל אויסגעפּאַקט דעם גרויסן שוואַרצן טשעמאָדאַן. די מענטשן, וואָס האָבן פריער געהאַלפן אַריינטראָגן דאָס געפּעק, זענען נאָך אַלץ געשטאַנען אינדרויסן, הינטערן אָפענעם פענצטער. עס איז געגאַנגען אַ שאַרפער מיטאָג־ווינט פון דרום. אויפן וועג, צווישן די ווייסע בנינים, איז ניט געלעגן דער מינדסטער שאָטן. די ערד אַרום די הייזלעך איז געווען שיטער און רויט ווי אַלטער קופּער. דער שאַרפער דרום־ווינט האָט דורשטיק געטרונקען יעטוועדע טונקלקייט און שאָטן מיט זיין הייס, גליענדיק מויל. דורכן ווייסן אָנגעגליטן חלל האָט ווי פון אַ זילבערנעם האָרן זיך פון ערגעצוו געריסן דער געשריי פון אַן אייזל, לאַנג און צעבראָכן. מאַריאַ׳ן האָט זיך אויסגעוויזן ווי זי הערט אינעם ווייטן קול דעם געדעמפטן סקריפּענדיקן שלוכץ פון אַ דאַרפברונעם, בעת ער לאָזט אַראָפּ אויף דער קייט זיין עמער אין דער טיפעניש. אַנטקעגן, איבערן שמאָלן זאַמד־וועג אויפן פעלד, זענען געשטאַנען פאַראיינצלטע גראָ־גרינלעכע קוסטעס מיט זייער ברייטע, שפּיציק־אויסגעשניטענע בלעטער. זיי האָבן איצט אַלע געלויכטן אין דער זון גרוילעך־זילבערדיק. הינטער די קוסטעס, אויפן ליידיקן פעלד־שטח, האָבן האַלב־נאַקעטע מענטשן געטראָגן ציגל צו אַ נייעם בנין. נעבן אַ קאַלכגרוב האָט זיך געבויגן אַ גלאַנציקער גוף, אָנגעשפּאַרט אויף אַ הויכן שטעקן. זיינע פאַרבויגענע שוואַרצע פּלייצעס האָבן געלויכטן אין דער זון, בעת די רוקנביינער, בולטע און אַרויסשטאַרטשענדיקע, האָבן געמיניעט אינעם ליכט ווי באַשמירטע מיט אייל. קליינע, פרעמדע פעלד־פייגל האָבן זיך פון ערגעצוו אויפגעהויבן אונטערן הימל. זיי זענען אַ רגע געבליבן שטיין פאַרגליווערטע אין חלל, גראָד איבערן הויז פון די ניי־געקומענע מענטשן. זיי האָבן פון גאָר הויך פאַרחידושטע אַראָפּגעטשיריקעט זייער פויגלשן ברוך־הבא און דערנאָך — אין אַ שאַרפן פויגלשן קרייז, זיך איינציקווייז אַראָפּגעלאָזט הינטער די ברייטע, גראָ־זילבערנע פעלד־קוסטעס.

— ווורובליעס !... ווורובליעס !... זע, ווורובליעס ! פּוילישע ווורובליעס ! —

האָט מאַריאַ ניט געקענט איינהאַלטן אין זיך דאָס געשריי ביים אָפענעם

פענצטער און נאָכגעקוקט דעם פאַרשווונדענעם פייגל־קרייז, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויפן פעלד.

סטעפאַן האָט איר גאָרניט נישט געענפערט. ער האָט דערווייל געהאַט פונאַנדערגעפּאַקט דעם שוואַרצן טשעמאָדאַן און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ פאַרפּאַקטע הויכע פלאַש מיט פוילישן שפּריט. אַ פרייַלעכער האָט ער צוגעוווּנקען צו די מענטשן הינטערן פענצטער, אַז זיי זאָלן אַרייַנגיין אין דער שטוב. סטעפאַן האָט געוואָלט זיי מיט עפּעס אָפּדאַנקען... מכבד זיין...

— לאָ... לאָ היום!... בשבת!... בשבת!...

די פלאַש מיטן פינקעלדיקן פוילישן בראָנפן איז אויך נאָך געבליבן שטיין אויפן טיש נאָכדעם ווי די מענטשן זענען זיך אינדרויסן צע־גאַנגען. אויך די תימנערין האָט פאַרענדיקט וואַשן דעם דיל און איז גיך אַרויס, שאַרכנדיק מיט איר לאַנג פאַרביק קלייד איבער אירע דאַרע, בלאָ־אָדערדיקע פיס. עס איז געוואָרן שטיל. מען האָט געהערט ווי עס רופן זיך איבער אויפן פעלד די קולות פון די ציגל־טרעגער מיטן קאַלכמישער. סטעפאַן האָט פון אין דער פרי אָן געהאַט אַ פאַרקלעמט מויל פון שטויב און היץ. ער האָט זיך אַ־יצט געוואַשן ס׳פּנים. דאָס וואַסער פונעם קראַן איז געווען ווי געקאָכט און געפלאָסן איבער זיינע פאַרמאַכטע אויגן. מאַריאַ האָט געזוכט ס׳ברויט צווישן די פאַרקנוילטע קלומעקעס. דער וועג אַהער פון די בערג האָט געדויערט פון סאַמע באַגינען. זיי האָבן די גאַנצע צייט גאָרניט געהאַט אין מויל — אַחוץ דעם וואַרעמען, צעקוועטשטן שטענגל וויינטרויבן. דאָס פּיצל מאַרגאַרין אין טשעמאָדאַן איז פון היץ צעגאַנגען אויפן וועג. ביים עפענען דאָס בלעכערנע צודעקל איז איבער מאַריאָס פינגער גערינען אַ גאָלדיקע שווערע פליסיקייט ווי פון צעגאָסן, וואַרעם ליים.

ביידע, מאַריאַ און סטעפאַן, זענען געזעסן אויף די טשעמאָדאַנעס, געשניטן קליינע ברויט־רעפטלעך פונעם צעבראָכענעם איינגעקוועטשטן ברויט און זיי געטונקען אין דער גאָלדיקער, צעשמאָלצענער פליסיקייט. כאָטש זיי האָבן פון די בערג אויך מיטגעבראַכט צוויי הילצערנע פּיר־פּיסיקע בענקעלעך און אַ קליין טישל — זענען זיי אָבער שוין חדשים

געוועז געוווּינט צו האָבן זייער מאָלצייט אויף די־אָ פלאַכע, שוואַרצע טשעמאָדאַנען. איצט, נאָך אַזויפיל חדשים — האָבן זיי לסוף אַן אייגן ווינקל... פיר אייגענע ווענט... צוויי אָפענע פענצטער אין פעלד אַריין און שטילקייט... שטילקייט... איצט איז אויך יענע קילקייט ערגעצוווּ פאַרשווּינדן. אפשר דערפאַר וואָס די פענצטער שטייען אָפענע און די לופט, אַ דורכגעהיצטע פון אַ פרעמדער, צעגליטער זון, וואַרעמט אויס יעדעס חדר־ווינקל. די דילן ליגן נאָך אָבער פייכטע פונעם וואַסער. עס איז ניט ווי אין פוילן — הילצערנע דילן. דאָ לויכט לאַנג אַרויס פונעם צעגאָסענעם וואַסער דער דיל־שטיין מיט אַ גרינלעכער באַהאַלטענער ליכטיקייט.

— מאַריאַ... — פליסטערט סטעפאַן אַזוי שטיל, אַז זי הערט קוים זיין קול. זי בויגט־איין צו אים איר קאָפּ אינעם פאַרוויקלטן טיכל, בעת אירע אויגן, גרויסע, פרעמדע און לויכטנדיקע, שווימען אים אַנטקעגן.

— האָסט עפּעס געזאָגט, ש־מ־ו־ל? — ענדערט זי פּלוצעם זיין נאָמען. איר דוכט זיך, אַז דער פרעמדער אַרויסגערעדטער נאָמען בלייבט הענגען אינעם חלל און לויכט ווי אַ פלעמל אויף אַן אָנגעצונדן אַלטאַר־ליכט.

— קענסט שוין אַראָפּציען דאָס קאָפּ־טיכל, מאַריאַ... מיר זענען אין דער היים... אין דער אייגענער שטוב... אין אַן אייגן ווינקל...

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגעגליכן. דאָס אויפהויבן זיך פון שוואַרצן נידעריקן טשעמאָדאַן איז איר אָנגעקומען זייער שווער. סטעפאַן האָט זי אָנגעקוקט פון דער זייט און געזען איר בויך ווי ער איז געוואָרן זינט עטלעכע טעג נאָך מער אָנזעעוודיקער און קיילעכ־דיקער.

— מאַריאַ...

ער האָט ניט געוווּסט וואָס איר צו זאָגן, אַרויסמורמלענדיק אין דער שטיל איר נאָמען. אַזוי פלעגט עס געשען גאָר אָפט אין רגעס פון פריי־דיקער פאַרקלעמונג און פאַרווירונג. עפּעס האָט געשטויסן איצט זיין צונג אין דער קעל מיט אַ ווייטער דערמאָנונג. ער האָט אָבער ניט

געפונען דעם מינדסטן וואָרט־זוימען צו געבן אַ פורעם זײנע מחשבות. איז זי דאָך, מאַריאַ, געווען זיין גואל... אים אויסגעלייזט פון טויט...ביים דייטש... דאָס האָט זי דאָך, מאַריאַ, אים אויסבאַהאַלטן אינעם קעלער ביי איר פעטער מיכאַלאַק, דעם שומר פון צמענטאַר... אַזוי פיל חדשים געלעגן אין יענעם צמענטאַר־קעלער, צווישן טויטן־געררוך אויף פוילנדיק שטרוי... וויפל טעג און נעכט איז זי געווען מיט אים אין יענעם קעלער... דאָס איז געווען שוין נאָכדעם ווי די מאַמע איז אַרויס־געפירט געוואָרן פון געטאָ... וואָלט ניט געשען דאָס אומגליק מיט דער מאַמען, וואָלט אויך זי, די אלמנה, איצט דאָ געזעסן צוזאַמען מיט זיי... אויף די שוואַרצע טשעמאָדאַנעס... אין דער נייער שטוב ביי די אָפענע פענצטער... צווישן יידן... געטונקען אויך דאָס ברויט אין דער צעשמאָל־צענער פליסיקייט און — און... געוואָרט אויפן אייניקל...

— וואָלסט זיך געדאַרפט אַביסל צולעגן, מאַריאַ... — איז סטעפאַן פּלוצעם אַרויס פון זיינע מחשבות ווי פון אַ גליענדיקן קרייז — ביזט אַזוי מיד... די הענט ציטערן דיר...

זי האָט אַרויפגעלייגט אירע וואַרעמע, ברייטע פינגער אויף זיין אַקסל.

— מיד ?... איך בין ניט מיד, שמוליק, איך בין ניט מיד... די קילקייט פונדאַנען האָט אַוועקגענומען אַלץ... אַלץ... געדענקסט יענע קילקייט ?

— די קילקייט פון די טויטע ?... אויפן צמענטאַר ?...

— פריער איז דאָ אויך געווען אַזאַ קילקייט, בעת איך בין אַריין אין שטוב... איצט — איז שוין גאָר, גאָר אַנדערש... אַזוי ווי עס וואָלט געלעגן גאָר נאָענט טוי... אַ קילער, פוילישער טוי...

— פוילישער טוי אין ישראל ? — מאַריאַ, מאַריאַ... — האָט סטעפאַן אין זיך אַריינגעשמייכלט, בעת אַ פייל פון אַ גרימאַס איז געבליבן הענגען צווישן זיין אונטערשטער ליפּ און קין — פוילישער טוי... מען דאַרף פאַרגעסן, מאַריאַ, יענע קילקייט... פאַרגעסן דעם טוי... אַלץ דאַרף מען דאָ פאַרגעסן, אַלץ... און אָנהייבן פונסניי... ווי אַ געבוירן עופהלע... פונ־דאָסניי...

— ווען מיר אַלע דריי אָנהייבן פונדאַסניי... שמואל...

אַ רגע האָבן בײדע געשוויגן. איבערן שטיינערנעם דיל איז געלעגן אַ צעשניטענער גראָער שאָטן. דער שאָטן־פלעק האָט זיך פּאַוואָליע גע־רוקט צו דער וואַנט מיטן דרויסנדיקן גאַנג פון דער זון קיין מערב. ער איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער איינגעקורטשעטער און שמאָלער ביז ער איז ווי איינגעטרוקנט געוואָרן צוזאַמען מיט דער קילער פייכטקייט אויפן שטיינערנעם דיל.

מאַריאַ האָט קוקנדיק אויפן דיל ניט געקענט פאַרגעסן די פּרוי מיטן פאַרביקן קלייד איבער אירע דאַרע בלוי־אָדערדיקע קניען.

— און די מענטשן, די מענטשן, וואָס זענען דאָ פריער געווען, זענען אַלע יידן?

— יאָ... אַלע יידן... אַלע...

— אַזעלכע אויסטערלישע...

— אויך מיר זענען פאַר זיי אויסטערליש... אַלץ איז אין דעם לאַנד אויסטערליש, מאַריאַ...

— רעדן זיי יידיש, די מענטשן?

— ניין, זיי רעדן ניט יידיש, זיי רעדן אַן אַנדערע שפּראַך... די אַלטע שפּראַך פון די יידן...

— זיי זעען אויס צו זיין גוטע מענטשן... אַזעלכע טונקעלע, דאַרע ווי דורכזיכטיקע...

בעת בײדע האָבן אַזוי גערעדט, זיצנדיק אויף די טשעמאָדאַנען, האָט זיך פּלוצעם געעפנט די טיר. אַ פּאַס זון־ליכט האָט זיך אַריינגע־שניטן און געלייגט אויף די שוואַרצע טשעמאָדאַנעס. דער מענטש, וואָס האָט פריער אַליין געטראָגן פון אויטאָ דעם שווערסטן פּאַק, איז גע־שטאַנען אַ פאַרוואָרפענער מיטן זון־ליכט אויף דער שוועל. ער האָט עפּעס געהאַלטן אין דער האַנט און אַ פאַרשעמטער זיך אַרומגעקוקט. באַלד האָט ער פון טאַש אַרויסגענומען אַ העמערל און צוויי קליינע נעגעלעך און זיך געשטעלט אויפן קליינעם הילצערנעם בענקעלע, נעבן דער טיר.

— יהודים אתם? כן?, ברוך השם... מזוזה!..

ער איז דערנאָך גיך אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם בענקעלע, אַ קוש געטאָן די טיר־ראַם און אַרויסגעלאָפֿן. די טיר הינטער אים האָט זיך פֿאַרקלאַפּט און דער זון־פּאַס, וואָס איז פֿריער געלעגן אויף די טשעמאָדאַנעס, איז אַרויסגעלאָפֿן צוזאַמען מיט אים.

עס איז געוואָרן גאָר שטיל אינעם חדר. די שטילקייט, וואָס קומט תמיד פֿון אַ פֿלוצעמדיק און אומגעריכט געשעעניש. דאָס אָנגעקלאַפּטע הילצערנע מזוזה־ברעטל האָט געלויכטן אַנטקעגן זיי פֿון דער טיר־ראַם מיט אַ טונקעלער, פֿרעמדער שיין ווי אַ פֿאַרשלאָסן לענגלעך אויג. ניט מאַריאַ און ניט סטעפֿאַן האָבן אין דער שטילקייט אַרויסגערעדט אַ וואָרט. זיי האָבן אויך ניט צו דער טיר אויפֿגעהויבן זייערע בליקן. גראָד ווי דאָרט, אויפֿן העלן האַלץ פֿון דער טיר־ראַם, וואָלט זיך צו זיי באַוויזן אַ מעכטיקע, שטומע האַנט, וואָס איז פֿול מיט שטראָף און אויך מיט רחמים. זייערע ביידנס בליקן זענען געבליבן רוען פֿאַרשעמטע אויפֿן נידריקן דיל־שטיין. דער גאַנצער היינטיקער טאָג, פֿון סאַמע באַגינען, איז פֿאַר זיי ביידן געווען איבערפֿולט מיט די אויסטערלישסטע געשעענישן. מתחילת: דער פּחד פֿון אַרויסגיין פֿון דאָרטן, פֿון די געצעלטן... צווישן די בערג... מען איז דאָך שוין געזעסן ווי עס איז חדשים אין די לייוונטנע, ציטערדיקע געצעלטן... סטעפֿאַן — אין דער צעמענט־פֿאַבריק און זי, מאַריאַ, מיטן צוגרייטן דאָס ביסל געקעכטס... צווישן פֿרעמדע... ס׳רוב פֿון פּוילן... כאָטש טאַקע דאָרט, צווישן די געצעלטן אין די בערג, האָט זי געהאַט דאָס ערשטע מאָל יענץ ביטער און שווער געשעעניש... פֿאַרוואָס קומט זי צו רופֿן: חזיר און גויאישער קאָפּ? און דווקא זיי — די פּוילישע... האָט זי ניט געראַטעוועט אַ יידן מחמת רחמנות און ליבשאַפֿט? טראָגט זי ניט אונטער איר האַרץ אַ יידיש קינד, אַן עופֿהלע פֿאַרן יידישן פֿאָלק? נאָך גוט וואָס ניט אַלע זענען אַזעלכע... די היינטיקע יידן — די טונקל־הויטיקע און דאַרע... זאָל זיי גאָט באַצאָלן פֿאַר זייער גוטסקייט! פֿאַרוואָס האָבן זיי דאָרט, אין די געצעלטן, תמיד פֿון איר געשפּאָט בעת זי פֿלעגט צינדן ליכט אין די לייכטער פֿון סטעפֿאַנס מאַמע? צי דאַרף אַ פֿרעמדע קיינמאָל ניט אָנצינדן ליכט צווישן יידן? און פֿאַרוואָס האָבן זיי, די פּוילישע, דאָרט אַזוי זעלטן

געצונדן ליכט ערב שבת? פאַרוואָס האָבן זיי אויפגעהערט צו זיין אַזעלכע ווי זיי זענען געווען אין פוילן? צי האָבן זיי אויפגעהערט צו זיין יידן אין זייער אייגן יידיש הייליק לאַנד? און אפשר, אפשר שטראָפט זי, מאַריאַ'ן, גאָט דערפאַר וואָס זי האָט פאַרלאָזט די פוילישע ערד און געגאַנגען אַוועק מיט שמואלן, כדי צו דינען אַ פרעמדן גאָט אויף אַ וויטער פרעמדער ערד, צווישן פרעמדע מענטשן?

די אַלע טריבע, אומקלאָרע מחשבות האָבן אָבער אין מאַריאַן געדויערט בלויז אַ רגע. זי האָט געקוקט אויף סטעפאַנען ווי ער זיצט נאָך אַ פאַרגלי־ווערטער, בעת זיינע אויגן, אַראָפּגעלאָזטע און ציטערנדיקע, הענגען אויפן האַלץ פון דער ווייסער טיר־ראָם. איר האָט זיך אַ רגע אויסגעוויזן ווי זיינע ליפּן באַוועגן זיך מיט פאַרגליווערטע און שטומע תנועות. זי האָט זיך צו אים מערער איינגעבויגן און איר האָט זיך געדוכט ווי זי הערט פון זיינע באַוועגנדיקע ליפּן אַרויסגיין אַ שוואַך פליסטערן: מאַמע... מאַמע... דאָס וואָרט איז אָבער געווען שוואַך און שאַטנדיק, גראַד ווי ביי אַ קינד, וואָס צו זיינע פאַרשלאָסענע ליפּן עס אַנטפּלעקט זיך דאָס ערשטע מאָל דאָס הייליק־סטע וואָרט אויף דער ערד.

— מאַמע... — האָט מאַריאַ אים נאָכגעפליסטערט מיט האַלב־פאַר־שלאָסענע ליפּן — מאַטקאַ שוויענטאַ... מאַמע.. מאַמע... זיי גנאַדיק צו מיר און צו מיין יידישן מאַן שמואל... מאַמע הייליקע!...

זי האָט זיך גענומען איצט גרייטן אַביסל וואַרעם געקעכטס אויפן נאַפּט־קיכל. אויפן אָפענעם פענצטער־ראָם האָבן זיך פלוצעם אַוועקגע־שטעלט צוויי גרויע וורובליעס, אַריינגעטשיריקעט מיט די וויגנדיקע קעפּלעך און באַלד אָפּגעפלויגן. בעת מאַריאַ האָט דאָס נאַפּט־קיכל אַוועק־געשטעלט נעבן דער טיר און געהאַלטן אין איין האַנט די שוועבעלעך — האָט זי פלוצעם אויפגעהויבן אירע אויגן צו דער מזוזה. זי האָט ניט פאַר־שטאַנען פאַרוואָס זענען אירע אויגן געוואָרן אָנגעקוואָלן מיט טרערן. זי האָט זיך פאַר עפּעס פאַרשעמט און ניט געוווסט וואָס צו טאָן מיט איר אויפ־געהויבענער האַנט. און אפשר האָט זי זיך פלוצעם פאַר עפּעס דערשראָקן, וואָרעם איר האַנט האָט זיך אין חלל אַ וואַקל געטאָן און אַ שוועבנדיקע אָנגערירט די טיר־ראָם ביי דער מזוזה. אירע אויסגעשטרעקטע פינגער

האָבן זיך עטלעכע מאָל באַוויזן אין דער לופט און דערנאָך אַראָפּגעגלידערט צו איר האַרץ. סטעפּאַנען האָט זיך אין דער רגע אויסגעוויזן ווי מאַריאַ וואָלט אינדערגיך געוואָרפן אַ קרייץ אינעם חלל — פון דער טיר־ראַם איבער איר ברוסט, ביז צו איר פּולן, אויפגעהויבענעם שווערן בויך.

1955

ליבט אין טאל

ער האָט זיך נאָך אַ מאָל פּאַוואָליע איינגעבויגן. די ערד איז געווען וואַרעמלעך און קלעפּיק. דאָס מאָל זענען זיינע בײדע קני אַראָפּגעזונקען טיפער אינעם ווייכן, רויטלעך־גליטשיקן זאַמד. ער האָט אויסגעזען, רפאל, נידעריקער ווי תמיד בעת זיין קאָפּ האָט זיך אַזוי מערער אַריבערגעבויגן צו די אויפגעקאָפּעטע ערד־לעכער. ער האָט קוים, קוים אויפגעהויבן די הענט איבער זיך. מיטן שווערן נאָך־בלאַנקענדיקן פּוילישן האַמער האָט ער אַריינגעקלאַפּט דעם לעצטן האָלץ־סלופּעק לעבן דער אָפּגעבראָכענער צווייג פונעם ציטרין־בוים אין די לויז־געוואָרענע פאַלדן פון דער ערד.

ער איז געבליבן אַזוי זיצן אָנגעלענט מיט די הענט אינעם קאַלטן אייזן פונעם האַמער און אַ לאַנגע רגע זיך ניט געקענט אויפשטעלן אויף די פיס.

ס'איז געווען ערשט דער צווייטער, בלאַלעך־פּאַרנעפּלטער טאָג זינט ס'האָבן אויפגעהערט צו פלייצן די שלאָקס־רעגנס. ווי לאַנג זיי זענען געפאַלן — איז שווער געווען צו וויסן, ווארעם דאָס טאָג־ליכט איז געווען בלויז דעמערונג און די אָוונט־דעמערונג האָט ניט געוויזן די מינדסטע קאָלירן־שפּיל איבער דער דאָזיקער טרויעריקער, פאַרפלייצטער טאָל־ערד. מתחילת, אַז דאָס ווילדע פלייצעניש האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מען שוין ניט געזען דעם מינדסטן מענטשלעכן שאָטן — ניט ביים זאַמדיקן הויפּטוועג און ניט ביי די ניי־אַספאַלטירטע, שמאָלע דאָרף־וועגן אַרום דעם שאָפּערן־פּירטל פון „דן". היימלאָזע, מאָגערע הינט און שווערלייביקע, טרויעריקע, מעוברתדיקע קעץ האָבן אַרויסגעקוקט פון הינטער די איינגעפאַלענע טויטע פּרדס־ביימלעך. פון אויבן, פון בערגל, האָבן אָן אויפהער געפלייצט די גאָלדיק־רויטלעכע וואַסערן און אַריינקומענדיק דאָ, אינעם נידעריקן ערד־

פלאַך, זענען שוין די רעגן־שטראָמען געווען אַשיק־גראָלעכע פון דער מיט־גערינעטער ערד. צאַרנדיק האָבן די צערייצטע שטראָמען אַרומגערינגלט די ניי־אויפגעשטעלטע בנינים, מיט אַ היציקן אימפעט פון בייזע אור־וואַסערן אונטערגעשווענקט די נידעריקע, זינקענדיקע שוועלן פון די הייזלעך ביי די נייע מענטשן אין טאָל. צווישן ערד און הימל איז אומצאָליקע טעג געשטאַנען אַן אויפגעשטעלטע רעגן־וואַנט ווי פון שטאָל. די וואַנט האָט געציטערט, זיך געלייגט אַמאָל לינקס, אַמאָל רעכטס, געפירט פון אַ הונ־געריקן, שאַרפן ים־ווינט פון מערב. דונערן פון די ערשטע פאַרנעפלטע אור־וועלטן און מעכטיקע קיינמאָל ניט געזעענע בליצן, געשיקטע פון אומצוטריטלעכע הימלען, האָבן אויסגעקריצט זייער פייערדיק־גרינלעכע קרומע שריפט איבער דער שטאָלענער רעגן־וואַנט. די ערד, אַ טונקעלע און אומגעזעענע, האָט אויפסניי אונטער דער גרינער פייער־שריפט, געציטערט אין איר געבורט און געראַנגל פונעם ערשטן מענטשן אויף איר פאַרפלייצטער, ציטערנדיקער אויבערפלאַך.

דאָס אַלץ איז געווען מיט צוויי טעג צוריק. איצט זענען די וואַסערן שוין לאַנג געהאַט אָפּגעפלאָסן מיט זייער רעשיק, איינטאָניק וואַסער־געזאַנג, אַראָפּ צו די נידעריקע, שוואַרצע וואַדיס, צו די שליימיקע וואַסער־בעקנס, צום ים, אָדער זענען אויפן וועג ביסלעכוויז איינגעשלונגען געוואָרן דורך דער אויפגעפּלאַצטער ערד. דער אַרומיקער שטח איז געשטאַנען אַזוי פיל חדשים אַ דורשטיקער און צעגליטער, אַז דער גאַנצער מבול־אָפּפלייץ איז אים געווען ווייניק. איצט איז זי געווען מיד, די ערד, פונעם אומאויפ־הערלעכן שפּעדיקן טרינקען. זי האָט געאָטעמט שטיל און פרידלעך דורך אירע אָפענע ערד־שפּאַלטן ווי מיט טויזנטער געעפנטע מיילער, וואָס האָבן צוריק אַרויסגעהויכט פון זיך בלאָלעכע, קליינע, שווימענדיקע פאַרע־נעפּעלעך. זי איז נאָך אַלץ ניט געווען געזעטיקט, די ערד, אין איר הייסער וואַסער־בענקעניש פונעם זומער, און פונקט ווי אַ מענטש, אַ ניט געשטילטער אין זיין ליבשאַפט, וואַרט אויף ס׳ניי אויף דער ברכה פון הימל, אַזוי האָט די ערד איינגעהאַלטן איר אָטעם און געגלוסט נאָך נייע פלייצנ־דיקע קושן. ס׳איז אָבער געווען צו זען, אַז דער הימל האָט אַוועקגעטראָגן זיינע קרויזיקע, דורכזיכטיקע רעגן־וואָלקנס ווייט איבער די בערג צו

מזרח. ער האָט זיי דאָרט אַראָפּגעלאָזט אין געדיכטע שוואַרצע סטאַדעס און דערנאָך איבערן האָריזאָנט איבערגעצויגן אַ פּלאַטערנדיקן, גרינלעכן שאַל, אויסגעשפּינט פון שיינעם שעפּסן־וואָל.

אין דער רגע האָט רפאל דערהערט זיין ווייבס קול:

— רפ—אל!... רפ—אל!... ווו ביסטו?

זי האָט אים איצט מער ניט געלאָזט צו לאַנג אַליין אין דרויסן. ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן איבער די געבערגלטע, גראָלעכע היגלען פלעגט זי תמיד אויסוואַקסן אַ באַאומרויקטע הינטער אים. זינט אָבער ס׳קינד האָט אויפגעהערט אַרומצוגיין אויף די פּיסלעך איז זי שוין אים נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט און קיינמאָל ניט געלאָזט אַליין.

ער האָט ווידער געהערט רופן איר קול. די נידעריקע טאָל־ערד האָט אויפגעכאַפּט דעם רוף פון זיין נאָמען און צוריקגעענטפערט מיט צע־בראָכענע ווידערקולות:

— אַ—מ־אַ־ל!... אַ—מ־אַ־ל!...

ער האָט זיך געפּרוווט אויפהויבן פון דער ערד און צוריקגעשריגן:

— כ׳בין דאָ... דאָ... דאָ... כ׳וועל ניט פאַרלוירן גיין, מרים!...

דאָס ווייב האָט אים ווידער גערופן. איר קול האָט זיך דאָסמאָל געריסן ערגעץ ווו אין חלל איבערן בערגל ווי אַ שרייענדיקער פויגל. ס׳האָט זיך קיינער ניט באַוויזן. רפאל איז געבליבן זיצן ווי פריער אַ נידערגעקניטער אויף דער ערד. ער האָט געקוקט אויף דער ערד, וואָס איז געוואָרן ווייך־ברוסטיק, אַביסל רויטלעך צעצאָרנט, מיט שוואַרצלעכע פעט־געקנוילטע גרודעס.

מרים איז איצט אָנגעקומען פון הינטערווילעכץ. ער האָט זי לחלוטין ניט געזען. אינעם קרומלעכן שאָטן, וואָס איר דאַר געשטאַלט האָט אַרויס־געוואָרפן פון זיך און וואָס האָט ביסלעכוויז געפּויזעט פאַרויס, האָט ער דערקענט, אַז זי איז נאָענט פון אים. איר שאָטן האָט זיך וואָסאַמאָל מערער דערנעענטערט, זיך געגליטשט פאָרויס צו זיין איינגעבויגענעם קאָפּ און צו זיינע ביידע פאַרזונקענע קניען. לסוף איז איר פליסנדיקער שאָטן־פלעק געבליבן שטיין גראָד ביי דער אַריינגעזעצטער ציטרין־צווייג אין דער ערד.

איר טונקעלער, ווייבלעכער שאָטן איז איצט אײנגאַנצן געלעגן אַ צעשפּריי־טער אונטער אים.

— וואָס קלאַפּסטו שוין ווידער דרענגער אין ד׳רערד, רפאל ?... ס׳אַ שאָד ס׳האַלץ... דער מבול וועט עס ווידער אַוועקטראָגן... וועסט זען... גיב נאָר אַ קוק אויפן הימל !...

— ערשטנס — איז עס ניט קיין דראַנג, נאָר אַ צווייג... — האָט רפאל אַריינגערעדט אינעם צעשפּרייטן טונקעלן שאָטן אונטער זיך — אַ צווייג... אַ פרישע צווייג, מרים...

— און וואָס אַז אַ צווייג ? וועט עס דער מבול ניט אָפּשווענקען ? פונוואַנען ביסטו עס אַזוי זיכער ? זע, כמאַרעס גייען פון די בערג...

רפאל האָט אַ רגע אין זיך געשוויגן, ניט אויפהויבנדיק די אויגן פון דער ערד. איבער זיין פנים, וואָס איז געווען יינגליש־דאַר און דורכ־זיכטיק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ צעפלאַמטער, וואַרעמער שמייכל. דאָס איז געווען אַ דעמערונג־פלעק פון דער אונטערגייענדיקער זון אין ים.

— יענע וואָלקנס, די־אָ.... ? — האָט ער אויפגעהויבן די רעכטע האַנט פונעם פאַרזונקענעם האַמער און זי אויסגעצויגן צו מזרח — יענע וואָלקנס ?.... זיי גייען אַוועק פון אונדז, מרים... דאָס זענען די לעצטע וואָלקנס... זיי וועלן שוין ניט אַהערקומען.

ס׳איז געוואָרן זייער שטיל אין דער דעמערונג. איר שאָטן האָט זיך פּלוצעם אַ פאַרקירעוועט געטאָן אויף צוריק און מרים איז געבליבן שטיין גראָד אַנטקעגן אים.

— אין דעם־אָ קלים קען מען אַסך וויסן... אַ פאַרדרייטע וועלט...

— האָט זיך איר ווייכער שאָטן ווידער איינגעבראָכן און געקלעטערט איבער דער צווייג — אָט שטייט די זון אין הימל — און אָט פאַלט אַ מבול... ס׳איז ניט פוילן, רפאל... ס׳איז ניט פוילן...

— נו, מילא, וועלן מיר אַריינזעצן אַ נייע צווייג...

— ביי דיר איז אַלץ רעכט, אַבי צו טאָפּטשען אין דער ערד.. אין דער ניט גוטער, בייזער ערד...

— הער אויף, מרים.... גענוג.... וואָלסט זיך געשעמט... וואָס איז די ערד שולדיק ?

— שוין? באַלײדיקט דײַן הײליקע ערד? קוק זי נאָר אָן: רויט איז דאָס ווי בלוט... ווײַל זי זאָל זיך ניט אָנזשלאָקן — איז זי אַלץ ווי אַ שטיין... מיר וועלן דאָ אויסגיין, רפאל... ס'איז סדום... ס'איז ניט אונדזער ערד, רפאל... ניט אונדזער ערד...

— זי וועט ווערן גוט, די ערד... זי איז שוין גוט, קוק!...

רפאל האָט זיך אויפגעשטעלט, אָפּגעשאָקלט פון בײדע קני די צו־געקלעפּטע קופּקעלעך ערד־גרודעס און זיך נאָך אַמאָל אײַנגעבויגן. ער האָט מיט בײדע צעשפּרײטע האַנטפלאַכן צונויפגעשאַרט פולע ערד־בערג־לעך און זײ איצטער געהאַלטן גראַד אַנטקעגן איר אײַנגעבויגן פּנים. דערנאָך האָט ער די ערד צוגעטראָגן אַזוי נאָענט אויך צו זײַן פּנים ווי ער וואָלט פון איר אײַנגעאָטעמט איר פאַרבאָרגענעם ערדישן ריח. פּאַוואָליע האָט ער דערנאָך אַדורכגעלאָזן דאָס זאַמד דורך די פינגער. די ערד איז געפאַלן אין דער שטילקײט פון דער בלאָלעכער אָוונט־דעמערונג מיט אַ ווײכן ציטערדיקן שאָרך, ווי דאָס געפּליסטער פון אַ ווינט, וואָס גײט דורך טרוקענע, שיטערע בלעטער.

— זי איז גוט, די ערד... זי איז גוט... זי וועט זײַן בעסער, בעסער ווי די פּוילישע... זע ווי פּעט זי איז... זי שמעקט... זי שמעקט...

בײדע זענען געשטאַנען פאַרשוויגענע, זיך אײַנגעקוקט אין זײַנע צעשפּרײטע האַנט־פלאַכן מיט די רעשטלעך אַראָפּפאַלנדיקער ערד. דאָס ווײַב איז געשטאַנען אַריבערגעוואָרפן איבער איר האַלדז אַ וואָלענעם שאַל. אירע צעפלאָטערטע האָר, יונגע, ברוינלעכע קרויזן, האָבן איצט געהאַט אַ דינעם אָפּגלאַנץ פונעם ערשטן דעמערונג־פײַער, וואָס ס'וואַרפט אַהער אויף דער ערד די אונטערגײענדיקע זון. איר פּנים איז געווען אײַנגעפאַלן און בלײך. די ליפּן, דינע און פאַרשלאָסענע, האָבן באַהאַלטן אין זײער שווײַגן אַ שטומען ווײַבלעכן טרויער. אויף איר הויכן שטערן זענען געזעסן אין פאַרבויגענע זיגזאַגן אײַנגעאַקערטע, געפאַלדעוועטע זאַרג־קנײטשן ווי קלײנע צעשניטענע, פאַרגליווערטע בליצן.

זײ האָבן זיך בײדע אָנגענומען פאַר די הענט בעת דאָס זאַמד איז פון זײַנע פויסטן ביסלעכווײַז אַראָפּגעפאַלן צו זײערע פיס. זײ זענען געגאַנגען שווײַגנדיקע מיטן שמאָלן וועג צום שטיבל צו. די ערד איז דאָ געווען

שוואַרצלעך און געגלאַנצט ווי אַ באַגאָסענע מיט נאַפט. רפאל האָט זיך בלוצעם אָפּגעשטעלט און אַרויסגעלאָזט די האַנט פון מרימס אָרעם.

— וואָס מאַכט ס'קינד ?...

— ס'ברענט אינגאַנצן... קוים וואָס ס'אָטעמט... מען וואָלט געדאַרפט...

ער האָט געוווסט, רפאל, אַז ס'וועט זיך באַלד אָנהייבן: איר געוויין, די ביטערע פאַרווורפן און דערמאָנונגען, וואָס ברענגען בלויז ווייטיק. אויף רופן אַ דאָקטאָר — איז ניט געווען פאַר וואָס. באַרגן — ניטאָ ביי וועמען. ס'איז ניט לאַנג ווי זיי זענען דאָ אַהער אינעם טאָל, באַוווינט ס'הייזל, נאָכדעם ווי זיי זענען אַרויס פון יענעם גיהנום — פון די לייוונטענע געצעלטן. זיי זענען דאָ אַריין מיט די לעצטע געבליבענע גראָשנס. די פאָר יידן, וואָס וווינען אין די פאַדערשטע הייזלעך, גייען אַרום מיט אָנגעברוגזטע ,פרעמדע פנימער. ער אַליין, רפאל, האָט אַלץ אָפּגעלייגט מיט זוכן אַרבעט ביז איבער די רעגנס. האָט זיך עס אַזוי געצויגן לאַנגע, לאַנגע וואָכן. געדענקט ער דאָך פון פריער, אומעטום דאָס זעלביקע: אָ, אָ, אָ, אין די הויכע פערציקער...? און קיין נאָדל און פאָדעם, זעט ער, דאַרף מען ניט אַזוי שטאַרק דאָ... אַ בריענדיקע בושה פאַרגיסט אים תמיד דאָס פנים ביי די־אָ מחשבות. און איצט — ערשט צוויי טעג ווי די זון שיינט. אפשר איצט אַז ס'האָט זיך אויסגעלייטערט... די וואָלקנס זענען אַוועק... די זון וועט שוין ניט אַראָפּ פון הימל... די זון... די זון... ער וועט נאָך אָפּוואַרטן אַ טאָג, צוויי... דערנאָך וועט מרים צופאָרן צום פעטער אין שטאָט אַריין... מען קאָן דאָך אַזוי ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט... ביז זיי וועלן אַלע דריי אויסגיין... וועט ניט שרהלע: ווער וויס ?... פאַר עופהלעך איז שוין גאָרניט דאָ אַ גן עדן... ס'וואָלט אפשר בעסער געווען צו בלייבן דאָרט, אין די געצעלטן, ביז ס'קינד וואָלט אונטערגעוואַקסן... אַ דאָקטאָר וואָלט דאָך זיכער געווען.. און ניט געלאָפן אין דאָזיקן העק הינטערן פינצטערן וואַדי... ס'שטייען טאַקע אַ פאָר נייע הייזלעך. אָבער די מענטשן ? זאָל גאָט זיך מרחם זיין... סדום... פאַרלוירן דעם צלם אלוקים... וואָלסט געמיינט — גאָרניט קיין יידן. פרעמדע. און דווקא: פוילישע, רומעניש... און אין מיטן דרינען — יענער בולגאַר, דער קאָלאָנעל איסאַק סעמיאָנאָוויטש דזשעדאַ... און די טאָכטער סאָפיע...

— גיי אין שטוב אַריין, די זופּ ווערט קאַלט... — האָט זיך מרים פּלוצעם פון אים אָפּגעריסן און געלאָזט אים שטיין אינמיטן וועג — כ׳וועל דערווייל צולויפן אָפּרייסן אַ פּאָר מאַראַנצן... אַ פּאָר ציטרינעץ... פּאַרן קינד... גיב אַכטונג אויפן נאָפּט־קיכל !...

ער איז איצט געבליבן שטיין אַליין אינמיטן פונעם שמאָלן אויס־געטראָטענעם ערד־פּאַס און איר אַ לאַנגע רגע נאָכגעקוקט. זי פלעגט לעצטנס, בעת דער מבול האָט זיך נאָר אויף אַ רגע געשטעלט, זייער אָפט אַרויסלויפן, כדי אָפּצורייסן מאַראַנצן און ציטרינעץ. ס׳האָט געהייסן כלומרשט: פאַרן קינד. אין דער אמתן איז דאָס דורך אומצאָליקע טעג געווען די איינציקע דערנערונג זייערע אין דאָזיקן אָפּגעלעגענעם ווינקל הינטערן בערגל לעבן טויטן, צעריסענעם פּרדס.

זי איז געלאָפן פאַרויס מיטן פאַרוואָרפענעם שאַל איבערן רוקן, בעת אירע שיינע, פולע פיס האָבן זיך קוים אַרויסגעריסן פון דער נאָך צעווייקטער ערד. ער האָט איר נאָכגעקוקט און אַ קוים־דערשפּירטער ווייטיק האָט זיך געזעצט אין זיין האַרץ ווי אַ בייזע צעפּלאָטערטע פלעדערמויז. די הענט זענען אים פּלוצעם געוואָרן זייער שווער און געצויגן צו דער ערד. אויף זייער הויט האָבן נאָך געקלעפּט די פייכטלעכע ערד־גרודעס. זיי האָבן אים איצט געבריט מיט אַ פייער פון צעגליטן שרויט. ער האָט זי איצט געזען אַרויסלויפן פונעם טאָל צום בערגל, לעבן די ציטרין־ביימלעך און איז דאָרט פאַרשווונדן צווישן די איינגעפּאַלענע ביימלעך פונעם פאַרלאָזטן מאַראַנצן־סאַד. דער שאַל איבער איר אַקסל האָט דאָס לעצטע מאָל נאָך אַ פלאַטער געטאָן אין דער הייך. דערנאָך איז ער גיך פאַרשוווּנדן און זיך אויסגעלאָשן ווי אַ דינער שטרייף פון אַן אָוועקשווימענדיקן שיינעם אָוונט־וואָלקן.

*

ס׳איז געווען טאַקע אַזוי ווי רפאל האָט געזאָגט.

צומאָרגנס זייער פרי, נאָך אין דער טיפער טאָל־פינצטערניש פון דער אדר־נאַכט, האָבן שוין די הענער פון די אומצאָליקע, שיין־געבויטע עופות־

שטייגן ביי די דן־הייזלעך אויפן בערגל אָנגעהויבן זייער פריידיקע זון־באַגריסונג צום נייעם אויפוואַכנדיקן טאָג. זיי האָבן מחנותוויז געשניטן די נאַכט־פינצטערניש מיט לאַנג־צעצויגענע, שאַרפע פידל־סמיטשיקס, מיט קורצאָטעמדיקע, געדעמפטע פּוזאַנען, אָדער געצויגן ווייך און טרויעריק זייערע הענערישע זון־הימנען ווי דורך געבויגענע פייפיאָלעס און פלייטן ביים באַגלייט פון אַ הילכיק פליגל־פּאַטשעריי ווי דאָס שלאָגן אין טאַצן. ווייט איבערן בערגל, שוין אויף דער צווייטער זייט פונעם וואָדי, האָבן זיך פון דאָרט איבערגערופן עופות און איבערגעוועקטע הינט, טיילמאָל איבער־געשניטן מיט סאָלאָ־קולות פון יונגע, אומרויקע אייזלען. דער תפילה־קאָנצערט ערב דעם טאָג־אויפשפּראָץ האָט אויך אויפגעוועקט די שוואַרצע זינגענדיקע גרילן, וואָס זענען געזעסן אין די ווענט־שפּאַלטן און אין אַלטע, פאַרוואָרפענע צווייגן. צוזאַמען מיט די עופות האָבן זיי געצויגן זייער דין, זילבערן מאַרגן־צוויטשערן. אין פינצטערן נידעריקן טאָל האָט זיך ביס־לעכוויז איינגעשטילט דאָס לעצטע נאַכט־געוויין פון די שאַקאַלן. אַ וואַרע־מער, יונגער מזרח־ווינט, וואָס האָט געהאַט אַ זיסלעכן טעם פון איבער־געברענטע, טרוקענע דאָרן־גרעזער, האָט איינציקוויז געלאָשן דעם גרויסן שטערן־וואָגן. די לבנה, אַ פאַרבלאַסטע און געשפּאָלטענע ווי פאַרשנייטער ווייסער מירמלשטיין, איז אָפּגעשווומען אין די טיפקייטן פונעם נאַכט־הימל. און כאָטש ס׳איז נאָך געווען פינצטערלעך איז שוין אויבן, אין די ווייטע, ראָזלעכע באַרג־פּאַלדן, געלעגן דער נצחונדיקער זון־אויפשפּראָץ, אַ צע־גליטער, אַ הייסער ווי אַ צעגאָסענער פייער־טייך אינעם ערשטן געבוירענעם אור־ליכט.

רפאל איז די גאַנצע נאַכט ניט אָפּגעטראָטן פונעם פענצטערל, אַפילו נאָכדעם ווי ס׳קינד איז איינגעשלאָפן. שרהלע האָט אַ גאַנצע נאַכט געברענט אין הויכער היץ. איצטער ליגט זי אַרומגענומען מיטן אָפּגעדעקטן אָרעם פון זיין שלאָפנדיק ווייב. איר אָרעם איז ראָזלעך פונעם פלאַמענדיקן נאַפט־קנויטל אויף דער וואַנט. אַ טרויעריקע, וואַרעמע ראָזלעכקייט. ער וועט באַלד דאַרפן אויסלעשן דאָס נאַפט־לעמפּל. אָט־אָט און ס׳וועט זיך אַוועקשטעלן אין טאָל אַ פול־זוניקער טאָג, און צוזאַמען מיטן נאַפט־פלעמל וועט זיך אויסלעשן די ראָזלעכע וואַרעמקייט פון מרימס אָרעם. די

האַנט וועט דעמאָלט ליגן אַ ווייסלעכע, אָן אָפּגעשטאָרבענע .אַ שאָד וואָס דער איינגעלאָשענער פלאַם וועט אויך מיט־אויסלעשן דעם שיינעם ראָזעווען פלעק פון איר אָפּגעדעקטן אָרעם.

ווי נאָר ער האָט שפּעטער אויסגעלאָשן דאָס נאַפט־לעמפּל און זיך ווידער אַוועקגעשטעלט לעבן פענצטער — האָט ער פּלוצעם דערזען עמעצן אַרויסגיין פון הינטערן בערגל. ס׳איז שוין געוואָרן אין צווישן גוט ליכטיק, כאָטש די זון האָט מען נאָך לחלוטין ניט געזען. קליינע, גראָע פייגל מיט צעשפּרייטע, ציטערנדיקע פליגל זענען געהאָנגען אויף איין אָרט אין ראָזלעכן חלל איבערן טאָל. לעבן וואַסער־טורעם האָט זיך אין אַ האַלבן בויגן געהויבן אַ שורה פלאַטערנדיקע טויבן. די געשטאַלט, וואָס איז אַרויס פון הינטערן בערגל, האָט זיך איצט אַראָפּגעלאָזט אינעם טאָל אַראָפּ. ווער קען עס איצט קומען אַזוי פרי? דאָס איז געווען אַ מאַנספּאַרשוין, אַרומגעהילט מיט אַ שוואַרצער, פאַכנדיקער פּעלערין. זיין צעפלאַטערטער שאָטן האָט זיך געצויגן פאָרויס און ער האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקער אַהערשוויימענדיקער אָדלער. דער מענטש איז געקומען פון דער זייט פון די שאַנכייער, וואָס וווינען אויף דער צווייטער זייט פונעם וואַדי, אין די נידעריקע בנינים מיט די פאַרבויגענע שנאָבל־שפּיציקע דעכער. די געשטאַלט איז צוגעקומען שוין גאָר נאָענט אַזוי, אַז רפאל האָט אים באַלד דערקענט: דאָס איז ניט געווען קיין אַנדערער ווי דער ריזיקער גוף פונעם בולגאַר, דעם קאָלאָנעל איסאַק סעמיאָנאָוויטש דזשעדאַ.

ס׳איז געווען אויסטערליש: אין דעם דאָזיקן העק פון אָפּגעשטאָרבענע פּרדסים און פאַרלאָזטע ציטרין־וועלדלעך, אינעם טאָל הינטערן שוואַרצן וואַדי, האָט קיינער פון די אַרומיקע יידן זיך ניט דערנענטערט צום נייגעקומענעם פון די געצעלטן — ווי דווקא דער אַמאָליקער קאָמענדאַנט פון קיניג באָריס לייב־גוואַרדיע, דער קאָלאָנעל איסאַק סעמיאָנאָוויטש דזשעדאַ.

דאָס איז געווען אַ גאָר הויכער ציפּרעסן־אויסגעשטרעקטער מאַן מיט אַ ריזיקן אויפגעהויבענעם קאָפּ־שיידל, וואָס איז געווען איבערגעוואָרפן מיט דינע, שטאַרק גראָלעכע האָר־פּאַסמעס ווי איבערגעריסענע, איינגעקורטשעטע פידל־סטרונעס. די האָר האָבן געהאַט אַ טרויעריקן אָפּשיין פון

מאַט זילבער, בעת זיינע אויגן — קליינע, בלאָלעכע און פריילעכע ווי ביי אַ קינד, האָבן דערשראָקענע און פאַרחידושטע געקוקט אַרום. ער האָט געהאַט לאַנגע הענט און גאָר הויכע פיס פון אַ געניטן רייטער. פון זיינע פיס ביז צו די קנעכלעך פלעגן קיינמאָל ניט אַראָפּגיין די גלאַנציקע, געשנירטע רייט־שטיוול. זיי, די שטיוול, האָבן אים דערמאָנט אין זיין פאַרגאַנגענער, רוישיקער וועלט פון אַמאָל. פול מיט קיניגלעכער ווירדע האָט ער געטראָגן אַ ליכט־פאַרשניטן בערדל, וואָס האָט געהאַט אין די עקן אַסך שטאַרק־בלייכע טויטע פלעקן פון זקנה. הינטער די קלאַפּעס פון זיין בלאָען קאָלאָנעל־רעקל האָט ער געטראָגן פאַרבאָרגענערהייט אַסך צוגע־שפילעטע, שיין־קאָליריקע קרייצן, אויסצייכענונגען און כלערליי שפּילקע־קעפּלעך, וואָס האָבן געהערט צו זיין אָפּגעשטאָרבענער וועלט. איינעם אַליין פלעגט מען אים אָפט זען גיין אין די גאָר פריע מאָרגן־שעהן, אָדער ביים זון־פאַרגאַנג, איבערן פעלד מיט די ווילדע סאָברע־קשאַקעס, וואָס האָבן זיך געצויגן אַראָפּ־צו מיטן טאָל ביז צום וואַדי. ער איז דעמאָלט געגאַנגען דורך די שמאָלע סטעזשקעלעך מיט קליינע, געמאָסטענע טריט, מיט פאַכנ־דיקע הענט און ס'האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט דאָ, אויפן פעלד פון די ווילדע שאָטנהאַפטיק־געפורעמטע קוסטעס און זילבערנע, שלאַנקע דאָרן־געוויקסן, אָפּגענומען אַ פּאַראַד־מאַרש פון אומצאָליקע, מאַרשירנדיקע אַרמייען.

ער איז איצט געבליבן שטיין ביים אָפענעם פענצטער און זיך באַגריסט מיט רפאלן.

— זדראַסטוויטיע, ראַפאַל אַבראַמאָוויטש! שאַלאָם... דאָברע אוטראָ...

רפאל האָט אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ דורכן פענצטער און אים אָפּגעענטפערט.

— שלום, גאָספּאָדין איסאַק סעמיאָנאָוויטש... זדראַסטוויטיע... וואָס עפּעס אַזוי פרי? די שטערן שטייען נאָך אין הימל...

דער ריזיקער גוף פון קאָלאָנעל האָט זיך אויסגעבויגן אין אַ זייט.

— אַ געוווינהייט אַזאַ פון אַמאָל, פון אַמאָל... אויפצושטיין מיט די הינער צוגלייך, ראַפאַל אַבראַמאָוויטש...

און נאָך אַ רגע:

— א... וואָס רעביאָנאָק, *? ראַפּאַל אַבראַמאָוויטש, האָ?

ערשט איצט האָט זיך רפאל געכאַפּט: דאָס האָט זי דאָך, זיין טאָכטער די גרושה, די קראַנקנשוועסטער סאָפיע, געמאַכט דעם קינד די ערשטע איינשפּריצונג קעגן פּאַראַליזש... לחלוטין אָן אַ גראַשן... געקומען אין אַזאַ גאָס רעגן... ער האָט זיך דעמאָלט געזאָגט אין האַרצן: פונעם ערשטן פאַרדינסט וועט ער איר מיט דאַנק אָפּטראָגן... מיט אַסך דאַנקבאַרקייט... ער האָט זיך אַפילו איינגעחזרט: יאַ אָטשען... אָטשען... אָטשען... דאַראָגאַיאַ סאָפיאַ... נעמט נישט פאַראיבל... איר ווייסט — די רעגנס... געוועזן אַזאַ מבול... מיר זענען דאָ נאָך פרעמדע...

דערווייל זאָגט ער מיט אַראָפּגעלאָזטע ציטערנדיקע אויגן־ווימפּערן:

— אַ דאַנק, איסאַק סעמיאָנאָוויטש, אַ דאַנק... ס׳ווערט, דוכט זיך, בעסער... כאָטש גאָר הויכע היץ... זי פיבערט די גאַנצע צייט, די קליינע...

— בעדנאַיאַ לאַסטאָטשקאַ... **

דער קאָלאָנעל איסאַק סעמיאָנאָוויטש דזשעדאַ האָט זיך אויסגעגליכן, בעת די קרייצן האָבן אַ מורמל געטאָן טרויעריק און דין־זילבערדיק אונטער די ברייטע לאַצן פונעם בלאָלעכן רעקל און באַלד אַנטשוויגן געוואָרן.

ער איז צוגעקומען גאָר נאָענט צום פענצטער, אַרויפגעלייגטביידע הענט אויפן פייכטלעכן בלעכערנעם ראַם.

— רפאל אַבראַמאָוויטש... מע זאָגט, אַז זיי דאַרפן היינט, מאָרגן געבן ליכט אין טאָל... אין אַלע הייזלעך... עלעקטריש ליכט...

— אָ!... אָ!... — האָט רפאל אויסגעשריגן און נישט געוווּסט וואָס אַזוינס צו טאָן מיט זיינע ביידע פּלוצעם־אויסגעשפּרייטע הענט.

דער קאָלאָנעל האָט זיך דערווייל אָפּגעווענדט פונעם פענצטער, זיך דערנענטערט צום פּרוזדור פונעם הייזל און אַליין זיך דאָרט אויפגעמאַכט די טיר. בעת רפאל איז צו אים אַריין פון חדרל איז דער קאָלאָנעל דאָרט שוין געזעסן אויף אַ בענקל. ער האָט שטיל געזאָגט, אַז פאַרנאַכט־צו, אָדער אפשר נאָך פריער, וועט די טאָכטער אַריינפאַלן אויף ס׳ניי... מיט אַן

* וואָס מאַכט אייער קליינטשיקע?
** אָן אָרעם שוועלבעלע.

איינשפּריצונג... דערווייל זענען גוט אַט די־אָ פּילן, צעלאָזט אין אַביסל זיסן טיי... יעדע דריי שעה אַ האַלבע פּיל... נאָר ניט מאַכן צו זיס די טיי, ראַפאַל אַבראַמאָוויטש... ניט צו זיס... ראַפאַל הערט?...

רפאל האָט טאַקע איצט שוואַך געהערט, וואָרעם אין דער רגע האָט זיך דער קאַלאַנעל איסאַק סעמיאָנאָוויטש אויפגעשטעלט און זיך עפּעס געפּאָרעט אין דער פּרוזדור־פינצטערניש לעבן דער נידעריקער באַנק.

— מיין סאָפּיע... איזווינטיע... האָט איך דאָס... אַ קלייניקייט... נו... נו... ניט געעקשנט זיך, ראַפאַל אַבראַמאָוויטש... ניט געעקשנט זיך... איר וועט אָנהייבן גיין אין שטאָט אַריין... ס׳זענען דאָך געווען די רעגנס... ווער ווייסט עס נישט? גוט... גוט... גוט... פאַרגעסט ניט: יעדע דריי שעה — אַ האַלבע פּיל... יעדע דריי שעה... שאַלאָם, ראַפאַל אַבראַמאָוויטש... שאַלאָם...

דער ברייטער צעפּלאַטערטער קאַלאַנעל־שאָטן איז שוין געווען ווייט אינעם טאָל בעת רפאל איז נאָך געשטאַנען אינעם פינצטערן פּרוזדורל און זיך ניט גערירט פון אָרט. אין האַלדז איז אים אַרומגעשווומען אַ הייסער קנופּ פון עפּעס גליטשיקס. ער האָט קוים־קוים געעטעמט. דערווייל האָט דאָס פּרייע שמועסן פון די צוויי מאַנצבילן אין פּרוזדורל אויפגעוועקט מרימען. זי איז איצט געשטאַנען מיט אירע אַנטבלויזטע אָרעמס הינטער אים. ער האָט זיך ניט אומגעדרייט, רפאל, און געפילט הינטער זיך איר וואַרעמען, ווייבלעכן שאָטן. אויף דער נידעריקער באַנק אינעם פּרוזדורל האָבן זיך געבלייכט צוויי קליינע פאַרבונדענע זעקעלעך, וואָס דער קאַלאַנעל האָט נאָך זיך איבערגעלאָזן. מרים האָט זיי פאַוואָליע געעפנט. אין איינעם האָט אַ לויכט געטאָן ווייסלעכער צוקער־שטויב און אין צווייטן — אַ שיטערער, בלענדנדיקער הירזש. פון ביידע געעפנטע זעקעלעך איז אין פינצטערן פּרוזדורל אויפגעגאַנגען אַ פאַרשעמטע העלע ליכטיקייט. זי האָט זיי ביידע צוריק פאַרבונדן און שוויגנדיקערהייט אַרויפגעלייגט אירע הענט איבער רפאלס אומגעווענדטע אַקסלען. זיי האָבן אַ ציטער געטאָן. ער האָט געוואָלט זיך אומדרייען, עפּעס זאָגן און ניט געקענט. דער הייסער קנופּ אינעם האַלדז האָט אים ניט געלאָזט. ער האָט געפילט אויף זיין אַקסל אירע פינגער, וואָס זענען געווען קאַלטע און מיטגעציטערט.

אין דער רגע האָט זיך פון די קעגנאיבערדיקע בערג אויפגעהויבן אַ שטאַרק־ווייסלעכע זון־קויל. איר צעגליטע, צעפּיצלטע ליכטיקייט איז מיט זוניקן נצחון רחבותדיק אַריינגעשווומען אין דער אָפּטרעטנדיקער פרימאָרגן־דעמערונג פון טאָל.

*

דעם זעלביקן טאָג, אין די פאַרמיטאָג־שעהן, נאָכן באַזוך פונעם קאָלאָנעל איסאַק סעמיאָנאָוויטש דזשעדאָ, האָט מרים זיך אַראָפּגעלאָזט מיטן ברייטן זאַמדיקן וועג, כדי מיטן ערשטן בעסטן אויטאָ אָנצוקומען אין שטאָט אַריין צום פעטער. זי איז דאָרט געווען לאַנגע שעהן. ערשט קעגן אָונט־דעמערונג האָט זי זיך אומגעקערט מיטן זעלביקן וועג, וואָס האָט זי איצט אַראָפּגעפירט צו די נידעריקע שטחים מיט די אויפגעשטעלטע בנינים פאַר די נייע מענטשן.

ס'איז שוין געווען פולער, וואַרעמער אָונט. די שטערן זענען געהאָנגען גאָר נאָענט ווי קליינע רונדיקע לבנות. זיי האָבן געוואָרפן איבערן טאָל אַ ציטערדיק־זילבערן ליכט פון די ערשטע אויפגעטויכטע אור־נעכט אויבן אין די שוואַרצע הימל־מדבריות. טייל שטערן זענען געווען שאַרף־גרינלעך ווי גלאַנציקע לאַק־בלעטער, בעת אַנדערע האָבן פון זיך געוואָרפן אַ פייער־אָפּשיין אין זייער אומאויפהערלעכן קרייזן. הינטער דעם גרויסן שטערן־וואָגן האָט זיך געצויגן אַ דינער, צעשטויבטער מילכוועג, וואָס איז אַראָפּ־געפאַלן ווי אַ געבויגענער אָרעם ביז אין מערב־זייט פון וואַדי. פון די נידעריקע וואַסער־זומפּן אויפן פעלד, וואָס האָבן נאָך ניט אין גאַנצן אויס־געטרוקנט, זענען געגאַנגען צו די אויסגעשטערנטע הימלען און צום מילכוועג כוואַליעס פון אַ ריטמיש, בייז גערויש פון אומרויקע, שוואַרצע נאַכט־פרעש. דער ווינט, וואָס איז געגאַנגען פון ים, האָט געבויגן די אויבערשטע, דינע קעפּ פון די צעצווייגטע דאָרן־געוויקסן. יונגע שאַקאַלן, וואָס האָבן זייערע ערד־נאָרעס לעבן טויטן מאַראַנצן־סאַד, האָבן זיך געלאָזן אויף נאַכט־רויב מיט אַ געוואַי פון וויינענדיקע קינדער.

כדי אָנצוקומען צום וועג, וואָס האָט געפירט צום טאָל, האָט זי געמוזט

אַדורכשניידן מתחילת דעם גוט־געפּלאַסטערטן שאָסיי פונעם שאָפּערן־פּירטל
— די דן־קאָלאָניע. די בנינים זענען אַלע דאָ געשטאַנען שטאַרק־באַלויכ־
טענע פון אינעווייניק מיט אַ שאַרף־שניידנדיק ליכט. יעדן אָוונט פלייצט פון
זיי דער דאָזיקער שרייענדיקער ליכט־ים אַראָפּ ביז אין די ווייטסטע ווינ־
קעלעד פון טאָל. דאָס זענען געווען בנינים געבויט פון גוטן ירושלימער
באַרג־שטיין און אַרומגעצוימט מיט נידעריקע קונציק־געפורעמטע אייזערנע
צוימען. הינטער די דאָזיקע שטאַכעטן האָבן סטעזשקעס, אויסגעגלעט מיט
דראָבנעם קיזל־שטיין אָדער אויסגעלייגט מיט פאַרביקע, פינקלענדיקע
קוואַדראַט־שטיינער, געפירט צו קליינע, געדרייטע באַלקאָנדלעך. הענגענ־
דיקע לאַמטערן־לאָמפּן, לאַמפּיאָנען און שלאַנקע קרישטאָל־ליכט פון פאַר־
שידענער גרויס און פורעמס האָבן באַלויכטן די שמאָלע נישן און ווינקלען.
אַרום די פאָדערשטע גאַניקלעך הייבן זיך ברוין־הילצערנע ווערענדעס און
סלופּעס פון רויטלעכן קאַרשן־קאָליר, אָנגעגרייט פאַר דער אויסשפּרייטונג
פון די ווילדע וויין־בלעטער. שווערע, טראָפּישע פלאַנצן און הויכע קאָלירי־
קע בלומען, וואָס זענען דאָ געוואַקסן אין פולער מזרח־שפע, האָבן אָפּגע־
היטן די אינעווייניקסטע חדרים פון דער זון און ניט אַדורכגעלאָזט אין
זיי איר מינדסטן זון־בליאַסק. די פענצטער, קרומלעכע און סודותדיקע ווי
אין קלויסטערס, זענען געווען געשיצט פון אייזערנע אָדער שטאָלענע
פאַרצוימונגען אין כלערליי אָרנאַמענטן. די אַלע בנינים זענען געשטאַנען
אויף הויכן, טרוקענעם באָדן, אַזוי אַז די וואַסערן פון די שלאַגס־רעגנס
האָבן זיך דאָ קיינמאָל ניט אויפגעהאַלטן. זיי זענען געשוואומען אַראָפּ,
אַראָפּ מיט רוגזה צום טאָל, צו די נידעריקע ערד־שטחים, ווו ס׳זענען
געשטאַנען די גיך־אויפגעשטעלטע הייזלעך פאַר די ניי־געקומענע מענטשן.
אַ טייל פון די דן־בנינים זענען געשטאַנען אויף הויכע, שטאַרקע, שאַרף־
קאַנטיקע סלופּעס, וואָס האָבן מיט זייערע שלאַנקע בעטאָן־ און גראַניט־פיס
זיך געקלאַמערט אין דער ערד. הינטער יעטוועדן בנין האָט זיך געראָיעט
מיט שטענדיקן עופות־געפילדער. דאָס האָבן מחנות גוט־געפלעגטע גענדז,
אינדיקעס און אומצאָליקע הינער געפירט דאָרט זייער רעשיק, משפחהדיק
לעבן. הויכע, געפּאַקטע ראַסן־הינט, ס׳רוב בולדאָגס און וועלף־הינט, האָבן
פוילע געדרימלט אין די שטיינערנע בודעס מיט די שיפּע דעכלעך, אָדער

באַלעבאַטיש אַרומשפּאַצירט איבער די קיזלשטיין־סטעזשקעס, וואַרפנדיק זייער הינטישן חשד צו יעדן פרעמדן דורכגייענדיקן מענטשן־שאָטן.

וואָס נעענטער זי איז צוגעקומען צום דאָזיקן ליכט־ים, אַלץ שווערער איז געוואָרן איר גאַנג, שווערער און שטייניקער. דער אומגליקלעכער באַזוך ביים פעטער אין שטאָט האָט זי די גאַנצע צייט באַגלייט מיט אַ הייסן ווייטיק. גוט וואָס ס׳איז אַזוי געשען. ס׳האָט געמוזט אַזוי געשען. און גוט וואָס זי האָט זיי געזאָגט וואָס אַזוינס זי טראַכט און פילט וועגן זיי. און ניט נאָר וועגן זיי אַליין — אירע קרובים. וועגן אַלע, אַלע, וואָס זענען געקומען דאָ אַהער אויף דער ערד פריער פון די נייע מענטשן. די מאַמע וואָלט זיך איבערגעקערט אין קבר, ווען זי וויס וואָס אַזוינס איר לייבלעכער ברודער האָט איר געזאָגט, איר, מרימען, בעת דאָס עופהלע ליגט אין פּאַראַליזש. אירע פיס וועלן מער ניט זיין שוועל איבערטרעטן. וואָסערער בייזער, ברענענדיקער ווייטיק און בושה זיצט איצט אין איר פאַרקלעמט האַרץ. ווער האָט זיך געקענט ריכטן דערויף? זי האָט פאַרקלאַפּט די טיר הינטער זיך אַן אַ וואָרט. ערשט אויף דער גאַס איז איר דער האַלדז געוואָרן איבערפולט מיט טרערן. זי האָט אָבער ניט געקענט וויינען. זי האָט געמיינט, אַז אינעם אויטאָ, פאַרנדיק אַהיים, וועט זי זיך קענען אויסוויינען, אויסוויינען אין דער פינצטער, וואָרעם טרערן האָבן ליב פינצטערניש און איינזאַמקייט. איז גראָד לעבן איר געזעסן אַ יונגערמאַנטשיק, מיט פאַר־דרייטע, בייזע וואָנסעלעך און זי דעם גאַנצן וועג ניט צורו געלאָזט מיט זיינע ביינערדיקע פיס. זי האָט שוין אַפילו געוואָלט אויסשטייגן אין מיטן וועג. צוגיין צו פוס. די גאַנצע צייט זענען איר די טרערן פאַרשוווּנדן, כאָטש זי האָט זיי געהאַט אַזוי נאָענט אין דער קעל. אַ געפרעסטע היץ האָט איר אָפּגענומען די לופט צום אָטעמען. הינטער די אויטאָ־שויבן זענען געלאָפן אין פאַרוויקלטע קנוילן די פינצטערע איינזאַמע נאַכט־פעלדער. איר האָט זיך געדוכט, אַז זי שווימט אַריין דורך דער פעלד־פינצטערניש מיט איר ניט־אויפגעגאַנגען געוויין אין אַ מדבר פון פּחד און פאַרלוירנקייט. זי וועט דאָ, אין דעם דאָזיקן מדבר, שוין ניט אָנטרעפן אויף קיין מינדסט ליכט פאַר איר פאַרקלעמט האַרץ, זי וועט קיינמאָל ניט דערפילן די לינדערונג פון אירע באַפרייטע טרערן.

ערשט איצט, בעת זי שטייט הינטער די שטאַרק־באַלויכטענע צוימען, כאַפּט זי אָפּ דעם אָטעם. דורך די שויבן פון די בנינים פּלייצט דאָס וואַרעמע, שטאַרקע ליכט. די אָנגעצונדענע לאָמטערנדלעך וואַרפן פון די נישן געדעמפּטע, ווייגנדיקע פלעקן. אינעווייניק איז אַוודאי אַ חתונה, אָדער עפּעס אַ יום־טוב ביי די מענטשן. דורך די טירן שווימען אַהין און צוריק לאַכנדיקע ווייבער. מאַנצבילן מיט ריזיקע, געגוידערטע קאַרקן, אָנגעטאָן אין האַלבע קינדער־הייזלעך אויף זייערע ברייט־וויגנדיקע נאַקעטע פיס, מאַכן משונהדיקע באַוועגונגען מיט זייערע הענט. פּלוצעם ווערט זייער שטיל. די מענטשן רוקן זיך אָפּ צו די ווענט. ערשט איצט זעט זי, מרים: די טישן זענען באַשטעלט מיט אומצאָליקע פלעשער, טעלער און טאַצן. אַ געשמאַק פון שאַרפע עסנס, איינגעטונקט אין ריחות פון כלערליי פלאַנצן רייסט זיך פון אינעווייניק...

און פּלוצעם:

אַ ווייגנדיקער, קוים־דערהערבאַרער ניגון שווימט אַהער. אַ קלאַוויר... צי איז עס ניט שאָפּען?... אַ פּאָלאָנעז. דער ניגון איז שוואַך, אומבאַ־האָלפן, אָבער זי הערט אים אַזוי מעכטיק ווי ער וואָלט ניט געקומען פון אינעווייניק, איבער די קעפּ פונעם מענטשן־געזעמל, נאָר גאָר פון דרויסן, איבער דעם פּראַלנדיקן ליכט־ים, פון דעם זייער נידעריקן, צעפינקלטן נאַכט־הימל. אפשר איז עס דער ניגון פונעם גרויסן שטערן־וואָגן, וואָס הענגט אַזוי נאָענט איבערן טאָל און אפשר גאָר דער מילכוועג מיט זיין זייער צעשטויבטן פאַרבויגענעם אָרעם. און דאָס וואָס ס'איז ניט געשען די גאַנצע צייט זינט זי איז אַנטלאָפן פונעם פּעטערס שוועל, איז איצט געשען מיט דער גיכקייט פון אַ בליץ. און דער בליץ האָט אין איר אַ שלאָג געטאָן ווי אַ פּלוצעמדיקער ליכט־נס, געבוירן ערגעץ אין די אומקלאָרע שטערן־וועלטן איבער איר קאָפּ. דער בליץ האָט באַפרייט איר האַרץ פון דער אָנגעזאַמלטער אַנגסט און ווייטיק. ער האָט זיך דורכגעשלאָגן צום פאַר־קנוילטן קנופּ אין איר האַלדז און דער פאַרגליווערטער קנופּ האָט זיך געענומען פאַוואָליע רירן, געוואָרן לויז און זיך דערנאָך גאָר גרינג דורכגע־גליטשט דורך איר קעל. זי האָט אויפגעהויבן די הענט און אָנגערירט מיט די פינגער די הייסע ווענטלעך פונעם האַלדז און זיי אַרויפגעלייגט אויף

איר איינגעבויגן פנים. זי האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, און אַזוי שטייענדיק מיט פֿאַרמאַכטע אויגן־לעדלעך האָט זי ווי אַ דרימלענדיקער פֿויגל אָנגעהויבן שטיל, שטיל צו וויינען.

*

זי האָט ניט געוווּסט, מרים, ווי לאַנג זי איז אַזוי געשטאַנען אינעם שאָטן פֿונעם צעצונדענעם הויז. דער ניגון האָט זיך נאָך אַלץ געוויגט גאָר נאָענט, געפּלייצט צום וואַרעמען אויסגעשטערנטן הימל. אין דער טאָל־פֿינצטערניש זענען געפֿאַלן איינצלנע שטערן. זיי האָבן זיך אויסגעלאָשן, די שטערן, גאָר נאָענט איבער דער ערד און איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ לאַנגן פֿייערדיקן שטריך. דער שטריך איז אַ לאַנגע רגע געהאַנגען אין האַלבן קרייז איבער דער ערד, געציטערט און אויסגעזען ווי אַ געבויגענע, פֿייערדיקע שווערד, וואָס וועט אָט־אָט אונטערצינדן די ערד. זי האָט זיך אָבער ניט לאַנג געהאַלטן אינעם חלל, די שווערד, געוואָרן פֿאַרווישט און דערטרונקען אין די ברייטע הימל־פֿינצטערנישן איבערן טאָל.

איצט האָט זי שוין געטראַכט נאָר וועגן דער שטוב. וועגן עופהלע. וועגן רפאלן. וואָס שטייט זי דאָ אַן אומזיניקע ביי דעם פֿרעמדן, צעצונ־דענעם הויז? אַ גאַנצן טאָג איז זי ניט געווען אין שטוב... אַזויפֿיל שווערע שעהן... מיט ליידיקע הענט קערט זי זיך איצט צוריק... גוט וואָס זי האָט שוין כאָטש אַראָפּגעווײנט... ווי לייכט ס'איז איר איצט — אַזוי לייכט נאָכן אויפֿגעלייזטן טרערן־קנופּ אין האַלדז... אָ, גאָט, גאָט, וואָסערן גרויסן חסד דו האָסט אַריינגעטאָן אינעם מענטשנס טרערן... די שוועסטער סאָפֿיע האָט שוין אַוודאי געמאַכט די איינשפּריצונג... דעם קינד וועט בעסער ווערן... די רעגנס זענען אַדורך... ס'גייט צו פֿרילינג.... זיי וועלן פֿאַרזעצן קאַרטאָפֿל... רויטע ריבלעך... און אַביסל בלומען אויך... ניט די היגע — נאָר יענע, פֿון דאָרטן... פֿאַרוואָס האָט זי ניט קיין האַרץ צו די בלומען פֿון דאַנען? אַזאַ שפֿע און ברכה — און דאָך... עפּעס האָט זי תמיד דאָס געפֿיל, אַז די שיינקייט פֿון פֿרילינג און בליעכץ — איז געבליבן דאָרט... דאָרט... דווקא צווישן די טויטע... פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס

איז עס אַזוי? זי וועט פאַרזעצן אַביסל פון דאַנען און אַביסל פון דאָרטן... זיי זאָלן זיך נאָר אָננעמען... אַן אַנדער ערד... אַנדערע מענטשן... אָבער ניט אַלע... ניט אַלע לאָזן פאַלן... ווי למשל: קאָלאָנעל איסאַק סעמיאָנאָוויטש דזשעדאַ... און — טאַמער, טאַמער חלילה...? ניין, ניין, גאָט קען דאָך ניט תמיד שטראָפן, תמיד שלאָגן, שלאָגן, שלאָגן...

זי וויל זיך שוין אָפּרייסן פון די אַלע מחשבות, פונעם צעצונדענעם הויז, פונעם מענטשן־געטומל און לאָזן זיך לויפן אַהיים. אָבער אין דער רגע עפענען זיך פּלוצעם די וועראַנדע־טירן. עמעצער טראָגט עפּעס אַרויס אויף גרויסע, ברייטלעכע טאַצן. אָט קומט דער מענטש נעענטער, גייט אַראָפּ פון די עטלעכע שטיגלעך און שטעלט אַוועק די טאַצן לעבן די פּאַרמאַכטע, איבערפולטע מיסט־עמערס. דער מענטש לאָזט זיך באַלד צוריק אַוועק איבער די שטיגלעך. פון אינעווייניק האָבן ווידער די פינגער אָנגעהויבן שאַפּען. איצטער דערפילט זי פּלוצעם אַ הונגער. אַחוץ דעם גלעזל טיי מיטן ביסל מאַרמעלאַד אויף אַ טעצעלע — האָט מען זי ביים פעטער מיט גאָרניט מכבד געווען... ס'ציט איר ביי די בריסט־וואָרצלען. די אָפּגעפּלאָסענע טרערן האָבן איר ווידער צוריקגעקערט דעם הונגער. זי קוקט אַראָפּ, אַראָפּ אויף דער ערד צו די איבערגעלאָזטע טאַצן: אַ קנויל פון צעריסענע הינער־רעשטלעך און פלייש־אָפּפאַל, אויסגעמישט מיט געבעקס ליגט לעבן מיסט־עמער. ס'גענוגט בלויז אַריבערצובייגן זיך איבערן שטיינערנעם, נידעריקן פּאַרקאַן. מאַכן אַ שריט פונעם שאָטן און אויסציען די האַנט. זי טוט עס אַזוי גיך אַז זי ווייס אַפילו ניט ווי אַזוי דאָס געשעט. אָט שטייט זי שוין ווידער אינעם שאָטן. אינעווייניק איז שאַפּען שוין פאַר־ענדיקט. אַ הילכיק האַנט־פּאַטשעריי. די מענטשן אין די קורצע הייזלעך איבער זייערע פולע אָפּגעדעקטע פיס טרינקען פון אויפגעהויבענע, פינק־לענדיקע גלעזער. דער חלל אין דרויסן פאַליעט און ציטערט. אַן אונטער־געצונדענע לויפט זי איצט מיטן זאַמדיקן וועג אַראָפּ, אַראָפּ אין דער פינצטערניש.

שוין. אַרום איר איז אין גאַנצן פינצטער. דאָס שאַרפע ווייסע ליכט פון דער אדר־לבנה ציטערט אויפן שמאָלן וועג לעבן אירע פיס. זילבער־פלעקן לויכטן אַרויס פון די הויכע דאָרן־געוויקסן ווי געשפּענסטיקע,

לבנהדיקע באַשעפּענישן. גאָר נאָענט, אין די וואַדי־פּאַרטיפונגען, זאַמלען זיך איצט די שאַקאַלן. איר האַרץ ווערט ווידער אַזוי אומרויק. אינעם טיכל־קנופּ ליגן די אויפגעהויבענע בינטלעך פליש־אַפּפאַל. זי ווייסט עס אַוועקוואַרפן נאָך איידער זי וועט אַנקומען אַהיים. ווי אַזוי האָט זי עס געקענט טאָן? אַפּפאַל, וואָס איז געוואָרפן פאַרן מיסט... עפּעס איז שוין ערגעצוווּ געשען אַזוינס. ערגעצוווּ... פון אַ פאַרנעפּלטער, אונטערגעגאַנ־גענער וועלט שווימט אַלץ אַזוי שאַרף אַרויס: דראָט־פאַרצוימונגען. מיידלעך אין טיפוס־פיבער... דייטשן וואַרפן איבער די טויט־דראָטן פאַר־וויקלטע פעקעלעך. צענדליקער מיידל־הענט וואַרפן זיך דערויף. צעריסענע, נאַקעטע ביינער... אַפילו די לאַגער־הינט האָבן עס ניט געוואָלט מער אָנרירן... זי וועט עס אַוועקשליידערן — די דאָזיקע שווערע קלעפּיקייט... אַ פאַרבאָרגענער כוח לאָזט זי אָבער ניט אויסשטרעקן דעם אָרעם. ביי די בריסט־וואָרצלען ליגט דער הונגער — אַ קרעבס, וואָס זייגט און זייגט... זי הערט אַפילו ניט ווי אירע ליפּן פליסטערן: גאָט רחמנותדיקער, גאָט רחמנותדיקער...

זי האָט בלויז אַדורכצולויפן דאָס פעלד און זי וועט אָנקומען צו איר הויז. פאַרוואָס איז דאָס פעלד אַזוי באַלויכטן? זי האָט מסתם פאַרבלאָנדזשעט אין דער פינצטער, לויפנדיק אַזוי אין אירע נאַכטראַכטענישן וועגן אַלץ. ניין, זי איז ניט אַראָפּ פונעם וועגל. ס'איז טאַקע דאָס זעלביקע פעלד, וואָס פירט אַהיים. ערשט איצט זעט זי: ניט נאָר זייער הייזל אַליין נאָר די גאַנצע ריי נייע בנינים שטייען מער ניט אין דער פינצטערניש. זיי זענען אַרומגערינגלט מיט וואַרעמע ליכט־קרייזן, וואָס פלייצן אַראָפּ ביז צום וואַדי. די ציטערדיקע, רויטע נאַפּט־פייערן זענען מער ניטאָ. צי איז טאַקע, אַז דער טאָל האָט היינט באַקומען ליכט? ס'איז ליכטיק אין אַלע פענצטער! ליכט! ליכט! זי לויפט שוין איצט מיט אַזאַ אימפּעט איבערן פעלד ווי ס'וואָלטן זי געטראָגן ליכט־פליגל, ווייסע, שאַרבנדיקע און ריזיקע. זיי הייבן זי אויף העכער פונעם פעלד־שטח און זי פילט אַפילו ניט אירע פיס איבער די נידעריקע דאָרן־געוויקסן. אַ וואַרעמע פרייד פאַרגיסט זי: ס'איז אַ גוטער, גוטער סימן... אויך פאַרן קינד... פון איצט אָן וועט זי קענען אויפּסניי עפּעס טאָן אין די אָוונטן... ביי דער

מאַשין... פאַר זיך... פאַרן קינד... פאַר פרעמדע... ביז רפאל וועט עפּעס געפינען... די קאַרטאָפל וועלן ווערן צייטיק... און אין פאַרלאָזטן וועלדל וואַקסן מאַראַנצן און ציטרינען... אַ דאַנק דיר, גאָט, אַ דאַנק פאַר אַלץ, פאַר אַלץ... פאַרן ליכט, פאַרן ליכט, פאַרן ליכט!...

זי האָט אויפסניי דערפילט די פרעמדע, שוואַרצע פליישי־קלעפּיקייט לעבן האַרץ ווי אַ גליטשיקן לעבעדיקן שרץ. וואָס האַלט זי עס נאָך אין האַנט? די קלעפּיקייט בריט זי מיטן גליענדיקן הויך פון אַ שטן. זיין אָטעם גליט איר הויט און צינדט אָן די וואָרצלען פון איר ברוסט. פאַרוואָס איז זי אַזוי שוואַך און קען עס ניט אָוועקשלײדערן, בפרט איצט בעת זי שווימט אינגאַנצן אַרומגערינגלט מיט דער פּלוצעמדיקער ליכטיקייט? ס'איז ניט מער אַ צונויפגעקנוילטע, צעריסענע פליישי־קלעפּיקייט, נאָר אַ שוואַרצע, טריפנדיקע ווונד, די בושה אַליין, וואָס האָט זיך אויסגעזוכט אַ נעסט דווקא אונטער איר האַרץ און האַלט זי געפאַנגען.

זי איז געגאַנגען אַ מידע מיטן לעצטן באַלויכטענעם זאַמד־וועג. אַ פּאָר שריט אין דער זייט ליגט די פינצטערניש אַ פּעטע און געדיכטע. זי האָט פּלוצעם אויסגעשטרעקט אירעביידע אָרעמס און ס'איז געשען אַ נס. איר האַנט האָט אַריינגעשלײדערט דאָס פּעקעלע אין דער טיפער וואַדי־פינצטערניש. נאָר אַ פּאָר שריט און זי איז שוין הינטערן פענצטער. דאָס נייע ליכט פון אינעווייניק איז ווי דינע הײלנדיקע מעסערס אַדורך איר האַרץ. זי זעט דורכן פענצטער אים, דעם קאַלאַנעל איסאַק סעמיאַנאַ־וויטש דזשעדאַ. און אויך זי — די טאָכטער סאָפיע. שוין אוודאי נאָך דער איינשפּריצונג. זי וועט מתחילת אַדורך דאָס פּרוזדורל. יאָ, דאָס רעדט ער — דער קאַלאַנעל איסאַק סעמיאַנאָוויטש. ווי שטיל, שטיל פאַלן הינטערן ווענטל זייערע ווערטער. און איצט רעדט זי — די טאָכטער סאָפיע. אָבער פאַרוואָס הערט מען ניט רפאלן? ס'איז אין דרינען גאָר שטיל געוואָרן. אין די אויערן רוישט שוין ווידער שאָפען. דער פאַלאַנעז פון הינטער דעם צעצונדענעם הויז.

זי האָט אַ ריס געטאָן די טיר און אַריינגעפאַלן איבער דער שוועל פון חדרל, וואָס איז געווען פאַרפלייצט מיט ליכט.

אַ צונויפגעקאָרטשעטער ווי אַ זאַק איז רפאל געזעסן אויף דער ערד. זיין פּנים איז געלעגן אין גאַנצן פאַרבאַהאַלטן אין זיינעביידע פאַרקלאַמערטע הענט. — — —

*

ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווי דער שוואַרץ־פינקלענדיקער טויטן־וואָגן מיטן גרויסן מגן־דוד איז אַריינגעפאָרן אויף דער דאָזיקער פרילינג־דיקער טאָל־ערד. ער האָט ניט געהאַט קיין גענוג ברייטלעכן וועג פאַר זיך, האָט ער זיגזאַגיש אַדורכגעשניטן דאָס פעלד פון די זילבערנע דאָרן־געוויקסן, פאַרדעקנדיק מיט זיין שוואַרצן, בלאַנקענדיקן קאַסטן די זייער שמאָלע סטעזשקעלעך, וואָס האָבן זיך דאָ געשניטן פון אַ נאָך נישט אויפגעגאַנגען לעבן. ער איז טאַקע אָנגעקומען, דער טויטן־וואָגן, שפּעטער ווי מען האָט אים דערוואַרט. נאָך איידער זיין שוואַרץ־גלאַנציקער קאַסטן האָט אַ פינקל געטאָן אויף דער צווייטער זייט פון טאָל, זענען שוין דער קאָלאָנעל מיט דער טאָכטער געווען ביי רפאלן אין שטוב. זיי זענען אָנגעקומען באַלד פאַרטאָג אָנגעטאָן אין שוואַרצן. פון קייגנאיבערדיקע הייזלעך זענען אַרויסגעגאַנגען איינצלנע ווייבער מיט פאַרדעקטע קעפּ, זיך צוגע־שאַרט צו די פענצטער און אַריינגעקוקט דורך די שויבן. זייערע פּנימער האָבן פאַרבאָרגן אין זיך אַ ווייסלעכן דורכזיכטיקן פּחד פאַרן ערשטן טויט, וואָס איז געקומען צו די מענטשן אין טאָל. דער טאָג איז געשטאַנען זייער אַ בלאָלעכער. הויך אינעם חלל האָבן די ערשטע פייגל אָנגעזאָגט דעם האַיאָריקן טאָל־פרילינג דורך זייערע פרומע פויגלשע תּפילות. די ערד איז אַלץ נאָך געווען פייכטלעך און גליטשיק אין די נידעריקע ערטער, אָבער צווישן אירע אויפגעפּלאַצטע פאַלדן האָבן זיך שוין געריסן ניי־געבוירענע, בייגעוודיקע גראָזן. דאָס פעלד מיט די זילבערנע דאָרן־געוויקסן אַנטקעגן דעם וואַדי האָט אַהערגעלויכטן מיט אומצאָליקע קוועלעכלעך פון גרין ליכט, וואָס איז געקומען פון די איינגעבוקטע, ריזיקע קוסטן־בלעטער. אונטן, אינעם וואַדי, זענען דערוויל שוין געהאַט ביסלעכווייז אָפּגעפּלאָסן מיט אַ פאַרבאַהאַלטן פליסטערן דורך אונטערערדישע אָדערן די לעצטע רעגן־שטראָמען.

די אָוונט־זון האָט זיך מידלעך געבוקט צום ים בעת זיי זענען אַלע צוריקגעקומען פון ריינעם פעלד. אַ גרינלעך־פיאָלעטע, מיט צעגאָסענע, דורכזיכטיקע גראַנאַט־וואָלקנס, איז די דעמערונג געקומען פון די בערג. פון דאָרט האָט זיך אויך אויפגעהויבן דער זילבערנער מולד און געשוווּמען אינעם הימל־ים ווי אַ יונגער ווייסער האָרן פון אַ הירש. די שוועסטער סאָפיע האָט עפּעס געקאָכט אויפן נאָפט־קיכל אין ווינקל. מרים איז נאָך אַלץ געלעגן אויפן בעטל, אַרומגעהילט אינעם שוואַרצן שאַל. אַ גאַנצן טאָג האָט קיינער גאָרניט געהאַט אין מויל. רפאל איז אַרויס פונעם שטוב־ווינקל, געשטאַנען אַ פאַרשוויגענער אַ רגע אינעם פּרוזדורל און דערנאָך אַרויס אויפן הויפל. דאָ איז די אַריינגעזעצטע ציטרין־צווייג נאָך פון נעכטן געזעסן אין דער ערד, געשטאַנען קרומלעך־פאַרבויגן צום פאַלן. איר שאָטן איז געווען דין, איינגעבויגן און זיך געצויגן פאַרויס ווי אַ שוואַרצער געפלאָכטענער שטראַל.

ביסלעכווייז האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די פולע דעמערונג. אַ שטילע, אַ פרומע איז זי געהאַנגען איבערן טאָל מיט די ערשטע אויפגעגאַנגענע שטערן. אינעם זאַמד, לעבן דער אַריינגעזעצטער צווייג, האָט איצט געקניט רפאל, מיט די הענט איבערגעוואָרפן די ערד און אַרומגעבעט מיט איר די ווייכע, לויזע וואָרצלען פון דער צווייג.

דערווייל איז מרים אויפגעשטאַנען פונעם בעטל און אויפגעמאַכט דאָס שמאָלע וועש־קוישל. זי איז דאָרט געשטאַנען זייער, זייער לאַנג מיטן קאָפּ אַריינגעבויגן אינעם קוישל און מיט די הענט צונויפגעשאַרט אין דער פינצטער דעם קינדס איבערגעבליבענע ווייסע, קליינע העמדלעך. זי האָט זיי דערנאָך אַלע צונויפגעלייגט אין אַ שטויס און פאַרבונדן מיט אַ רויטלעך בענדל. איינס פון די העמדלעך, אַ צעפאַלנס און צעריסנס, האָט זי לאַנג געהאַלטן אין די הענט. דערנאָך האָט זי די ווייסע, צעריסענע לייוונט צוגעטראָגן צום פּנים און דערמיט פאַרהילט אינגאַנצן איר ציטערנדיק, קליין מויל.

בעת זי איז אַזוי געשטאַנען מיטן קאָפּ געבויגן איבערן אָפענעם וועש־קוישל האָט זי באַשיימפּערלעך דערפילט ווי ס'עפענען זיך פּלוצעם נייע, טונקעלע וואָרצלען פון איר האַרץ. דאָס פּלוצעמדיקע שטאַרבן פון

איר ערשטלינג האָט דורכן ערשטן טויט־ברית געמאַכט אויפגיין די דאָזיקע אומבאַקאַנטע, וואַרעמע וואָרצלען אונטער איר ברוסט. אָט האָט היינט דער טויט אויף אייביק פאַרשניטן אַ בונד צווישן איר און דער דאָזיקער טרויעריקער ערד. די הענט, וואָס האָבן היינט איבערגעענטפערט דער שטייניקער ערד איר ערשטלינג האָבן אויך געוואָרפן איבערן זאַמד אונטער אירע פיס אַ הויך פון סודותדיקער הייליקייט. פון איצט אָן איז זי דורך אומזעעוודיקע וואָרצלען פאַרבונדן מיט אַלץ — מיטן חלל, וואָס דעמערט איצט, מיטן טאָל, מיטן טויטלעכן מאַראַנצן־סאַד, מיט די פאַרלאָזטע ציטרין־וועלדלעך... מיט אַלץ... מיט אַלץ...

זי איז אַריין אין פרוזדורל. אין דער האַנט האָט זי אַלץ נאָך געהאַלטן דאָס צעריסענע העמדל און אין פרוזדור־פינצטערניש אויפסניי דערמיט אויסגעווישט די אויגן. זי איז אַרויס אויפן הויפל, געשטעלט זיך הינטער רפאלן. דאָרט איז שוין געשטאַנען דער קאָלאָנעל מיט דער איבערגעוואָר־פענער פעלערין און געקוקט אויף דער ערד. מרים האָט דערנאָך אַנידער־געקניט לעבן רפאלן, געהאָלפן אים אַריינזעצן טיפער דאָס ציטרין־ביימל און אונטערגעבונדן זיין אַראָפהענגענדיקע צווייג מיטן ווייסן צעריסענעם קינדער־העמדל. דער קאָלאָנעל האָט אויפגעהויבן די אויגן פון דער ערד און זיי אָנגעהאָנגען אין די לעצטע אויסגייענדיקע זון־שטרייפן איבערן ים.

אַלע דריי זענען אַזוי געשטאַנען אַ לאַנגע, לאַנגע צייט אָנגעבויגן איינער איבערן צווייטן אין דער דעמערונג. ס׳איז דערווייל שוין געוואָרן אין גאַנצן פינצטערלעך. מ׳האָט שוין ניט געזען דעם מינדסטן שאָטן. אַפילו דער צווייג־שאָטן האָט זיך פאַרווישט און אַריין אין דער טונקלקייט פון דער ערד.

— ס׳איז שוין נאַכט, רפאל... קום אין שטוב אַריין... — האָט מרים קוים אַרויסגעשטאַמלט און זיך אויפגעשטעלט.

ער האָט ניט אויפהייבנדיק די אויגן פון דר׳ערד איר נאָכגעזאָגט אין דער פינצטער:

— יאָ, ס׳איז שוין נאַכט... ס׳איז שוין נאַכט...

די שוועסטער סאָפיע האָט אין צווישן זיך אַוועקגעשטעלט לעבן פענצטער און געבעטן אַריינגיין צום נאַכטמאָל.

זי האָט פּלוצעם אויסגעשריגן:

— מענטשן, איר האָט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן שוין ליכט! דער ערשטער טאָג מיט ליכט!

— אָ, גאָט, אין גאַנצן אַרויס פון זינען... דער ערשטער טאָג פון ליכט! — האָט מרים זיך אויפגעכאַפּט, אַריבערגעלאָפן די שוועל פון פּרוזדורל און פון דאָרט אין חדרל. נאָך אַ סך, אַ סך חדשים האָבן היינט אירע ציטערנדיקע פינגער דאָס ערשטע מאָל אָנגעצונדן ליכט אין דער פינצטער.

איבער דעם דרויסנדיקן פּיצל ערד דורכן פענצטער איז דאָס פּלוצעם אָנגעצונדענע ליכט געפאַלן ווי אַ נאַר־וואָס געבוירענער בליץ. ער האָט אין גאַנצן פאַרגאָסן די איבערגעוואָרפענע ערד־בייטן. אינעם וויגנדיקן ליכט־טייך האָט זיך איבער דער ערד הויך געהויבן דער ציטרין־בוים אַרומגע־בונדן מיטן קינדס צעריסן העמדל. פונעם טויטלעכן מאַראַנצן־סאָד האָבן איצט געגומען אַרויספלאַטערן די ערשטע צעפלאָשעטע נאַכט־פייגל. זיי האָבן אַוועקגעפלאַטערט צום בערגל, אַלץ ווייטער פונעם ליכט, אין קליינע וויגנדיקע מחנות. שוואַרצע, פאַרבאַרגענע גרילן האָבן געלאָזט הערן פון גאָר נאָענט זייער שטיל אָונטיק צוויטשערן. די לעצטע אָוונט־נעפּלען האָבן געצויגן פון די בערג. שיטערע און דורכזיכטיקע זענען לויזע נאַכט־וואָלקנס מיטן סודותדיקן שטערן־גלי הינטער זיך געשוווּמען גאָר, גאָר נידעריק איבערן טאָל.

1953

אלטע זאכן

ער האָט זיך געפילט שוין אַ קראַנקער ווי נאָר ער איז צוריקגעקומען פון הייליקן אָרט. שכנים, די ניי־געקומענע יידן, האָבן אים געמוזט פּאַוואָליע פירן איבער די גאַניק־שטיגן, וואָס זענען געווען גליטשיקע און פאַרשליימטע. דער גאַניק אַליין האָט זיך געצויגן אין פאָדערזייט, לענגאויס פונעם הויז, און געשטאַנען לחלוטין אַ ניט־געשיצטער פון די רעגנס און פון די פייכטע וואַסער־נעפּלען, וואָס די רעגנס לאָזן דאָ תמיד נאָך זיך. דער בעטאָן־בנין, אַ געגאָסענער און גראָער, האָט געהאַט די פורעם פון אַ פּירעקיקן, פאַרשלאָסענעם קאַסטן, וואָס איז איצט ביסלעכווייז געזונקען אין דער קלעפּיקער, לויזער ערד. גייענדיק אַזוי איבער די גליטשיקע נאַסע גאַניק־שטיגלעך האָט אים דער פאַרשליימטער שטיין דערמאָנט אין יענע רויטלעכע ערד־גרודעס, דורכגעווייקטע פונעם רעגן, וואָס האָבן נאָר־וואָס פאַרדעקט אויף אייביק דעם קליינעם, אַלטן גוף פון עלוזען.

ער האָט זיך געפילט קראַנק, דער אַלטער איזידאָר פאַלקענשטיין, — אָבער אויסצוזיצן די שבעה נאָכן ווייב אויפן נידעריקן פוס־בענקעלע איז פאַר אים גאָרניט געווען שווער. להיפוך: ערשט איצט, זיצנדיק אויפן נידעריקן בענקעלע, וואָס די אלמנה, פרוי מאַטילדע, אַ שכנה, האָט אים אַריינגעטראָגן צומאָרגנס נאָך דער לוויה — האָט זיין אַלטער, מידער גוף געערט שווער און געפאַלן, דאָס ערשטע מאָל נאָך וואָכן פון לויפעניש און יאָגעניש. „שטערבען איזט אַוך שווער אין דיינעם הייליגען לאַנדע, הימלישער פאַטער!...“ — האָבן זיינע פאַרטרוקנטע, אַלטע ליפּן ניט אויפגעהערט צו מורמלען צו זיך. איצט איז שוין אַלץ פאַרענדיקט. ער זיצט אויפן אויסגעבאָרגטן בענקעלע. אין דער שטוב זענען פריער

בלויז געווען די צוויי רויט־פּלושענע ווינער שטולן, הויכע, רחבותדיקע און מיט געשניצטע קאָפּ־ווענטלעך. טאָקע אויף זיי פלעגט דאָס פּאַרפּאָלק, עלזע און איזידאָר, קיניגן איינער אַנטקעגן דעם צווייטן ווי פאַרטריבענע, אַלטע מלאכים. ניט אין יעדער יידישער שטוב געפינט זיך אַ נידעריק פוס־בענקעלע, בעת גאָט שיקט פּאַרן מענטשן די צייט פון אבלות. איז טאָקע געשען, אַז בעת די שכנה מאַטילדע האָט אַריינגעטראָגן דאָס פוס־בענקעלע, האָט איזידאָר פאַלקענשטיין ניט־ווילנדיק פאַרצויגן אויף זיין געל, גערונצלט פּנים אַ פרעמדן, קאַלטן גרימאַס, וואָס האָט געקענט אויך זיין דער שפּראָץ פון אַ קינדערישן שמייכל. ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע תנועות אויף אַן אַלט, מענטשלעך פּנים, וואָס גרענעצן צווישן ראַזיקער, קינדערשער הייטערקייט און ביטערן געוויין. ס׳איז דעריבער שווער אין דער ערשטער רגע צו וויסן ווי אַזוי ס׳וועט זיך אויפלייזן דער מוסקול־קנויל אינעם מענטשלעכן געזיכט. אַזוי איז טאָקע געווען בעת די שכנה מאַטילדע איז אַריין מיטן אבל־בענקעלע. אַ שווייגנדיקע, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, האָט זי עס אַוועקגעשטעלט האַרט לעבן דער וואַנט, גראָד אונטערן גרויסן איינגעראַמטן אייל־פּאָרטרעט פון דער פאַרשטאָרבענער עלזע. —

בעת די שכנה איז אַ שווייגנדיקע אַרויס פון שטוב און נאָך גע־טרעטן אין אירע טיפּע הויז־פּאַנטאָפל איבערן גאַניק — האָט דער אַמאָליקער פּראָקורענט איזידאָר פאַלקענשטיין („ווינער קרעדיטן־באַנק, מיט באַגרענעצטער האַפטונג״) זיך אַוועקגעשטעלט גראָד אַנטקעגן דעם נידעריקן בענקעלע. אַראָפּבויגנדיק זיין אַלטן, גראָען קאָפּ האָט ער אַן אויפהער עפּעס געפּליסטערט מיט די אויפגעלאָפענע ליפּן. ער איז גע־שטאַנען אַן איינגעבויקטער, מיט פאַרבויגענע, שמאָלע זקנהשע אַקסלען און אָנגעטאָן אינעם שוואַרצן ווינער ראָק — אין דעם זעלביקן מלבוש, וואָס ער איז געגאַנגען צו דער לויה. מאַנכעסמאָל האָט ער אויפגעהויבן זיינע בלוילעכע, ניט־יידישע אויגן צום פּאָרטרעט. פון דאָרט האָט צו אים אַראָפּגעבליקט דאָס פולע, בלייכע פּנים פון עלזען און איר קאָפּ — מיט אַ שטאַרק־געטורעמטער האָר־קרוין. אַ גרויסע גאָלד־בראָש האָט געפינקלט אויף איר ברוסט, וואָס איז געווען בלייך ווי פּאָרצעליי. אפשר

דערפאַר וואָס איזידאָר פאַלקענשטיין האָט זיך געפילט קראַנק און געהאַט אַ ביסל פיבער, האָט די בראָש איצט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ יונגע, ראָזלעכע זשאַבע. ער האָט גיך אַ רייב־געטאָן מיט די הענט איבערן שטערן. די זשאַבע איז פאַרשוווּנדן. די גילדענע בראָש האָט אויפסניי געלויכטן פון עלזעס בוזים אַראָפּ מיט אַ ביט־פאַרוועלקטער, גילדענער ליכטיקייט. עלזעס אויגן־ווייסלען האָבן געפירט זיין יעטוועדע קאָפּ־באַוועגונג און ער איז געווען אינגאַנצן פון זיי געפאַנגען. פון זיי איז אויך די גאַנצע צייט געפלאָסן איר גוטער טויטער שמייכל, אַ קילער, אַ פרידלעכער, אַ האַלב־דאַאיקער און האַלב־דאָרטיקער, וואָס האָט ניט אויפגעהערט אַרומצופליסטערן איבער זיין געבויגענעם קאָפּ:

— אי־זי־דאָר... וואָס שטייסטו אויף דיינע אַלטע פיס? שאַנעווע זיך... זעץ זיך שוין אויפן בענקעלע... אי־זי־דאָר... זעץ זיך... זעץ זיך... טו מיר צוליב...

דעמאָלט האָט דער אַלטער מאַן זיך איינגעבויגן טיפער און אויפ־געהויבן דאָס בענקעלע פון דיל. ער האָט עס געהאַלטן הויך צווישן זיינע ביידע הענט. זיין פאַרווירטער בליק האָט עס אַרומגעגלעט פון אַלע זייטן, בעת די טרוקענע, אַלטע פינגער האָבן געהאַלטן די קילע כראָפּעוואַטע האָלץ־קאַנטן. ער האָט שאַרף, מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק, אַריינגעקוקט אינעם האָלץ און געהאַלטן עס גאָר נאָענט אונטערן געזיכט, גראָד ווי ער וואָלט פונעם פרעמדן אויסטערלישן בענקעלע געוואָלט אַרויסכישופן דעם סוד פון אַלע סודות — דעם טויט פון עלזען.

דאָס איז געווען אַ גאָר פראָסט קינדער־בענקעלע פון ביליקן, אַלטן האָלץ, מיט דינע שפּאַלטן און מיט אַ קליינער אויסגעשניטענער עפענונג אין סאַמע מיט. זיינע פיסלעך, דיקלעכע און פיין־אַרומגעשניצטע, האָבן זיך שוין געשאָקלט אינעם האָלץ ווי אַלטע, שוואַכע ציין. ער האָט עס אַפילו איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט, אַריינגעקוקט אינעם ליידיקן פירעקיקן חלל און געפרווּט באַוועגן די לויזע, נידעריקע פיס־לעך. דערנאָך האָט ער זיך ווידער איינגעבויגן און עס אַוועקגעשטעלט עטלעכע שפּאַן ווייט פון דער וואַנט, גראָד אַנטקעגן איר. ער האָט עס געטאָן בכיוון, כדי ער זאָל גוט זען איר פּנים, בעת ער וועט אויפהייבן

דעם קאָפּ. און פון איבער אים, פון דער הויך, האָט צו אים אַראָפּגעבליקט עלזע. זי רעדט צו אים פון דער וואַנט, אַ שמייכלענדיקע, אַ צופרידענע, אין איר הויך־געטורעמטער האָר־קרוין, און מיט דער גילדענער בראָש, וואָס הערט ניט אויף צו פינקלען פון איר בוזים אַראָפּ. — —

זיבן פולע טעג איז אַזוי איזידאָר פאַלקענשטיין געזעסן אַנטקעגן זיין פאַרשטאָרבן ווייב. דאָ, אויפן נידעריקן פוסבענקעלע, האָט ער מיט איר געפירט אַלטע, פאַרלאָשענע שמועסן, וואָס האָבן זיך געהאַט אָנגעזאַמלט דורך זייער לאַנג לעבן סיי דאָרטן, סיי דאָ. ס׳רוב האָט ער זי געהערט רעדן צו אים וועגן דאָרטן... וועגן אַמאָל... וועגן יענע אַלטע, גוטע, דומע צייטן... איר קול, ווי דאָס שטילע טירקלען פון אַ טויב, האָט זיך געטראָגן איבער זיינע געבויגענע אַקסלען. מיטן קאָפּ צווישן ביידע קנאָכיקע, אַלטע הענט האָט ער אַלץ מערער פאַרנומען די רייד, וואָס זענען געפאַלן פון איר שיין, פאַרוועלקט, טויט מויל. און אויך די רייד, וואָס זענען לאַנג שוין געווען פאַרוועלקט אינעם שטויב פון יאָרן, האָבן פּלוצעם צוריק־באַקומען זייער אַמאָליקע יונגקייט און גרינקייט. אַרום דעם נידעריקן אַבל־בענקעלע אויפן דיל, ביים שטילן טירקלען פון דער טויב, איז צום אַלטנס פּיס געפאַלן אַ דין רייד־געפּלאַטער, אַ וואַרעמער, אַ פרילינג־דיקער, ווי דאָס פאַלן פון רייף, צעגליט בליעכץ, וואָס טראָגט אין זיך, פאַלנדיק צו דער ערד, די סודותדיקייט פון אייביקער שפּראָצונג און אייביקער וועלקונג.

ער האָט געהאַט אַסך צייט, דער אַלמן, כדי נאָכצוטראַכטן וועגן אַלץ, וואָס איז פאַרגאַנגען ביז זיי זענען ביידע, ער און עלזע, געקומען דאָ אַהער, צו דער לעצטער גרענעץ, צווישן לויטער יידן. און טראַכטנדיק בעת דער שבעה וועגן דעם אַלץ, האָט ער ניט אויפגעהערט צו מאָנען אַ פאַרענטפערונג פון אַסך קלאָרע און אומקלאָרע מחשבות. פאַרוואָס, אַלמעכטיקער פאָטער אין הימל, האָסטו ניט געגעבן דעם מינדסטן צייכן, אַז דאָס איז די לעצטע גרענעץ? ווי אַנדערש וואָלט מען געלעבט מיט דיין שענסטער און לעצטער לעבנס־מתנה? פאַרוואָס איז בלויז דיין איינציקער צייכן — דער תוהו ובוהו — און די פינצטערע פאַרווירונג אין אונדזער בלינד לעבן אין דיין צוגעזאָגט, הייליק לאַנד? — — —

ווי אַזוי דאָס אַלטע ווינער פאַרפאַלק איז געקומען אַהער וווינען דווקא מיט די ניי־געקומענע יידן — איז פאַר אַלעמען געווען אַ רעטעניש. די שטוב איז געווען אַ קליינע, אַ קאַלטע, געפּאַקט מיט אַלט ווינער מעבל. איבער די ווענט, לעבן די פענצטער, זענען געהאָנגען געלע גאָלד־שטרייפן פון ווילגאָטש. גראָלעכע פלעקן פון די דורכגעפלייצטע רעגנס האָט באַדעקט די ווענט, וואָרעם דער געגאָסענער בעטאָן־בנין פאַר די נייע מענטשן איז אויפגעשטעלט געוואָרן בחיפזון און שוין בעת די ערשטע פלייצרעגנס האָבן זיך געוויזן ברייטע שפּאַלטן אין די ווענט. ס׳רוב זענען די שפּאַלטן געווען פון דער ים־זייט, פון וואַנען דער ווינט האָט געטריבן די געשוואָלענע רעגן־כמאַרעס. די שכון־שטוב האָט אויך געהאַט אַ קליין נעבן־חדרל מיט אַ קליין פענצטערל צום גאַניק. ס׳איז געשען, אַז בעת דער שבעה פלעגט איזידאָר פאַלקענשטיין זיך מאַנכעסמאָל אויפהויבן פונעם בענקעלע, אַדורכגיין עטלעכע שריט איבערן דיל, כדי אויסצוגלייכן די פאַרשטאַרטע פיס. דאָס איז געווען דעמאָלט בעת ער האָט איבער־געריסן זיינע שמועסן. דעמאָלט פלעגט ער אויך אַריינקוקן אינעם קליינעם קיך־חדרל. טאַקע דאָ, אויפן פענצטער־פאַראַפּעט פונעם קיכל, פלעגט זי, עלזע, אַוועקשטעלן די צוויי קלאָרע, אויסגעוואַשענע,ליידיקע מילך־פלעשלעך פאַרן מילך־פאַרקויפער. אַזוי איז דאָס געווען יעדן טאָג : אַוועקגעשטעלט די ליידיקע — גענומען די פולע. די לעצטע צוויי פולע פלעשלעך זענען לאַנג, בעת איר קרענק, געשטאַנען אויפן פאַראַפּעט...

קיינער האָט זיי ניט אַריינגעטראָגן אין שטוב. קיינער האָט זיי אַפילו ניט געזען. און די שכנים ? צי איז מען מסוגל צו זען צוויי קליינע פאַרלאָזענע פלעשלעך מיט מילך — בעת אין שטוב שטאַרבט אַ מענטש ? זענען זיי טאַקע געשטאַנען לאַנגע טעג אויפן פאַראַפּעט. אָבער איצט, אַריינקוקנדיק אינעם קיכל, דערזעט איזידאָר פאַלקענשטיין בלויז איינ־איינציק פלעשל מיט מילך — און אין דער זייט, אַ ביסל אָפּגערוקט — דאָס ליידיקע. פאַרשטויבט, מיט רעגן־פלעקן, ליגט עס אָנגעלענט אויף דער מויער. אַ העלער זון־פלעק, ווי אַ דורכגעשניטענער שטראַל, ליגט געפאַנגען אינעם ליידיקן פלאַש־חלל. זיינע אויגן האָבן בשום אופן ניט

געקענט זיך אַפּרייסן פונעם צעשניטענעם שטראַל אינעם לײדיקן פלעשל. דער אַלמן האָט אַנומלט אַ סך געהערט װעגן די װאַנדערונגען, װאָס די מענטשלעכע נשמה מאַכט נאָכדעם װי דער טויט באַפאַלט דעם גוף. צי איז ניט אַמאָל עלזעס ליכטיקע זעל געקומען דאָ אַהער אין איר װאַנדע־רונג און װיל מער ניט פאַרלאָזן איר לײדיק מילך־פלעשל אויפן פּאַראַ־פּעט?... ער האָט צו זיך אַליין אַ פאַרװירטער אונטערגעשמייכלט. פונ־דעסטװעגן האָט ער לאַנג, לאַנג ניט אַראָפּגענומען פון דאָרטן זײַנע קלײנע, דערשראָקענע אויגן. די צװײ פלעשלעך אויפן פּאַראַפּעט, אײנס אַ פולס און אײנס אַ לײדיקס, זענען פאַר אים געװען אַ סימן, אַז אַט האָט זיך זײַן לעבן געשפּאָלטן. געשפּאָלטן אויף דער העלפט אויף אײביק און קײן שום פינגער, אַפילו גאָטס גנאָדיקע, אויסבאַהאַלטענע האַנט, װעט ניט קענען גאַנץ מאַכן דאָס צעבראָכענע לעבן.

װען ניט די בײדע מילך־פלעשלעך אויפן פּאַראַפּעט װאָלט אפשר דער אַלמן גאָרניט נאָכגעטראַכט װעגן די־אַ אויסטערלישע מחשבות. װאָרעם — װאָס איז שוין אַ קלײן פלעשעלע מיט מילך, װאָס פאַרשװינדט פּלוצעם אין דער אײביקײט? אים איז גאָר אויסגעקומען װי זײ בײדע, עלזע און איזידאָר, װאָלטן געגאַנגען צוזאַמען פון דאָרטן ביז אַהער איבער אַ הויכער, לאַנגער בריק. אונטן, אונטער דער בריק, זענען געפלאָסן די טיפע, שײנע װאַסערן פון זײער לעבן. און אָט שטײט ער אַלײן, איזידאָר, אויף דער דאָזיקער בריק, בעת אונטן לויפן װײטער אין אײביקן סודותדיקן געררויש די פליסנדיקע שטראָמען. „װוהין, װוהין? אַך, דו ליבער גאָט!" — האָבן זײַנע מחשבות אַפילו ניט אויסגעפורעמט דאָס מינדסטע װאָרט איבער די בלאָלעכע ליפּן, (אײנזאַמע און זעלטענע מחשבות פלעגט ער תמיד פליסטערן צו זיך אַלײן אין אַלטן, װינער דײַטש) — „װאָהין פירסטו דען אַרמען מענטשן, גאָט? און װאָצו? װאָצו, פראַגע איך דיך, אַלמעכטיקער, הימלישער פאָטער!"...

אַלץ צוליב די צװײ פלעשלעך אויפן פּאַראַפּעט. װען ניט זײ װאָלט ער אויך ניט צוגעקומען צו דער הויכער בריק און ניט צו די סודותדיקע, אָן־סופיקע װאַסערן. ער האָט שוין געװאָלט פאַרלאָזן דאָס קלײנע קיך־חדרל, כדי װידער זיך אַװעקצוזעצן אויפן אָבל־בענקעלע — װי זײַנע

אויגן האָבן דערזען דאָס געפלאָכטענע שנירן־קוישל. ס׳איז געהאָנגען לעבן דער טיר, אויף אַ טשוואָק, אָנגעפילט מיט אַלטע פאַרבליבענע קאַרטאָפל, אַריינגעלייגט פון איר האַנט. זיי זענען שוין געווען, די קאַרטאָפל, האַלב־פאַרלעגענע, פאַררונצלטע פון אַלטקייט און בלויז פון זייער איינגעפאַלענער הויט האָבן פון ביידע זייטן אַרויסגעשפּראָצט לענג־לעכע, ווייסע וואָרצלען. די וואָרצלען האָבן זיך בויגעוודיק געקרייזלט איז דער הויך דורך די לעכער פונעם שנירן־קוישל. אין דער טויטער פאַרוויאַנעטער קאַרטאָפל־הויט האָבן געלויכטן אומצאָליקע ווייסע ליכט־פינטעלעך. טאַקע פון זיי, פון די־אַ רונדיקע ווייסע פינטעלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי בליטן־זוימען, איבערגעטראָגן פון אַן אומבאַקאַנטער, פרעמדער האַנט אונטער דער טויטער קאַרטאָפל־הויט — זענען אויפ־געגאַנגען אין משונהדיקער שפּראָצונג די געקרייזלטע, בלייכע און שיינע וואָרצלען.

ניט וויסנדיק ווי אַזוי האָט דער אַלטער מאַן אַריינגעלאָזט זיין האַנט אין קוישל. פאַראַן אַזעלכע טואונגען אין רגעס פון מענטשלעכן פאַלן. ער האָט פון דאָרטן אַרויסגענומען צוויי צעוואָרצלטע, שוואַרצע קאַרטאָפל און מיט זיי אַרויס פון קיכל, כדי זיך ווידער אָוועקצוזעצן אַנטקעגן דעם פאַרטרעט פון עלזען. מיט ביידע צעוואָרצלטע קאַרטאָפל האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקעלע. זיינע פינגער, פאַרפלאָנטערטע אין די וואָרצלען, האָבן די גאַנצע צייט געפילט זייער גליטשיקע קילקייט. אַזוי זיצנדיק האָט דער אַלטער מאַן אויפסניי אָנגעהויבן פירן מיט איר דעם לעצטן שמועס פון זיינע שטילע, ווערטערלאָזע טויטן־שמועסן.

*

ס׳איז שוין געווען אָונט־צייט. איזידאָר פאַלקענשטיין איז אַלץ נאָך געזעסן מיט די פינגער פאַרפלאָנטערט אין די קרויזנדיקע וואָרצלען. גרינלעך־גראָ, ווי יונג פעלד־גראָז, איז געהאָנגען דער הימל צעצונדן פון דער אָונט־זון איבערן הויז. הינטערן פענצטער האָבן איינטאָניק גע־זשומעט די וואַסער־קראַנען, פון וואַנען די שכנים באַוואַסערן די פאַרזייטע

ערד־בייטן. דער אַלטער מאַן האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געדרימלט, וואָרעם זיין קאָפּ איז געהאַנגען טיף איבער זיין ברוסט מיט די אויגן צום נאָענטן, שטיינערנעם דיל. אָט איז שוין דער לעצטער שבעה־טאָג און דער לעצטער שמועס מיט עלזען. ס׳האָט געמוזט אוודאי זיין אַן עקשנותדיק אַמפּעריי צווישן אים און עלזען, וואָרעם ער האָט אַלץ נאָך געהאַלטן שטאַרק צונויפגעדריקט די ווייסע וואָרצלען צווישן זיינע פינגער. ער האָט געהאַט צו איר טענות און ניט אַזוי גיך געענטפערט אויף אירע אַראָפּ־שווימענדיקע בליקן. פאַרוואָס האָט ער געמוזט תמיד מיט איר שטרייטן? אימער שטרייטן... שטרייטן... שטרייטן...

— על־זע!... על־זע!...

— וואָס איז, איזידאָר?

— פאַרוואָס האָסטו ניט גענומען די פילן, עלזע?... די ראָזע, קליינע פילן...

— אַך, איזידאָר... ווי ביטער זיי זענען געווען... ווי ביטער... דו הערסט? פאַרוואָס הערסטו ניט? וויפל מאָל דאַרף איך דיר זאָגן... לייג זיך אַביסל צו... רו זיך אויס... גענוג געזעסן... גענוג... אויס...

— לאָז געמאַך, אַלטע... ווו האָסטו געקויפט די קאַרטאָפל? אוודאי שולדיק געבליבן... פאַר אַזעלכע אַלטע, שוואַרצע קאַרטאָפל? און די דאָזיקע וואָרצלען... ווער האָט עס געזען, אַז ס׳זאָלן וואַקסן אַזעלכע וואָרצלען פון טויטע קאַרטאָפל? מיסטעריעז... ניכט וואַר, עלזע?...

— וואָסערע וואָרצלען, איזידאָר?

— נו, פון דיינע קאַרטאָפל... זע, ווי זיי ווילן לעבן — די טויטע קאַרטאָפל... נאָר לעבן... לעבן... דאָס פאַרהאַסטע, שווערע, שיינע לעבן...

— ביסט מיד, איזידאָר... פאַרוואָס הערסטו מיך ניט?... לייג זיך צו... ניין, גיי אַ ביסל אַרויס אויף דער לופט... דער אָוונט איז אַזוי מילד... אימער נאָך אין דיין שוואַרצן ראָק? פאַרוואָס טוישסטו ניט דעם ראָק? גענוג אין שוואַרצן. אפשר וועסטו זיך איבערגיין אַ ביסל מיט... מיט פרוי מאַטילדע?

— מיט וועמען? מאַטילדע?...

— יאַ... יאַ... מאַטילדע... זי איז ווינעריו... וואַר אימער זאַ נעט!...

— קיין וואָרט מער, עלזע... קיין וואָרט... און וועגן דעם ראָק: אַלע מײַנע קליידער האָב איך פאַרקויפט... דיך צו ראַטעווען... גיכטס איז געבליבן...

— גאָט אין הימל!... אַלע קליידער?

— בלויז דיינע, עלזע, זענען געבליבן... בלויז דיינע...

— האָסט קיינמאָל גאָרניט געזאָגט... שטענדיק דיינע געהיימנישן, איזידאָר... אויך דעמאָלט... דאָרטן... געדענקסטו די פראָטער הויפט־אַליי, איזידאָר?...

— וואָס האָסטו געזאָגט, עלזע?

— די ווינער, פראַטער הויפט־אַליי... יענער ערשטער שפּאַציר... דאָרטן... ווען איז דאָס געווען, איזידאָר?

— לאָסטע דאָס, עלזע... לאָססע... דאָס זינד דוממע, אַלטע זאַכן...

— יאָ, אַלטע, דוממע זאַכן, וואָס ווערלקן קיינמאָל ניט...

— ווי שיין דו האָסט עס געזאָגט, עלזע... אַלטע זאַכן וואָס וועלקן קיינמאָל ניט... גאָט האָט דעם מענטשן געשאַפן ווי אַ קאַרטאָפל: קומט די צייט פון שטאַרבן — לאָזט ער איבער וואָרצלען... יאָ... יאָ... שיינע וואָרצלען... ווי זענען אונדזערע וואָרצלען, עלזע?

— מאַטילדע וועט שוין אַלץ באַזאָרגן... אַ פלעשל מילך... אַ ריין העמד... קאַפּעע... לאָז־אָפּ די קאַרטאָפל פון דיין האַנט... גיי שלאָפן, איזי־דאָר... גענוג... גענוג... גוטע נאַכט...

— גוט... שוין... איך גיי שלאָפן... גאָט זיי דאַנק — פאַרענדיקט די זיבן טעג... גוטע נאַכט, עלזע!...

— גוטע נאַכט, איזידאָר!...

— גוטע נאַכט!...

*

צומאָרגנס, דער ערשטער אינדערפרי נאָך שבעה, איז אויסגעפאַלן שבת. אַרום הויז איז געהאַנגען אַ געפּרעסטע שטילקייט מיט הימלישן, בלויען פרידן, וואָס קומט נאָך זעקס וואָכנטעג פון מענטשלעכן ווירוואַר.

די זון, אַ קלאָרע און פולע, איז אַרויסגעגאַנגען פון צווישן די בערג אין מזרח אַן נעפּלען. איזידאָר פאַלקענשטיין איז נאָך געלעגן אין בעט און געדרימלט, בעת מאַטילדע האָט געעפנט די טיר מיט אַ צוריקגעהאַל־טענער, אַלמנהשער צניעות. די טיר ביים אַלטן פאַלקענשטיין איז די לעצטע צייט קיינמאָל ניט געווען פאַרשלאָסן. זי איז אַריין הינקענדיק, דאָסמאָל אָן דעם שטעקן, אויף אירע שפּיץ פינגער. ניט זאָגנדיק דאָס מינדסטע וואָרט האָט זי צוגענומען דאָס קליינע בענקעלע פון אונטער דער וואַנט און אַרויס פון שטוב.

אינצווישן האָט די זון זיך אויפגעהויבן העכער איבערן הויז. אַ פּאַס ווירבלענדיק זון־ליכט האָט דורכגעשלאָגן די שויבן און זיך צעפּיצלט אויף דער וואַנט מיט אַ סך קליינע פלעקן. מאַטילדע האָט ווידער גע־עפנט די טיר פון די פאַלקענשטיינס — דאָס מאָל שוין אָן אָנגעלענטע אויף איר שטעקן. זי האָט פון קינדוויי אָן געהינקט אויפן לינקן פוס און תּמיד זיך באַנוצט מיט אַ שטעקן, וואָס האָט אונטן געהאַט צוגעשלאָגן אַ הויך גומי־רייפל. זי האָט קיינמאָל ניט געקענט פאַרטראָגן דאָס קלאַפּן פונעם שטעקן, וואָס האָט דערמאָנט אין איר מום. איצט האָט זי דעם שטעקן אַוועקגעשטעלט אינעם שטוב־ווינקל און זיך פאַרריכט די פלאַ־טשיקע, גראָע האָר אויף איר שיינעם, אַלטן קאָפּ.

זי איז שוין לאַנגע יאָרן, די שכנה מאַטילדע, געווען אַן אַלמנה און געוווינט אין דער איין־חדרדיקער דירה הינטער די פאַלקענשטיינס. ביי זיך אין שטוב, אָדער גייענדיק איבערן גאַניק, פלעגט זי תּמיד אונטער־זינגען מיט פאַרשלאָסענע ליפּן אַ דינעם, צעבראָכענעם ניגון פון גאָר אַלטע טויטע צייטן. דערפאַר טאָקע האָט איר חדרל דערמאָנט אין אַ קאַנאַריק־שטייגל, ווו ס'באַוועגט זיך געפאַנגענערהייט אַ זינגענדיק, לעבעדיק נפש. זי פלעגט אָננעמען צו פרעסן מענער־וועש און פון דעם האָט די אַלמנה מאַטילדע געצויגן איר אָרעם ברויט. אינעם חדרל איז תּמיד געווען שבתדיק־שטיל. דאָס בעט — איבערגעצויגן מיט אַ שיין שאַרלאַך־איבערצוג און מיט אומצאָליקע גילדענע פראַנדזן, וואָס האָבן דערגרייכט ביז צום דיל. אַ פייכטער, וואַרעמער ריח פון געפּרעסטע מענער־העמדער האָט זיך געוויקלט אַרום דעם טיש. די אַלמנה איז תּמיד

געווען אָנגעטאָן אין געפּרעסטע, זייבערע קליידער און אַפילו איר שוואַר־צער שטעקן האָט געבלאַנקט מיט זיין אַמאָליקער, ערשטער שוואַרצקייט. זי האָט געהאַט קליינע, ווייבלעכע הענט, טרוקענע און געלע, מיט אַ נעץ בלויע, הויך־געבערגלטע אָדערן פון אַלטקייט.

איצט האָט זי געגרייט פרישטיק פאַרן איינזאַמען איזידאָר פאַלקענ־שטיין, וואָס איז היינט אויפגעשטאַנען פון דער שבעה. פון קיכל האָט זיך געטראָגן אַ געווירצטער געשמאַק פון קאַווע, וואָס האָט זיך געקאָכט איבערן נאַפט. בעת פאַלקענשטיין האָט דערווייל אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די מלבושים — איז שוין אין קיכל דאָס פרישטיק געשטאַנען גרייט. דער אַלטער מאַן איז אַריבער די קיך־שוועל מיט אַ פאַרשעמטן בליק: „שלום — גוטן טאָג!... פרוי מאַטילדע“... דאָס זאָגנדיק האָט זיך זיין פּנים אויסגעקירעוועט צום פּאָרטרעט פון עלזען. ער האָט באַשיימפּערלעך געזען, דער אַלטער הער פאַלקענשטיין, ווי עלזע ווינקט צו אים אַ צופרי־דענע און צעשמייכלטע אַראָפּ פון דער גרויסער, שוואַרצער ראַם.

ער האָט זיך צוגעזעצט צום קיך־טישל, ווו ס'איז געשטאַנען די שוואַרצע קאַווע. דינע ברויט־רעפטלעך מיט מאַרמעלאַד האָבן געלויכטן פון טעלער אַראָפּ. איבער זיי האָט אַרומגעשוועבט מיט אַ דין זשוזשען אַ קליינע ניי־געבוירענע פליג. די פליג האָט געהאַט גאָר פלאַכע פליגע־לעך פון בלוילעכער קאָליר. ס'איז געווען אַזוי שטיל אינעם קיכל, אַז ביידע אַלטע לייט האָבן בלויז פאַרנומען דאָס דאָזיקע דינע, זילבערנע זשוזשען פון דער פליג. זי האָט שוין געוואָלט אַרויס, מאַטילדע, ווי דער אַלמן האָט זיך אויפגעשטעלט פונעם טישל און איר פאַרשטעלט דעם וועג. ער האָט איצט געקוקט אויף אירע קליינע, אַלטע הענט און דערזען די נעץ פון אירע אָדערן. אין דער רגע האָט דער אַלטער הער פאַלקענ־שטיין אין זיי דערקענט: די בלוילעכע, לאַנגע וואָרצלען פון די צוויי טויטע קאַרטאָפל...

— וואָהין, פרוי מאַטילדע?

— איך מוז מיר אויך מיין מאָרגן־קאַפּעע, הער פאַלקענשטיין...

ער האָט זיך ניט גערירט פון דער שוועל.

— דומהייטן... בלייבן זי היר... טרינקען וויר צוזאַממען... איך ביטטע...

— צוזאַמען? און וואָס וועלן מענטשן זאָגן?... בייזע צינגער... מיין גאָט...

— מענטשן... מענטשן... וואָס זענען מענטשן? נאָר גאָט און זיין ווילן רעגירט — ניכט מענטשן... אויך זי, עלזע, וויל עס... די טויטע ווילן עס... יאָ, יאָ, — די טויטע... די טויטע...

זי האָט אַן איבערגעשראָקענע אַריינגעקוקט אין זיין גערונצלט, אַלט פּנים.

— וואָס מיינען זי, הער פאַלקענשטיין?

— איך מיין די וואָרצלען... די בריקקע... די עוויגע בריקקע... געהען וויר נאָך איין ביסכען צוזאַממען... נאָך איין קליינעס, קליינעס ביסכען... צוזאַמען...

— אומפאַרשטענדלעך, הער פאַלקענשטיין... וואָס פיר בריקקע? וואָס פיר וואָרצלען?

— אַללעס איז אומפאַרשטענדליך אויף דיזער ערדע... ניכטס, אַללעס ווירוואַר... נור: בריקקע און וואָרצלען... יאָ... יאָ, דאָס זינד אַללעס הייליקע, אַלטע זאַכן...

און די אלמנה מאַטילדע, אַ צעטומלטע און איבערגעשראָקענע, פון דעם וואָס זי האָט נאַרוואָס דאָ געהערט, האָט זיך ניט ווילנדיק אַוועקגעזעצט גראָד אַנטקעגן דעם הער פאַלקענשטיין טרינקען דעם מאָרגן־קאַפּעע. רויטע, יונגע פלעקן האָבן זיך באַוויזן אונטער דער בלאַסער הויט פון איר פאַרוועלקט, אַלמנהש פּנים. אירע אויגן, גרוילעכע און קורצזיכטיקע, האָבן די גאַנצע צייט גערוט אויף אירע קליינע, אַדערדיקע הענט, וואָס האָבן פאַרשעמטע געשניטן דאָס טונקעלע ברויט.

*

ס'איז געווען אַ שמאָלע, שטיין־געפּלאַסטערטע אַליי ביים שאָסיי מיט אַסך פּיכטע ביימער־בלעטער, וואָס זענען דאָ געלעגן נאָך פון פאַראַיאָריקן

זומער. די בלעטער זענען געווען שוין שוואַרצלעכע, בלויז איינצלנע האָבן נאָך געהאַט אין זיך אַ מילדע גרינקייט, וואָס האָט ניט געוואָלט וועלקן. אויף דער דאַזיקער אַליי האָבן ביידע אַלטע לייט, די אלמנה מאַטילדע און הער פאַלקענשטיין, געמאַכט זייער ערשטן שבת־שפּאַציר נאָך דער שבעה. מענטשן האָבן זיי נאָכגעקוקט פון אַלע זייטן — ווי די צוויי אַלטע לייט שטעלן זייערע קליינע קינדערשע טריטעלעך אויפן שמאָלן באַ־בלעטערטן וועג. הער פאַלקענשטיין האָט אויך איצט געטראָגן זיין שוואַרצן, ווינער ראָק און זי, מאַטילדע, איר שבתדיק, זייער שטאַרק אויסגעפּרעסט קלייד מיט אַ סך פאַלדן. ביי ביידע זייטן האָבן שוין ווידער אָנגעהויבן בליען די נידעריקע ביימער, וואָרעם ס׳איז שוין געווען סוף שבט. קליינע, ציטערנדיקע און קאָלירטע קנאָספּן האָבן אָן אויפהער געפּלאַצט אויף די צווייגן. זיי האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך אויסטערלישע יונגע ערדישע ריחות. די ביימער זענען אַלע געשטאַנען רויטלעכע, געמישט מיט לילא און אַ קאָליר פון הימלדיק־בלוי. דעם אַלטן הער פאַלקענשטיין האָט זיך אויס־געוויזן ווי די ביימער וואָלטן געווען פאַרוואָרפן מיט קאָנפעטי. ניט ווייט פון דאַנען, אויפן פעלד, האָבן זיך געהויבן די לעצטע, פייכטע נעפּלען. די ערד, אַ שוואַרצע, אַ צעשפּאָלטענע האָט זיך פאַרבענקט געגרייט צו אַ ניי פרילינגדיק לעבן. צוויי הינט, יאָגנדיק זיך איבערן פעלד, האָבן צעפלאָשעט אַ טשאַטע שוואַרצע ווראָנעס, וואָס האָבן ניט ווייט פון ביימער־וועג גענישטערט צווישן דער שוואַרצער, פאַרענדיקער ערד.

זיי זענען געגאַנגען טריט ביי טריט — ביידע איינזאַמע מענטשן, שאָקלענדיק מיט די אַראָפּגעבויגענע קעפּ פאָרויס און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי צוויי אַלטע, איבערגעשראָקענע הינער. וועגן וואָס האָבן זיי גערעדט? ס׳האָט אויסגעזען ווי זיי רעדן גאָרניט ניט. בלויז זייערע ביידע שוואַרצע שטעקנס האָבן לייכט געקלאַפּט: טוק־טוק — איבערן שטיין, ווי דאָס וואָלטן געווען די שטילע, שוואַכע רייד פון זייער ווערטערלאָזן שמועס. זיי זענען אַזוי געגאַנגען ביז צום ברעג פונעם פעלד־וועג און דערנאָך זיך אומגעקערט, כדי אויפסניי צו מאַכן דעם זעלביקן וועג, אַהין און צוריק, צווישן די פייכטע, אויפבליענדיקע ביימער.

די גאַנצע צייט איז פרוי מאַטילדע געווען צעטומלט. זי האָט געהאַט

אַ שווער, אומרויק געפיל און געווען איבערגעשראָקן פונעם אַלמנס רייד. די רויטע פלעקן אויף איר פּנים האָבן זינט דעם פרימאָרגן גאָרניט געוואָלט פאַרשווינדן. זיי האָבן איצט אויסגעזען צווישן די פאַלדן פון איר הויט ווי קליינע צעבליטע מאַלינעס. דער אַלטער הער פאַלקענשטיין איז תּמיד צוגעקומען בלויז צום זעלביקן: די וואָרצלען... די בריקקע... אַלטע זאַכן... זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ניט אַנדערש ווי די זיבן טעג זיצן אויפן נידעריקן בענקעלע האָבן דעם הער פאַלקענשטיין אַריינגעפירט אין אַזאַ זעלישער טריביקייט און שגעון, ווי ס׳טרעפט מיט איינזאַמע מענטשן בעת אַן אומ־גליק. דאָס וועט אַוודאי ניט לאַנג דויערן. זי וועט אים יעדן טאָג אַרויספירן אויפן שפּאַציר, טאַקע דאָ... צווישן די אויפגעבליטעביימער... און פאַרוואָס זאָל זי ניט אים צוהיטן — דעם דאָזיקן קראַנקן, אַלטן הער פאַלקענשטיין? זי וועט מאָרגן אַוועקשטעלן אויפן פּאַראַפּעט זיין ליידיק מילך־פלעשל פאַרן מילך־פאַרקויפער... און פאַרוואָס אויך ניט איר פלעשל? זאָלן ווידער שטיין צוויי פלעשלעך... צוויי מילך־פלעשלעך צוזאַמען... זי וועט פאַר אים גרייטן די מאָלצייטן... אויספרעסן אַ העמד... ביז... ביז...

זי איז געגאַנגען לעבן אים און געשוויגן.

— איז דאָס ניט די פּראַטער־אַליי, פרוי מאַטילדע?

— הער איזידאָר...

— יאַ... יאַ... אונדזער פּראַטער־אַליי... די בריקקע... די וואָרצלען... אַלטע, דוממע זאַכן...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַנג און דאָס שטעקעלע אַנגעהאַנגען אויף איר לינקן אָרעם. אַרומקוקנדיק זיך צוערשט אין אַלע זייטן, האָט זי דערנאָך איר קליינע, רעכטע האַנט, אַ פולע מיט בלויע אָדערן, אַרויפגע־לייגט אויף זיין אַקסל.

— זינד זי נור רויק, הער פאַלקענשטיין... גאַנץ רויק... אונד לאַססן זי שאָן דיזע דוממע, אַלטע זאַכן...

1958

דער פּרינץ

זיי האָבן ניט געהאַט קיין קינדער — דאָס עלטערע ווינער פּאָרפּאָלק. עס קאָן גריילעך געמאָלט זיין, אַז אירמע און היינריך וואַלדהיים האָבן וועמען יאָ געהאַט ערגעץ אין דרום־טייל פון לאַנד אין אַ קיבוץ. יעדנ־פאַלס — האָט מען אין די ביידע אויסגעווייסטע חדרימלעך קיינמאָל ניט געזען, אַז ס׳זאָל זיך עמעצער אַרומדרייען אַחוץ דעם פּאָרפּאָלק אַליין און — דעם פּרינץ. אפשר דערפאַר האָט דער קייגנאיבערדיקער פּוילישער פּאַרטער־שכן זיך אַביסל אַרויסגערוקט אויף אַ פּאָר שפּאַן מיט זיין צוגעטיילט שטיקל ערד ביים פאַרזעצן די ירקות. און הגם די ערד־מעסטערס, וואָס זענען געקומען פון שטאָט, האָבן גענוי געהאַט אָפּגעטיילט פאַר יעדן זיין פּיצל צוגעטיילטן באָדן הינטער די פענצטער און אַפילו אַריינגעקלאַפּט אַלס סמנים שווערע, הילצערנע פּלאָקנס — האָט דאָס לחלוטין ניט געשטערט, אַז פּיניע זאָל טאַקע די פּלאָקנס איבעררוקן ביינאַכט נעענטער צום קייגנאיבערדיקן ווינער פּאָרפּאָלק. ער האָט עס געטאָן אַזוי געשיקט און פלינק נאָך האַלבער נאַכט, אַז גאָר אין דער פרי, בעת אירמע האָט נאָר געעפנט דאָס פענצטערל, זענען שוין געהאָנגען דראָטן, וואָס האָבן אָפּגעצוימט דעם פּוילישנס שטיקל באָדן מיט דער נאָרוואָס איבערגעקאָפּעטער ערד.

בעת דאָס ווינער פּאָרפּאָלק האָט נאָר געהאַט צו דערנערן זיך אין יענעם שווערן יאָר פון קאַרגער שפּייז אין לאַנד, האָט דער פּוילישער געהאַט דריי אונטערוואַקסנדיקע יינגלעך, אַ הויך, שטאַרק־אויפגעשפּראָצט דאַר מיידל, אַחוץ דער יידענע זיינער, וואָס פלעגט אַהיימנעמען וועש צו נייען, כדי צו פאַרלייכטערן דעם הונגער אין יענעם יאָר. פון שלעפּן די שווערע שטיין־בלאָקן ביים בויען די נייע הייזער האָט דער פּוילישער

באַקומען אַ ברוך און איז געווען זייער אָפּט קראַנק. און טאַקע דערפאַר האָט דאָס פאַרפאַלק, ווי נאָר דאָס שטיקל ערד איז געווען אַרומגעצוימט, זיך גענומען פאַרפלאַנצן כלערליי ירקות און אויפגעשטעלט פויגל־שרעקערס פאַר די מחנות הונגעריקע וורובליעס. די פויגל־שרעקערס האָבן אָבער גאָר ווייניק פאַרטריבן די וורובליעס, כאָטש אויף די דרענגער זענען גע־זעסן אויסטערלישע פוילישע היט, איבערגעקערטע בעזימס און געשפּאָל־טענע מאַרינאַרקעס, וואָס האָבן געפלאַטערט אין ווינט מיט זייערע צע־ריסענע, אַראָפּהענגענדיקע ערמל. דער פוילישער האָט אָן אויפהער געגאָסן וואַסער אין דער איבערגעוואָרפענער, נאַקעטער ערד.

— שיינע־מלכה, גיב נאָר אַ קוק!... ווי געפעלט דיר עפּעס אונדזער גיט?... אסור צי ביי די ראַדזשיווילס איז געווען אַזאַ מאַיאָנטעק... געדענקסט נאָך דעם מאַיאָנטעק פון די ראַדזשיווילס, שיינע־מלכה?

אַזוי פלעגט פּיניע אַריינשרייען אין דער קיך צו דער יידענע, וואָס פלעגט אָן אויפהער אין יענעם יאָר קאָכן משונהדיקע גראָזן פאַרן הויז־געזינט אויף צוויי הויכע נאַפט־מאַשינקעס. ער פלעגט דעמאָלט ס'רוב קניען אויף דער ערד און פון דאָרט קלויבן די שפּיציקע שטיינדלעך, שרצים און סתם כלערליי ווילדקייטן, מיט וואָס די ערד איז דאָ געווען איבערפול.

שיינע־מלכה איז אַרויס פון קיכל, זיך אָוועקגעשטעלט ביים פענצטער און, אָן אָנגעלענטע מיט אירע ביידע שפּיציקע עלנבויגנס אויפן בלעכע־נעם פאַראַפעטל, האָט זי צו אים אַראָפּגעפּליסטערט אין דער נידער.

— ווייסט וואָס כ'על דיר זאָגן, פּיניע?... אַ שאָד וואָס האָסט זיך ניט איבערגערוקט מיט נאָך אַ פּאָר שפּאַן... זיי, קייגנאיבער, דאַרפן דען ס'פּיצל ערד?... אָן עבירה אַ רעטעכל...

— ש... ש... ש... זאָל נאָר דאָס בשלום אַדורכגיין... וועט מען זען ווייטער... איבעררוקן ביינאַכט די פּלאָקנס קען מען שטענדיק...

— זע נאָר דעם יושר!... — שיינע־מלכה האָט נאָך מערער זיך אַרי־בערגעבויגן און אַראָפּגעשושקעט צו פּיניען — זיי — צוויי מיילער, מיט אַ גרינגער פּרנסה, גיט מען ערד פּונקט אַזוי ווי פאַר אונדז — זעקס

עסערס, קניינעהאָרע... זעסט דאָך שוין וואָס דאָ טוט זיך... אָן כוח גייט גאָרניט... אַז וועסט ניט איבעררוקן די דראָטן — ׳על איך אַליין ביינאַכט...

— גדולד, שיינע־מלכה... געדולד... וואַרט כאָטש ביז ס׳גרינצייג וועט זיך אָננעמען... דערווייל דאַרף מען רייניקן די ערד... זי איז אַזוי פול מיט שפּליטערס ווי ס׳וואָלט דאָ געשטאַנען אַמאָל אַ שטיינהאַקעריי...

— מיט דיין געדולד ׳על דערווייל די קינדער אויסגיין נאָך אַ קאָר־טאָפליע...

פּיניע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער ערד, אַריינגעקוקט אין שיינע־מלכהס אויגן און מיט אַ תחנונים־קולכל זיך אָפּגערופן:

— שיינע־מלכה... אפשר וואָלסטו אַריין צו זיי און געבעטן אַ גמילת חסד?... ניט קיין סך... כ׳על אָנהויבן אַרבעטן...

— פון זיי ווילסטו אַ גמילת חסד? פון די יעקעס?... פון זיי ׳עסטו גאָרניט האָבן... ס׳זענען ניט אונדזערע יידן אין פוילן... זעסט דאָך ווי דאָס האָט זיך דאָרטן אָפּגעשלאָסן... די פענצטער — מיט שיינע גאַרדינע־לעך... קאַנאַריקלעך... ווינער וואָלסן און — אַ כאָפּטע קעץ! ווי זיי פלאַדיען זיך דאָרטן — די קעץ... אוי, רבונו של עולם!... ווען האָסטו דאָ אַהער־געפירט פון גלות... ניט קיין צלם אויפן האַרץ און ניט קיין מזוזה אויף דער טיר... נאָר קעץ און קעץ, קאַנאַריקלעך און ווינער וואָלסן...

— האָסט שוין אַנומלט געזען, שיינע־מלכה, אַז אַ דייטשער אַפּטייקער זאָל קושן די מזוזה?... און וואָס שייך די קעץ און די קאַנאַריקלעך — וואָס זענען זיי שולדיק?... ס׳איז דאָך צער בעלי חיים... דוכט זיך, אַז די זופּ ברענט־צו... גיב נאָר אַ קוק אין קיכל!...

שיינע־מלכה האָט אַפילו ניט געהערט וועגן דער זופּ.

— כ׳פאַרשטיי, מע האַלט אין שטוב איין קעצעלע... אַ שיינס, אַ קליינס... מיט אַ רויט בענדעלע... נאָר האָדעווען אַ גאַנצן פאַלוואַרק מיט קעץ?... ס׳איז דאָך אַ ריינע זאַראַזע!...

פּיניע האָט זיך דערווייל אַביסל אָפּגערוקט, קלויבנדיק די שפּיציקע שטיינדלעך פון דער איבערגעוואָרפענער ערד. שיינע מלכה האָט דערזען, אַז זי האָט ניט מיט וועמען צו ריידן איז זי פאַרשוווּנדן פון פענצטער און אַריין אין קיכל, כדי דאָרט אָפּצושוימען פון די טעפּ דאָס מוטנע שוימעכץ פון די קאָכנדיקע ירקות.

*

ווינאַר דאָס פּאַרפּאַלק הײנריך און אירמע וואַלדהײים האָט זיך דאָ אַהערגעקליבן — איז דאָס ערשטע, וואָס זײ האָבן אַרײַנגעפירט אין זײער שטוב — אַחוץ די צװײ שטײגן מיט די שײן־קאַליריקע קאַנאַריקלעך — געװען פּרינצל. דאָס איז געװען אַ פלאַמיקער, פּעך־שװאַרצער און הײס־בלוטיקער יונגער קאָטער מיט אַ בלישטשנדיק, אויפגעשטעלט פּעלעכל, וואָס האָט געלויכטן מיט אַ שווערן אור־בלאַסק פון אַ קלײן טיגערל. זײַנע אויגן זענען געװען גרויסע, גרין־אומרויקע, מיט בליצנדיק־גאָלדענע ווײסלען, וואָס האָבן געהאַט אויך אַן אָפּשפּיגלונג פון זײַן פּאַרשײַטער שוואַרצקײט. אַ בינטל שוערע, זילבערנע האָר, לאַנגע און שטעכיקע, זענען געהאַנגען אַרום זײַן מויל און האָבן אויסגעזען ווי אַ פּריצישער, גוט־געפּלעגטער שנורבאַרט. ער איז דעמאָלט נאָך געװען בײַ די וואַלדהײמס אײנער אַלײן — ביז ס׳האָבן זיך ניט דערוווסט פון אים די אומצאָליקע װײַבער־קעץ פון שכנהשאַפט. פּרינצלס גאַנג איז געװען אַ ווײך־סאַמעטענער און אַ גאַווהדיק־פּאַוואַליעדיקער. זײַן רונדיקער, טיגערישער גוף האָט זיך קוים געטראָגן אויף זײַנע שטאַרקע און קורצע פיס. אירמע האָט אים באַלד פון ערשטן טאָג גערופן: פּרינצל. ער האָט טאַקע תמיד אויס־געדרײט דעם קאָפּ, בעת עמעצער האָט נאָר אַרויסגעפּליסטערט דעם אָ נאָמען. פונעם ערשטן טאָג אָן האָט פּרינצל זיך אָפּגעזוכט זײַן שטענדיק זיץ־אָרט — אויף דער שמאָלער, אַרויסשטײַגנדיקער בלעך פונעם פענצטער־פּאַראַפּעט. פון דאַנען האָט ער שעהנווײַז אַריבערגעקוקט צו די פּוילישע שכנים, ניט פינטלנדיק מיט אַן אויג, בעת זײַנע צװײ פאָדער־שטע פיס האָבן אונטערגעהאַלטן, ווי צװײ רונדיקע זײַלן, זײַן פאַררײ־סענעם, שײנעם, קאָטערישן קאָפּ. דאָס איז געװען גאָר אין אָנהויב. דערנאָך זענען אָנגעקומען די אומצאָליקע װײַבער־קעץ און פון דאַנען מער שוין ניט אָפּגעטרעטן. אפשר דערפאַר וואָס דאָס ווינער פּאַרפּאַלק האָט אַמאָל געהערט צום „טיר־שוץ־פאַרײן" און אויך מחמת זײער קינדערלאָזיקײט — איז די שטוב מיט דער צײַט געוואָרן איבערפול מיט קעציש יונגוואַרג. אַחוץ פּרינצלען, וואָס האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, האָבן

זיך דאָ אַרומגעדרייט יונגע, בויגעוודיקע קעצלעך, וואָס זענען געשפּרונגען פון די בעטן אויפן דיל און פון דיל אויף דער סאָפקע. דאָס האָבן געמוזט אַוודאי זיין פּרינצלס קינדער אָדער קינדסקינדער. אַלע האָבן זיי געהויבן די קעפּ צו די פישטשנדיקע קאַנאַריקלעך, וואָס זענען געשפּרונגען אין די שטייגן איבער קליינע, קאָלירטע לייטערלעך און געמאַכט קלינגען דאָרט די אָנגעהאָנגענע פּיטשינקע גלעקעלעך. טיילמאָל האָט מען ניט געקענט אפילו פונאַנדערשיידן די פויגלס טרעלן פונעם דינעם גלעקל־געקלאַנג. די שטוב איז תמיד געווען איבערפול מיטן טרעלן פון די קאַנאַריקלעך און מיטן גלעקל־געקלאַנג, וואָס האָט זייער גערייצט די קעץ. אויך זענען דאָ געווען צוויי אומעטיקע, גראָע מאַמע־קעץ, אַוודאי אלמנות, וואָס האָבן דעם גאַנצן טאָג געזוכט פּרינצלס נאָענטקייט. ער אַליין, פּרינצל, האָט זיך זעלטן מיט זיי אויסגעמישט. טיילמאָל בלויז פלעגט ער אַדורכגיין די שטוב, אַ שמורקע טאָן דאָרט, אַ שמורקע טאָן דאָ — צי אַלץ איז כשורה. און ווידער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפן פענצטער־פּאַראַפּעט, ווי דאָס וואָלט ניט געווען אַ גראָע, אַלטע בלעך, נאָר אַן אָפּגעזונדערטער, הויכער קאָטערישער טראָן.

אַחוץ דעם לעבעדיקן קעץ־געזינטל האָט אויך אירמע אויסגענייט זייער פיל קעצישע קעפּ, קעצישע לאַפּקעלעך אין די משונהדיקסטע געשטאַלטן אויף די סאָפקע־קישעלעך מיט שיינעם שוואַרץ־ווייסן און גאָלדענעם פאָדעם. זיצנדיק אין שטוב איז מען תמיד געווען אַרומגערינגלט מיט שאַרפן קעצישן אוויר, וואָס האָט געביסן אין די נאָזלעכער ווי צעגאָסענער, ברענענדיקער ספּירט. אַפילו אין יענעם קאַרגן שפּיז־יאָר האָט היינריך וואָלדהיים יעדן טאָג אַהיימגעבראַכט אַ קליין טשעמאָדאַנדל מיט כל טוב פאַר די קעצישע קוואַרטיראַנטן. דאָס זענען געווען אָפּגעהאַקטע, קליינע פיש־קעפּלעך, פאַרוויקלטע הינער־העלדזלעך און כלערליי צעקוועטשט דרויב־אָפּפאַל פון זיין שפּיטאָל־קיך. מיטן פיטערן דאָס קעצישע הויזגעזינט האָט זיך פאַרנומען אירמע, אָבער אויך היינריך האָט מיט גרויס הנאה צוגעוואָרפן דאָס עסנוואַרג אויף דער הינטערשטער זייט פונעם הייזל, דאָרט, וווּ ס׳איז נאָך געשטאַנען זייער גרויסער, הילצערנער ליפּט מיט דער אויפשריפט: „ווין — תל־אביב". אין פלאַכע, בלעכערנע

שיסעלעך האָבן זיי דאָ פאַרצערט די מאָלצייטן. בעת אַלע קעץ האָבן געגעסן דאָ אינעם ווינקל לעבן ליפּט — איז בלויז פּרינצל געווען דער איינציקער, וואָס איז געזעסן אין שטוב צוזאַמען מיטן פאַרפאַלק אויף אַ געבעטן ווינער שטול בעתן מאָלצייט. פאַר אים האָט עס אירמע אָפּגע־קליבן די בעסטע פיש־קעפּלעך מיטן גוטן דרויב און אַפילו דערנאָך אים צוגעטראָגן אַ טעלערל מיט מילך. זי איז געווען, אירמע, אין די פּיפּציקער, מיט ברייט־צעגאָסענע ווייבלעכע היפּטן און שווערע, וויגנדיקע בריסטן, וואָס זענען אוודאי געווען איבערגעקוואָלן פון ניט אָפּגעבן זייער מאַמעשע מילך. איר האָלדז איז געווען רויט און קורץ און אויף אירע קורצזיכטיקע, גראָ־וואָסערדיקע אויגן, האָט זי געטראָגן ברייטע ברילן־גלעזער. אין שטוב איז אַחוץ די צוויי בעטלעך פאַרן פאַרפאַלק אויך געשטאַנען אַ נידריק סאָפקעלע, וואָס איז תמיד געווען באַלייגט מיט דער דרימלענדיקער קעצישער משפּחה. אויך היינריך וואַלדהיים פלעגט נאָכן קומען פון זיין אַפּטייק־אַרבעט אין שפּיטאָל קיינמאָל ניט אַראָפּטרייבן די קעץ פונעם סאָפקעלע. ער האָט גיכער זיך אָוועקגעלייגט אָפּרוען אויפן בעטל, כדי ניט צו שטערן די דרימלענדיקע קעץ. אָבער ווי נאָר היינריך האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל און גענומען די ציַיטונג, זענען זיי פון אַלע זייטן געקומען צו אים און זיך געלייגט ביי זיינע קני און בויך. זיי האָבן אַלע געדרימלט לעבן אים פרידלעכע, שטילע, זאַטע, מיט פאַרוואָרפענע קעפּלעך ווי קליינע אָנגעזייגטע חלומדיקע קינדער.

צווישן דיביידע שכנים, דעם ווינער פאַרפאַלק און דער פּוילישער משפּחה, האָט זיך באַלד לכתחילה, מען ווייסט ניט פאַרוואָס, אָוועקגע־שטעלט אַן אומדורכדרינגלעכע וואַנט פון פיינטשאַפט. אפשר איז עס געווען דער הונגער — און אפשר גאַר עפּעס אַנדערש. וואָס מער פּיניע האָט גע־גראָבן די ערד, אומצאָליקע מאָל זי איבערגעוואָרפן, אויפסנייַ פאַרזייט און אָן אויפהער אין איר געגאָסן וואַסער — אַלץ ווינציקער האָט מען געזען דעם מינדסטן סימן, אַז די ערד וועט אַמאָל אַרויסגעבן פון זיך אַ שטיקל שפּראָצונג. בעת קייגנאַיבער, ביים ווינער פאַרפאַלק, זענען געווען פאַר־פלאַנצט, פאַר שיינקייט וועגן, הויכע זון־בלומען, רויזן־בושן און כלערליי אויסטערלישע האַלב־טראָפּישע פלאַנצן אין די משונהדיקסטע קאָלירן, וואָס

האָבן זיך זייער גוט אָנגעגומען און די ערד איז געווען ווילָיק צו זייער שפּראָצן — איז דאָ, איבערן שטיקל צוגעטיילטער ערד, הינטער די פענצטער פון פּוילישן, ווי געהאָנגען אַ קללה. ס׳איז שוין געווען אפילו די צייט בעת ביי אַנדערע שכנים, אויף דער צווייטער זייט פון וועג, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די ערשטע ראָזלעכע פּאָמידאָרן־צוויטן, די גרין־לילאַ סאַלאַטן־בלעטער און אפילו יונגער קאַרטאָפל־צוזיט — איז דאָ די ערד אַלץ נאָך געלעגן אַ טויטע, אַ מדבּרדיקע און עקרהדיק־פאַרשלאָסן. אפשר דערפאַר וואָס דאָס שטיקל ערד איז תמיד געלעגן אין קילן צפון־שאָטן און אפשר דערפאַר וואָס דער באָדן אַליין איז מחמת זיין דורות־דיקער פאַרשטייניקטקייט ניט געווען מער מסוגל אַרויסצוגעבן אַ שטיקל גרינס פאַר די הונגעריקע מענטשן — אַזוי צי אַזוי — די פיינטשאַפט צווישן ביידע פרעמדע משפּחות איז געוואָרן צוליב דעם טיפער און עקשנות־דיקער. זיי האָבן קיינמאָל זיך ניט איבערגעשמועסט פון די פענצטער — ווי ס׳געשעט ביי אַנדערע שכנים. די פּוילישע האָבן געוווּסט, אַז די קעץ האָבן ביי די יעקעס אַ גוט און זאַט לעבן. זיי האָבן געוווּסט וועגן זייער גוטער פיטערונג אויף דער צווייטער זייט, לעבן דעם ליפּט. זיי האָבן עס דערקענט אינעם פריילעכן קעצישן שפּיל און בעיקר — אינעם בנחתדיקן זיצן פון פרינצלען אויפן פענצטער־פּאַראַפּעט, פון וואַנען ער האָט אָן אויפהער שעהנוויז ווי אַ פאַרשטיינטע, פרינציש־קאָטערישע מומיע גע־קוקט אַריבער גלייך אין די פענצטער אַריין מיט אַ פאַרגליווערטן, גבירהשן שפּאָט.

שיינע־מלכה קען זיך בשום אופן ניט דערמאָנען צי זי איז אַמאָל געווען ביי די יעקעס אין שטוב, כאָטש די מחשבה אַליין צו זיין דאָרט, צווישן דער קעץ־משפּחה, האָט זי שוין אַריינגעבראַכט אין אַן איבלדיק־שווער, ניט־יידיש געפיל. ס׳איז געווען פאַר איר אַ שווערע און ביטערע קלעמונג וואָס איר געבערעכטער מאַן קען ניט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, וואָס די קינדער גייען־איין און נערן זיך מיט שיע פיע און אַלץ, וואָס זיי לייגן אַריין אין דער דאָזיקער ערד, גייט אַוועק אין ניוועץ. פיניע האָט תמיד זי צוגערעדט אַריבערצוגיין צום פאַרפאַלק, בעטן אַן הלוואה... ער וועט דאָך אייביק ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט... ווינאַר ס׳וועט אויפגיין אַביסל

גרינצייג — וועט שוין ווערן לייכטער... ס׳האָט גאָר לאַנג געדויערט ווי שיינע־מלכה האָט זיך געלאָזט צורידן.

ס׳איז גראָד געווען די צייט פון קעצישער מאָלצייט. ווען שיינע־מלכה איז אַריבער די שוועל, זענען זיך די קעץ פון הויפל צעלאָפן און אַריין אין שטוב אונטער דער סאָפקע. זיי האָבן געלאָזט שטיין אינדרויסן די פולע טעצעלעך מיט די צעברעקלטע פיש־קעפלעך. אַ גוטער ריח פון געקאָכטן דרויב אויסגעמישט מיט קעצישער פעל איז געשטאַנען אין דער לופט. שיינע־מלכה האָט אַזש אַראָפּגעשלונגען דאָס שפּייעכץ, אָפּווישנדיק דאָס מויל מיט דער שירץ.

אירמע, אַ קורצזיכטיקע, איז איר אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ טעצעלע מילך אין דער האַנט און פון הויפל אַהערגעשריגן.

— ווער איזט דאָרט?...

— דאָס בין איך... איך... גוטן ט־אַ־אַ־ך, מאַדאַם וואַלדהיים!... — האָט שיינע־מלכה זיך אַדורכגעשלייכט דורכן חדרל און געזען ווי די קעץ קוקן צו איר אַרויס מיט חשד און אַנגעברוגזטע פון אונטער דער סאָפקע.

— גוטן ט־אַ־אַ־ך... גריס גאָט... וואָס ווינטשן זי, גנעדיקע נאָכבאַרין?...

— כ׳זע, מאַדאַם וואַלדהיים... — האָט שיינע־מלכה קוים פון זיך פאַרשעמט אַרויסגעפּרעפּלט — ס׳פעלט זיי ניט ביי איך, קיינאיינהאָרע, פון קיין פויגל־מילך..

— וואָס זאָגן זי? — האָט די ווינערין ניט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט פון שיינע־מלכהן און העכער אַרויפגעהויבן די ברילן איבער דער נאָז.

— איך זאָגע... מאַדאַם וואַלדהיים... אַז ס׳פעלט זיי ניט, ברוך השם, פון גאָרניכט... פיש... פלייש... כל טוב...

— וואָס דענקען זי דאָס קאַצן בראָוכן ניכט עסן צום לעבן?

— יאָ, יאָ, ווער זאָגט דען חלילה... גאַנץ שיין... אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט...

שיינע־מלכה האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח און קוים אַרויסגעשטאַמלט, ניט אויפהויבנדיק אירע אויגן פון דיל.

— און מיינע, נעבעך...

זי האָט איצט אויפגעהויבן אירע אויגן פון דיל און געקוקט אויף אירמעס בלישטשנדיקע, גרויסע ברילן־גלעזער. זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר די קעל האָט זיך איר פּלוצעם פאַרהאַקט. אַ גראָ־ווייסע קאַץ מיט אַ ברוינלעכן פלעק אין סאַמע מיט פון שטערן האָט זיך דערווייל אַרויסגעשאַרט פון הינטער דער סאָפקע און געצופּט שיינע־מלכהס שטוב־פּאַנטאָפל. אירמע האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן די קאַץ און, גלעטנ־דיק איר פעלכל, געזאָגט אַזוי ווי שיינע־מלכה וואָלט ניט געשטאַנען לעבן איר מיט אַ פאַרבויגענעם קאָפּ.

— קאַצן האָבן איינע שענערע זעעלע ווי מענטשן־קינדער, גלאָובן זי מיר...

שיינע־מלכה האָט ניט געקענט איצט אַרויסברענגען פון זיך דעם מינדסטן הויך. דאָס מויל און דאָס האַרץ זענען איר געוואָרן פאַרשלאָסן. זי האָט אײַנגאַנצן פאַרגעסן צו וואָס אייגנטלעך זי איז געקומען. ס'האָט איר פאַרפעלט לופט. פון אַלע זייטן — פון די ווענט, פון די אויסגענייטע קישעלעך און פון הינטער דער סאָפקע האָבן צו איר אַרויסגעקוקט אומ־צאָליקע אויגן פון קעץ. זייער בליק איז געווען אַ שאַרפער און שפּיזיקער. איר האָט זיך געדוכט, אַז זי איז מער ניט צווישן די לעבעדיקע, נאָר זי שטייט אין גיהנום צווזאַמען מיט פאַרגילגולטע קעץ. זי האָט זיך אויסגעע־דרייט, זיך געלאָזט צו דער טיר און הייזעריק קוים אַרויסגעמורמלט:

— זייטס מיר געזונט, מאַדאַם וואַלדהיים, איר, מיט אייערע קינדער און קינדס קינדער.

ערשט הינטער דער טיר האָט זיך שיינע־מלכה נאָכאַמאָל אומגעקערט. זי האָט געשלונגען די לופט ווי אַ געכאַפּטער פיש. אויפן פענצטער־פּאַראַ־פּעט איז ווי תמיד געזעסן ער — פרינצל. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געקוקט גלייך אין אירע אויגן. זיין שוואַרצער, גליאיקער בליק איז אַדורך איר גוף ווי דאָס וואָלט געווען אַ שוואַרצע, שפּיציקע פייל. זי האָט זיך אַזש אַ רגע דערשראָקן פאַר זיינע זילבערנע, אַראָפּהענגענדיקע וואָנסן, וואָס האָבן אונטערגעציטערט. ער האָט אויסגעזען אין אירע אויגן ווי דער שוואַרצער שר פון גיהנום. איצט ווייסט זי שוין פאַרוואָס איז איר האַרץ פול מיט שנאה דווקא צו אים — צו פרינצלען. דאָס איז ער דער

שונא, וואָס איז דער ערשטער געקומען אַהער. דאָס האָט ער געשלעפּט צו זיך דעם גאַנצן פּאַלוואַרק מיט קעץ. און אַראָפּגייענדיק פון די עטלעכע שטיגעלעך האָט שיינע־מלכה ניט געקענט זיך איינהאַלטן און צו זיך אַליין געשטאַמלט:

— וואַרט, וואַרט, שוואַרצער שד... די נכפּה וועט דיך שוין נעמען... ס'וועט שוין קומען אויף דיר אַ וויסטע מפּלה...

*

דאָס איז געווען אַ פּאָר טעג שפּעטער נאָכן וויזיט פון שיינע־מלכהן ביי אירמען. פון פאַרטאָג אָן האָט פּיניע געקניט אויף דער ערד אונטערן פענצטער. ער האָט אויפסניי איבערגעפלאַנצט די פאַרזייטע זוימען. דאָס פּיצל ערד איז ווי פריער געווען האַרטנעקיק און עקרהדיק. בויגנדיק זיך איבער דער ערד האָט פּיניע זיך געמוזט אָפּט אויסגלייכן, וואָרעם דער ברוכגאַרטל האָט זיך אים אַראָפּגערוקט פון די שענקלען. ס'איז נאָך געווען כמעט טונקל. די זון, פאַרנעפּלט און פאַרגליווערט, איז געהאַנגען אין מזרח־חלל ווי זי וואָלט זיך ניט געוואָלט העכער אויפהויבן איבערן האָריזאָנט. שיינע־מלכה איז נאַרוואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף און ברייט אויפגעפּראַלט די לאָדנס. אַרויסבייגנדיק זיך פונעם פענצטער צו פּיניען האָט זי פּלוצעם דערפילט אַ פרעמדן ריח אינדרויסן, וואָס איז געגאַנגען פון דער צעלעכערטער ערד.

— פּיניע... עפּעס הערט זיך דאָ קעצישעס...

פּיניע האָט זיך אויסגעגליכן און אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— ס'קאַצל קומט... וואָס האָסטו געזאָגט? —

— כ'זאָג, אַז דאָ הערט זיך עפּעס קעצישעס... פון גאָר נאָענט...

— ס'חלומט זיך דיר אַוודאי, שיינע־מלכה... די קעץ שלאָפן דאָך נאָך...

— און איך זאָג דיר, פּיניע, אַז ס'הערט זיך דאָ קעצישעס... פון דער ערד...

— פון דער ערד קעצישעס?... משוגע מיינע שונאים...

— יאָ, פון דער ערד... און איך זאָג דיר, פּיניע, אַז ס'גייט פון דער ערד עפּעס קעצישעס... נאָר פון דער ערד...

זי איז אַרויס אינדרויסן אין אָפענעם שלאָפראָקל, געגומען פון פיניעס האַנט די גראַבליע און מיט איר אָנגעהויבן אַוועקשאַרן די ערד־שיכט לעבן דער וואַנט.

— ני !... גיב נאָר אַ קוק וואָס דאָ טוט זיך !... כ׳האָב דיר ניט געזאָגט !...

ניט טיף, אונטער דער אַוועקגעשאַרטער ערד־שיכט, ביי דער גאַנצער לענג פון דער וואַנט און אַפילו אינמיטן פון די פאַרזייטע גרינסן, זענען געלעגן שטויסלעך פון קעצישער אומריינקייט. דאָס האָט געמוזט זיין פון לאַנגע וואָכן צוריק און אויך פון דער לעצטער נאַכט. וואָס מער זי האָט איבערגעוואָרפן די ערד — אַלץ מערער האָט זי אָנגעטראָפן אומריינקייט, פאַרדעקט מיטן זאַמד, ווי ס׳איז די טבע פון קעץ, וואָס נאָכן טאָן זייער קעציש געברויך פאַרשיטן זיי עס מיט ערד. ניט פיניע און ניט שיינע־מלכה האָבן געוווּסט, אַז שוין וואָכן ווי אַלע קעץ פון ווינער פאַרפאַלק און אויך פרינצל האָבן דאָ אינמיטן נאַכט געטאָן זייער קעציש געברויך — דווקא אינעם פאַרזייטן גערטנדל, אונטער די פענצטער פון די פוילישע. זיי האָבן עס געטאָן אין אַזאַ קעציש־צניעותדיקער סודותדיקייט, פאַרהילט פון דער נאַכט־פינצטערניש — אַז קיינער האָט דערפון ניט געוווּסט, אפשר אויך ניט די וואַלדהיימס.

— ני, וואָס זאָגסטו יעצט, פיניע ?...

— וואָס זאָל איך זאָגן ?... קעץ... לעבעדיקע באַשעפענישן... צער בעל החיים...

— ביי דיר איז אַלץ ניחא... צער בעל החיים... קעץ זאָגסטו ? — דאָס זענען שדים, רוחות און ניט קיין קעץ... יעצט ווייסטו שוין פאַרוואָס ביי אונדז וויל גאָרניט וואַקסן ? יעצט ווייסטו כאָטש פאַרוואָס דיין פראַצע איז אַרויסגעוואָרפן... זיי פאַרסמען דאָך אונדזער פיצל ערד... נאַ, זע ! דאָס איז פון די פיש־קעפּלעך... פון די גוטע דרויבלעך... פון די הינערישע העלדז־לעך...

— כ׳מיין, שיינע־מלכה, אַז מען דאַרף זיי זאָגן, די יעקעס...

— ס׳איז גאָרניטאָ וואָס צו זאָגן... ניטאָ מיט וועמען צו ריידן... ס׳זענען דאָך זייערע יורשים... גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד... זי זאָגט

דאָך בפירוש, די ווינעריז: קאָצן האָבן אַ שענערע זעעלע פון מענטשן... ווי געפעלט דיר עפּעס אַזאַ קעצישע תורה?

זיי זענען ביידע געשטאַנען אַריבערגעבויגן איבער דער אויפגעקאָ־פּעטער ערד און צונויפגעשאַרט די אומריינקייט אויף איין בערגל. זיי האָבן געגראָבן אין דער טיף און דורך דער גאַנצער לענג פון שטיקל ערד. די זון איז דערווייל אַרויס פון הינטערן נעפּל און שיינע־מלכה האָט זיך אָפּגערופן:

— און איך זאָג דיר, פּיניע, אַז מ׳עט מוזן עפּעס טאָן... אין אַלעם איז שולדיק — ווייסט ווער?... נאָר ער!...

— ווער, למשל?

— פּרינצל...

— פּרינצל?

— וואָדען דער רבנו תם?... נאָר ער... ווען ניט ער וואָלט דאָרט ניט געווען אַזאַ כאָפּטע קעץ... ווען ניט ער — וואָלט אונדזער גערטנדל געבליט... ער וועט שוין ביי מיר איינעמען אַ מיתה משונה... וואַרט, וואַרט, שוואַרצער שד, ס׳וועט שוין קומען אויף דיר אַ ווייסטע מפּלה!...

*

פּיניע האָט לחלוטין ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס שיינע־מלכה האָט זיך פּלוצעם גענומען אויסריידיקן דאָס קליינע, האַלב־פינצטערע קעמערל, וואָס איז געווען אויף דער הינטערזייט פון זייער קיכל. דאָס איז געווען אַ צייט־ווייליק־אָפּגעטיילט קעמערל, אויפגעשטעלט פון ניט־געקאַלכטע גראָע בלאָקן און מיט אַן אָנגעהאָנגען טירל, וואָס האָט געהאַט אין דער הויך אַן אויסגעשניטענע עפענונג אין דער פאָרם פון אַ האַרץ. אין קעמערל זענען ביז איצט געלעגן אָנגעפּראָפּט פון אַלע זייטן זייערע אַלטע פּוילישע טשע־מאָדאַנעס, ניט־גענוצטע שטוב־כלים און צעריסענע אַלטע מלבושים און שוכוואַרג. איצט האָט שיינע־מלכה די אַלע זאַכן אָפּגערוקט נאָענט צו די ווענט, די טשעמאָדאַנעס געלייגט אויף אַ שטויס, אַזוי אַז אין מיטן פון קעמערל האָט אַפילו געקענט שטיין אַ מענטש. די דריי ייִנגלעך אירע האָבן זיך פון דרויסן צוגעקוקט ווי די מאַמע רוקט אײַנעווייניק די טשעמאָדאַנעס

און בעת דאָס איז געשען — איז פון הינטער זיי אַדורכגעלאָפן אַ גראָע, צעפּלאָשעטע מויז. זי איז געלאָפן, די מויז, פון ווינקל און דערנאָך אַרויס דורכן טירל. שיינע־מלכה האָט געכאַפּט אַן אַלטן שוך און געוואָרפן נאָך דער אַנטלויפנדיקער מויז. די דריי ייִנגלעך האָבן געמאַכט אַזאַ געוואַלד, אַז פּיניע, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפּאָרעט אין גערטנדל, איז געקומען אַהערצולויפן אין בהלה.

— שוין!... געלויבט דער איבערשטער!... — האָט שיינע־מלכה אַ צערויטלטע און צעשוויצטע אויסגעקלאַפּט אירע הענט און ניט געקוקט פּיניען אין פּנים אַריין — שוין!... פּטור!... געמאַכט אַביסל אָרדענונג אין קעמערל... אַן אמתער הקדש... ווייסט וואָס, פּיניע? — מ'עט מוזן אַריינשטעלן אַ קעצל אין קעמערל... ס'האָבן זיך געיאָוועט יענע לייט!...

— ווייניק קעץ האָסטו קייגנאיבער — דאַרף מען נאָך קעץ?...

— ביי די יעקעס זענען עפּעס קעץ?... זיי זענען דאָך דאָרט אַלע יחסנים... אַריסטאָקראַטן... פּרינצן, געהאָדעוועט אויף יאַכלעך און פּיש־קעפּלעך... זיי האָבן שוין ניט מער וואָס צו טאָן נאָר צו יאָגן זיך נאָך דיינע מייז!... כ'על מוזן צולויפן צו די שאַנכייער שכנים און ברענגען עפּעס אַ שיין, אמת קעצל...

פּיניען איז די גאַנצע זאַך ניט געפעלן. וואָס עפּעס אין מיטן דרינען האָט שיינע־מלכה אויסגערייניקט דאָס קעמערל — און גייט ברענגען אַן אמת קעצל אין שטוב אַריין? ער האָט טאַקע געהערט אינעווייניק אין קעמערל עפּעס ראַיען... אָבער ווו זענען דאָ ניט פאַראַן יענע לייט? דאָרט, ווו ס'קומען ווינען מענטשן — קומען מיט מייז... אפשר איז טאַקע בעסער וואָס קייגנאיבער האָדעוועט זיך אַ גאַנצער פּאַלוואַרק? ווען ניט זיי — וואָלט אפשר דאָ געווען אַ פּאַרפּליצעניש... ס'איז גענוג בלויז אַז פּרינצל זיצט קייגנאיבער אויפן פענצטער — אַז ס'זאָל אויף זיי ציטערן די הויט...

— וואָס הייסט, שיינע־מלכה, ביי דיר אַן אמת קעצל?...

— ס'זאָל זיין צו גאָט און צו לייט... אי דאָס — אי יענץ...

שיינע־מלכה האָט צוגעמאַכט דאָס טירל פון אויפגערוימטן קעמערל און זיך געקליבן צו די שאַנכאַיער שכנים איבערן בערגל. — — —

דעם זעלביקן טאָג, בעת דאָס ווינער פּאָרפּאָלק קייגנאיבער האָט

געהאַט זייער נאָכמיטיק־דרימל, איז שיינע־מלכה צוריקגעקומען פון די שאַנכאַיער. אין אַ קוישל האָט זי געטראָגן עפּעס שטאַרק פאַרדעקט. פּיניע איז גראָד געווען ביים דאָקטער, וואָרעם דער בויך אויף ביידע זייטן האָט אים פאַרשאַפט שווערע יסורים. ווי נאָר שיינע־מלכה איז אָנגעקומען האָט זי געכאַפּט אַ בליק דורכן פענצטער. זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט. ער, דער פרינץ, איז, ווי תמיד, געזעסן אויפן פענצטער־פּאַראַפּעט, געקוקט אַהער מיט זיין אומבאַוועגלעכן, שוואַרץ־פאַרגליווערטן בליק. שיינע־מלכה האָט זיך אָוועקגעשטעלט אויף דער שוועל און ברייט געעפנט איר שירץ, פון וואַנען ס׳האָט זיך אַרויסגעזען דער קאָפּ פון אַ יונגער, מילך־ווייסער קאַץ.

זי איז געשטאַנען אַזוי גראָד אַנטקייגן פרינצלען. זי האָט אַפילו לכתחילה געספּקט צי אַלץ וועט געשען אַזוי ווי זי האָט עס געהאַט פאַרטראַכט. ער זיצט טאַקע, פרינצל, און קוקט דאָ אַהער צו איר. אפשר זעט ער זי לחלוטין ניט, ער זיצט פאַרטאָן אין זיינע פרינצעש־קאַטערישע רעיונות און דער גאַנצער פּלאַן שיינע־מלכהס וועט זיך אויסלאָזן מיט גאָרניט.

פּלוצעם האָט פרינצל אַ באַוועג געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט זיך אויס־געגליכן, אונטערגעהויבן העכער דעם רוקן און מיט דער רעכטער פאָדער־שטער לאַפּע זיך געווישט די לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע וואָנסן, וואָס האָבן געזילבערט אין דער לופט.

— אַ־האַ!... ער האָט זי שוין דערשמעקט, דער טייוול!... — האָט שיינע־מלכה אָפּגעזיפצט און נאָך ברייטער געעפנט איר שירץ. זי האָט געוויגט די קאַץ אויף אירע אָרעמס אַנטקייגן פרינצלען ווי מען וויגט אויף די אָרעמס אַ שלאָפנדיק קינד.

— מיאַו, פרינצעלע, מיאַו!... קום נאָר אַהער!... זיי מוחל!... כ׳האָב פאַר דיר אַ כלה... אַ ייִנגעטשקע... אַ שיינע... מיאַו, פרינצעלע!... מיאַו!... קום נאָר אַהער!...

די מילך־ווייסע און שיינע קאַץ האָט איצט דערזען אַנטקייגנאיבער די פינקלענדיקע שליפיעס פון פרינצלען. זי האָט זיך צוריקגעצויגן און אַן איינגעקורטשעטע אויף שיינע־מלכהס אָרעמס האָט זי מיט תחנונים און אין קעצישן פחד אַרויפגעקוקט צו שיינע־מלכהן.

— מ־י־אַ־ו... שיינע־מלכה, ראַטעווע!... ווי, ווי צו מיינע יינגע יאָרן!... מיאַו!... מיאַו!...

אָבער פּרינצל איז שוין איצט געשטאַנען אויף זיינע פיר נידריקע, פעטע פיס און זיך אויסגעגליכן אין זיין פולער גרויס. די פעל אויף אים האָט געלויכטן פון צופיל שוואַרצקייט. ער איז אָבער נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן פּאַראַפּעט, געקוקט צום וווּנדער אויף שיינע־מלכהס אָרעם, בעת שיינע־מלכה אַליין האָט ניט אויפגעהערט אים אַהערצומאַניען:

— ני, פּרינצעלע!... זיי מוחל!... ס׳געפעלט דיר ניט די כלה?... מיאַו... מיאַו... פּרינצעלע, שוואַרצער קאַוואַליר...

פּרינצל האָט טאַקע מיט איין שפּרונג זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם פּאַראַפּעט און שוין איז ער געשטאַנען לעבן שיינע־מלכהן און זיך געשאַרט ביי אירע פיס, אַרומגייענדיק פון אַלע זייטן מיט אַן אויפגעהויבענעם רוקן. ער האָט אַרויפגעקוקט צו אירע אָרעמס ווי אַ פאַרכישופט שוואַרץ שדל, בעת אַ צונויפגעקנוילטע פון מיידלש־קעצישער שרעק איז געלעגן פאַרטוליעט צו שיינע־מלכהס בויך די אויסגעבאַרגטע קאַץ פון די שאַנכאַיער.

— קום, קום, פּרינצעלע... קרוין מיינער... — האָט שיינע־מלכה אים געפירט דורכן הויפל און פּרינצל איז איר נאָכגעגאַנגען אַ פאַרכשופטער מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ — קום, קום פּרינצעלע... אָט אַ דאָ... אין קעמערל... אין קעמערל... גיי אַריין, פּרינצעלע, ס׳וועט דיר ניט געשען קיין שלעכטס... מיאַו... מיאַו... כ׳האָב פאַר דיר אַ כלה... מיאַו... מיאַו...

שיינע־מלכה איז די ערשטע אַריין אין קעמערל. נאָך איר איז מיט קורצע, ווייכע טריט געטרעטן פּרינצל. אַז פּרינצל איז שוין געווען אינעווייניק — האָט זי ערשט דעמאָלט אַראָפּגעלאָזט פון אירע אָרעמס די שאַנכאַיער קאַץ. די קאַץ האָט אַרויסגעלאָזט אַ צעבראָכענעם כליפּ:

— מיאַו!... געוואַלד, שיינע־מלכה!... האָב גאָט אין האַרצן!... ברענגסט אויף מיר אַן אומגליק!...

אָבער שיינע־מלכה איז שוין דעמאָלט געשטאַנען אינדרויסן, אויף דער צווייטער זייט פון קעמערל, פאַרהאַקט שנעל דאָס טירל און עס פאַרשלאָסן מיטן גרויסן, פאַרזשאַווערטן, פּוילישן שלאָס.

שיינע־מלכה האָט ניט געהאַט אַ רויק האַרץ נאָכדעם ווי זי האָט אַראָפּ־

געלאָזט פון אירע הענט אין קעמערל די שאַנכאַיער קאַץ און זי איבער־געלאָזט אַליין מיט פּרינצלען. דאָס גאַנצע ביטערניש און קלאָג וואָס דאָס פּיצל ערד אונטערן פענצטער האָט ניט געוואָלט אַרויסגעבן פאַר איר הויזגעזינט אַביסל גרינס — האָט זי איבערגעטראָגן אויף פּרינצלען. און דווקא אין אים האָט זי געזען די גאַנצע קללה און אַלדאָס שלעכטס. ס'איז געווען זייער שווער צו קריגן דאָס טיטעלע מיטן מייזן־סם. זי האָט געוווסט, אַז פּרינצל, ווי יעדע קאַץ, וועט עס דערפילן פון דער ווייטנס און זיך צו דעם ניט צורירן. וואָס וועט זיין דעמאָלט? די שאַנכאַיער שכנים האָבן איר געעצהט: דאָס סם־זעקעלע איבערשיטן מיט עפּעס אַ קעצישן סמאַקאָליק. זי האָט עס טאַקע אַזוי געטאָן — נאָך איידער זי האָט אַריינגעפּירט פּרינצלען. דאָס סם־זעקעלע, וואָס איז געלעגן אין ווינקל, האָט זי הויך פאַרשיט מיט צוקער און דערנאָך פאַרגאָסן מיט אַסך מילך.

זי איז איצט אַזוי געשטאַנען, שיינע־מלכה, הינטערן פאַרשלאָסענעם טירל און זיך צוגעהערט. לכתחילה איז געווען דאָרט גאָר, גאָר שטיל ווי ס'וואָלט אינעווייניק קיינער ניט געווען. באַלד האָט זיך געהערט דער איידעלער, שטילער, פאַרצווייפלטער רוף פון דער שאַנכאַיערין. נאָכן דאָזיקן רוף האָט מען געהערט אַ שווערן, שוואַרצן ברום פון פּרינצלען — און ווידער איז געוואָרן אין קעמערל טויט־שטיל.

פון גרויס נייגעריקייט האָט שיינע־מלכה זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער און אַריינגעקוקט דורכן אויסגעשניטענעם הערצל אין דער קאַמער.

די שאַנכאַיערין איז געשטאַנען אַן איינגעקאָרטשעטע אין ווינקל און מיט איר גאַנץ גופל זיך געטוליעט צו די טשעמאָדאַנעס. זי איז געזעסן איינגעקנוילט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און בלויז אירע אויגן — גרינלעכע, דערשראָקענע און אָנגעצונדענע מיט פּחד האָבן געקוקט צו פּרינצלען. ער איז געשטאַנען אין מיטן פון קעמערל און ניט אַראָפּגע־לאָזט פון איר די אויגן. ווען שיינע מלכה וואָלט פאַרשטאַנען דאָס קעצישע לשון, אַלע תחנונים, געוויינען און געבעטן — וואָלט זי געהערט אָט וואָס:

די שאַנכאַיערין: מיאַו... מיאַו... טייערינקער... ליבינקער... טו

מיר ניט קיין שלעכטס... האָב גאָט אין האַרצן!... כ׳בין געבליבן איינ־איינציקע ביי מיין מאַמען... קוים, קוים אַרויס אויף דער וועלט... געוועזן זענען מיר זיבן... אַלע איבעריקע האָבן די מענטשן דערטרונקען... מיין מאַמע איז אויך יענע וואָך געשטאָרבן פון מייזן־סם... ווײ, ווײ... ווי גיט מען זיך אַן עצה?... ליבינקער, טו מיר ניט קיין שלעכטס!...

פרינצל: ר־ר־ר־... כ׳לעבן דו געפעלסט מיר... נאָך מער, אַז דו רעדסט אַזוי קלוג, אַזוי צניעותדיק... אַזאַ ווייסקייט האָב איך נאָך ניט געזען... כ׳האָב דאָך עפּעס גענוג שיינע ווייבער, נאָר דו!... מיאַו... אַזאַ שיינקייט... אַזאַ יונגעטשקע... אַזאַ בויגעוודיקע... קום נענטער, טייע־רינקע... זײ ניט קיין עקשן...

די שאַנכאַיערין: פרינץ־לעבן, האָב גאָט אין האַרצן!... מיאַו... כ׳ווייס, אַז דו ביסט שטאַרק... שטאַרקער פון מיר... שטאַרקער פון אַלץ אויף דער וועלט... וואָס בין איך אַנטקייגן דיר?... דו ביסט אַוודאי אויך אַ גוטער... זייער אַ גוטער... נאָר, טייערינקער, אַז דו האָסט אַזוי פיל ווייבער — וואָס דאַרפסטו מיך, אַן אומגליקלעכע יתומה?... מיאַו... ווײ, ווײ — ווער האָט זיך געקענט פאַרשטעלן, אַז שיינע־מלכה וועט אָפּטאָן אַזאַ רציחה?... מיין מאַמע האָט מיך תמיד געלערנט: זאָלסט קיינמאָל ניט האָבן קיין אמונה אין מענטשן...

פרינצל: וואָסער רציחה, ווער רציחה?... פאַרקערט.. מיאַו... שיינע־מלכה וויל אונדז פראַווען אַ חתונה... זי ווייס, וואָס הייסט קעצישע צניעות... וואָדען, ווי ביי די הינט, אויף דער גאַס, אין אַלעמענס אויגן?... קום אַרויס פון ווינקל, זאָג איך דיר, און צעבייזער מיך ניט, מיאַו... ר־ר־ר־... כ׳ווער שוין אין כעס... און אַז איך ווער אין כעס — אַ־האַ! מיינסט, אַז כ׳קען זיך ניט אַן עצה געבן מיט אַזאַ צוציק ווי דו?... ר־ר־ר־זעסט? האָסט מיך שוין צעבייזערט... גיב נאָר אַ קוק אויף מיינס אַ פּיסל... אויף מיינע ציין...

די שאַנכאַיערן: כ׳האָב דיך ניט געוואָלט, חלילה, צעבייזערן... מיאַו!... מיאַו!... אסור מיר!... גאָט זאָל מיך באַשטראָפן פאַר די רייד... תמיד, אַז מיר איז שלעכט — דערמאָן איך זיך וואָס די מאַמע, עליה השלום, האָט מיך געלערנט... און דו, פרינצעלע, געדענקסט דיין מאַמען?

זי האָט אַוודאי געמוזט זיין אַ קראַסאַוויצע.... וויפל זייט איר געווען אין דער היים קינדערלעך? מיאַו!...

פרינצל: ביסט אַ כיטרע נקבה... ר־ר־ר... דריי ניט קיין קאָפּ... אַזאַ שאַנקייט ווי דו — האָב איך אין מיין לעבן ניט געזען!... גיי אַרויס פון ווינקל מיט גוטן, הערסט? מיאַו!... ר־ר־רר־...

אין דער רגע האָט שיינע־מלכה אין דרויסן אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון דער עפּענונג אין טירל. זי האָט בלויז נאָך געזען ווי פרינצל האָט איינגעקורטשעט דעם רוקן, וואָס איז אים געוואָרן ווי אַ האַלבער בויגן אויף זיינע שטראַמע פיס. זי האָט אָבער ניט געזען, שיינע־מלכה, ווי פרינצל איז מיט איין שפּרונג אַרויפגעפאַלן אויף דער שאַנכאַיערין און זי אָפּגעשטויסן פון דער וואַנט. ער איז געזעסן אויף איר אַראָפּגעפלאַטשטן ווייסן גוף, בעת זיין אָפן מויל מיט די שפּיציקע דינע ציין האָבן זיך איינגעביסן אין איר יונגן, שיינעם קאָפּ.

*

שוין עטלעכע טעג ווי מען זעט ניט קייגנאיבער פרינצלען זיצן אויפן פענצטער־פּאַראַפּעט. ס'איז גראָד שבת פאַרמיטיק, בעת פּיניע און שיינע־מלכה זענען פאַרנומען אין גערטנדל ביים אויסרייסן דאָס ווילדגראָז. קייגנאיבער, ביי די וואַלדהיימס, איז געווען שטיל און מען האָט ניט געהערט קיין ווינער וואַלסן. עטלעכע קעץ, פון עפּעס איבער־געשראָקענע און צעטומלטע, האָבן זיך באַוויזן אויף דער שוועל, זיך אַרומגעקוקט און באַלד צוריק פאַרשווינדן אין די צימערלעך. פּלוצעם האָט זיך דאָרט געעפנט די טיר און די ווינערין האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די שטיגלעך, בעת איר קאָפּ איז געווען פאַרזונקען אין בײדע הענט. שיינע־מלכה , אָן איינגעבוקטע איבערן שטיקל ערד, האָט בגנבה, מיט איין אויג, אַריבערגעקוקט צו אירמען. יענע האָט ניט אויפגעהויבן איר קאָפּ און זי האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט פאַרבאָרגענערהייט גע־שלוכצט.

— מאַדאַם וואַלדהיים!... מאַדאַם וואַלדהיים!.. וואָס איז געשען? צי

איז עפּעס געשען אויסטערלישעס? — האָט שיינע־מלכה אַריבערגע־שריגן צו דער ווינעריך.

— אָ, מיין גאָט!... דער אַרמער פּרינצל! ער האָט זיך איבערגעגעסן, דער אַרמער... ער בריכט... פּיליכט פּערגיפּטעט...

— וואָס טוט ער? — האָט אויך פּיניע אַריבערגערופן צו דער גראָבער אירמען — פּאַרגיפּטעט?

— דער אַרמער פּרינצל בריכט שאָן צוויי טאָגע... זאָ איין נעביך... זאָ איינע אַרמע זעעלע...

שיינע־מלכה האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן.

— מאַדאַם וואַלדהיים, אפשר פון אַ ניט־פריש פיש־קעפּל? אָדער כ׳ווייס וואָס!...

— דער אַלמעכטיקער אים הימעל ווייס... ער ליידעט זאָ פורכט־באַר!... די אַרמע זעעלע... ער האָט שוין בעקאָממען וואַלעריאַן... איינע שפּריצע... ער זאָל עס נאָר איבערהאַלטן!...

אירמע האָט זיך אויפגעהויבן פון די שטיגלעך און פאַרשווינדן אין דער אָפענער טיר.

דעם זעלביקן גאַנצן שבת־נאָכמיטיק איז קייגנאיבער געווען אימה־דיק־שטיל. פּיניע האָט מיט אַ גערייצטן פאַרדרוס געקוקט אויף שיינע־מלכהן, בעת זי אַליין האָט ניט אויפגעהערט עקשנותדיק צו שווייגן און רייסן ווילדגראָז פון גערטנדל. זיי האָבן ביידע ניט געוווּסט, אַז קייגנ־איבער, ביי די וואַלדהיימס, אויף דער צווייטער זייט פונעם הויפל, איז געשען אַזוינס, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיטן גורל פון פּרינצלען.

ניט ווייט פון דעם גרויסן, הילצערנעם ליפט האָט היינריך וואַלדהיים געגראָבן אַ קבר פאַר פּרינצלען. דאָס גרוב איז שוין געווען טיף אויף אַ האַלבן מעטער. אין אַ לאַנג, ליידיק מאַראַנצן־קעסטל איז געלעגן פאַרוויקלט אין שוואַרצן — פּרינצל. היינריך האָט פאַרקלאַפּט דאָס קעסטל אויף אַלע זייטן מיט פינקלענדיקע, נייע נעגל און דערנאָך פּאַוואָליע אַראָפּגעלאָזט דאָס קעסטל אינעם אויפגעגראָבענעם גרוב, ווי מען לאָזט אַראָפּ אין דער טיף אַן ארון.

בעת דאָס איז געשען זענען אירמע און היינריך געשטאַנען אַרום

דעם אָפענעם גרוב.ביידע האָבן זיי געהאַט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ צום פאַרשלאָסענעם מאַראַנצן־קעסטל, בעת די ברילן־גלעזער ביי אירמען האָבן געפינקלט מיט אַ גלאַנציקער טרערן־פייכטקייט. צופיסנס זיי ביים אָפענעם קבר, האָבן זיך געטוליעט אומצאָליקע קעץ, דערשראָקענע, בהלהדיקע און מיט פאַרגלאָזטע, קעצישע בליקן אויך אַראָפּגעקוקט צום פאַרמאַכטן מאַראַנצן־קעסטל. זיי זענען געשטאַנען אַזוי לאַנג ביז היינריך האָט ניט אָנגעהויבן מיט אַ שאָפל אַריינצוּוואַרפן די אויסגע־גראָבענע ערד. די זאַמד־גרודעס זענען געפאַלן אויפן האָלץ און הויל אָפּגעהילכט פון דער טיפקייט. ווען די ערד איז שוין געווען אויסגעגליכן האָט ערשט אירמע אָנגעהויבן צו העשן. אַזוי העשנדיק איז זי אויך שפּעטער אַריין אין שטוב. זי האָט זיך אַוועקגעוואָרפן אויף דער סאָפקע. דאָס ערשטע מאָל ווי די קעץ זענען צו איר ניט אַרויף. זיי זענען אַלע געזעסן אונטער דער סאָפקע. די קאַנאַריקלעך האָבן דערווייל דין און שיין ווייטער געטרילערט אויף די ווענט. די גלעקלעך האָבן געקלונגען, בעת די קעץ פון הינטער דער סאָפקע האָבן אַרויסגעקוקט מיט בליקן פאַרגלאָזטע און פאַרטרערטע פון זייערע קליינע, דערשראָקענע פּנימלעך.

1960

די קוקאווקע

ווי נאָר מושקאַט איז אַרויס אויפן גלייכן וועג, וואָס איז געווען שטויביק און טרוקן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט שווער געאָטעמט. אויסדרייענדיק זיך האָט ער לאַנג, לאַנג געקוקט אַראָפּ, פונוואַנען ער איז געקומען. הייסט עס, אַז ער איז אָפּגעגאַנגען פון דאָרטן ניט מער ווי אַ צוויי, אָדער דריי קילאָמעטער. דאָרט, אין דער אַלטער פוילישער היים, וואָלט אַזאַ גאַנג צווישן די פעלדער אוודאי אים גאָרניט מיד געמאַכט. אָבער דאָ, באַלד אין אָנהויב, ווי נאָר ער איז אַרויס פון טאָל, האָט ער דערפילט, אַז דער שווייס רינט אים אין סאַמע מיט פון חוט השדרה. טראָפּנווייז איז ער גערונען, דער שווייס, פונעם פאַרבויגענעם קאַרק אונטערן נייעם העמד, וואָס ער האָט היינט אָנגעטאָן. דער פאַר־וואָרפענער שווערער רוקזאַק, אַ צונויפגענייטער פון האַרטן ברעזענט־לייוונט, האָט אים אַראָפּגעצויגן ביי בײדע זייטן ווי אינעם אָנגעהאָנגענעם רוקזאַק וואָלטן געלעגן שטיינער. דער שווייס האָט אים געזעגט די גלידער מיט אַ שאַרף, דין זעגל. ס'איז געווען גראָד די צייט צווישן פרילינג און זומער. אין דאָזיקן לאַנד ברענגט ניט די־אָ צייט קיין צווישנשייד ניט אין דער ליכט־זוניקייט און ניט אינעם גרינס, וואָס די ערד וואָרפט פון זיך אַרויס אין אַזאַ שפּעדיקן גרינעם אימפּעט.

ער איז אַלץ נאָך געשטאַנען אויפן וועג אַן איינגעקוקטער אין עפּעס, בעת אַ ווינט, אַ צעווירבלטער און צעריסענער מיט אַסך אַהערגעטראָגענע בשמים פון די יידישע פעלדער און פון די בערג — האָט אים גענומען פלוצעם קילן דעם קאַרק. ער האָט פעסטער צוגעהאַלטן די ברילן און שאַרף אַראָפּגעקוקט צום שטויב־וועג, וואָס איז שוין געלעגן הינטער אים. נידריק, אין טאָל, האָבן געגליט אין דער זון די פלאַכע באַראַקן־דעכער פון די צייטווייליקע ווינבנינים, פונוואַנען ער איז נאָרוואָס

אַרויס. דאָס אַנקומענדיקע אָוונט־ליכט האָט שאַרף אַרויסגעהויבן דעם טאָל און אויך די דעכער, וואָס האָבן איצט אויסגעזען ווי געגאָסענע פון טונקעלן מעש. דאָ, ווו ער איז איצט געשטאַנען, איז געווען באַרגיק, יאָושדיק־שטיל און אומעטיק־בלאָ. די בלאָקייט האָט זיך געצויגן פון דער אַנקומענדיקער דעמערונג און אַראָפּגעשווימען גאָר נידריק מיט ווייכע, פּאַליענדיקע לופט־שטראָמען ביז צו דער ערד. בייביידע זייטן פונעם זאַמד־וועג האָבן געבליט קופּקעלעך קשאַקעס — צעריסענע, ווינטיקע און פאַרוואָרפענע מיטן שיינעם אַראָפּפליסנדיקן אָוונט־בלאָ. דער הויפּט־וועג האָט זיך געצויגן אויף רעכטס, ווו ס׳זענען געלאָפן פון דער פאַרשטאָט די אויטאָס. דורכן אָוונטיקן חלל האָט זיך געטראָגן צו מושקאָטן דאָס זשומענדיקע געראויש פון די אומצאָליקע אויטאָס. ס׳האָט אויסגעזען ווי ניט ווייט פון אים וואָלט געשטאַנען אַ הילצערנע, פּוילישע וואָסערמיל, וואָס דרייט אירע פליגל אינעם ווינט, בעת דאָס אַראָפּפאַלנדיקע וואָסער לאָזט פון זיך אַרויס דעם אַ דינעם, אומעטיקן געראויש. די ערד אונטער זיינע פיס איז געווען פאַרוואָרפן מיט אַסך פאַרטרוקנטע, יונגע בלעטער, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן צו פוילן. ער האָט זיך איינגעבויגן. דער רוקזאַק אויף דער פּלייצע האָט זיך אים אַ שאַר געטאָן אויף לינקס און זיין האַלבן גוף אַראָפּגעצויגן נידריקער צו דער ערד. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און שיר ניט אומגעפאַלן. די האַנט האָט אָבער שוין געהאַט דערגרייכט די ערד. אין זיין האַנט איז געלעגן אַ שטענגל פון אָפּגעריסענע בלעטער. ער האָט עס נאָענט צוגעטראָגן אונטער די ברילן — און באַהאַלטן אין דער קעשענע. דערנאָך האָט ער אָנגעצויגן דעם לויז־געוואָרענעם רוקזאַק־רימען און אָנגעהויבן אויפסניי גיין אָן איינגעבוקטער אַלץ ווייטער פונעם אויטאָ־שאָסיי.

שטיל און פאַרוואָגלט, מיטן פליגל־שאָרך פון פאַרטריבענע מלאכים, האָבן מאַנכמאָל אין דער חלל־דעמערונג דורכגעשוועבט איבער זיין קאָפּ פעלד־פייגל, שוואַרצע, גראָלעכע און אויך קאַליריקע, געטראָגן אוודאי אינעם פּחד פון דער אַנקומענדיקער נאַכט אויפן פעלד. די פייגל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פּלוצעם פון די הויכקייטן און געפאַלן אין אַ גלייכער ליניע צו דער ערד, ווי דאָס וואָלטן ניט געווען קיין פייגל נאָר שווערע,

שפיציקע שטיינער, וואָס גאַטס האַנט האָט אַראָפּגעשליידערט צו אים פון זיינע הויכקייטן. ער איז געגאַנגען, מושקאַט, טריט ביי טריט, פאַרבויגן פאַרויס פונעם שווערן, אָנגעלאָדענעם רוק־זאַק. ער האָט געטראַכט אויסטערלישע, טריבע מחשבות ווי תמיד בעת ער בלייבט שטיין אַליין אויפן פעלד צווישן הימל און ערד — אַ פאַרלאָזענער, דערשראָקענער און פאַרוואָגלטער. גראָד אַזוי אויסטערליש איז איצט ביי זיינע פיס געלעגן דער אומבאַקאַנטער, געשלענגלטער זאַמד־וועג, די טויט־פאַרוועלקטע, צעפּאַלענע בלעטער און די אויסטערלישע פעלד־פייגל מיטן דינעם, איבערגעהאַקטן העשן בעת זייער אַראָפּפאַלן. ער איז ניט געווען איינגאַנצן זיכער צי דער זאַמד־וועג גייט טאַקע פאַראַלעל מיטן אויטאָשאָסיי, וואָס פירט אין שטאָט. די באַראַק־מענטשן, וואָס האָבן אים אַ גאַנצע וואָך פריער, טאָג איין טאָג אויס, אויסגעמאָלן מיט אַלע פּרטים דעם־אַ פעלד־וועג אין שטאָט אַרייך, האָבן אויך געקענט האָבן אַ טעות. זיי זענען דאָך אַלע דאָ געווען פרעמדע, פרעמד צו דער ערד און אירע געשלענגלטע פעלד־וועגן. און אויב זיי האָבן ניט געהאַט קיין טעות האָבן זיי זיכער ניט געוווּסט, אַז דער־אַ זאַמדיקער פעלד־וועג פירט אים אַראָפּ און דערוויטערט פונעם הויפּט־וועג מיט די לויפנדיקע אויטאָס. ער האָט זיך בלויז געהאַלטן אינעם סימן: דער רעש, וואָס איז געגאַנגען פון דער רעכטער זייט. ער האָט ניט אויפגעהערט, דער רעש, קיין איין רגע, ווי דאָרטן וואָלטן איצט געזשעט אומצאָליקע בינען־שטאָקן. טאַקע דאָס אַ ווייטע בינען־זשומעריי האָט אים צוגעהאַלטן בעתן גיין ווי אַ שטריק, אָנגעצויגן אויפן דאַזיקן פרעמדן פעלד־וועג. און דערפאַר אויך האָבן זיך זיינע מחשבות איצט געקענט פריי איבערגעבן זייער לויף פון פאַרזיגלטער, אוּנטיקער איינזאַמקייט.

לכתחילה האָט ער געהאַט תרעומות צו זיך: פאַרוואָס האָט ער ניט איבערגעלאָזט דאָרט, אינעם ביידל, עפּעס פון זיינע זאַכן, כדי דאָס אָרט אינעם באַראַק צו האַלטן פאַר זיך? פונוואַנען איז ער זיכער, אַז דאָרט וווּהין ער גייט וועט ער טאַקע געפינען זיי — די ווייטע קרובים — און אויך אַ ווינקל אָוועקצולייגן דעם רוקזאַק מיטן ביסל אָרעמקייט? ס'האָט גאָר לאַנג געדויערט ביז ער האָט באַקומען זייער אַדרעס. ביידע

וויטע קרובים — די צוויי שוין לאַנג פאַרגעסענע טעכטער פון דער עלטער־מומע צירל מושקאַט פון מאַגעלניצע, זענען שוין יאָרן געווען אין לאַנד. אָבער אין די אַלע פאַרפלאָסענע יאָרן האָבן זיי קיינמאָל ניט געשיקט אַ בריוול צו דער אַלטער היים. לויט אים האָבן ביידע שוועסטערן שוין געמוזט זיין איבער די פערציקער. ער האָט בלויז געדענקט, אַז אין שטוב האָט מען תמיד געזאָגט: לענאַ און מינאַ וועלן קיינמאָל ניט חתונה האָבן... זיי האָבן חתונה געהאַט מיט אַ פּרינץ, וואָס הייסט טעאָדאָר הערצל... פאַרוואָס דער טאַטע זיינער, זעליג מושקאַט, דער אויפקויפער פון אַלטוואַרג (די וועבער־שפּינערײַ איז דאָך אויפגעשטאַנען נאָענט צו דער מלחמה) האָט תמיד געהאַט דאָס שטעכווערטל, בעת ער האָט דערמאָנט ביידע שוועסטערן — איז צבי׳ן ניט געווען קלאָר. בכלל האָט דער טאַטע געהאַט זיינע אומקלאָרע רייד און גענג. למשל: בעת ער אַליין, הערשל, האָט געביטן זיין נאָמען אויף צבי — האָט דער טאַטע ניט אויפגעהערט אונטערצוזינגען: הערשל־צבי, הערשל־צבי — ביזט אַ פויגל ניט פון הי... דאָס איז נאָך געווען אין יענע פריע ייִנגלשע יאָרן... ווי אַלט קענען איצט זיין לענאַ און מינאַ? צווישן די שוועסטערן איז ניט געווען קיין גרויסער אונטערשיד פון יאָרן... מינאַ האָט געמוזט זיין אין זיינע יאָרן און לענאַ? אפשר איז עס געווען פאַרקערט... אינמיטן גאַנג האָט מושקאַט אָפּגעריסן פון אַ קוסטע אַ דין בלעטער־צווייגל. ער האָט פּלוצעם שאַרף דערזען פאַר זיך דאָס אַלטע, צעקנייטשטע פּנים פון דער עלטערמומע צירל מושקאַט. ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן שטערן און די געשטאַלט איז פאַרשווינדן. אָבער איר אַלטער, טויטער שמייכל פון די צעפּאַלענע פאַרזונקענע ליפּן איז אַלץ נאָך געהאָנגען איבערן צווייגל, וואָס ער האָט נאָרוואָס אָפּגעריסן אינמיטן גיין. ער האָט געצופּט די בלעטלעך, וואָס זענען געווען ווייך ווי שפּינוועב. ער האָט די בלעטלעך צעריבן צווישן די פינגער און אויף זיין הויט איז פאַרבליבן קלעפּן אַ פּיצטלעכע גרינ־לעכקייט ווי פון שימל.

ער האָט זיך אויפסניי פאַרקירעוועט אויף רעכטס, ווו דער שמאָלער פעלד־וועג האָט אויסגעזען צו זיין צעטרעטן פון מענטשלעכע טריט. ביי ביידע זייטן פון וועג האָבן זיך נאָך געהויבן די נידריקע, גרינע

זילבערנע קושאַקעס. אויב ער וועט גיין אַזוי פּאַמעלעך — ווער ווייס צי ער וועט אַפילו אָנקומען אָוונט־צייט. ווו וועט ער זיך אַהינטאָן ביינאַכט אין דער פרעמד? און אפשר איז אויך דער אַדרעס, וואָס ער האָט צופעליק באַקומען, גאָרניט קיין ריכטיקער? אַסך פון די באַראַק־מענטשן האָבן באַלד אין די ערשטע טעג פון זייער אָנקומען זיך אַרויסגעלאָזט איבערן לאַנד. מיט צעקנייטשטע בריוועלעך און צעריסענע פּאַפּירעלעך האָבן זיי זיך געלאָזט זוכן אייגענע, נאָענטע און שוין לאַנג פאַרגעסענע קרובים. די, וואָס זענען געבליבן וואַרטנדיקע אין די באַראַקן, זענען גאַנצע טעג געזעסן פאַר דער טיר אויף אַ שטיין, אָדער אויף אַ טשעמאָדאַן און אָפּגעוואַרט זייער צוריקקומען מיט אַ גוטער בשורה. ס'רוב אָבער זענען די מענטשן צוריקגעקומען אַנטוישטע, גראָע, פאַרמאַטערטע און איינגעפאַלענע. זיי האָבן זעלטן געפונען די געזוכטע קרובים אָדער נאָענטע. און אַז זיי האָבן שוין יאָ געטראָפן אַן אייגענעם, האָבן די מענטשן זיך קוים, קוים דערקענט. דורך די אָפּגעפלאָסענע יאָרן איז די צייט געבליבן שטיין פאַרגליווערט צווישן די מענטשן ווי אַ פיינט־לעכער פעלדז מיט ניט־דורכדרינגלעכע, גלאַטע ווענט. מאַנכמאָל זענען די באַראַק־מענטשן צוריקגעקומען מיט קאַרגע אויסטערלישע געלט־באַנקנאָטן אין קעשענע און מיט אַ ווייטן, קאַלטן גרוס פון פרעמדע מענטשן. די פּאַר באַנקנאָטן זענען לאַנג געלעגן אויפן טישל און דערנאָך איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. זיי האָבן זיך אין זיי לאַנג איינגע־קוקט מיט עפּעס אַ שווערער פאַרקלעמטקייט און איינצייטיק מיט אַן אויסטערלישער, פאַרבאָרגענער פרייד מחמת די שיין־געשריבענע יידישע אותיות אויף דער פרעמדער מטבע.

ער איז איצט געווען צופרידן, מושקאַט, וואָס ער האָט זיך אָפּגעריסן פון די באַראַק־מענטשן, פונעם שטענדיקן קריגעריי און פיינטלעכע בליקן, וואָס האָבן געגליט אין זייערע יידישע אויגן. ווי לאַנג די מענטשן זענען געווען צוזאַמען אויף דער שווימענדיקער שיף, האָט זיי נאָך געהאַלטן צוזאַמען עפּעס אַ וואַרעמער פאָדעם פון יידישער גורל־פאַרבונדנקייט. אפשר איז עס געווען דער אומזיכערער, פרעמדער ים, דער גרינער תהום, וואָס האָט געצויגן די שיף צו זיך מיט אַלע אָפּגרונטיקע ווירבל־כוחות?

און אפשר גאָר יענע בייזע ערד פון דאָרטן, דער טויט־חלל פון גיהנום, וואָס האָט נאָך געגליט אין זייערע צעגאָסענע, דערשראָקענע שוואַרצאַפּלען? ווי נאָר אָבער די מענטשן האָבן באַטרעטן די נייע ערד — האָט זיך פון זיי ווי מיט אַ בייזן כשוף אָפּגעריסן דער וואַרעמער פאָדעם פון ייִדישער גורל־פאַרבונדנקייט. מושקאַט האָט געטראַכט: צי מוזן ערשט די מענטשן געפירט ווערן איבערן תהום, כדי ס'זאָל אין זיי אויפגיין דאָס גוטע ליכט פון גורל־פאַרבונדנקייט, וואָס גיט טרייסט און האָפענונג די פאַרוואָגלטע?

בעת די אַלע דורכגעשוועבטע מחשבות האָט ער פּלוצעם אויפגעהערט צו פילן די אומזעבאַרע שטריק, וואָס האָט אים געפירט צו דער שטאָט. דער רעש איז ערגעצוווּ פאַרשווינדן. ער איז איצט געטרעטן איבער אַ פעלד, וואָס האָט געהאַט צעשניטענע, לענגלעכע ברוזדעס, אַ סימן, אַז מ'האָט דאָ ניט לאַנג צוריק געאַקערט. אָ, ווי לאַנג האָסטו שוין ניט געזען אַ פאַר־אַקערט פעלד, צבי מושקאַט? ער האָט דערהערט זיינע אייגענע רייד אויפן פעלד. די איבערגעוואָרפענע ערד איז געווען אַביסל קלעפּיק ווי פרישער טאָרף, מיט אַסך צעשניטענע, קליינע וואָרצלען. זיינע שטיוול האָבן געטרעטן צווישן די פאַרטיפטע, איבערגעוואָרפענע ערד־בייטן. די ברוזדעס האָבן אים דערנענטערט צו אַ בערגל, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם האָריזאָנט. לויט דער זון האָט ער געוווּסט: ער גייט מיטן ריכטיקן וועג, וואָרעם פון דער רעכטער זייט האָט פּלוצעם עפּעס אַ בלאָסק געטאָן. דאָס איז געווען אַ נאָענטע, זילבערדיקע אָפּשפּיגלונג פונעם ים, ווו די זון האָט זיך געזעצט. די מענטשן האָבן טאַקע געזאָגט: פונעם באַרג אויפן פאַרזייטן פעלד — איז שוין גאָר נאָענט צו דער שטאָט. ס'איז כדאי זיך אָפּצורוען און אויך איבערשנאַלן דעם רוקזאַק, וואָרעם די פּאַסקעס האָבן אָנגעהויבן אים איינשניידן די אַקסלען. דער באַרג פון דער ווייטנס האָט אויסגעזען ווי אַ פּלאַך בערגל, אָבער איצט, אַ פּאָר שריט פון אים, האָט מושקאַט דערזען: ס'איז אַ גראָער, צעשפּאָלטענער, אַלטער פעלדז — האַלב זאַמד, האַלב שטיין, וואָס האָט געקיניגט איבער די צעאַקערטע, נידריקע ערד־ברוזדעס.

דער פעלדז, אַ פאַרבליבענער שוץ־פּונקט פון דער לעצטער ייִדישער מלחמה אויף דעם דאָזיקן אָרט, איז געווען אַ פיר־עקיקער, אַ פּלאַטשיקער,

פון גראָען, פאַרברענטן, אַלטן באַרג־שטיין. צווישן זיינע פעלדז־אָדערן האָבן זיך געריסן דינע, לאַנגע גרעזער — גרין־לילאַ און ברוין־האָניק־דיקע, פאַרפלאָכטן מיט מילך־פעדעם. פון צוויי זייטן האָט דער פעלדז געהאַט שמאָלע עפענונגען ווי תפיסה־פענצטערלעך. ערשט איצט האָט מושקאַט דערזען, אַז דער איינזאַמער פעלדז אין סאַמע מיט פון צעאַקערטן פעלד האָט אויך געהאַט אַן איינגאַנג, די גרויס פון אַ נידעריקער קאַמער־טיר. די טיר־עפענונג איז געווען פאַרשטעלט ביז אין דער העלפט מיט שמאָלע זעקלעך, אָנגעפילטע מיט זאַמד. ער איז געבליבן שטיין גראָד אַנטקייגן דער עפענונג און אַריינגעבליקט איבער די זאַמד־זעקלעך. אינעװייניק, אין חלל, איז געווען פינצטערלעך, בלאָלעך־שטיל. פון די צוויי שמאָלע עפענונגען האָט דאָרט אַריינגערינען דאָס בלאָלעכע אָונט־ליכט פונעם פעלד. ס'האָט אים געצויגן אַריינצוגיין אינעווייניק. אים האָט זיך אויסגעוויזן ווי דער אַ פאַרלוירענער באַרג־פעלדז איז פּלוצעם דאָ אויפֿגעוואַקסן מיט אַ כשוף פאַר אים, כדי אים אויפצוהאַלטן אינמיטן וועג. מיטן פוס האָט ער אַ ריר געטאָן דאָס אונטערשטע ערד־זעקל. דאָס אויבער־שטע זעקל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט און צוריקגעפאַלן אין דער אינעווייניקסטער, בלאָלעכער פינצטערניש. בעת דאָס איז געשען האָבן פון אינעווייניק אַרויסגעפלאַטערט צוויי פייגל. דערשראָקענע האָבן זיי שיר ניט בעתן פלי פאַרטשעפּעט זיין קאָפּ. זיי זענען אַדורך מיט אַ פויגלשן שאָרך און געבליבן שטיין אויפן ברעג פעלדז, אָנקוקנדיק דעם פרעמדן מענטשן מיט זייערע רונדיקע איבערגעשראָקענע אויגן־בעלמעס. דאָס זענען געווען צוויי ברוינע פעלד־טויבן מיט פערלמוטערנע פעדער־שפריצן אין די פליגל. מושקאַט איז אַריבער דעם אונטערשטן זאַק און געבליבן שטיין אינעווייניק, אַראָפּלאָזנדיק פּאַוואָליע אויף דער ערד דעם שווערן, פאַר־שנירטן רוקזאַק.

די הויך פונעם איינזאַמען פעלדז האָט דערגרייכט אינעווייניק ביז צו זיין קאָפּ, אַזוי אַז ער האָט אַפילו ניט געדאַרפט זיך איינבייגן. אונטער די צוויי פענצטערלעך, וואָס זענען געווען איינס אַנטקעגן דעם צווייטן זענען געווען אויפגעשטעלט פונעם באָדן גראָע שטיין־בלאָקן, וואָס האָבן זיך איצט געקרישלט און געווען געשפּאָלטן. אויף דער



וואַנט לעבן מזרח־פענצטערל זענען געווען סימנים פון יידישער שריפט. די פאַרפלאָסענע צייט, דער רעגן און שטויביקע חמסין־ווינטן האָבן אָבער פאַרווישט זייער זין. ס׳איז בלויז נאָך געווען צו זען די ציפער 8 און אַביסל ווייטער — צעקרישלטע ציפערן 4 9 1. ער איז שטיין געבליבן פאַרגליווערט און זיך צוגעהערט צום האַרצקלאַפּן אין דער פעלדז־פינצטערניש. דאָס איז דאָך געווען דאָס יאָר פון דער יידישער מלחמה. מיט אַמאָל האָט ער דערזען אַלץ, וואָס איז שוין לאַנג געלעגן פאַרבאָרגן אין די פאַלדן פון זכרון ווי אַ פאַרשיטע זריעה: יענץ קעלער־באַהעלטעניש דאָרטן — די שריפט אויף דער וואַנט דאָרטן, נאָר אָן די צווויי פענצטערלעך, ווו מ׳קען אָוועקשטעלן מאַשינגעווער... די פאַרשיטע זריעה אין זיין זכרון האָט אָנגעהויבן אויפגיין ווי זי וואָלט פלוצעם געוואָרן פאַרוואָרפן מיט אַ וואַרעמער פרילינגדיקער זוניקייט. דאָרט און דאָ — דיזעלביקע קעלער פינצטערניש, — די זעלביקע שריפט, וואָס האָט געדאַרפט פירן צו ליכט. דאָרט — דער שטילער, געאָפּפערטער יידישער קרבן, פאַר־הייליקט אין זיין איינזאַמקייט און מענטשלעכער פאַרלוירנקייט, כדי ס׳זאָל דאָ, אינמיטן פאַראַקערטן פעלד, שטיין דער פעלדז מיט די צוויי שמאָלע פענצטערלעך צום באַפרייטן, אָפענעם הימל.

די צוויי ווילדע פעלד־טויבן, וואָס זענען פריער אַרויסגעפלאָשעט געוואָרן דורך אים בעתן אַריבערגיין די זאַמד־זעקלעך, זענען אויפסניי אַריינגעשווימען אינעווייניק אין דער פעלדז־פינצטערניש. זיי זענען געבליבן הענגען אין קייגנאיבערדיקן ווינקל, ווו ס׳איז געווען גוט טונקל. ערשט איצט האָט ער דערזען: דאָרט, אויף דער וואַנט, וואָס איז געווען אויסגעקרישלט און פאַרטיפט, נאָענט אונטערן פעלדז־דעכל, איז גע־האָנגען אַ נעסט, וואָס די צוויי פעלד־טויבן האָבן פריער דערשראָקענע פאַרלאָזט. זיי זענען איצט געזעסן דאָרט אַראָפּקוקנדיק צום מענטשן מיט זייערע האַלב פאַרזשמורעטע אויגן. זיי האָבן אַוודאי געמוזט דאָרט אויס־בריען זייערע קליינע אין דער געשיצטער פעלדז־פינצטערניש און לחלוטין זיך ניט געשראָקן פאַר דעם אויסטערלישן פרעמדן, וואָס איז אַריין אין זייער פויגל־קיניגרייך מיטן פאַרוואָרפענעם רוקזאַק אויף די פלייצעס.

אַ מידער און געפּלעפּטער האָט זיך מושקאַט אַראָפּגעלאָזט אויפן גידריקן זאַמד־זעקל. ער האָט אַן אויפהער געקוקט אַהין אינעם ווינקל, וווּ די צוויי טויבן זענען אומגעשטערט געזעסן אין דער נעסט. ער האָט אַפילו פאַרגעסן, אַז ער טראָגט אין קעשענע דעם אַדרעס פון צוויי פּרעמדע פּרויען, וואָס ער האָט שוין יאָרן ניט געזען און וווהין ער דאַרף אָנקומען נאָך פאַרן צופאַלן פון דער נאַכט. ער איז געווען הונגעריק, וואָרעם דער וועג פון די באַראַקן האָט זיך שוין געצויגן אַ פּאָר שעה. פונעם רוקזאַק האָט ער אַרויסגענומען אַ פאַרוויקלטן פּאָמידאָר און מיט אַ מעסער געשניטן פון אַן אַלטן, טונקעלן ברויטל.

און אויסטערליש: דווקא דאָס שניידן דאָס טונקעלע ברויט אין דער האַלב־פינצטערניש פונעם פעלדז, דאָ, אויפן ליידיקן, איינזאַמען פעלד — האָט אים ווידער איצט אַריבערגעפירט אַהין: ברויט אין דער פינצטערניש פון בונקער. דאָס איז געאָרניט געווען מיט אַזויפיל יאָרן צוריק, נאָר ערשט נעכטן אָדער גאָר היינט. די זעלביקע אונטערערדישע קילקייט — און די שרעק — האָט זיך געטראָגן איצט אַרום אים. די צייט, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט ביידע געשעענישן, האָט זיך איינגעקורטשעט און פאַרשווינדן, ווי ס׳פאַרשווינדט אַ פּאַליע צווישן אַסך אַנדערע פּליסנדיקע, גראָע פּאַליעס. און אינמיטן פון די שווימענדיקע און שטיל־שאָרכנדיקע פּאַליעס שווימט אים אַנטקעגן דאָס פאַרשימלטע, האַלבע ברויטל פון דאָרטן, — און אויך די אויגן פון די, וואָס זענען געלעגן מיט אים אין יענעם קעלער. צי זענען ניט די אויגן פון די ווילדע פעלד־טויבן יענע רונדיקע, אַרויסשטאַרנדיקע מענטשלעכע אויגן פון די אויסבאַהאַלטענע? זיי בליקן דאָ אַרויס פונעם ווינקל — פינקלענדיקע, גרינלעכע מיטן בלאַסק פונעם גליענדיקן פּאָספּאָר, וואָס קומט פון הונגער. בעתן קייען דאָס ווייכע פּאָמידאָרן־פלייש איז אים פּלוצעם באַפאַלן אַ גרויסע אַנגסט אינעם אָפּגעצוימטן, איינזאַמען אָרט, דאָ אויפן פעלד, ווייט פון מענטשן, אַליין מיט די צוויי געפאַנגענע טויבן. ער האָט ניט געזען מער די עפענונג מיט די זאַמדזעק און ניט די פענצטערלעך. אפשר איז ער גאָר דאָ פאַרמויערט, אָן דער מינדסטער שפּאַרע פון ליכט און לופט? און וואָס וועט זיין, אַז ס׳וועט געשען מיט אים דאָ פּלוצעם דאָס איינמאָליקע גע־

שעניש, אויף וואָס ער איז געווען גרייט — דאָרטן? ער וועט אויסגיין דאָ אַ פאַרמויערטער, אַ פאַרלאָזענער — און אַרום אים וועט קיינער אַפילו ניט הערן זיין רופן נאָך הילף. ער וועט דאָ בלייבן ליגן אַ קאַל־טער, מיטן לעצטן ברעקל ברויט צווישן די פינגער און איבער אים וועלן אַרומפלאַטערן זיי — די צוויי געפאַנגענע, ווילדע פעלד־טויבן?...

ער האָט זיך גיך אויפגעשטעלט פונעם באָדן און אויפסניי אַרויפגע־וואָרפן אויף זיך דעם רוקזאַק. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר די פלוצעמ־דיקע טויט־מחשבות, וואָס זענען אים דאָ באַפאַלן. אפשר האָט ער גאָר היץ — און מחמת דעם האָט ער געקענט לייכט אַריינפאַלן אין די אָ אויסטערלישע חזיונות. אויפשטעלנדיק זיך האָט ער נאָך אַ בליק געטאָן אינעם ווינקל, ווו די צוויי טויבן האָבן זיך דערנענטערט מיט זייערע שנעבעלעך. ער האָט ביטער און קרום געשמייכלט. אָט בליט דאָ, אינעם פאַרשלאָסענעם, איינזאַמען בונקער־קעלער אָנשטאָט דער טויט — דער ליכטיקער זוימען פון ליבשאַפט. צי זענען זיי, די צוויי טירקלנדיקע טויבן, פאַר אים ניט אַ פאַרבאָרגענער סימן פון הימל, אַז יענער בונקער איז אויף אייביק שוין פאַרשווינדן? אַז דער וועג אין שטאָט אַריין צו די צוויי האַלב־פרעמדע פרויען — וועט אפשר זיין דער אָנהויב פאַר אים פון אַ ניי, שיין לעבן?...

בעת ער איז אַרויס אינדרויסן און געהאַט שוין אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר צענדליק טריט האָט ער זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט צום איינזאַמען פעלד־בונקער. זיין פלאַך דעכל האָט זיך איצט אינגאַנצן געהאַט אויסגעמישט מיטן פאַלנדיקן אָוונט. ס'איז געווען שווער פון דער ווייטנס צו דער־קענען ווו ס'איז דער בונקער־דאַך און ווו דער הימל. ער איז געשטאַנען איצט גאָר נאָענט פונעם גרויסן געפלאַסטערטן וועג, וואָס פירט אין דער שטאָט. די זון האָט זיך געהאַלטן ביים זעצן אינעם אויפגעהויבענעם, פערלמוטערנעם ים און אויסגעזען ווי אַ ריזיקער גאָלדענער האָן מיט פיאָלעטע פעדערן צווישן די שיטערע האַריזאָנט־וואָלקנס. ער האָט גע־ווּסט, אַז לאַנג וועט ער דאָ ניט דאַרפן וואַרטן אויף אַ טרעמפּ. און ס'איז טאַקע אַזוי געשען. דער ערשטער אָנקומענדיקער אויטאָ האָט דעם פרעמדן מענטשן מיטן רוקזאַק גאָר גיך צוגעפירט אין שטאָט אַריין.

*

צווישן דער הויכער פיר־טיריקער, דעמבענער שאַנק, וואָס האָט געהאַט די קאָליר פון פאַררעגנטע ניס און דעם ביכער־אַלמער, פאַר־וואָרפן מיט אַביסל צעריסענע ניט־געבונדענע ביכלעך — איז געהאָנגען אויף דער וואַנט זייער אַלטער, ניט־יידישער זייגער. ער האָט אויסגעזען, דער זייגער, ווי אַ הילצערנער, פאַרלאָזענער טויבנשלאַג. פון אונטער זיין אויפגעהויבענעם דעכל פלעגן זיך עפענען יעטוועדע שעה אויף ביידע זייטן קליינע טירעלעך און פון דאָרט האָט אַן אַלטער אויסגעצופּטער פויגל — אַ מין קוקאָוקע — אויסגעפּיפּן די צייט אין אַ דין שלוכצנדיק קול, פאַרבויגנדיק איר קעפּל אין שטוב אַריין. דער קוקאָוקע־זייגער איז געווען טאַקע דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען בעת מינע האָט אים אַריינגעפירט אינעם גרויסן ליידיקן צימער. ס'איז שוין געווען שפּעט־אָוונט. ווינאַר מינע האָט געהאַט אַרויפגעדרייט דאָס ליכט — האָבן זיך גראָד דעמאָלט געעפנט ביידע טירעלעך. די קוקאָוקע, פאַר־בויגנדיק זיך צוויי מאָל פאַרן פרעמדן מיט איר דאַר קעפּל, האָט גענומען אויסשלאָגן די אַכטע אָוונט־שעה, אין אַ גרילצנדיקן, פויגלשן ברוך הבא. זי האָט זיך צו אים לייכט פאַרבויגן, געשאָקלט מיט איר גראָ אויסגע־צופּט קעפּל און געווינקען צו אים מיטן טויטן בלאָסק פון איר אויסגע־רינען אייגל.

דאָס איז געווען אַ גרויס, אומהיימלעך ניט־מעבלירט צימער, וואָס האָט אַחוץ דער פיר־טיריקער דעמבענער שאַנק, דעם פאַרלאָזענעם, פאַרשטויבטן ספרים־אַלמער און אויך דעם קוקאָוקע־זייגער, ניט געהאַט כמעט קיין שום מעבל. נאָענט ביי דער טיר איז דאָס שטוב־ווינקל געווען פאַרשטעלט מיט אַ שפּאַניש ווענטל און דורך די פונאַנדערגעטיילטע שפּאַרעס פונעם ווענטל האָט מען געזען אַ נידריק, פלאַטשיק, אייזערן בעטל. אריבערגעוואָרפן איבערן שפּאַנישן ווענטל זענען געהאָנגען צוויי האַנטעכער און אַ קליידל מיט גאָר לאַנגע שוואַרצע ערמל, וואָס האָבן דערגרייכט ביז צום דיל. דאָס אויפגעשטעלטע שפּאַניש ווענטל האָט מושקאַטן דערמאָנט אין זייער אַמאָליקער יידישער שטוב אין פוילן.

אין קייגנאיבערדיקן שטוב־ווינקל איז געשטאַנען אַ נידעריק, שוואַרץ טישעלע און לעבן אים — אַ קליינער הילצערנער טאַבאַרעט. אויפן טישעלע איז געשטאַנען אַ פלעשל, ווו ס׳האָט געשטעקט אַ פאַרטרוקנטע, קליינע בלום און צופיסנס דעם פלעשל — איינגעקורטשעטע, פאַרטרו־קנטע בלעטלעך. דאָס אויסטערלישע חדר האָט אויסגעזען צו זיין העכער ווי אין דער אמתן. די ווענט, ליידיקע, באַמאָלטע אין אַ פאַרב, וואָס האָט געמאַכט זיי ענלעך ווי זיי וואָלטן געווען באַקלעפּט מיט אַלטע טאַפּעטן. ס׳זענען געווען צו זען אין די ווענט דיגע, טונקעלע שפּאַרעס און דאָס אַלטע קאַלך האָט זיך פון זיי געקרישלט. דאָס הויכע, אַראַביש־שמאָלע פענצטער איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ באַלקאָן, וואָס איז געווען באַלייגט מיט אַסך פאַרשטאַרבענע, אַלטע, צעלייגטע מעבל און פאַר־ראָסטיקטע שטוב־כלים. בעת מושקאַט איז געבליבן שטיין ביים פענצטער און אַרויסגעבליקט אויפן באַלקאָן — האָט ער דערזען: איבער די צעפּאַלענע, אַלטע מעבל־שטיק הענגען געדיכטע שפּינען־פּעדעם, אַ סימן, אַז שוין לאַנג האָט קיינער ניט געעפנט די באַלקאָן־טיר פון דאָזיקן גרויסן און אומהיימלעכן חדר.

נאָך איידער ער איז אַריינגעקומען אין דאָזיקן חדר מיטן אָנגעהאַנ־גענעם קוקאווקע־זייגער, איז ער פריער לאַנג געשטאַנען מיט מינען אין קאָרידאָר. ער האָט געשטאַמלט וועגן זייער משפחה־פאַרוואַנדשאַפט און קרובהשאַפט. זי האָט אים אָנגעקוקט פרעמדלעך, גלאָזיק־פאַרגליווערט און זיך קוים־קוים געקענט דערמאָנען זיין היים, די אייגענע, כאָטש זיי האָבן ביידע געטראָגן דיזעלביקע משפחה־נעמען. זי איז געשטאַנען פאַר אים, מינע, אַ דאַרע, אַ געל־פאַרוועלקטע, מיט אַ פלאַטשיקער, איינגעפאַלענער ברוסט, וואָס האָט ניט דערמאָנט אין קיין שום ווייבלע־כער, באַהאַלטענער וואַרעמקייט. להיפּך: איר לאַנג, אויסגעצויגן פּנים, וואָס איז געווען צעשניטן פון טונקעלע ברוזדעס,האָט אויף אים געקוקט מיט אומרויקע, שיפלעכע בליקן. אירע אויגן האָבן געהאַט בלאָלעכע איינזאַמקייט־ראַנדן ביי די אונטערשטע אויגן־ווימפּערן. איבער איר אַקסל איז געהאַנגען פאַרוואָרפן עפּעס אַ מלבוש, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַ שאַל, אָדער אַ סוועטער. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט און

גיך דערקענט, אַז דאָס איז גאָר אַ מין מענגלעכע ווערסט, וואָס האָט געהאַט צוגעטשעפּעט ווייבלעכע ערמל. אין פינצטערן קאָרידאָר, ווו זיי זענען פריער ביידע געשטאַנען, האָט זיך געפילט אַ קאַלטער, שימלדיקער גערוך, ווי דאָס וואָלט לחלוטין ניט געווען קיין באַווינט אָרט פון מענטשן. ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט אַזוי שטייענדיק אין קאָרידאָר זיך דערמאָנט די נעמען פון לאַנג־פאַרשטאָרבענע פעטערס, מומעס און סתם קרובים, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו דער משפחה מושקאַט. ער האָט די אַלע נעמען אַרויסגערעדט שטיל, אַביסל פאַר־שעמט, ווי ער וואָלט דאָ, אין קאָרידאָר, געעפנט פאַר איר זייערע אַלטע פאַרגעסענע קברים אויף דער ערד פון פוילן. זיינע ווערטער האָבן מאַנכמאָל אונטערגעציטערט, זיך צעברעקלט און אים האָט זיך אַליין אויסגעוויזן ווי ער הערט זיין שטים פליסטערן אַן אל מלא רחמים. ער האָט דערזען, אַז די אַלע נעמען האָבן אויף מינען איבערגעלאָזט בלויז אַ פאַרבייפלאַטערנדיקן שאָרך, פון אַזוינס, וואָס איז שוין לאַנג ניט אין גבול פון איר לעבן. בלויז איינאיינציק מאָל, בעת ער האָט דערמאָנט דעם נאָמען פון איר שוועסטער לענאַ מושקאַט — האָבן אירע אויגן אויפגעבליצט. זי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, פעסט געדריקט זיינע פינגער און טוליענדיק זיך צו אים געפליסטערט:

— ש...ש..ש...פּס.. רעדט ניט אַזוי הויך ...ש...ש... זי איז נאָר־וואָס אַביסל איינגעשלאָפן — די קוקאַווקע...

אַ פאַרבליפטער פון אירע רייד איז ער אַריבער די שוועל פון דאָזיקן אומהיימלעכן חדר מיטן קוקאַווקע־זייגער, ווו ער איז אַלץ נאָך געשטאַנען לעבן איר מיטן רוקזאַק פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס. ער האָט ניט געוווסט וואָס צו טאָן. ער האָט באַדויערט וואָס ער האָט פאַרלאָזט אַזוי גיך דעם באַראַק אין די בערג. ער וואָלט בעסער געטאָן ווען ער לאָזט זיך פריער אַהער ניט מיטנעמענדיק דעם רוקזאַק און ניט איבערגעבנדיק דעם פאַרוואַלטער דאָס אייזערנע בעטל. איצט האָט ער בלויז געהאַט דאָס געפיל פון אַן־סופיקער איינזאַמקייט. אַחוץ די־אָ מושקאַטס האָט ער קיינעם ניט געהאַט אין דאָזיקן לאַנד. ער איז אַלץ נאָך געשטאַנען אַ פאַרווירטער, בעת מינע האָט עפּעס געזוכט צווישן

די צעשיטע ספרים אויפן ביכער־אַלמער. ער האָט זיך געוווּנדערט וואָס זי לאָזט אים אַזוי לאַנג שטיין מיטן רוקזאַק אויף די פּלייצעס. זי האָט אים צוגעטראָגן אַ קליינע, פאַרוועלקטע פאָטאָגראַפיע. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין איר און דערזען אַ געוויינלעכע משפּחה־פאָטאָגראַפיע: צוויי קליינע מיידעלעך אויף דער שויס פון טאַטע־מאַמע. זי האָט אים צוגעטראָגן דאָס בילד ווי ס׳וואָלט ניט געווען פון פּאַפּיר נאָר פון דינעם קרישטאָל. אירע פינגער, בלייך־געלע, ווי אויסגעשניטענע פון האָלץ, האָבן געציטערט, בעת אירע אויגן, פולע מיט סודותדיקייט, האָבן אים אָנגעוויזן אויף דער וואַנט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי וויזט אים אָן מיט די בליקן אויפן הענגענדיקן קוקאָווקע־זייגער מיטן באַהאַלטענעם פויגל הינטער די טירלעך.

— און דאָס איז לענאַ... די קליינע... איר געדענקט זי? — די קליינע, שוואַרצע קוקאָווקע.

— אייער שוועסטער לענאַ מושקאַט?

— יאָ... יאָ... לענאַ... איר געדענקט ניט, אַז מע האָט זי קליינערהייט גערופן: די שוואַרצע קוקאָווקע... לענאַ — די קוקאָווקע?...

מושקאַט האָט זיך פּאַוואָליע צוריקגעצויגן אויף אַ האַלבן שריט. זיין גוף מיטן אָנגעהאָנגענעם רוקזאַק האָט זיך אומזיכער אַ וואַקל געטאָן. עפּעס האָט זיך ביי אים אין האַרצן אַ טרייסל געטאָן ווי ער וואָלט ניט געווען מער ער — צבי מושקאַט, — אָן אָפּגעפרעמדטער פון די מושקאַטס, וואָס איז געקומען אַהער זוכן אַ קרוב אין לאַנד, נאָר ער איז ערגעץ אַן אומגעוואָרפענער בוים אין וואַלד, וואָס האָט ניט געקענט אויסהאַלטן אַ שווערן שטורם־ווינט איבער זיך און געפאַלן.

ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— אייער שוועסטער לענאַ, די קראַנקנשוועסטער, דוכט זיך...

— אָ... — האָט זי אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און צוגעפירט צום קליינעם טישעלע מיטן טאַבאַרעט — לענאַ די קוקאָווקע... זי איז שוין לאַנג ניט קיין קראַנקנשוועסטער... נאָר אַליין שטאַרק קראַנק... ש...ש...ש... — האָט זי אויפסניי אָנגעהויבן שטילער צו פליסטערן —

נעמט אַראָפּ דעם רוקזאַק און זעצט זיך... שוין די דריטע נאַכט ווי זי שלאָפט ניט... רעדט שטילער... מען הערט אַלץ דורך דער וואַנט...

אין דער רגע האָבן זיך בײדע זײגער־טירעלעך אױפסנײ פונאַנדער־געפּראַלט. פון דאָרט איז אַרױסגעשפּרונגען דער גראָער אָפּגעצופּטער פױגל און אױסגעשלוכצט די צײט אין אַ דין איבערגעשניטן פױגלש געװײן.

מינע האָט אױפגעהױבן איר פינגער צום זײגער.

— ניט אַזױ הױך, שדל!... אַביסל געלאַסענער... אַביסל שטילער... װײסט ניט, אַז לענאַ דאַרף שלאָפן?

מושקאַט האָט פּאַװאָליע אַראָפּגעלאָזט דעם רוקזאַק צופיסנס און דערנאָך זיך אַװעקגעזעצט אױפן טאַבאַרעטל. ער האָט געװאָלט פרעגן צי דער זײגער שטערט ניט דער קראַנקער אין שלאָף. ער האָט אָבער ניט געקענט עפענען דאָס מױל. זי האָט אױפגעכאַפּט דעם חידוש אין זײנע אױגן און, ניט װאַרטנדיק אױף זײנס אַ װאָרט, זיך אָפּגערופן:

— —איר מײנט, אַז זי שטערט איר אין שלאָף? דאָס שמועס איך אַזױ סתם מיט איר, מיט דער קוקאַװקע... לענאַ שלאָפט בעסער בעת די קוקאַװקע שלאָגט־אױס די צײט... זי װעקט זיך קײנמאָל ניט אױף... זי האָט אַפילו געװאָלט, לענאַ, כ׳זאָל דעם זײגער אױפהענגען בײ איר אינעװײניק... איבערן בעט... נאָר דער דאָקטאָר האָט עס פאַרװערט...

זינט מושקאַט איז אַריבערגעטרעטן די שװעל פון דער דאָזיקער דירה איז אים באַפאַלן אַזאַ בױערנדיקע עצבות, אַז ער האָט זיך אַזש געשעמט אױפצוהײבן די אױגן פון דיל. גאָר, גאָר אַנדערש האָט ער זיך אַלץ פאָרגעשטעלט בעתן גײן אַהער. ער האָט געגלױבט, אַז ער װעט דאָ טרעפן זײנע קרובים אין אַן אײנגעאָרדנטער הײם, מיט משפּחה, קינדער, פאַרזאָרגטע מיט אַלדאָס־גוטס נאָך אַזױפיל יאָרן זיצן אין לאַנד. אים האָט זיך אױסגעװיזן, אַז דאָס אַלץ, װאָס ער זעט, איז גיכער אַ בײזער און שלעכטער חלום. עפּעס אַ כישוף הענגט איבער דער דאָ־זיקער דירה און אירע מענטשן און אַז ער איז אַרײנגעטרעטן אין אַ קיניגרײך פון לױטער סוד. ס׳קען דאָך ניט זײן, אַז זײ בײדע, מינע און לענאַ, געפינען זיך ניט אין דאָזיקן לאַנד נאָר ערגעצװו אױף אַן אָפּ־

געצוימטן, טויטן אינדזל. ער איז געקומען אַהער, מוּשקאַט, צו געפינען אַ ווינקל אין דער פרעמדער יידישער שטאָט און דאָס, וואָס ער זעט איצט אין דער אַ לײדיקער, אָרעמער שטוב — דערמאָנט אין די יידישע שטובן אין פוילן, פולע מיט יאוש און דורותדיקער אָרעמקייט. די נאַקעטקייט פון די ווענט, דער לײדיקער, צעבראָכענער ביכער־אַלמער, די הויכע פיר־טיריקע שאַנק מיט די פּאַרווײנטע, געפּלאַצטע טירן, דער בית עלמין אויפן באַלקאָן, דער ניט־יידישער קוקאַווקע־זייגער — דאָס אַלץ האָט אים דערציילט פון אַן איבערגעריסן שטיין־געבליבן לעבן, וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן אויפן דאָזיקן פאַרלאָזטן אינדזל מיט די צוויי אָרעמע מענטשן, ווו בלויז זי, די קוקאַווקע, ציילט טראָפּנווייז די צייט, וואָס ווייס ניט פון קיין טויט און ניט פון קיין לעבן.

ער האָט געזען, אַז ער האָט געבראַכט זיך ווייטע קרובה אין אַ פאַרלעגנהייט מיטן פלוצעמדיקן אַריבערטרעטן די שוועל פון איר היים. ווי אַזוי זאָל ער איצט אַוועקגיין? וואָסער תירוץ זאָל ער זאָגן, כדי צו פאַרלאָזן די שטוב? ווו וועט ער זוכן אַ נאַכטגעלעגער אין דער־אַ פרעמדער, יידישער שטאָט?

מינע איז אַרויס. דורך דער וואַנט האָט ער דערהערט אַן אויסטערליש קוויטשיק קול, וואָס איז געווען ענלעך צום רופן פון אַ מעוברתדיקער קאַץ און דערנאָך האָט עס שוין דערמאָנט דאָס דינע קול פון דער קוקאַווקע. דאָס האָט אַוודאי געמוזט זיין זי — די שוועסטער לענאַ — וואָס האָט זיך איבערגעוועקט. ס'האָט גאָר לאַנג געדויערט ביז מינע איז צוריק אַריין. מסתם איז זי געווען ביי דער שוועסטער הינטער דער וואַנט. בעת מינע איז ווידער אַריין האָט זי געטראָגן אויף אַ בלאָער, קליינער טאַץ אַ טעפּעלע מיט בלאַסן טיי. דאָס טעפּעלע איז געווען פון די זעלביקע טעפּעלעך, וואָס די מענטשן האָבן געגוצט אין די באַראַקן. זי האָט אַוועקגעלייגט אויף דער טאַץ אַן אַלטע, צעשניטענע זעמל און אַ צעקנייטשטן, אומעטיק־רויטן פּאָמידאָר.

— איר חידושט זיך אַוודאי... פון אַזאַ מעמד... חידושט זיך ניט... טרינקט!... פאַרבייסט... ווען ניט לענאַ...

— איז נאָך דאָ ווער אין לאַנד פון אונדזעריקע? — האָט ער פאַר־

שעמט אַ פרעג געטאָן, ניט אַראָפּנעמענדיק זיינע אויגן פון אירע הענט.

— דוכט זיך, אַז קיינער נישט...

— זענען מיר די איינציקע, די איינציקע קרובים פון דער פאַמיליע מושקאַט?

— דוכט זיך, אַז יאָ... ווייטע קרובים, אָבער דאָך קרובים...

ס׳איז געוואָרן שטיל צווישן ביידע, די שטילקייט, וואָס פאַלט צווישן מענטשן, וואָס בלייבן שטיין אַנטקייגן זיך און האָבן מער זיך גאָרניט וואָס צו זאָגן. פון באַלקאָן־פענצטער איז געגאַנגען דער נאַכט־ווינט. ער איז געווען שוואַרץ און יאושדיק. צווישן דעם צעפּאַלענעם אַלטן מעבל אויפן באַלקאָן האָט זיך געריסן זיין דין, שוואַרץ וואָיען. מושקאַט האָט געזופּט דעם טיי, וואָס איז געווען לעבלעך־וואַרעם און קוים, קוים געזיסט. דערנאָך האָט ער מיט די פינגער אָנגעהויבן צו קרישלען די זעמל — בעת מינע האָט זיך אָפּגערופן:

— האָט איר עפּעס אַ פאַך?

— יאָ... נאָך פון פאַר דער מלחמה... אַ גאָלדשמיד... און אַ שטיקל זייגערמאַכער...

— אַ ... אַ זייגערמאַכער?

מינעס אויגן האָבן פלוצעם שטאַרק אויפגעלויכטן. די בלאָע, לענג־לעכע ראַנדן ביי די אונטערשטע ווימפּערן זענען איר געוואָרן אָנגעגאָסן מיט אַ שווימענדיקער רויטקייט. מושקאַט האָט באַשיינפּערלעך געזען ווי איר ראָזלעך בלוט פליסט פּאַוואָליע דורך די דינע, בלאָע אָדערלעך און פאַרשווינדט דערנאָך ביי די ברעגן. אירע שוואַרצאַפּלען האָבן זיך צעשפּרייט און געלויכטן ווי עמעצער וואָלט זייער אויבערפלאַך פאַר־שווענקט מיט אַטראָפּין.

— אַ זייגערמאַכער?... אָ... דאָס איז גוט... זייער גוט... איר ווייסט — די קוקאַווקע האָט אַמאָל געהאַט אַ דין, ריין קולכל אַזוי ווי אַ מלאכל... טאַקע ווי אַן אמתע וואַלד־קוקאַווקע פון דאָרטן... פון מאַגילניצער וואַלד... ניט ווי איצט... שוין חדשים ווי כ׳האָב געזוכט אַ זייגערמאַכער... איר וועט שטוינען וואָס כ׳וועל אייך זאָגן: זינט ס׳האָבן אָנגעהויבן צו קומען די ערשטע ידיעות פון דאָרטן... פון אומגליק... פון געטאָ... האָט זיך איר קול

פלוצעם געביטן... געוואָרן קוויטשיק, פאַרשלוכצט און וויינענדיק... זי שלאָגט־אויס די שעהן מיט אַזאַ האַרצגעוויין... איר וועט אפשר זי קענען טאָקע פאַרריכטן?... לענאַ אַליין האָט שוין געפרוווט — און ס׳איז גאָרניט פון דעם אַרויסגעקומען...

ביידע האָבן זיי געקוקט אויפן זייגער מיט דער באַהאַלטענער קוקאָווקע הינטער די פאַרשלאָסענע טירעלעך. מושקאַט האָט געקייעט די האַרטלעכע זעמל־ברעקלעך און געהאַט דאָס געפיל ווי אויף זיין גומען וואָלטן געלעגן קליינע שפּיציקע גלעזלעך.

— כ׳וועל פרוון... אפשר... כאָטש כ׳האָב קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט אַזעלכע ניט־יידישע זייגערס — און בעיקר מיט קוקאָווקעס... כ׳וועל פרוון...

ער האָט געטרונקען דעם האַלב־קאַלטן טיי און פאַרביסן מיט דער צעפאַלענער, טרויעריקער פּאָמידאָר. ס׳איז געוואָרן שפּעט. אינדרויסן, אויפן באַלקאָן, ווו ס׳זענען געהאַנגען די שפּין־פעדעם, איז געפאַלן די פינצטערניש שווער און געדיכט. ער ווייס ניט פאַרוואָס ער האָט איצט אַזוי אייפעריק געזוכט מיט די בליקן די שפּין־פעדעם. זיי זענען אָבער בשום אופן ניט געווען צו זען. אפשר העננען זיי דאָרט פאַרוועבנדיק די שויבן־פלאַכן מיט זייער געדיכטער נעץ פון נאַכט און שוואַרצקייט. ער האָט זיך אויפגע־שטעלט און געפרוווט אויפהויבן דעם רוקזאַק פון דיל. מינע האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, מינע... אָבער... כ׳זע...

אָנשטאָט עפּעס ענטפערן האָט זי אים פון דער האַנט אַרויסגענומען דעם רוקזאַק און אים אָוועקגעטראָגן הינטערן שפּאַנישן ווענטל. זי האָט דערנאָך נאָך געפּאָרעט זיך ביי עפּעס אין קאָרידאָרל, אַריינגעבראַכט אַ בלאָע שיסל, אַן אָנגעפּולטע מיט וואַסער, זי אַוועקגעשטעלט אויף אַ בענקל און פאַרוואָרפן איבערן שפּאַנישן ווענטל אַ לאַנג צעדריוולט האַנטעך.

— אַ גוטע נאַכט... צבי...

זי האָט צו אים אויסגעשטרעקט אַ בלייכע און בלאָע האַנט. די פינגער אירע זענען געווען טרוקן און קאַלט. ער האָט קוים־קוים אָנגערירט אירע נעגל־שפּיצן. דער גאַנצער באַזוך האָט אויסגעזען פאַר אים אומהיימלעך

און פול מיט רעטענישן. ווען זי האָט פאַרמאַכט די טיר און אַרויס — איז מושקאַט געבליבן שטיין און ניט געוווּסט פאַרוואָס ס׳האָבן זיך פלוצעם אים געשלאָסן די אויגן. ער איז אַזוי געשטאַנען מיט פאַרשלאָסענע אויגן אַ לאַנגע ווײַלע און ניט גערירט זיך פון אָרט. ער האָט געפילט דאָס פאַוואַליעדיקע האַרצקלאַפּן, וואָס האָט זיך פאַרבונדן מיטן קוים הערנדיקן קלאַפּן פונעם קוקאַווקע־זייגער. ער איז געווען פאַרבונדן מיט איר, מיט דער קוקאַווקע, מיט אומזעבאַרע פעדעם און זיי האָבן דאָס געמאַכט, אַז זייער קלאַפּן איז געווען מיט זיך פאַרבונדן ווי מיט ניט־צעררייסבאַרע אָדערן. אפשר זענען עס טאַקע יענע שפּין־פעדעם, וואָס הענגען אויפן באַלקאָן אין דער דרויסנדיקער פינצטערניש? און אפשר איז עס אַ בייזער כשוף, וואָס האָט אים דאָ געפאַנגען אין דער דאָזיקער ליידיקער, פרעמדער שטוב? אָט האָט אים אַ כמעט פרעמדער מענטש איבערגעלאָזט אַליין, איבערגעגעבן איר געלייגער מיטן אויסטערלישן קוקאַווקע־זייגער צוקאַפּנס. וואָס דאַרף ער טאָן? צי דאַרף ער ניט אינמיטן נאַכט נעמען דעם רוקזאַק און פאַרלאָזן דאָס אָרט? אַז ער האָט געעפנט צוריק די אויגן און דערזען דאָס נידעריקע אײַזערנע בעטל — זענען די פעדעם צעריסן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בעטל אין די מלבושים, זיך אויסגעשטרעקט און באַלד שווער אײַנגעשלאָפן.

*

דער נידעריקער פּאַרטער־בנין פון ביידע שוועסטערן לענאַ און מינאַ מושקאַט איז געווען אין דער גאַנצער סביבה דאָס לעצטע אַראַבישע הייזל, וואָס איז דאָ פאַרבליבן אויף דער יידישער ערד. דער דאָך זײַנער איז געווען אַ פלאַכער, אַפילו אַביסל אויסגעבויגן און דורך די אומצאָליקע יאָרן געוואָרן באַוואָקסן מיט אַלטע, וויגנדיקע גרעזער, אַזוי אַז מ׳האָט דעם דאַך גופא לחלוטין ניט אַרויסגעזען פון צווישן די פאַליענדיקע הויכע גרעזער. די ווענט פון דרויסן זענען געווען פון געלן אומעטיקן באַרג־שטיין און די פענצטער — הויכע, שמאָלע מיט דינע, גרינלעכע הילצערנע לאָדנס. דער אַ בנין איז אַנומלט געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט צענדליקער אַנדערע אַראַבישע הײַזער אויף דעם דאָזיקן פלאַכן באָדן און דעמאָלט

האָט קיינער נאָך ניט געקוקט אויף אים ווי אויף אַן אַלטן, פאַרלאָזענעם אינדזל. דורך די עטלעכע יאָר זינט ס'האָט זיך פאַרענדיקט די יידישע מלחמה, זענען צענדליקער צעפאַלנדיקע אַראַבישע הייזלעך איינציקווייז פאַרשווינדן. ס'זענען דעמאָלט אָנגעקומען אימהדיק־גרויסע טראַקטאָרן און בולדאָזערס, וואָס האָבן צעריסן די פונדאַמענטן, געמאַכט נידריקער די ערד, זי דרענירט און געלעכערט, כדי דאָרט אויפצושטעלן אויף שלאַנקע הויכע זיילן די פיל־שטאָקיקע נייע יידישע הייזער. מחמת דעם וואָס דער דרענירטער באָדן איז געלעגן נידריקער און דער בנין פון די צוויי שוועסטערן איז געבליבן שטיין אויף דער זעלביקער פריערדיקער הויכקייט, האָט זייער הייזל אויסגעזען ווי ס'וואָלט געווען אַ פאַרבליבענע פעסטונג אויף אַ באַרג. פון אַלע פיר זייטן האָט מען אַרויסגעזען די נאַקעטע רויטע ערד און ערשט גאָר הויך, אַרום די פונדאַמענטן פון בנין, האָט אָנגעהויבן וואַקסן דאָס ווילדגראָז אַרום די פאַרבליבענע קוסטעס. דאָס אַלטע אַראַבישע הויז איז ניט געווען געשיצט מיט קיין צוים און ניט מיט קיין וואַנט, אַזוי אַז פון אַלע פיר זייטן האָט מען אַרויסגעזען דעם רויען זאַמד־באַרג מיט די צעשניטענע וואָרצלען אין זיין רויטער ערדישער אינגעווייד. יאָרן נאָך יאָרן האָבן פון שכנהשאַפט כלערליי בוי־אונטערנעמער, ערד־סוחרים און דירות־מעקלער געפּרוווט די שוועסטערן צורעדן, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן דאָס אָרט און זיך אַריבערטראָגן אין אַ נייער דירה פון אַ פריש־אויפגעשטעלטן בנין. דאָס הויז פון די צוויי פאַרלאָזענע, איינזאַמע שוועסטערן האָט געשראָקן די מענטשן אין שכנהשאַפט מיט אַ פחד, וואָס ברענגט צוריק די קלעמונג פון אַ פאַרלוירענעם חלום. זיי האָבן געקוקט אויפן ווילד־פאַרוואַקסענעם הויז ווי אויף אַ גלות־הקדש, אַן איבערבלייבעכץ פון אַ וויסטער חורבה אין דער אַלטער, טויטער היים, וווּ ס'קומען־אָפּ אַ שווערע שטראָף די צוויי איינזאַמע, גראָע שוועסטערן. דאָס אַלטע אַראַבישע הויז האָט זיך שטאָלץ געהויבן פונעם באַרג און דראָענדיק געקיניגט מיט זיין שטייניקער פאַרלאָזנקייט ווי אַ מיטלעלטערלעכער טויטער בורג. די אַרומיקע ניי־געבויטע יידישע הייזער זענען געשטאַנען אַסך נידריקער אויפן אויסדרענירטן באָדן, אַזוי אַז דאָס אַראַביש־פאַרבליבענע הויז האָט זיך אויסגעגליכן מיט די דעכער פון די

דריי־גאַרנדיקע נייע יידישע הייזער. ביינאַכט האָט דער באַרג אויסגעזען ווי אַ געשוואָלענע הימל־פינצטערניש צווישן די אומצאָליקע ליכטיקע הייזער און דאָס הייזל אַליין ווי אַ פאַרשלאָסענע פעסטונג אויף אַ שווימענ־דיקן, שוואַרצן טויטן־אינדזל.

כדי צו צווינגען די צוויי שוועסטערן צו פאַרלאָזן דאָס הויז און כדי דער מכשפה־באַרג זאָל פאַרשווינדן, האָבן זיך די מענטשן באַנוצט מיט כלערליי תחבולות, דראָונגען און רכילות. נאָכדעם ווי ס׳זענען אויפגע־שטאַנען די נייע יידישע הייזער מיט די ריזיקע באַלקאָנען, רחבותדיקע נישן, אויטאָ־גאַראַזשן און פּרוזדורן — האָט מען דעם באַרג טאַקע גערופן: די פעסטונג פון די צוויי מכשפות. ס׳פלעגט אויך געשען, אַז יידישע קינדער פלעגן פון דער נידער אַרויפשליידערן דורך אַנגעצויגענע בויגנס קליינע, שפּיציקע שטיינדלעך, וואָס זענען געפאַלן איבער די הויכע היל־צערנע לאָדנס ווי אַ האָגל. דעמאָלט האָבן זיך אין די אָפענע פענצטער מאַנכמאָל באַוויזןביידע צעשויבערטע קעפּ פון די איבערגעשראָקענע שוועסטערן. די קינדער זענען אַנטלאָפן מיט אַ פחדים־געשריי, זעענדיק אויבן די צוויי אויסטערלישע אַלטע קעפּ. דאָס אַלץ איז געשען נאָך פאַר לענאָס קראַנקווערן. אָבער מיט דער קראַנקייט פון לענאָן האָבן זיך זעלטן אויבן געעפנט די פענצטער, אַפילו אויך ניט דעמאָלט, בעת איבער די לאָדנס איז געפאַלן דער בייזער, אַרויפגעשליידערטער שטיינער־האָגל. ביידע שוועסטערן, אָפּגעצוימטע און פאַרלאָזענע, האָבן ניט פאַרשטאַנען וואָס אַרום זיי טוט זיך. דער ווילדער, ניט־יידישער הו־האַ, דער מענטשן־געלאַף אונטן אַרום דעם באַרג, דאָס פיבערדיק גיסן די נייע הויכע הייזער, דער גיהנומדיקער רעש פון די לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן ערגעצוו אַוועקגעפירט די שטילע אויסגעגראָבענע ערד צוזאַמען מיט פאַרשניטענע גרעזער — דאָס אַלץ האָט זיי מיט אַ כוח צוריק אַריינגעפירט אין דער טריבער ליכטיקייט פון די גרויסע, ליידיקע חדרים. אין דער אָ טריבער, אָפּגע־צוימטער, שטילער ליכטיקייט פון די איינזאַמע אַלטע חדרים האָבן ביידע שוועסטערן אָפּגעפינען די טרייסט פון פאַרשעמטע, אָרעמע, אָפּגענאַרטע מלאכים. פאַראַן מענטשן, וואָס בלייבן שטיין פאַרגליווערטע אויף איין אָרט און גייען שוין קיינמאָל ניט מיט אינעם ברייטן געווירבל פון לעבן.

אפשר איז עס געווען דערפאַר וואָס בײדע — אײנזאַמע אויף דער דאָזיקער נײער ערד, האָבן נאָך פון דער אַלטער הײם מיטגעבראַכט גאָר אַנדערע רעיונות און חלומות, וואָס זענען פאַר זײ געווען ווי פּרוכפּערדיקע ערד, וואָס לאָזט ניט פאַרפוילן אין זיך אירע אַמאָליקע שפּראָצנדיקע, גרינע וואָרצלען. סײ לענאַ און סײ מינע זענען טאַקע געווען פון אַזעלכע אַלטע וואָרצל־געוועבן, וואָס די צײט און דער שטורעם, די נויט און די אײנזאַמקײט פאַרטיליקן קײנמאָל ניט אין זײ די זילבערנע, קײמענדיקע פעדעם פון דער ערשטער זריעה. זײ זענען פאַרבליבן דאָ פרעמדע געוויקסן, וואָס ווילן ניט אײנעם פּלוצעמדיקן תוהו ובוהו אויפגײן אויף דער ערד און לאָזן זיך אויך ניט אויסרײסן פון זײערע וואָרצלען. און אַזוי איז געשען, ווי ס׳וואָלט צווישן דער אַלטער באַרג־פעסטונג און די נײע ייִדישע הײזער אָנגעגאַנגען אַ ביטערער געראַנגל — ווער וועמען ס׳וועט גובר זײן. און כּדי דער נצחון פון די נײע הײזער זאָל קומען וואָס גיכער, זענען די נײע בנינים געוואַקסן אומצאָליקע איבער נאַכט און אַרומגערינגלט פון אַלע זײטן די פעסטונג ווי אין געפאַנגענשאַפט. ס׳האָט אויסגעזען, אַז נאָך אַ ווײלע און די אַלטע פאַרוואָקסענע פעסטונג צוזאַמען מיטן מכשפה־באַרג וועלן פאַלן, די גרינע הילצערנע לאָדנס וועלן זיך אויפפּראַלן און פון דאָרט וועלן אַרויספלאַטערן אַנטקעגן הימל ווײסע פענער פון מפּלה און כּניעה.

אַז דאָס אַלץ איז ניט געשען דורך אַסך חדשים נאָך די אומצאָליקע וויזיטן פון די ערד־סוחרים און בוי־אונטערנעמער, האָבן די מעקלערס אויפגעהערט לחלוטין זיך צו באַווײזן בײ די שוועסטערן. אונטן האָט מען פיבערדיק געגאָסן די בעטאָן־הײזער, געפלאַסטערט שוואַרצע וועגן, אויס־מײדנדיק דעם מכשפה־באַרג מיטן אַלטן אַראַבישן הויז אין דער הויך. קײנער האָט אויך ניט געוווּסט פון וואָס בײדע שוועסטערן לעבן. מען האָט בלויז געוווּסט, אַז די עלטערע, לענאַ, איז אַמאָל געווען אַ קראַנקען־שוועסטער בעת דער ייִדישער מלחמה, אָבער זינט עטלעכע יאָר ווי מע זעט זי ניט אויבן. טײלמאָל באַווײזט זיך בלויז די דאַרע געשטאַלט פון דער ייִנגערער, מינען, צווישן די הויכגעוויקסיקע גרעזער, אָן אײנגע־בוקטע און עפּעס אויפקלויבנדיק פון דער ערד. מסתּם זענען דאָרט אויבן פאַרזײט ירקות, פון וואָס די צווײ אײנזאַמע מענטשן דערנערן זיך.

מאַנכמאָל האָט מען אויך געזען אַרויסשלעפּן פון אויבן אַ מעבל־שטיק, אַ שענקל, אַ סאָפקע און אַפילו שטוב־חפצים, וואָס די אַרומפאָרנדיקע אַלטוואַרג־סוחרים פלעגן אָנלאָדן און דערנאָך אָוועקפירן אויף די פלאַכע וועגעלעך, געשפּאַנטע אין קליינע, דאַרע אייזעלעך. די שכנים פון אַרום האָבן זיך שוין ניט געחידושט ווען אפילו די פענצטער־לאָדנס זענען גאַנצע חדשים געווען אויבן פאַרשלאָסן און פון דאָרט איז ניט אַראָפּ אונטן דער מינדסטער סימן פון לעבן. מאַנכמאָל בלויז, אין דער נאַכטיקער באַרג־שטילקייט, האָט מען געהערט דאָס דינע רופן פון דער קוקאַווקע, וואָס האָט געציילט די נאַכט־שעהן פאַרשלוכצט און בהלהדיק ווי דער רוף אויף אַ האָרן פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן באַרג־מענטש. ס'האָט געקענט אַפילו געשען, אַז ביידע שוועסטערן זאָלן אויבן, אויפן באַרג, אָפּשטאַרבן און קיינער פון די שכנים אונטן זאָל דערפון ניט וויסן. ס'איז טאַקע געווען אַ זעלטן געשעעניש וואָס איינמאָל האָט מען פון אונטן דערזען פלוצעם אַ פרעמדן מאַנצפּערשוין זיך אַרומדרייען אויבן צווישן די פאַרוואַקסענע ווילדע גראָזן. דאָס פלוצעמדיקע באַווייזן זיך פון אַ נייעם מענטשן אינעם אָפּגעצוימטן הקדש ביי די צוויי שוועסטערן האָט אַלעמען צוריק דערמאָנט אינעם מכשפה־באַרג און אינעם אויסטערלישן אַראַבישן הייזל, וואָס איז שוין לאַנג געווען פאַרגעסן, ווי מען פאַרגעסט אַ פאַרזונקענעם מצבה־שטיין אויף אַן אָפּגעצוימטן, פאַרוואַקסענעם בית־עלמין.

*

דער פלוצעמדיקער גילגול פונעם שיינעם פויגלשן קולכל ביי דער קוקאַווקע איז ניט געקומען אַזוי פלוצעם ווי מינע האָט עס דערציילט. שוין אַ צייט פאַר דעם, בעת צו ביידע שוועסטערן זענען דערגאַנגען די ערשטע שוואַרצע בשורות פון פוילן, איז בלויז זי, לענאַ, געווען די, וואָס האָט אַלע פינצטערע בשורות אויפגעהאַלטן אין זיך גאַנצע חדשים. דער מינדסטער ציטער איז ניט פאַרלוירן געגאַנגען ביי איר פון דעם, וואָס מ'האָט זיך דערציילט. קיין שום בילד, זיפץ, גרימאַס האָט ניט פאַרלאָזט איר זכרון. זי איז געוואָרן, לענאַ, ווי אַ האַרט־שטייניקער, עקשנותדיקער, איינזאַמער באָדן, וואָס זאַפּט אין זיך איין די פלייצנדיקע, שווערע וואַסערן

פון אַ געוויטער און לאָזט זיי אָבער ניט אַראָפּשווימען אין די טיפערע ערד־שיכטעס. אַלע פינצטערע גרוסן פון די מלחמה־יאָרן האָבן זיך אין איר אָנגעזאַמלט טראָפּן נאָך טראָפּן, קווענכל נאָך קווענכל ווי איר גוף וואָלט געוואָרן אַ וואַסער־תהום, ווו ס׳רופט פון די טיפענישן אַ פאַרוואָגלטער און וויינענדיקער דבוק. די האָר אַרום איר הויכן שטערן זענען געוואָרן צעריסן־גראָ ווי אויסגעצופּט און די שטומע, גאָלדיק־בלאַסע קאָליר פון פאַרוועלקטקייט האָט באַקרוינט איר שטערן ווי צעטרעטן גראָז. דעמאָלט האָט זי אויך אָנגעהויבן ריידן צו מינען אומקלאָרע רייד פון יענע קינדער־טעג, בעת מען האָט זי גערופן "לענאַ די קוקאַווקע". אין די אַ טעג האָט זי זיך זייער אָפט איינגעקוקט אין די משפחה־פאָטאָגראַפיעס. בעת אין אירע הענט איז געלעגן דאָס בילד פוןביידע מיידעלעך — די צוויי שוועסטערן — האָט זי תמיד צו זיך עפּעס געמורמלט, שמייכלענדיק אַ פאַרוועלקטן, טויטלעכן שמייכל: „גיב נאָר אַ קוק — דאָס איז דאָך לענאַ — די קוקאַווקע". און ס׳איז טאַקע געווען פאַר מינען אַ רעטעניש, אַז אויך ער, דער קוקאַווקע־פויגל אינעם אַלטמאָדישן זייגער, האָט כמעט אין דער זעלביקער צייט פּלוצעם געביטן זיין פויגלש קול, גראָד ווי פון זיין קוקאַווקע־האַלדז וואָלט צו לענאַן אַראָפּגעשווימען דער פאַרבאָרגענער, דבוקישער כוח פון אַ גילגול. זי, לענאַ, איז לחלוטין מער ניט געווען דאָ, אויפן אָפּגעצוימטן ווילדן אָרט אויפן באַרג. זי פלעגט גאָר אָפט זיך אָפּשליסן אין איר חדר, פאַרריגלט די לאָדנס און אַזוי גאַנצע טעג אָפּליגן אויפן בעטל אין דער האַלב־דעמערונג מיט פאַרשלאָסענע, ציטערנדיקע אויגן. בעת זי איז אַזוי געלעגן אין טריבן, ליידיקן חדר, אַן אָפּגעשלאָסענע פון דער וועלט, איז זי דעמאָלט געגאַנגען מיט אַלע אומגליקלעכע און פאַרטריבענע איבער די טראַקטן פון פוילן. זי האָט געעטעמט מיט דער בלאָער, גלאָזיקער לופט פון פוילישן פראָסט, מיט דער האַנט האָט זי געווישט אירע ווימפּערן פון די פאַלנדיקע, שווערע שניי־שטערן און געטראָגן אויף איר אַקסל די פאַרבונדענע רוקזעק, אָנגעפּולטע מיט מיט־געכאַפּטע באַלעבאַטישקייט. צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע איז זי געלעגן אויפן דיל פון עם פי־וואַגאָן און זיך געגעצט די ליפּן מיט אַן אייגענעם אַראָפּפאַלנדיקן שווייס־טראָפּן אין דורשט נאָך אַ שלוק וואַסער. זי האָט געהערט

באַשיימפּערלעך דעם טאַטנס תהילים־פּסוקים אין וואַגאָן־פינצטערניש. אַמשטאַרקסטן האָט זיך אין איר אָפּגערופן דאָס דאַרטיקע בעת איר שלאָף ביינאַכט. זי האָט געשלוכצט און געיאָמערט און מיט געליימטע הענט אין חלום זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. זי פלעגט אַזוי גיך זיך ניט קענען איבערוועקן — ביז מינע איז ניט אַריין און מיט כוח זי אַרויסגעריסן פון שלאָף. אירע אויגן זענען דעמאָלט געווען פאַרגאָסענע מיט טרערן, ווי ס׳וואָלט דער זומען פון טויט פון דאָרטן אויך אין לענאַן זיך פאַרזייט אין איר צעבראָכן האַרץ. מיטגייענדיק מיט טאַטע־מאַמע און האַלטנדיק זיי פאַר די הענט, האָט זי זיך אויסגעמישט מיט די אומצאָליקע יידן־מחנות, פאַר וועמען ס׳האָבן זיך געעפנט די הויכע, שוואַרצע טויערן פון טויט. זי האָט געלעכצט, לענאַ, צו שטאַרבן צוזאַמען מיט זיי דאָרטן, מיט אַלע יידן, וואָס וועלן מער ניט אַרויס פון הינטער די שוואַרצע טויערן. און אַז די בענקעניש נאָכן טויט האָט ניט געבערענגט די דערלייזונג פונעם טויט אַליין — איז זי באַפאַלן אַ פאַרשעמונג פאַר איר אָפּגעראַטעוועט, איינזאַם, נוצלאָז לעבן דאָ, אויף דער באַפרייטער יידישער ערד. זי האָט זיך געשעמט מיט איר אָטעם, מיטן בליק, מיט יעדער גליד־באַוועגונג פון איר פאַר־וועלקטן מיידלשן גוף. און גראַד ווי אינעם חלום, וואָס לאָזט דעם מענטשן זינקען אין אַן אָן־סופיקן דנאָ, איז אויך לענאַ ביסלעכווייז געזונקען אינעם טויטן אָפּגרונט פון דאָרטן. פאַרשמאַכט און אָן כוחות האָט זי געבעטן אין חלום אויף אַ נס — זי זאָל מער ניט דערוואַכן, ניט זען מער דאָס טאָג־ליכט פאַרן פענצטער און ניט הערן דעם ווינט צווישן אויפגעוואַקסענעם ווילדגראָז. זי האָט אירע אויגן געטראָגן תמיד פולע מיט נאַכט און געוואַרט אויף איר פינצטערניש, כדי צו זיין ווידער דאָרטן און געניסן פון דער טרייסט, וואָס קומט פון אַ חלומדיק, הייליק שטאַרבן.

אַלע מאַנונגען און רייד פון מינען, אַז לענאַ זאָל צוגיין צו אַ דאָקטער און נעמען רפואות אויף באַרויקונג — האָבן גאָרניט ניט געהאָלפן. לענאַ די קוקאַווקע האָט זיך וואָס מערער איינגעשלאָסן אין זיך און אפילו ניט געוואָלט פאַרלאָזן איר בעטל. בעת מינע האָט זי מאַנכמאָל אַראָפּגעפירט פון איר געלייגער — איז איר גוף צוריקגעפאַלן אויף הינטן. דעמאָלט ערשט איז געקומען דער דאָקטער. אין קאָרידאָרל האָט ער מינען פאַר־

טרויט: לעאוקעמיאַ. און גראָד אין די זעלביקע טעג, בעת לענאַ די קוקאַווקע איז מער ניט אַראָפּ פון געלייגער — האָט אויך דער קוקאַווקע־זייגער אויפגעהערט אויסצושלאָגן די צייט. ס'האָט געדויערט עטלעכע טעג ביז ער האָט אויפסניי, דער זייגער, אָנגעהויבן ווי פון זיך זעלבסט פּלוצעם צו גיין. די קוקאַווקע האָט זיך ווידער באַוויזן אין די אָפענע זייגער־טירעלעך. דעם פויגלס קעפּל האָט זיך אָבער שטאַרק געהאַט געביטן און ס'איז געווען צו זען, אַז זיינע פויגל־אַרביטעס זענען געוואָרן פאַרצויגן מיט אַ דינעם שטויב־נעפּל ווי פון גלאָז. אָבער דעמאָלט איז שוין דאָס קול פון דער קוקאַווקע אויך געווען אינגאַנצן אַן אַנדערש, טאַקע אַזאַ ווי ס'האָט אים אָנגעטראָפן ביי זיין קומען אַהער דאָס ערשטע מאָל זייער ווייטער קרוב — צבי מושקאַט.

*

ס'איז געווען באַלד צומאָרגנס נאָכן אָנקומען פון צבי מושקאַט. אַרום אים איז נאָך געווען גראָלעך־פינצטערלעך, אָבער מיט יעדער רגע איז די גראָקייט מערער אָפּגעטרעטן. פון די פענצטער האָט אַראָפּגעגני־דערט דאָס ערשט־געבוירענע, מילך־ווייסע טאָג־ליכט. ער איז אַראָפּ זייער פאָרזיכטיק פונעם אייזערנעם בעטל, כדי ניט אַרויסצורופן דעם מינדסטן רעש. ער האָט זיך געוווּנדערט וואָס ער איז אַזוי די גאַנצע נאַכט איבער־געשלאָפן אין די מלבושים, נאָכדעם ווי ער איז אַוועקגעפאַלן אויפן בעטל. מיט לייכטע שריט האָט ער זיך דערנענטערט צו דער טיר און זי געעפנט. אינדרויסן איז די לופט געווען פייכטלעך־קיל. איבערפול מיט די ריחות פון פוילנדיק אַלט גרינס האָט זי געהאַט דעם פלאַטער פון אַ פאַרגעסענעם בית־עלמין־חלל. איבערן ווילדגראָז, וואָס איז געוואַקסן אויפן הויפל אין גרויסער שפע, איז געהאַנגען אַ פיאָלעטער ליכט־זייל, וואָס האָט זיך צעשטויבט אין אומצאָליקע, שוועבנדיקע גאָלד־שטויבלעך. זיי האָבן געציטערט און געטאַנצט, די שטויבלעך, געפאַליעט מיטן ווינט און געוואָרפן זייער שיין, ערשט ליכט־גאָלד איבערן ווילדגראָז.

דאָס, וואָס מושקאַט האָט איצט דערזען פאַר זיך אויפן הייפל, אונטער

דעם פֿאַליענדיקן ליכט־זייל, איז געווען אַזוי אויסטערליש שיין פֿאַר אים, אַז ער האָט ניט געקענט שטעלן אַ שריט פֿון פֿאַרגאַפֿונג.

אונטערן פֿאַליענדיקן ליכט־זייל, צווישן ווילדגראָז, האָבן געלויכטן מיט אַ שאַרפֿער בלוט־רויטלעכקייט אומצאָליקע, ווילדע מאָן־קעפּלעך אויף הויכע, שלאַנקע פּיסלעך. זיי האָבן געמוזט דאָ אויסוואַקסן פֿון זיך זעלבסט צווישן טויטלעכן גראָז, ניט געפֿלאַנצט פֿון קיינעמס האַנט. דער גאַנצער הויף־שטח איז געווען פֿאַרשטילט, פֿאַרוויגט מיטן ליכט־זייל און בלויז די מאָן־קעפּלעך האָבן זיך געבויגן אינעם ערשטן מזרח־ווינט. אַ שיין פֿאַרבאָרגן פֿייגל־טשיריקען האָט זיך נאָרוואָס אויסגעבריט צווישן ווילד־גראָז. מושקאַט איז געשטאַנען פֿאַרכשופֿט פֿון דער פּלוצעמדיקער שיינקייט און שלאָפֿנדיקער, רויטער מאָן־שטילקייט. ס׳איז אים באַפֿאַלן אַ ווייט, וואַרעם געפֿיל פֿון די פֿאַרפֿלאָסענע קינדער־טעג, בעת ער פֿלעגט זיך פֿאַרבאַהאַלטן צווישן די געדיכטע גראָזן אויפֿן פֿעלד. און וואָס, אַז ער וועט עס איצט אויך טאָן — זיך אַראָפּלאָזן דאָרט, אין סאַמע געדיכטן אָרט פֿון די אויפֿגעשפּראָצטע מאָן־קעפּלעך, די הענט פֿאַרלייגט אונטערן קאָפּ און אַריינקוקן אין אויפֿגייענדיקן, פֿיאָלעטן פֿרימאָרגן־חלל? זאָל זי אים אַרומזוכן, מינע, גראָד אַזוי ווי ס׳האָט אים געזוכט די מאַמע דעמאָלט — אין די ערשטע פֿיאָלעטע קינדער־טעג. אפֿשר איז גאָרניט געשען מיט אים דורך די אַלע יאָרן, ער איז גאָרניט געקומען אין אַ פֿרעמד לאַנד, ניט איבערגענעכטיקט ביי אַפּגעפֿרעמדטע קרובים, און ער איז ווידער דאָרט, אויף דער פּוילישער לאַנקע, וואָס איז פֿול מיט גוטע בשורות פֿון די ערשטע קינדער־טעג.

און גראָד דעמאָלט, בעת מושקאַט האָט טאַקע זיך געגרייט אַראָפּצו־לאָזן אינעם בית־עולמדיקן ווילדגראָז צווישן די מאָן־קעפּלעך — האָט ער דערהערט הויך רופֿן זיין נאָמען. דאָס איז געווען ניט די מאַמע — נאָר מינע. פֿאַרהילט אין אַ דינעם, צעקנייטשטן שלאָפֿראָק איז זי געשטאַנען אויף דער שוועל פֿון דער שטוב. זי האָט אים גערופֿן מיט צעפּאָכעטע, נאַקעטע אָרעמס, בעת איר קול האָט געשלוכצט פֿון דער ווייטנס. ער איז גיך צו איר צוגעלאָפֿן. ערשט איצט האָט ער געקענט זען, אַז אירע אויגן זענען אינגאַנצן פֿאַרגאָסן מיט טרערן. די בלאָע אויגן־ראַנדן זענען געווען

טיפערע און מער איינגעפאַלן. דורכן אָפענעם, אַרויפגעוואָרפענעם שלאָפראָק האָט ער דערזען אירע ברוסטן — פאַרוועלקטע, גאָלדיק־געלע, וואָס האָבן געהאַט די קאָליר פון פאַרשטאַרבענע בלעטער. ער האָט גיך אָפּגעווענדט פון דאָרט די בליקן און דעמאָלט האָט זי אים אָנגעכאַפּט מיט אירעביידע אויסגעשטרעקטע הענט.

— קומט!... קומט אַריין! גיכער!... ס'איז דוכט זיך שוין דער סוף... גאָט אין הימל!... שוין דער סוף!... אַזאַ אומגליק... ס'זאָל נאָר ניט זיין צו שפּעט... קומט!... קומט!...

זי האָט אים געצויגן דורכן חדר, ווו ער איז געשלאָפן די ערשטע נאַכט, שפּעטער דורכן קאָרידאָרל צו לענאַס זייטיק, אָפּגעלעגטן חדר. דעם גאַנצן וועג האָט זי ניט אָפּגעלאָזט זיין האַנט און געפּליסטערט:

— ס'איז שוין אַוודאי דער סוף... גאָט אין הימל!... דער סוף... דער סוף... זי שטאַרבט!

נאָענט ביים האַלב־פאַרשלאָסענעם אַראַבישן פענצטער, אויף אַ שמאָל, מיידלש, אייזערן בעטל איז געלעגן פאַרוויקלט אין אַ דינעם ראָזלעכן פּלעד די שמאָלע געשטאַלט פון לענאַן די קוקאָוקע. דער פּלעד האָט זי פאַרדעקט ביז צום האַלדז, בעת אירע הענט זענען געלעגן פאַרבאָרגן אונטערן פּלעד. איר קאָפּ, אַ גראָער און פלאַטשיקער, איז געלעגן אויפן פאַרשאַרטן קישעלע, בעת אירע באַקן האָבן געברענט מיט דער רויטקייט פון די דרויסנדיקע מאָן־קעפּלעך. די אויגן, גראָד ווי מינעס, נאָר מיט ברייטערע ראַנדן פון פאַרגליווערטער בלאָקייט, האָבן גלאָזיק געקוקט אין חדר־חלל. דורכן לאָדן איז אויף איר אַראָפּגעפאַלן אַ בינטל פאַליענדיק ליכט פון דרויסנדיקן ליכט־זייל. דער ליכט־זייל האָט וויברירט איבערן בעטל און אויסגעזען ווי אַ שמאָלע, שוועבנדיקע בריק, ווו ס'טרעט דער אומזעבאַרער מלאך פון טויט און שטילקייט. צופירנדיק מושקאַטן צום בעטל, האָט זיך מינע אַראָפּגעלאָזט מיט אַ געוויין צופיסנס פון לענאַן. ער האָט זיך ניט אָן עפּעס אָן אומקלאָרן פּחד איינגעקוקט אין לענאַס קאָפּ. ער איז געווען זייער ענלעך צום קאָפּ פון דער זייגער־קוקאָוקע. די זעלביקע צעוואָרפענע גראָע האָר־אינדזעלעך, די זעלביקע פויגל־אָפּגעצופּטקייט און די זעלביקע פאַרגלאָזטע, פויגלשע אויגן־אָרביטעס. מינע האָט שטיל

געכליפּעט צופּיסנס און מושקאַט האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. פאַר אים איז געלעגן אַ ווייטער אָפּגעפרעמדטער קרוב, וואָס שטאַרבט אויף לעאוקעמיע. מינע האָט זיך פּלוצעם אויפגעשטעלט און אַריבערבויגנדיק זיך איבער לענאַן צו איר אַראָפּגעשעפּטשעט:

— לענאָטשקאַ... גיב נאָר אַ קוק ווער ס'איז דאַ... לענאָטשקאַ... דער מומע חנהלעס זון הערשל... עפן די אויגן, לענאָטשקאַ... לענאָטשקאַ... לענאָטשקאַ... לענאָטשקאַ...

הינטער די פאַרגלאָזטע אויגן־אַרביטעס פון לענאַן האָט שאַרף עפּעס אַ גלימער געטאָן ווי דאָס אָפּשטאַרבנדיקע ליכט פון אַ בליץ. איר לינק אויג מיט די לייכט־פאַרשלאָסענע ווימפּערן האָבן זיך אַביסל אונטער־געהויבן. ס'האָט אויף אים געקוקט איר שוואַרצאַפּל — אַ קליינער, אַ צעגאַ־סענער ווי אַן אַראָפּגעפּאַלענע צעקנייטשטע קאַרש. פון דעם אַ קאַרש־שוואַרצאַפּל איז צו אים געריגען דאָס שטילע, שוואַרצע ליכט פון פאַרגיין. אַ זילבערן דין פּינטל ווי אַ ברענענדיקער פאָדעם האָט צאַנקענדיק געטליעט און אויף אַ רגע געוואָרן אַ צעשפּרייט שפּעלטל ווי ביי אַ קאַץ. זי האָט אַ זיפץ געטאָן, לענאַ, און ס'איז געווען צו זען, אַז אירע הענט אונטערן פּלעד האָבן זיך אַ ריר געטאָן. זי האָט זיי מסתם געוואָלט באַוועגן און אויפהויבן, אָבער ניט מינע און ניט צבי האָבן געפּרוווט אויפהויבן דעם פּלעד. מינע האָט ווידער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל און געכליפּעט, בעת מושקאַט האָט אויף אַ רגע ניט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון דער שוועבנדיקער ליכט־בריק, וואָס האָט אַרומגענומען לענאַס דאַרן אָפּשטאַר־בנדיקן גוף.

אין דער רגע האָט זיך פון הינטער דער וואַנט פּלוצעם אָפּגערופן דאָס קול פון דער קוקאָווקע. דער זייגער האָט געשניטן די צייט פון שטילקייט מיט אַ שאַרף־זילבערנעם חלף. ס'איז געווען זעקס אינדערפרי. בעת די קוקאָווקע הינטער דער וואַנט איז פאַרשטילט געוואָרן — האָט מינע זיך אויפגעהויבן פון דיל. ערשט דעמאָלט האָט זי אַרויסגעהויבן די הענט פון לענאַן פון הינטערן פּלעד. זי האָט זיי פּאַוואָליע אָוועקגעלייגט אינדרויסן. די הענט צוזאַמען מיטן גוף האָבן ביי איר אַ ציטער געטאָן ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אונטערהויבן פון געלייגער. מינע האָט אויפסניי אַ געשריי

געטאָן. זי איז געפאַלן אויפן בעטל און מיט איר פּאַלן האָט זי צעריסן די הענגענדיקע ליכט־בריק. צבי מושקאַט האָט בלויז אַראָפּגעלאָזט זיינעביידע הענט איבער אירע געפאַלענע שולטערן. די דאַרע, אַרויסשטייגנדיקע ביינער האָבן ביי איר געהעשעט דין און פאַרשלוכצט. מושקאַטן האָט זיך געדוכט, אַז איר געוויין קומט ניט פון איר פאַרקלעמט מויל, נאָר פון אירע דאַרע, פאַרבויגענע גלידער, פאַרוועבטע אין דער פאַליענדיקער ליכט־בריק.

*

מושקאַט איז געזעסן שבעה נאָך לענאָן. בעת ער איז אַזוי געזעסן אויפן נידריקן בענקעלע לעבן לענאָס ליידיק בעט — פלעגט אויך מינע זיך טיילמאָל אַראָפּלאָזן אויפן דיל לעבן אים. אָנגעלענט מיט די פּלייצעס אויף דער וואַנט איז זי אַזוי געזעסן צוזאַמען מיט מושקאַטן און שעהן האָבן זיי ביידע ניט אַרויסגערעדט דאָס מינדסטע וואָרט. אַממייסטן איז מושקאַט געזעסן מיטן קאָפּ פאַרגראָבן אין זיינע ביידע הענט. ער האָט געטראַכט: מסתמא איז גוט געשען, וואָס ער איז געקומען אַהער דווקא איצט, בעת אין דער דאָזיקער שטוב אויפן באַרג איז אָפּגעשטאָרבן אַ מענטש. מען קען זאָגן, אַז ער האָט אַפילו ניט געזען לענאָס פּנים און ניט געהערט דעם קלאַנג פון איר קול. זייער אָפט פלעגט מינע אים צוטראָגן בעתן שבעה זיצן אין אַ שיסעלע אַביסעלע געקעכץ, אַ טעפּעלע טיי אָדער אַ רעפטל ברויט, וואָס האָט זיך שוין געקרישלט פון אַלטקייט. ער האָט געקוקט דעמאָלט אין אירע בלאַלעכע אויגן־ראַנדן, וואָס זענען געוואָרן שטילער און פרידלעכער. זי פלעגט אויך מאַנכמאָל זיך צושאַרן צו מושקאַטן אויפן דיל, פאַרלייגט איר קאָפּ אויף זיינע נידריקע קני. פון צייט צו צייט האָט זי אויפגעציטערט, וואָרעם אויף איר קאָפּ איז דעמאָלט געפאַלן פון מושקאַטס אויגן אַ וואָרעמע טרער און זי איז פאַרשווינדן, די טרער, אין דער גראָלעך־גאָלדיקער פאַרוועלקטקייט פון אירע טרויעריקע האָר.

נאָכן אָפּזיצן אַזוי עטלעכע טעג אויפן בענקעלע און האַלטנדיק זיינע אויגן תמיד געווענדט צום דיל, וואָס איז געווען געפלאַסטערט מיט ווייסע און שוואַרצע באַלאַטן־שטיינער, האָט זיך מושקאַטס בליק גאַר אָפט

פאַרווירט. ער האָט אויפגעהערט צו זען די געל־ווייסע קאַלירטקייט פונעם שטיין, בעת נאָר די שוואַרצע, פירעקיקע שטיינער האָבן אינגאַנצן פאַרדעקט דעם דיל־פלאַך, וואָס איז געוואָרן ווי אַ שוואַרץ־פליסנדיקער שטראָם איבער אַ תהום. און אין סאַמע מיטן פון דעם אַ רוישנדיקן, שוואַרצן תהום איז געזעסן ער, צבי מושקאַט, אַ פאַרלוירן, ציטערדיק, אָפּגעראַטעוועט לעבעדיק פינטל, וואָס איז ניט דערטרונקען געוואָרן אי'נעם תהום. און ערשט דאָ, זיצנדיק שבעה נאָך לענאָן, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער איז דאָך לחלוטין קיינמאָל ניט געזעסן שבעה דאָרטן — ניט נאָכן ווייב און קינד, ניט נאָך טאַטע־מאַמע, נאָך קיינעם ניט. ווי אַזוי איז דאָס אַלץ געשען? אפשר דערפאַר וואָס דעם מענטשנס האַרץ קען בלויז פאַרצערן אין זיך אַ קליינעם ברוכטייל פון אַן אומגליק און אים באַוויינען און איז קיינמאָל ניט מסוגל צו באַקלאָגן די אומצאָליקייט פון מענטשנס אומגליקן? און אפשר, ווער ווייס, איז פאַראַן אַ גבול פאַר דער טרער. זי פליסט נאָר דעמאָלט פונעם אויג בעת זי קען ברענגען טרייסט פאַרן געבראָכענעם מענטשן. ער האָט ניט געפילט, מושקאַט, ווי ס'האָט אָפּט געקאָפּעט פון זיינע אויגן. ער האָט אַפילו ניט אָפּגעווישט די פאַלנדיקע טרערן. זיי האָבן אים געבריט אויף די באַקן, געריזלט צו זיינע פאַרשלאָסענע ליפּן. זיי זענען געווען, די טרערן, געזאַלצן און וואַרעם. ערשט איצט דאָ, אין דער פרעמדער שטוב, נאָכן טויט פון אַן אָפּגעפרעמדטן קרוב אויף דער יידישער ערד — זיצט ער אָפּ שבעה נאָך אַלע זייניקע פון דאָרטן. ווי אויסטערליש דאָס איז: ער האָט ערשט געמוזט קומען אַהער, כדי צו געפינען די טרערנדיקע טרייסט אינעם גרויסן אומגליק. מיט יעדער פאַלנדיקער טרער איבער מינעס קאָפּ — האָט אויך אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן דער רוישיקער, שוואַרצער תהום פונעם שוואַרץ־געפלאָסטערטן דיל אונטער זיינע פיס. ס'האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע שפּיציקע קאַנטן פון די ווייסע שטיינער. לכתחילה בלויז זייערע ברעגן, דערנאָך דער גאַנצער דיל־פלאַך און ער האָט געהאַט דאָס געפיל ווי אַ וואַרעמע, נאָענטע האַנט וואָלט אים אין דער לעצטער רגע אַרויסגעהויבן פונעם שוואַרצן ברויזנדיקן תהום און אים געפירט אַהער — צו אַ ליכטנדיקן, ווייסן, ערדענעם ברעג.

*

דאָס איז געווען אויפן צווייטן טאָג נאָכדעם ווי מושקאַט איז אָפּגעזעסן שבעה. באַלד אין דער פרי האָט ער שוין אָנגעהויבן צו פאַרריכטן דעם פאַרשוויגענעם קוקאָווקע־זייגער. נאָך פריער האָט מינע געהאָלפן אַראָפּ־נעמען דעם זייגער פון דער וואַנט, אים אָפּגעשטויבט פון אַלט־יאָריקן שטויב און אַליין איז זי אַרויס אויפן הייפל, כדי אָפּצורייסן אַ פול קריגל מיט די ווילדע מאָן־בלומען. בעת מושקאַט האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, ווו ס׳איז געלעגן דאָס באַלקאָנדל מיטן טויטן מעבלוואַרג און מיט די פאַר־האַנגענע שפּין־פעדעם, האָט ער זיך געוווּנדערט וואָס די אַלע שוואַרצע, געדיכט־פאַרהעקלטע פעדעם, זענען מער דאָרט ניט געהאַנגען. די לופּט איבערן באַלקאָנדל האָט געפּאַליעט בלאָלעך און קרישטאָל־ריין. ער האָט געקענט זען דורך דער שויב ווי מינע שטייט צווישן די מאָן־בלומען אַן אויסגעשטרעקטע, אַ פאַרגליווערטע און אין עפּעס פאַרקוקט. זי האָט אויסגעזען פון דער ווייטנס ווי אַן אויפגעשטעלטער פייגל־שרעקער. ער האָט ניט געוואָלט, אַז מינע זאָל וויסן ווי ער קוקט צו איר דורכן פענצטער און גיך האָט ער זיך גענומען צום קוקאָווקע־זייגער. ער האָט אויפגעמאַכט די טירעלעך, אַרויסגענומען דעם גראָען, אויסגעצופּטן פויגל, אים אַוועק־געלייגט לעבן די אומצאָליקע רעדעלעך, קייטעלעך, שטיפטן און גענומען רייניקן מיט אייל אַלע פאַרבאַרגענע ווינקלען פונעם זייגערס פינצטערן, טויטן אינגעווייד.

ער האָט לחלוטין ניט געהערט ווי די טיר האָט זיך אינצווישן ווידער געעפנט און מינע איז אַריין. אַריבערגעבויגן איבערן טישל איז ער אַלץ געווען פאַרטאָן מיטן פוצן דעם זייגער־מעכאַניזם מיט אַ לענגלעכער איינ־געאיילטער פעדער. די קוקאָווקע, איבערגעקערט אויף אַ זייט, איז געלעגן מיט פאַרהאַקטע גרינע שנעבעלעך. ער האָט אָפּט אַריינגעהויכט זיין אָטעם אינעם זייגערס שוואַרצן אינגעווייד ווי ער וואָלט אויף אַזאַ אופן געוואָלט מיט זיין וואַרעמען הויך אויך ברענגען צו תחיית המתים דאָס איבערגע־שניטענע, טויטע קול פון דער קוקאָווקע. מיטן קריגעלע מאָן־בלומען אין דער האַנט איז הינטער אים שטיין געבליבן מינע. ער האָט אַפילו ניט

געהערט ווי זי האָט אויפן טיש פאַר אים אָוועקגעשטעלט דאָס קריגעלע און פּלוצעם אויף אים פאַרוואָרפן פון הינטערווילעכטס אירעביידע הענט.

— צבי... אמת, וועסט ניט אַוועקגיין? וועסט מיך ניט לאָזן אַליין?...

איך וויל ניט בלייבן דאָ אַליין, צבי... איך וויל ניט... איך וויל ניט...

איר קול האָט געציטערט און געווען טרערנדיק־פייכט. אַ פאַרחידושטער האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן פון טישל. זי איז אַלץ נאָך געהאָנגען מיט אירע הענט איבער אים און ער האָט געפילט איר וואַרעמען האַלדז איבער זיין געבויגענעם קאַרק, אָבער אירע אויגן האָט ער ניט געקאָנט זען. בעת מושקאַט האָט זיך אויפגעשטעלט און געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט זי מיט איר קאַלט, ציטערדיק מויל געקושט זיינע ליפּן.

— וועסט בלייבן דאָ, אמת?... זאָג מיר, אַז וועסט בלייבן, צבי... זאָג... זאָג... זאָג...

זי האָט די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגענומען אירע הענט פון זיין האַלדז. ער האָט ניט געוווּסט וואָס אַזוינס צו טאָן מיט זיינע בליקן. אויפן טיש איז געלעגן דער טויטער שוואַרצער אינגעווייד פונעם קוקאָווקע־זייגער. ער האָט בלויז געזען פאַר זיך איר האַלדז, וואָס איז געוואָרן אָנגעקוואָלן מיט אַן אויסטערלישער רויטקייט. די רויטקייט איז געווען אַ פּליסנדיקע, אַ געדיכטע און געהאַט די ענלעכקייט פון די אָפּגעריסענע ווילדע מאָן־קעפּלעך אינעם קריגל.

מיט אידעלער געצוימטקייט האָט מושקאַט זיך געפּרוּווט באַפרייען פון אירע פאַרוואָרפענע הענט אַרום זיין האַלדז. זיי זענען ביידע געשטאַנען לעבן זיך און פאַרשטומטע אַריינגעקוקט איינער אינעם צווייטנס אויגן.

נאָך אַ לאַנג, קוועלנדיק שווייגן האָט זיך מושקאַט אָפּגערופן:

— מ׳וועט מוזן פריער... אויסשניידן... דאָס גאַנצע ווילדגראָז... אויפן הייפל... דאָס גאַנצע ווילדגראָז... ס׳זעט דאָרט אויס ווי אַ בית־עולם...

זי האָט אַראָפּגעלאָזט פון אים די הענט און איר קול איז געוואָרן וואַרעם און ציטערדיק.

— טו וואָס דו ווילסט, צבי... נאָר גיי ניט אַוועק... כ׳וועל דיר העלפן אויסרייסן ס׳גאַנצע ווילדגראָז...

— און אויך די ווילדע מאָן־בלומען, וואָס דער ווינט האָט פאַרטראָגן... אַלץ...

— און אויך די מאָן־בלומען, צבֿי...

זייערעביידנס בליקן האָבן אַראָפּגעגלידערט צום פולן קריגעלע מיט די אַרויסשטייגנדיקע מאָן־בלומען. איינצלנע בלעטלעך, דינע, סאַמעטענע און דורכזיכטיקע ווי שפּינוועב, זענען דערווייל אַראָפּגעפאַלן און איינגעקורטשעטע געלעגן אויפן טיש.

— און מען וועט מוזן אַוועקגיין פון דאַנען, מינע... פאַרלאָזן דאָס אָרט... אויף תמיד... תמיד...

— אַוועקגיין ?... פאַרוואָס ?... און וואוהין ?...

— אַלץ איינס, מינע... נאָר ניט דאָ... זאָלן זיי קומען... אַוועקנעמען דעם באַרג... אויפשטעלן אַ ניי הויז... פאַר אַנדערע — און אפשר אויך פאַר אונדז...

— מיינסט, אַז מע דאַרף אָפּגעבן דעם באָדן ?

— מע דאַרף אַלץ אָפּגעבן, כדי אויפסניי צו באַלעבן די ערד... די טויטע ערד... מע דאַרף אַוועקנעמען דעם באַרג... אַלץ דאַרף מען אָפּגעבן...

זי האָט ווידער אויף אים פאַרוואָרפן ביידע הענט און כמעט געלעגן מיט איר דאַר, איינגעפאַלן מויל פאַרשלוכצט אויף זיין האַלדז.

— צבֿי... אונטן איז אַלץ אַזוי פרעמד... אַזוי פרעמד און קאַלט... ס׳איז דאָך ניט אונדזער וועלט... אונדזער וועלט — איז דאָ... און וואָס וועט זיין מיט איר ?...

— מיט וועמען ?

— מיט דער קוקאַווקע...

ער האָט אַ ציטער געטאָן און שיִער ניט אומגעפאַלן. אפשר האָט זי איצט אין זינען געהאַט לענאַן, וואָס האָט דאָ געלעבט און דאָ געשטאָרבן. פון צווישן דעם צעוואָרפענעם זייגער־איינגעווייד אויפן טיש האָט ער אויפגעהויבן דעם פאַרשטומטן, אויסגעצופּטן פויגל. מושקאַט האָט אים לאַנג געהאַלטן אין דער פויסט, ווי דאָס וואָלט געווען אַ טויב, וואָס דאַרף דורך זיין בלוט־וואַרעמקייט צוריק באַקומען לעבן.

— די קוקאַווקע ?... מירן זי מיטנעמען... אומעטום ווו מיר וועלן גיין וועלן מיר זי מיטנעמען... אומעטום...

— מיינסט, אַז זי וועט צוריקבאַקומען איר שיין קולכל ?...

אַנשטאָט ענטפערן האָט ער איצט גיך אַריינגעלייגט אינעם הילצער־נעם זייגער־הייזל די אַלע אויסגעפּוצטע שפּרינג־פעדערלעך, שרייפעלעך און רעדלעך. דערנאָך האָט ער אויך אַריינגעשטעלט די קוקאַווקע אויפן גרינעם ברעטל, ווו דער פויגל איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פיסלעך. ער האָט אויפגעהאָנגען דעם זייגער אויף דער וואַנט, אויפן זעלביקן אָרט וואָס פריער, און ביי זיין זייטן־ווענטל אים אָנגעדרייט מיט אַ דין, קליין שליסעלע.

אַ שטילער שאַרכנדיקער רעש, אַביסל ראַציק און זילבערדיק, האָט גענומען גיין פון הינטער די טירעלעך. דאָס געריש איז אָבער באַלד פאַרשטילט געוואָרן. דאָס האָבן אַזוי די איינגעאיילטע שפּרינג־פעדערלעך זיך געגרייט צו עפענען די זייגער־טירעלעך, ווו ס׳וועט זיך באַלד באַווייזן די קוקאַווקע. און באמת: ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט. די זייגער־טירעלעך האָבן זיך געעפנט און די קוקאַווקע, אין זויבערע פעדערלעך מיט לויכטנ־דיקע אויגן־אַרביטעס, איז געבליבן שטיין אין דרויסן. זי האָט זיך צוויי מאָל פאַרנויגט פאַר ביידן און אויסגערופן די צייט מיט אַ דינעם, קלאָרן קוקאַווקע־קול ווי פון אַ פאַרכשופטער, פאַרבאָרגענער פלייט.

ביידע, מושקאָט און מינע, זענען געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע קעפּ צום זייגער, בעת מינעס אויגן זענען געוואָרן איבערפול מיט טרערן. זי האָט אויפסנייי פאַרוואָרפן אירע הענט איבער מושקאָטס האַלדז. אַזוי שטייענדיק האָט זי געקושט זיין מויל און פאַרשטיקט געשטאַמלט אָן אויפהער :

— מיין אָרעמע קוקאַווקע... מיין אָרעמע קוקאַווקע... מיין אָרעמע קוקאַווקע...

1962

גאטס פייגל

נאָך האַלבער נאַכט האָבן אָנגעהויבן פון מערב צו בלאָזן שאַרפע ים־ווינטן. אויסגעקרומטע און פייכט־געזאַלצענע האָבן זיי ווי אויף ריזיקע פליגל געטראָגן די הויכע שטויב־וואָלקנס צווישן די ניט־פאַר־ענדיקטע ווויִן־הייזער. ער איז געווען, דער שטויב, אַ רויטלעכער, אַ קלעפּיקער און איז געקומען פון דיליידיקע זאַמד־שטחים אַרום ים־ברעג. אַ ווירבלדיקער און צעטאַנצטער האָט ער זיך אַריינגעריסן אין יעדער שפּאַלט, אין יעדער עפענונג, באַגלייט מיט אַ פחדימדיקן געיאָמער פונעם ווינט. ער איז אַריינגעדרונגען אין די בנינים, ווו עס האָבן נאָך געפעלט די פענצטער־פראַמוגעס און אויך די טירן און שוועלן. דער ווינט איז געגאַנגען פון מיטננאַכט אָן און אַפילו צומאָרגנס, בעת די זון, אַ זילבער־צעפלאַמטע ווי אַ דורכזיכטיקע קרוין, האָט זיך אויפ־געהויבן פון די בלאָלעכע בערג. די אַלטע אָרט־באַוווינער האָבן הכנעהדיק געזאָגט: דער ווינט איז אַ סימן פון אַ חמסין... אָבער פאַר די נייע מענטשן, געקומענע אַהער אינעם פלאַכלאַנד, האָט דער ווינט ניט אויפגעהערט צו יאָמערן מיט גיהנומדיקע קולות, וואָס האָבן אין זיך געטראָגן אַלע יידישע פחדים פון זייער פאַרלאָזטער, אַלטער ערד אין דער חרובער היים.

די פענצטער־לאָדנס פון מיין שטוב, וואָס איך האָב ערשט ניט לאַנג געהאַט באַמאָלן מיט אַ גרינער קאָליר, זענען אין דער פרי געווען רויטלעכע פון די פליענדיקע זאַמדן. דער ווינט האָט דורך זייערע שמאָלע עפענונגען אַוועקגעלייגט ביינאַכט אויפן דיל קליינע, פאַרביקע זאַמד־הויפנס. איך האָב לאַנג געמוזט אין באַגינען רייניקן דעם דיל, דאָס בעט און אויך דעם שטויס ספרים, וואָרעם אַלץ איז איבער נאַכט

פונעם זאַמד־שטורעם געוואָרן איבערגעצויגן ווי מיט אַ דין ליילעך פון שאַרלאַך־קאָליר.

ערשט צו מיטיק־שעה האָט זיך דער ווינט איינגעשטילט. אַ פליסנדיקע, פרעמד־געבוירענע שטילקייט איז געגאַנגען פונעם ריזיקן, אומגעצוימטן פלאַכלאַנד: די זאַמד־הויפנס, געטריבענע פונעם נאַכט־ווינט, זענען איצט געלעגן פאַרגלעטע, ווייסע און שטילע. אַזוי זעט אויס דער געפּאָלענער שניי, וואָס בערגלט זיך נעבן די ווענט בעת אַ זאַוויע־רוכע אין דער אַלטער היים. דער הימל איז געווען גראָ־זילבערדיק. ער האָט געלויכטן פאַרשעמט, וואָרעם די זון האָט זיך אויסבאַהאַלטן הינטער די גראָע באַרג־וואָלקנס מיט איר ליכט. בלויז איר בלייכקייט, געמישט מיט אַ ציטרין־קאָליר, האָט אַרומגעהילט דעם איינגעשטילטן חלל אינעם פלאַכלאַנד.

נאָך איידער איך האָב געעפנט די לאָדנס האָב איך שוין געוווּסט: ער וועט ווידער ליגן אויף זיין נידריקן אויסלייג־שטול — דער קראַנקער שכן פון קייגנאיבער. ער האָט מסתם אָפּגעוואַרט ביז דער שטורעם וועט זיך איינגאַנצן לייגן. אַזוי זע איך אים שוין וואָכן — זינט ער איז געקומען פון שפּיטאָל נאָך אַ בייזוויליקער בלוט־קראַנקייט. איינגעבויגן ביים פאַרשלאָסענעם פענצטער האָב איך דורך די קליינע תריסים־שפּאַרעס שוין דערזען זיין אַלטן, טרוקענעם גוף, פאַרוויקלט אינעם שיינעם, ברוינעם פּלעד. נעבן אים, אויף אַ קליין פוסבענקעלע, וועט זיך אַוודאי באַלד אַוועקזעצן זיין ווייב — אַ קליינע, אַ רונדיקע, תמיד אָנגעטאָן אין ווייסן און אים אַרויסלייענען אויפן קול פון דער ציימונג. אפשר זאָל איך איצט ניט עפענען דאָס פענצטער, כדי אויסצומיידן זיין בליק... זיינע רייד... וואָרעם ווידער וועט זיך אַלץ אָנהויבן פונסניי... ווי תמיד... ווי תמיד...

איך האָב אָבער אַליין ניט געוווּסט ווי אַזוי מיינע הענט האָבן פּלוצעם אויפגעפּראַלט ביידע פליגל פון די לאָדנס. פונעם קלאַפּ אין דער וואַנט האָט ער אונטן, אַ ליגנדיקער אויפן אויסלייג־שטול, זיך אַ קער־געטאָן צו מיין פענצטער. ער איז געלעגן אַליין. איצט האָט ער אָפּגעדעקט זיינע ביידע הענט, וואָס זענען ביי אים אויך געווען פאַר־

וויקלט אינעם פלעד און אויסשטרעקנדיק צו מיר זיין אַלטע, געלע האַנט, מיר צוגערופן פון דער נידער: שלום!... גוטמאָרגן, שכן...

— שלום, שלום!... — האָב איך צו אים אַראָפּגערופן פון מיין ערשטן גאָרן — ווי פילט איר זיך היינט, אדון גרין?

— אַ דאַנק... איר האָט געהערט דעם ווינט ביינאַכט?... דאָס איז געווען אַן אמתער טייפון...

— אַ טייפון? נו, נו... געווען טאַקע אַ ווינט, אַ שטאַרקער ווינט, אָבער קיין טייפון איז אין ישראל ניט פאַראַן, אדון גרין...

— וואָס איז דער אונטערשיד? — ער האָט זיך פאַרכליניעט און אונטערגעהאַלטן מיט זיין אויסגעשטרעקטער האַנט זיין האַלדז — עס איז געווען אַן אמתער טייפון... אַ מוראַדיקע וויוגע, וואָס ברענגט טויט און אומגליק... טויט און חורבן...

— וואָס פאַלט אייך איין, אדון גרין — האָב איך זיך אַריבערגעבויגן דורכן פענצטער־פּאַראַפּעט — דאָס איז געווען אַ ישראל־ווינט, וואָס קומט תמיד פאַר אַ חמסין... נאָך אים — קומט אַ ברכהדיקער רעגן... דערנאָך וועט אַלץ אויפגיין אין גרינס... אין בליעכץ... עס וועט זיין אַ גערעטעניש... און עס וועט זיין גרין... און שטיל...

— יאָ... — האָט ער מיר איבערגעריסן און זיך אויפגעזעצט — אָבער זעט נאָר וויפל חורבן דער טייפון האָט דאָ פאַרזייט... פאַר זיי...

— פאַר וועמען?

— פאַר זיי, פאַר די פייגל...

ער איז איינגאַנצן שוין געזעסן אויפן ליג־שטול אַן אָפּגעדעקטער פונעם פלעד. פּלוצעם האָט ער זיך שטאַרק פאַרהוסט און זיין האַנט אויסגעשטרעקט צו דער ערד אַרום זיך:

— איר זעט נישט?... דאָס אַלץ איז פונעם טייפון... פונעם ווינט... איך האָב איבערגעציילט: זעקס... זעקס קליינע... אַלע — טויט...

ערשט איצט האָבן מיינע אויגן געזוכט די ערטער, וווהין זיין אַלטע, ביינערדיקע האַנט האָט זיך געשטרעקט. מתחילת איז מיר געווען שווער עפּעס צו זען, נאָר זוכנדיק צווישן דער אויפגעבערגלטער ערד, האָב איך זיי תיכף דערזען: דאָס זענען געווען גאָר יינגעטשקע, נאָר־וואָס

אויסגעבריטע וורובליעס, וואָס דערווינט האָט ביינאַכט אַרויסגעשליידערט פון די נעסטן. זייערע געסטן האָבן געמוזט דאָ זיין גאָר נאָענט. זיי זענען אַלע געלעגן, די וורובליעס, אינעם רויטלעכן זאַמד מיט פאַרקרומטע, קליינע פליגל און פאַרוואָרפענע דין־בלאָלעכע שנעבעלעך. עטלעכע פון זיי זענען אינגאַנצן געלעגן פאַרשיט מיט דער רויטער ערד. בלויז זייערע אָפּשטייענדיקע גראָע פעדערלעך האָבן אַרויסגעשטאַרט ווי אַ סימן, אַז דאָ, אונטערן זאַמד, איז אויסגעגאַנגען דאָס לעבן פון אַ יונג און שוואַך פויגל־עופהלע.

— די אָרעמע פייגל!... גאָטס אָרעמע פייגל!... האָט ער מיט זיין האַנט נישט אויפגעהערט צו פירן איבער דער ערד אַרום זיך — און איר זאָגט... — האָט ער אַ טרויעריקער אויפגעהויבן איצט די אויגן צו מיר — אַז דערנאָך וועט אַלץ אויפגיין אין גרינס?... אין בליעכץ?... עס וועט זיין אַ גערעטעניש!... און עס וועט זיין גרין און שטיל... גרין און שטיל...

איך האָב דערפילט דעם קאַלטן רמז אין זיינע רייד ווי דעם פלאַטער פון אַ שוואַרצן שמעטערלינג. מיין גאָט! מיט וואָס האָב איך געקענט איצט טרייסטן דעם דאָזיקן אָרעמען מענטשן? אַליין האָב איך זיך אויך שטאַרק געחידושט: ווי אַזוי קומען דאָ אַהער אַזויפיל געפאַלענע פייגל? איך האָב קיינמאָל נישט געזען קעגנאיבער, אין נאָך־ליידיקן בנין, זייערס אַ נעסט. צי האָט דער ים־ווינט זיי פאַרטראָגן אַהער פון אַ ווייטערן מרחק, בעת זיי זענען געווען אונטערוועגס, אין זייער ערשטן, יונגן פלי אין לעבן?

ער האָט דערקענט אין מיינע אויגן דעם חידוש.

— דאָס אַלץ איז פון דעם־אַ אָפענעם בנין... פון קייגנאיבער... פון אונטער די סטעליעס... איר ווייסט נישט, אַז איידער עס קומען מענטשן צו באַוווינען די הייזער — קומען דאָ פריער זיי, די פייגל, גאָטס פייגל?... אויף די באַלקאָנדלעך... הינטער די פענצטער... אַפילו אויף די דילן... אומעטום זענען זיי...

אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַ סקריפּ פון אַ טיר. פונעם הויז־ווינקל איז אַרויסגעגאַנגען אַ קליינע, פאַרבויגענע געשטאַלט אין ווייסן. זי האָט געטראָגן אין האַנט אַ קליין בעזעמל און אַ בלעך, וואָס מען נוצט אויפצוזאַמלען דעם שטוב־מיסט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער ערד און דערנאָך, אַז איינגעבויקטע אונטער מיין פענצטער, צוגעטראָגן די

גראָע בלעך צו דער ערד. פינף מאָל האָט זיך אַזוי פאַרבויגן איר גע־שטאַלט און דערנאָך מיט דריבנע טריטלעך זיך געלאָזט צום בלאָ־באַמאָלטן, רונדיקן מיסט־פעסל.

— וויפל האָסטו זיי אויפגעקליבן, ליזעטשקע? — האָט ער איר צוגערופן פונעם שטול אַרויס.

— פינעף... פינעף קליינע...

— און דאָרט איז דאָס זעקסטע!... האָב רחמנות, ליזעטשקע...

די פרוי אין ווייסן האָט לכתחילה דאָס זעקסטע נישט דערזען, וואָרעם עס איז געלעגן גאָר נאָענט פון דער וואַנט. זי האָט זיך איינגעבויגן און אַ געשריי געטאָן. דאָס פאַרגראָבענע לעבן האָט נאָך געציטערט מיט זיינע פליגל. זי האָט אים באַפרייט פונעם זאַמד, גענומען צווישןביידע האַנט־פלאַכן, אַריינבלאָזנדיק איר וואַרעמען אָטעם אין זיין פאַרקלעמט בלאָ שנעבעלע.

— עס וועט לעבן!... עס וועט לעבן! — האָט זי נישט אויפגעהערט צו רופן מיט פרייד און געהויכט צווישן אירע ביידע פאַרשלאָסענע האַנט־פלאַכן.

מיין קראַנקער שכן האָט זיך אינגאַנצן אויפגעזעצט אויפן אויסלייג־שטול. ער האָט איצט שוין מער נישט אַראָפגענומען פון מיר זיין צעצונדן פנים, וואָס איז געווען צעשטראַלט פון אַ סך ליכט. אין זיין גראָען, אַלטן בליק איז געלעגן אַ שטומע מענטשלעכע תפילה, וואָס בעט גנאָד און רחמים ביים פאַרשלאָסענעם, וויטן הימל.

— עס וועט לעבן, זאָגסטו, ליזעטשקע? עס וועט לעבן?...

— עס וועט לעבן!... עס וועט לעבן!... וועסט זען — עס וועט נאָך פליען! פליען הויך איבער אונדזער הויז... און זינגען! — האָט זי אַן אויפהער געבלאָזן אין אירע האַנטפלאַכן מיטן נאַרוואַס אויסגעגראָבענעם און פאַרשלאָסענעם לעבן. נישט אויפהויבנדיק אירע אויגן פון דער ערד — איז זי אַ גיכע אַריינגעלאָפן אין שטוב.

*

עס איז געווען צוויי וואָכן שפּעטער. דער ערשטער העפּטיקער ווינ־טער־רעגן איז אַראָפּגעפּאַלן אינמיטן נאַכט. פּאַרטאָגס זענען צווישן די שמאָלע שפּאַרעס פון מײַנע פענצטער־לאָדנס נאָך געהאַנגען די פאַר־איינצלטע רעגנטראָפּנס. זיי זענען געווען פולע, קיילעכדיקע און געציטערט מיט אַ גלאַנץ פון זילבער אידער זיי זענען אַראָפּגעפאַלן. צוזאַמען מיטן זילבער האָט זיך אין זיי זאַנפט געשפּיגלט די גרינע תריסים־קאָליר מיט גרינע קליינע פונקן. אַראָפּפּאַלנדיק האָבן די רעגנטראָפּנס געהאַט אַ שמייכלענדיקע, מילדע גרינקייט ווי פון פּאַלנדיקע גרין־לויכטנדיקע קרעלן.

איך האָב די גאַנצע צייט נישט פאַרלאָזט מיין חדר. אַ שווערע נירן־קראַנקייט האָט צו יענער צייט מיך געהאַט צוגעשמידט צום בעטל. גראָד ווען עס האָט אויפגעהערט צו פלייצן דער ערשטער נאַכט־רעגן — האָב איך זיך איבערגעוועקט פון שלאָף. אַרום מיר איז געווען שטאָק־פינצטער. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך הער פון גאָר נאָענט אַ געוויין. טאָקע דאָס געוויין האָט מיך אויפגעוועקט. איך האָב זיך פאַרכטיק איינגעהאָרכט. די נאַכט־שטילקייט איז געפלאָסן קרישטאָליק־קלאָר און געררושט ווי אַן אָן־סופיקער שוואַרצער טייך אין חלום. איך האָב זיך נישט דערשראָקן פאַרן געוויין. זינט איך בין אַהערגעקומען אינעם פלאַכלאַנד בין איך שוין געוווינט געווען יעדע נאַכט צו הערן אַזאַ וויינען פון די ליידיקע פעלדער. דאָס האָבן דאָך נישט געוויינט קיין מענטשן, נאָר בלויז זיי — די נאַכט־שאַקאַלן, וואָס איך האָב זיי קיינמאָל נישט געזען. אַפילו דעמאָלט ווען זייער געוויין איז שוין לאַנג געווען פאַרשטילט — האָט נאָך לאַנג געפלייצט אין דער פינצטערניש דאָס אימהדיקע נאַכט־געיאָמער איבערן אָן־סופיקן שוואַרצן טייך אין חלום.

אָבער דאָסמאָל איז דאָס געוויין געקומען פון גאָר נאָענט, ווי פון הינטערן פענצטער. עס האָט דערווייל שוין פּאַוואָליע גענומען שפּראָצן אויף טאָג. אויף די ווענט איז געהאַנגען דער גוטער, מילדער שימער פון זונאויפגאַנג: זיינע דינע פליגל פון זילבער, געמישט מיט דער גרינקייט

פון די לאָדנס, האָבן גענומען פאַרווישן די נאַכט־פלעקן. איך בין אַראָפּ פון בעטל און אַרויסגעקוקט דורך די שפּאַרעס — ווי עס איז תמיד געווען מיין טבע. דאָס איז דאָך תמיד די טבע פון קראַנקע און שלאָפלאָזע.

אַנטקעגנאיבער, אינעם פענצטער פון מיין קראַנקן שכן, האָבן גע־ברענט אַ סך ליכט. די טיר האָט זיך דאָרט פיל מאָל געעפנט און באַלד פאַרמאַכט; מענטשן־שאָטנס, טונקעלע און אייליקע, זענען געלאָפן איבער דער שוועל. זיי זענען גיך אַרויס און פאַרשווינדן אין דער פאַלנדיקער טאָג־גראָקייט, וואָס האָט נאָך געגרינט מיט נאַכט. דאָס געוויין איז איצט געוואָרן שוואַכער, ביז עס האָט זיך אינגאַנצן איינגעשטילט. די זון איז אויפגעגאַנגען. מיטאַמאָל איז געוואָרן ראַזיק־ליכטיק. דער ערשטער נאַכט־רעגן האָט נאָך געפינקלט מיט קליינע דימענטענע סאַזשעלקעס אויף דער ערד. אַראָפּגיין פון די שטיגן האָב איך נאָך נישט געקענט. בין איך דעריבער שטיין געבליבן הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס אינעם טונקעלן צימער. אינדרויסן איז שוין דער הימל־חלל אינגאַנצן געוואָרן פאַרגאָסן מיט ליכט און ער איז געהאָנגען איבערן פלאַכלאַנד ווי אַ פּולער, איבער־געקוואַלטער בעכער.

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געשטאַנען. אפשר אַ שעה, אפשר צוויי. און אפשר גאָר לאַנגע, לאַנגע שעהן אין טאָג אַריין. אַ, גאָט! ווי גרויס איז די וועלט דורך אַ קליינער, שמאָלער לאָדן־שפּאַרע. דאָס קעגנאיבערדיקע הויז איז נאָך געשטאַנען ליידיק און אומבאַוווינט, בלויז מיין קראַנקער שכן האָט פאַרנומען דעם רעכטן פאַרטער־ווינקל. הינטער זיין פענצטער האָבן זיך איצט געזאַמלט קופּקעלעך מענטשן. אומגעדול־דיקע און אומרויקע האָבן זיי אַלע געקוקט צום שאָסיי. שטייענדיק אַזוי מיט פאַרבויגענע קעפּ האָבן זיי אַלע עפּעס אָפּגעוואַרט וואָס דאַרף אָנ־קומען פונעם נאָענטן וועג. פּלוצעם האָבן זיי זיך אָפּגערוקט און אויס־געשטרעקט די הענט צום פעלד צו. דורך דער שפּאַרע פון מיין פענצטער־לאָדן האָב איך אים געזען אַרויספאָרן פון הינטערן באַרג, וואָס פאַרדעקט דעם פעלד־וועג. דאָס איז געווען טאַקע ער — דער שוואַרצער טויטן־וואָגן. אַ פאַרמאַכטער און לענגלעכער, מיט אַ גרויסן זילבערנעם מגן־דוד אויף דער וואַנט, האָט ער שוואַרץ געבלאַנקט אינעם נצחונדיקן מאָרגן־ליכט. ער איז געבליבן שטיין ביי דער אָפענער טיר פון מיין שכן.

*

פולע רעגנצייט פונעם ערשטן ווינטער האָט שוין געקיניגט אויף דער דאָזיקער פּרעמדער, רויטלעכער ערד פונעם פלאַכלאַנד. שאַרפע ווינטן זענען אָן אויפהער געגאַנגען פון מערב מיט צעשפּאָלטענעם געוואָי פון וועלף־סטאַדעס, וואָס טשאַטעווען הינטער די פענצטער. אויסטערליש־דינע ביימלעך, אַנגעלענטע אויף ווייסע שטעקנס און פאַרפלאַנצטע נעבן די נייע הייזער, האָבן זיך געבראָכענע געבויגן צו דער ערד. די קליינע רעגן־סאַזשעלקעס, פאַרבליבענע נאָך די פליצרעגנס אין די נעכט, האָבן לאַנג געבלענדט בייטאָג צווישן די נאָך־ליידיקע בנינים. זייער קאָליר איז געווען אַ פּערלמוטערנע און הימלדיקע. נידריקע טאָל־וואָלקנס, גיכע און דורכזיכטיקע, זענען געלעגן געפאַנגען אין די סאַזשעלקעס, ווי שוואַרצע הימל־שיפן מיט פאַרזיגלטע, סודותדיקע גורלות.

נאָך לאַנגע רעגן־שעהן האָט פּלוצעם אויפגעשיינט די זון. זי איז מער נישט אַראָפּ פון די הימל־געוועלבן. די צעגאָסענע סאַזשאַלקעס זענען גאַר גיך פאַרזינקען אין דער ערד. צוזאַמען מיט זיי זענען אויך פאַרשווינדן די געפאַנגענע שוואַרצע הימל־שיפן. גאַר גיך האָב איך דורך די שפּאַרעס געהערט דאָס געשריי פון קינדער און פון עופות. איך האָב געוווסט, אַז באַלד וועט אויך זי אַרויסגיין פון איר שטוב — די קליינע, קיילעכדיקע פּרוי פון מיין שכן.

פון הינטער די פענצטער־לאָדנס, דורך די שפּאַרעס, האָב איך זי טאָקע געזען גיין מיט קליינע צעשניטענע טריט. זי האָט זיך געשאַרט אַרום די ווענט פון נייעם בנין, דאָרט ווו ס׳האָבן נאָך נישט געוווינט קיין מענטשן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי די ליידיקע טיר־ און פענצטער־נישעס, ווו עס זענען נאָך נישט געווען נישט קיין פראַמוגעס און נישט קיין טירן. אַזוי גייענדיק האָט זי אויפגעהויבן איר קאָפּ צו מיין פאַר־שלאָסן פענצטער. זי האָט מיך זיכער נישט געזען, וואָרעם איך האָב דע־מאָלט, נאָך אַ קראַנקער, געזען די וועלט בלויז פון הינטער מיין גרינעם, פאַרשלאָסענעם לאָדן.

זי איז לאַנג קעגנאיבער געשטאַנען אויף אַ ליידיקער שטוב־שוועל

און אַרויפגעקוקט צו מיין פענצטער. צי זעט זי מיך שטיין הינטער די שפאַרעס? זי נעמט נישט אַראָפּ פון דאַנען אירע פאַרווירטע בליקן. זי איז מער נישט אָנגעטאָן אין ווייסן. אַ געפאַלדעוועט, שוואַרץ קלייד, פון אַלטע יידישע טרויער־קליידער, הענגט אויף איר קליינעם, פאַרבויגענעם גוף. איר פּנים איז ווייס און פאַרשוואָלן מיט שטילקייט און ווייטיק. צי זעט זי מיך טאַקע הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס, אַזוי ווי איך זע זי קעגנ־איבער?

איך האָב נישט געקאָנט לאַנג אויסהאַלטן דעם שטומען, זוכנדיקן בליק פון דער פאַרבויגענער שוואַרצער געשטאַלט. מסתּם זוכט זי מיך, כּדי עפּעס איבערצוגעבן. איך האָב אויפגעמאַכט אַן איינצלנעם לאָדן־פליגל און זיך אַרויסגעבויגן איבערן פענצטער־ברעט.

אַ דינער, פאַרוויאַנעטער שמייכל האָט צו מיר איצט אַרויפגעפלאַ־טערט פון צווישן די טרויער־פאַלדן פון איר פּנים ווי אַ פאַרוועלקט אָפּגעריסן בוים־בלעטל.

— הערט אַ מעשׂה!... קיינער איז נישט געבליבן!... קיין אײן נפש!... אַלע זענען זיי אומגעקומען... אַלע... אַלע...

— ווער?

— קיין איין נעסט איז נישטאָ... קיין איין פויגל... ערשט נעכטן זענען זיי נאָך געווען... ערשט נעכטן...

איך האָב צו איר אַראָפּגערופן פון דער הויך:

— ס'איז אַ גוטער סימן, מסתּם וועלן באַלד קומען מענטשן באַ־וווינען דאָס אָרט... נייע מענטשן...

— יאָ, יאָ... — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — איידער עס קומען דאָ מענטשן — וווינען אין די ליידיקע בנינים — די פייגל... אַזוי האָט ער אויך געזאָגט... צי האָט איר דאָס געהערט פון אים?...

זי האָט זיך פּלוצעם אָפּגעקערט און גענומען גיין מיט פאַרשעמטע, אַלמנהשע טריט צו איר אָפענער טיר. איבער אירע פיס איז געהאַנגען דאָס לאַנגע שוואַרצע קלייד, וואָס האָט געשאַרכט אין דער שטילקייט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט צום פעלד־צו און געוואַרט. צי וועלן איצטיקן טאַקע אָנקומען נייע מענטשן? כ'האָב אויפסניי פאַרשלאָסן מיינע

לאָדנס און געקוקט דורך די שפּאַרעס. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך זע אים ווידער אונטן — דעם שכן אויפן אויסלייג־שטול. זיין האַנט, אַ געלע און ביינערדיקע, פּאָכעט צו מיר אַרויף הינטערן פאַרמאַכטן לאָדן:

— איר ווייסט נישט, אַז אײדער עס קומען דאָ מענטשן — באַוווינען די הייזער די פייגל? גאָטס אָרעמע פייגל... דערנאָך וועט אויפגיין גרינס... און בליעכץ... עס וועט זיין שטיל און גרין... שטיל און גרין... פאַר אַלע מענטשן... און פאַר גאָטס אָרעמע פייגל...

1957

טרויבן אין די בערג

דאָס ערשטע מאָל, בעת זי איז אַריבער די שוועל, איז דעמאָלט געווען די בלאָעסטע טונקל־שעה אויפן באַרג. פאַראַן אַזעלכע בלאָלעכע רגעס אין די בערג, וואָס זענען לויטער שטילקייט. דו הערסט דאָס זינגענדיקע האַרץ־קלאַפּן פון הימל און פון ערד, פון וואַלקן און פעלדזן. כ׳בין געזעסן אויפן קליינעם, שמאָלן באַלקאָנדל צו דער ים־זייט. פון אונטן, פונעם כרמל־שפּוע, האָבן געקלעטערט אַרויפצו די דינע דורכזיכטיקע ים־נעפּלען. זיי האָבן אויסגעזען ווי שיטערע אָוונט־וואָלקנס, וואָס גייען נישט צום הימל און ווילן זיך נישט שיידן מיט דער ערד. דער ים־ברעג איז געלעגן אַ פאַרהוילענער אין דער אָנקומענדיקער דעמערונג, בעת דער האָריזאָנט איז געווען אַליוור־קאָלירשט, פאַרדעקט ווי מיט זעגלען פון אונטערגעגאַנגענע שיפן.

די טיר פון מיין צימערל האָט געמוזט זיין אויפגעלענט, בעת זי איז אַריין. ווער האָט עס געקענט פלוצעם קומען צו מיר אין דער איינזאַמקייט אויפן באַרג? כ׳האָב ליב די איינזאַמקייט און די שטילקייט פונעם אָוונטיקן כרמל־באַרג, דעם אייביק־פליסטערנדיקן ים, פון וואַנען ס׳ווילן באַלד אַרויספינקלען אַזויפיל דערטרונקענע שטערן.

זי איז צוגעקומען צו מיר זייער נאָענט מיט ווייכע וויגנדיקע טריט. איך האָב דערזען אין דער דעמערונג, אַז זי איז נאָך גאָר, גאָר יונג. זי האָט געהאַט גרויסע צוגעלענטע אויגן, מיט אַ גרינלעכן, וואַרעמען גלאַנץ אונטער די דעקלעך. דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן שטאַרק אויסגעשטרעקט פאַר זיך בעתן גיין. אירע האָר זענען געווען שאַרף־ברוינלעכע, מיט אַ גלאַנץ פון גערייניקט גאָלד.

זי איז געבליבן שטיין לעבן מיר אויף אַזאַ מרחק, אַז כ׳האָב אַפילו

דערזען אין אירע אויגן אַ זעלטענעם בליאַסק. דאָס איז אַזאַ ליכט, וואָס קומט פלוצעם און פאַרבינדט שוין אין דער ערשטער רגע מיט אַ געפיל פון ליבשאַפט אויף דער ערד.

— ליבשאַפט... ליבשאַפט... אין דער איינזאַמקייט אויפן באַרג...

איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנט, געוואָלט איר אַ גלעט־טאָן, כאָטש איך ווייס, אַז די מינדסטע מענטשלעכע באַוועגונג קאָן טיילמאָל אָפּטויטן די ליבשאַפט. איך האָב עס טאַקע נישט געטאָן. איך האָב נאָר געטראַכט: ווי אַזוי קומט זי דאָ פלוצעם אַהער? צי האָט זי אויך אַהערגעטריבן די לאַנגע איינזאַמקייט צווישן מענטשן — און איצט זוכט זי, גראָד ווי איך, טרייסט און רו אין די בערג? איך האָב זי אָבער די עטלעכע טעג, זינט כ'בין דאָ, קיין איינציק מאָל נישט געזען, נישט צווישן די געסט אינעם עס־זאַל, נישט אינעם וועלדל, נישט אויפן שפּאַציר צווישן די פעלדזן, וואָס פירן־אַראָפּ צום ים... ווי אַזוי קומט זי דאָ אַהער?

זי האָט משמעות אויפגענומען אין זיך מיינע מחשבות. אָן אויפהער האָט זי געבליקט אויף מיין פּנים. מיט אַ ווייכער באַוועגונג פון איר ביי־געוודיקן גוף האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט קייגנאיבער מיר אויף אַ שטול. די גאַנצע צייט האָט זי פון מיר נישט אַראָפּגענומען אירע גרינלעכע אויגן און געשוויגן.

אויך איך האָב געשוויגן און געקוקט אָן אויפהער אויף מיין פלוצעמ־דיקן, אומדערוואַרטנדיקן גאַסט.

לאַנג זענען מיר ביידע געזעסן אין דער טונקל. דער ים האָט גערעדט הינטערן באַרג מיט זיין הייסן נאַכט־געפּליסטער. די באַרג־קוסטעס האָבן זיך גרינלעך געפּלעקט אינעם ליכט פון די צפון־שטערן און פון אַ שאַרפער האַלב־לבנה. ס'איז געווען די שטילסטע טונקל־שעה אויפן באַרג.

און פלוצעם: זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ ביסל אַ פאַרשעמטן בליק צוגעוואָרפן פון דער זייט — און זיך געלאָזט צו דער טיר.

און גראָד ווי זי איז סודותדיק אַריין — איז זי אויך סודותדיק פאַר־שווינדן דורכן טונקעלן קאָרידאָר.

*

אַ גאַנצע נאַכט בין איך געווען אומרויק. דער שלאָף איז געווען איבער־פּולט מיט שווימענדיקע גרינע אויגן־פּייערן. איך האָב זיך קוים דערוואַרט אויף טאָג.

ווי נאָר ס'האָט געגראָט — בין איך אַרויס פון בעטל, זיך צוגעהערט צו דער קאָרידאָר־שטילקייט און אויפגעלענט אַ ביסל די טיר. אויב זי וועט ווידער קומען — זאָל זי קענען אומגעשטערט אַריין... אפשר וועט זי היינט ווידער קומען און טאָקע באַלד פאַרטאָג... זי מוז אַוודאי זיין גאָר נאָענט... ס'קען דאָך נישט זיין, אַז דער נעכטיקער באַזוך איז געווען סתם אַזוי. זי איז אַוודאי גראָד ווי איך איינזאַם אין די בערג. זי זוכט אַוודאי נאָענטקייט און מענטשלעכע ליבשאַפט. יעדער אַנטלויפט דאָך צו דער איינזאַמקייט, כדי צו האָבן דאָס, וואָס ער באַקומט נישט אין ריעשיקן לעבן.

די זון שטייט שוין ווידער אויפן באַרג. דער שאָטן פון די שטיינער איז נאָך אַ קרומלעכער און זאַפטיקער. איך זיץ ווידער אויפן באַלקאָנדל און קוק צום ים אַראָפּ. אונטן איז דאָס פעלד פאַרוואָרפן מיט צעשפּאָלטענע גראָע פעלדז־שטיינער. טייל זענען באַוואַקסן מיטן זילבערדיקן באַרג־גראָז, טייל ווידער זענען אינגאַנצן גלאַטע מיט אַ קאָליר פון ביין, אָדער אַלטן, איינגעטרוקנטן שניי. די זון הויבט זיך העכער אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט און יאָגט־אַרויס די שאָטנס פון די פעלדז־באַהעלטענישן.

און פּלוצעם —

אונטן אויף אַ שטיין, זע איך פּויזן אַ גרויסע, שלאַנקע יאַשטשערקע. זי הויבט איר קעפּל אַרויף גלייך צו מיין באַלקאָנדל. אַט שטעלט זי זיך אויף, קוקט צו דער זון־זייט און מחמת דעם איז זי אינגאַנצן זילבערדיק. זי איז שלאַנק און איטלעך מאָל, בעת זי הויבט־אויף איר קעפּל, שאָקלענ־דיק אַזוי עטלעכע מאָל — האַלט זי זיך אונטער מיט די פאָדערשטע פיס־לעך. איצט קוקט זי גלייך צו מיר אַ פאַרגליווערטע, אויג אויף אויג. באַלד מאַכט זי עטלעכע קאָפּ־באַוועגונגען גלייך צו מיר: אַרויף! אַראָפּ! אַרויף! אַראָפּ!... דאָס זאָגט זי מיר אַוודאי דעם ערשטן „גוט מאָרגן"...

— גוט מאָרגן!... גוט מאָרגן!... — פּליסטער איך אַראָפּ פונעם באַל־קאַנדל צו דער יאַשטשערקע אויפן שטיין.

אין דער זעלביקער רגע הער איך ווידער ווי ס׳עפּנט זיך הינטער מיר די אויפגעלענטע טיר. איידער איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ — איז זי שוין ווידער געווען לעבן מיר. אויפסניי האָט זי זיך גיך אַוועקגעזעצט אויפן שטול מיט אַ ביסל אַן איינגעבויגענעם רוקן. דאָסמאָל זעט זי אויס ווי זי וואָלט מיך לגמרי נישט געזען. זי קוקט ווי איך אַראָפּ אונטן צום שטיין, פון וואַנען ס׳באַגריסט מיך אַן אויפהער די זילבערנע, שלאַנקע יאַשטשערקע.

איך האָב שוין געוווּסט פון נעכטן, אַז דאָס וועט ווידער זיין אַ שטומער און שווייגנדיקער באַזוך. איך בין אַפילו געווען צופרידן דערפון. צי איז נישט די שטומע באַגעגעניש פון צוויי איינזאַמע לעבנס אין די בערג שוין אַליין אַ גליקזעליקייט, וואָס ברענגט פרידן? איך האָב אָבער נישט געקענט זיך בייקומען און אויפסניי צו איר אויסגעשטרעקט מיין האַנט, כדי איר אַ לייכטן גלעט צו טאָן. איך האָב דערמיט געוואָלט זאָגן: גוט, מיין שווייגנ־דיקע, וואָס האָסט מיך אַפּגעזוכט אין די בערג... גוט, מיין איינזאַמע, וואָס דו האָסט מיך געפונען...

זי האָט לייכט אויפגעציטערט אונטער מיינע פינגער און מיך אָנגע־קוקט מיט חשד. אירע אויגן האָבן באַלד באַקומען אַ טרויעריקן און פייכט־לעכן גלאַנץ. דערנאָך זענען זיי געוואָרן וואַרעמער און גליאיקער מיט אַ סך גרינע פונקען. אַזעלכע פונקען וואַכן נאָר אויף אין די אויגן בעת דער געבורט פון ליבשאַפט.

לעבן מיר, ביי דער זייט, איז געשטאַנען אַ טעלער מיט גרויסע טרויבן. זיי זענען געווען גרינלעך־גאָלדיקע. אַ בלאַלעכער טוי האָט אַרומגעוויקלט זייער רונדיק טרויבן־פליש ווי מיט דורכזיכטיקע העמדלעך. איך האָב גענומען אַ טרויב און זי לאַנג געהאַלטן צווישן די פינגער. פּלוצעם איז די טרויב אַרויסגעפאַלן פון מיין האַנט און זיך אַראָפּגעקייקלט פון באַל־קאַנדל גלייך צום שטיין, וווּ ס׳איז נאָך אַלץ געזעסן די יאַשטשערקע. דאָס פלאַכע, זילבערנע באַשעפעניש האָט מיט אַ גיכן שפּרונג געכאַפּט די טרויב אין איר אָפן, שמאָל מויל. איך ווייס נישט צי האָט זי עס פאַרציקט, אָדער

סתם זיך געשפּילט. זי האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו באַוועגן מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ. דאָס האָט זי אוודאי אַזוי אויסגעדריקט איר דאַנקבאַרקייט. איך האָב געגומען אַראָפּוואַרפן נאָך אַ טרויב, דערנאָך נאָך אַ טרויב...

ווי נאָר מיין שוויגנדיקער גאַסט האָט דערזען די פאַלנדיקע טרויב אין דער יאַשטשערקעס מויל, — האָט זי בליציק פאַרלאָזט מיין שטוב. איך האָב זי באַלד דערזען אונטן לעבן דעם גרויסן שטיין, ווו ס'איז פריער געשטאַנען די יאַשטשערקע. אָבער די יאַשטשערקע איז שוין נישט געווען. זי האָט געמוזט פאַרשטיין די גרויסע סכנה. אָבער, ניין, איך זע, אַז זי איז נאָך דאָרט. זי האָט זיך נאָר טיפער אַריינגעפּרעסט אין אַ שטיין־שפּאַלט און זעט־אויס ווי אַ שוואַרצער פעלדז־אָדער. איר קעפּל טונקלט בלויז אַרויס פון דאָרט אין אַ לענגלעכן פלעק.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען אין דער ערשטער רגע פאַרוואָס מיין גאַסט האָט אַזוי פּלוצעם פאַרלאָזט מיין צימער. זי איז איצט געשטאַנען הינטערן שטיין, אויף דער שאָטן־זייט, און געלויערט. געשפּאַנט און דער־שראָקן האָב איך זיך פון דער הויך צוגעקוקט צו אַלץ. מיין גאַסט איז עטלעכע מאָל אַרומגעגאַנגען דעם גרויסן שטיין. די יאַשטשערקע האָט זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט. מיין האַרץ האָט הויך געקלאַפּט. ווער ווייס וואָס ס'וועט באַלד געשען. כ'האָב איינגעהאַלטן דעם אָטעם. מיר האָט זיך געדוכט, אַז אויך די גאַנצע וועלט פאַרהאַלט איצט איר אָטעם און וואַרט...

מיט אַמאָל האָט די יאַשטשערקע זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן. דער שוואַרצער פעלדז־אָדער האָט זיך געהויבן: איך האָב געוואָלט אַ געשריי טאָן. זי וואַרענען. זי איז אָבער דערווייל אַרויף העכער און דערגרייכט צום ברעג פון שטיין. זי האָט אָן אויפהער געשאָקלט צו מיר מיטן קעפּל:

— נאָך אַ טרויב!... נאָך אַ טרויב!... נאָך אַ טרויב!...

דעמאָלט איז געקומען דאָס אומגליק:

איידער איך האָב זיך אַרומגעזען — איז די יאַשטשערקע שוין געלעגן אַ צאַפּלענדיקע אינעם צונויפגעקלעמטן מויל — פון מיין גאַסט... — — —

זי איז איצט פּאַוואָליע געגאַנגען פאַר זיך צום וועלדל מיט וויגנדיקע טריט. אין איר גאַנג איז געווען זיג און שטילקייט. די גאַנצע צייט האָט

זי געהאַלטן די שלאַנקע יאַשטשערקע צווישן אירע ציין. זי האָט קיין איינאיינציק מאָל נישט אַרויפגעקוקט צו מיין באַלקאָנדל. איך האָב גיך אָפּגעווענדט מיינע אויגן און אַ געשריי געטאָן, ווי פאַר אַ געוויין.

*

זינט יענעם טאָג אויפן באַרג האָב איך זיך געטאָן אַ נדר: קיינמאָל נישט וואַרפן קיין טרויבן צו יאַשטשערקעס... קיינמאָל נישט... און אויך קיינעם נישט אַריבערלאָזן איבער מיין שוועל, בעת דער איינזאַמקייט אין די בערג... קיינעם נישט... זאָל עס אַפּילו זיין — די שיינע, יונגעטשקע קאַץ פון דער פּאַנסיאָן־קיך...

1957

א זילבערנער בעכער

ער איז געגאַנגען אינגאַנצן אַ באָרוועסער. די מלבושים זיינע זענען געווען דורכזיכטיקע און צעריסן פונעם ווינט. די צעפּאַלענע שיך, אָנגעהאַנגען אויףביידע נאַקעטע הענט, זענען אים געווען שטייניק שווער. דער שניי איז געווען אויסטערליש ווייס. זיינע פּאַלנדיקע קייקעלעך האָבן געהאַט די פורעם פון שפּיציקע שטערן. באַלד האָבן זיי אַלע באַקומען די קאָליר פון אַלטע, פאַרברענטע אַליוון־בלעטער. דער באָרוועסער גאַנג מיט די אָנגעהאָנגענע שיך צווישן די פאַרברענטע אַליוון־בלעטער האָט זיך געצויגן אימהדיק־לאַנג און איינצייטיק — בליץ־שנעל, ווי תמיד אין אַ חלום. אין אים, אינעם חלום, גילט דאָך ניט דער אייביקער פלוס פון צייט. ער האָט געמוזט אַוודאי פלוצעם אַ קער־טאָן מיטן קאָפּ, וואָרעם אין דער רגע האָט זיך אַלץ געביטן: זיינע באָרוועסע פיאַטעס האָבן מער ניט געטרעטן אינעם אַליוו־קאָלירקן שניי. אויך די שיך זענען מער ניט אַראָפּגעהאָנגען פון די אַלטע, פאַרוואַקסענע הענט. עפּעס האָט אָנגעהויבן צו קלימפּערן גאָר נאָענט אַרום אים — אַ ריטמיש, הויל קלימפּערן ווי פון פינגער אויף אַ פּויק. דאָס געהער אינעם חלום איז דאָך תמיד שאַרפער ווי אויף דער וואָר. ער האָט פאַרנומען דאָס קלימפּערן ווי פון אַ העפּטיקן רעגן, וואָס פאַלט ערגעצוווּ אין דרויסן, מחוץ די ברעגן פונעם חלום, אויף דער שוואַרצער, ליידיקער ערד. רעגנס, וואָס פאַלן אינעם חלום, זענען דורכגעפלאָכטן מיט די פאַרהוילנסטע אור־כוחות. בליצן, טיפע און אויפגעפּראַלטע, זענען געפאַלן פון די בערג. זיי האָבן אויסגעזען ווי גאָטס היילבדיקע שמייכלען הינטער די הימל־פינצטערנישן. זיי זענען געפאַלן צווישן אָפּגרונטיקע טאָלן. דאָרט האָבן זיי געברענט אין זייער זעלטענער גרינקייט מיט די שענסטע פייערן פון אור־באַשאַף. און פלוצעם: ווידער דאָס

אויסטערלישע קלימפּערן... אפשר האָט בלויז דאָס האַרץ ביי אים אַזוי פאַרכטיק געקלאַפּט אין דער פינצטערניש? איידער ער האָט זיך איבער־געוועקט און אַרויסגעשווומען פונעם חלום איז ער געווען ווי אַ דערטרונ־קענער, וואָס דערגרייכט צום ערד־ברעג נאָך אַ שווערן געראַנגל מיטן תהום. אַפילו דעמאָלט, בעת ער האָט שוין געהאַט געעפנט די אויגן, האָט ער נאָך באַשיימפּערלעך געהערט: דאָס העפטיקע, זילבערנע קלימפּערן. טאַקע ווי דאָס רציחהדיקע קלימפּערן, וואָס ער הערט יעדן טאָג... יעדן טאָג: דזשין־דזשין־דזשין...

ס'איז געווען נאָך ווייט צו זון־אויפגאַנג. די פינצטערניש אַרום בעטל איז געווען אַ געדיכטע און שווערע. ס'האָט אים פאַרפעלט לופט. דורכן פאַרמאַכטן, הויכן אַראַבישן לאָדן איז געפלאָסן די מילדע נאַכט־גראָקייט. זי האָט עס אים אײַנגאַנצן אַרויסגעפירט פונעם נאַרוואָס פאַרפלאָסענעם חלום. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעטל. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער געפירט איבער זיינע אַלטע, קאַלטע בריסט־וואַרצלען. הינטער זיי האָט שוואַך און פאַרבאָרגן געקלאַפּט דאָס אַלטע האַרץ. ווי אויסטערליש הויך שלאָגט דאָס האַרץ אין דער נאַכט־פינצטערניש! פון צווייטן חדר, וווּ ס'זענען געשלאָפן די באַלעבאַטים פון דער דירה, האָט מען געהערט זייער שטיל עטעמען. ער האָט זיך מער ניט אַוועקגעלייגט און אַזוי גע־בליבן זיצן, אַנגעלענט אויף די עלנבויגנס, אַריינבליקנדיק אין די שמאָלע, הויכע פענצטער־לאָדנס. הינטער זיי האָט געפּאַליעט די אָפּטרעטנדיקע נאַכט מיט איר גראָ נאַכניט געבוירן ליכט. ער האָט געוווּסט: אויב ער וועט זיך ווידער אַוועקלייגן — וועט צו אים אויפסניי זיך אומקערן דער אויסטערלישער חלום... דאָס אויסטערלישע זילבערנע קלימפּערן: דזשין... דזשין... דזשין...

אין דער רגע האָט ער דערהערט טריט פון צווייטן חדר, טריט ווייכע און גיכע. זיי זענען צוגעקומען גאָר נאָענט צום ברעג פון בעטל. איבער זיין קאָפּ איז געפאַלן אַ שטיל הייזעריק פליסטערן:

— איר שלאָפט ניט, אדון פיש?

דאָס איז געווען דאָס שווערע, ראַציקע קול פון באַלעבאָס. ער האָט עס דערקענט אינעם אָפּגעהאַקטן, אַסטמאַטישן עטעמען.ביידע אַלטע

אַראַבישע חדרים זענען געווען אָפּגעטיילט ביים טיר־דורכגאַנג מיטן גרינעם געבלומטן פאָרהאַנג, וואָס איז געלעגן שווער־געפאַלדעוועט אויפן געקעסטלטן, שטיינערנעם דיל. דאָס קלענערע חדר פלעגן די באַלעבאַטים תמיד פאַרדינגען צו איינזאַמע מענטשן, וואָס זייער צאָל אין אַראַבישן פערטל איז זייער גרויס. זינט צוויי יאָר זיצט אין דאָזיקן חדר דער געווע־זענער אויבערקעלנער, דער קוואַרטיראַנט אַלבערט פיש. ערשט נעכטן פאַרנאַכט האָט ער, דער באַלעבאָס, צו אים געזאָגט: — ביז מאָרגן, הער פיש... מאָרגן איז דער לעצטער טאָג. איר הערט? ביז מאָרגן... מער קען מען ניט וואַרטן... ווער וואָלט עס געוואָרט אַזוי פיל צייט? ס'איז גענוג אַ מצווה אַזוי לאַנג... אָן אַ פּרוטה... זאָגט אַליין, אדון פיש, ווער וואָלט עס געוואָרט אַזוי לאַנג?

דאָס איז געווען נעכטן. איצט גייט דאָס קול פון באַלעבאָס צו אים פון דער פינצטערניש, פון גאָר נאָענט, לעבן בּרעג פון אייזערנעם בעטל.

— אדון פיש?... איך הער, אַז איר שלאָפט ניט... דאַרפט איר עפּעס? פילט איר זיך ניט גוט, אדון פיש?

ער ענטפערט ניט באַלד, דער קוואַרטיראַנט. ערשט דעמאָלט, בעת דעם באַלעבאָס' קול דערנענטערט זיך ביז צו זיין פּנים, פאַלן אַרויס פון זיין אַלט, ציינלאָז מויל די פרעמדע, צעבּרעקלטע רייד.

— אַ דאַנק... אַ דאַנק... מיר פעלט ניכטס... גאַרניכטס... עס וואַר נור איין טראַום... איין טראַום...

— אַ חלום?! — טפוי!... געלויבט דער אייבערשטער... איר האָט אַזוי געוויינט, אדון פיש... געמיינט, חלילה...

דער באַלעבאָס, אַ פאַרוויקלטער מיט דער קאָלדרע אויף די פּלייצעס, האָט זיך צו אים איצט צוגעזעצט אויפן בּרעג פון בעטל. דער אַלטער פיש האָט לחלוטין ניט געזען זיין געשטאַלט, וואָרעם די ראַנדן פון דער קאָלדרע האָבן אינגאַנצן אַריינגענומען אין זיך זיין פאַרבויגענעם גוף. ער האָט אויסגעזען, דער באַלעבאָס, ווי ער וואָלט אַזוי געזעסן אין דער פינצטערניש פון אַ צווייטער, ניט דאָאיקער וועלט. זיינע רייד זענען געפאַלן אויפן בעטל פרעמדע, צעפּלאָשעטע ווי פון אַ גרויסער, שוואַרצער ראַם.

— אדון פיש... — האָט פונסניי אָנגעהויבן צו פליסטערן פון דער ראַם אַרויס דאָס הייזעריקע קול פון באַלעבאָס — וועגן דעם, וואָס... וואָס איך האָב אייך געזאָגט נעכטן... אדון פיש... פאַרגעסט, אדון פיש... פאַרגעסט... מילא, וועלן מיר נאָך אַביסל צוואַרטן... כאָטש ס׳איז זייער שווער... מיר וועלן וואַרטן... מיר וועלן וואַרטן... ווי שטייט אין אונדזערע ספרים? — אל תשליכנו... איר הערט, אדון פיש?... אל תשליכנו...

ביידע זקנים, דער קוואַרטיראַנט און דער באַלעבאָס, זענען געזעסן פאַרגליווערטע און איינגעהאַרכטע אין דער נאַכט־פינצטערניש ווי צוויי אַלטע, איינזאַמע פייגל. דער אַלטער פיש האָט גוט געהערט וואָס דער באַלעבאָס פליסטערט צו אים, בעת ער זיצט אַזוי אין זיין שוואַרצער ראַם אויפן בעטל. ער רעדט צו אים אַזוי בלויז איצט, ווייל ס׳איז נאַכט, ווייל ס׳איז פינצטער, ווייל איינער זעט ניט דעם צווייטנס פנים. אַזוי איז דאָך יעדע נאַכט. אפשר זענען מענטשן טאַקע בעסער צו זיך בלויז אין דער פינצטערניש. ווי נאָר ס׳וועט ווערן טאָג — וויס ער — וועט ווידער זיך אָנהייבן דאָס זעלביקע: ניי, ווי לאַנג? ווי לאַנג קען מען וואַרטן, אדון פיש? יעדער גיט זיך אָן עצה אין דעם לאַנד... קיינער פאַלט ניט, חלילה... אַזוי צי אַזוי... אַבי עס קלימפערט...

— איר הערט, אדון פיש?... פאַרגעסט... פאַרגעסט...

ער האָט געהערט איצט אויפסניי דאָס אויסטערלישע קלימפערן פון חלום — און ניט די לעצטע רייד פון באַלעבאָס. אפשר רעגנט טאַקע איינדרויסן? און אפשר זיצט גאַרניט דער באַלעבאָס ביי אים איצט אויפן קאַנט פון בעטל? די שוואַרצע ראַם צעשווימט אין דער פינצטערניש פון דער שפּעטער נאַכט־שעה. און פון דער ראַם צעפליסט אויך די שאָטנ־האַפטיקע געשטאַלט פונעם איינגעבוקטן מענטשן. צי פאַלן אויפסניי די געפרוירענע שניי־שטערן? אפשר איז עס טאַקע דער המשך פונעם חלום, וואָס האָט זיך נאַרוואָס איבערגעריסן? ווער וויס ווו ס׳ענדיקט זיך דער חלום — און ווו ס׳הייבט זיך אָן די וואָר?

דער באַלעבאָס בויגט זיך ווידער צו אים אַריבער, פליסטערנדיק נאָך שטילער ווי פריער:

— אדון פיש... איר האָט געלייענט אין צייטונג?... וועגן דעם בלינדן...

מיטן הונט... לעבן דער גרויסער שול?... מ׳האָט ביי אים געפונען אין אַ קעמערל — איר ווייסט וויפל? איבער אַ טויזנטער האָט מען ביי אים געפונען... כע... כע... כע... אַ גאַנצן טויזנטער. וואָס מיינט איר, אדון פיש, ער איז טאַקע בלינד? ווי דאָס קלימפּערט איבער דער גאַס מיט דער פּושקע!... איר האָט אַמאָל געזען זיין פּושקע, אדון פיש? אַ פלייש־פּושקע גרויס ווי אַ טאָפּ... און נדבות? ס׳פליצט אָן אויפּהער, ווי אַ רעגן... און ס׳קלימפּערט, און ס׳קלימפּערט איבער דער גאַנצער גאַס... צדקה תציל ממוות... כע... כע... כע...

דעם אַלטן פיש האָט זיך פּלוצעם אויסגעדוכט ווי ער וואָלט דערזען דאָס פּנים פון באַלעבאָס אין דער שוואַרצער ראָם. דאָס זענען אָבער בלויז געווען דעם באַלעבאָס׳ אויגן. זיי האָבן געהאַט אַ גליטשיקן, קאַלטן פאָספאָר־בליאַסק ווי פון אַ מויז אין דער פינצטער. צוויי טריבע פינטעלעך ליכט זענען אַרומגעשוווּמען אין דער שוואַרצער ראָם ביים בעטל. דער אַלטער פיש האָט אַ נערוועזן הוסט־געטאָן. מיט זיין נאַקעטער האַנט האָט ער גענומען אַרויפציען איבער די פיס די צעדריוולטע, וואַטענע קאָלדרע.

— אדון פיש... — זענען די פאָספאָר־פינטעלעך פון באַלעבאָס׳ אויגן ווידער אַרומגעשוווּמען אין דער שוואַרצער ראָם — אַז מ׳איז העט איבער די זיבעציקער — איז דאָך נישט שייך... מיר שטייען שוין ביידע מיט איין פוס דאָרטן... אַזוי צי אַזוי: צדקה, נדבות... מען קען דאָך ניט שלאָפן אויף דער גאַס!... און ווער קען דאָ אָנקומען צו אַ זקנים־הויז? — בלויז די מיט די טאַלערס... מיט די קלימפּערס... איר הערט, אדון פיש, דער עיקר: די קלימפּערס... די קלימפּערס...

אין דער רגע האָט זיך פון צווייטן, אָפּגעטיילטן חדר אַריינגעריסן דאָס פאַרשלאָפענע געשריי פון אַ פרוי. איר קול איז געווען דין־גליטשיק און שפּיציק. דורכן היכל, פאַלנדיקן פאַרהאַנג, וואָס האָט צעטיילט ביידע חדרים, זענען די קולות געפאַלן אין דער פינצטער ווי געוואָרפענע שאַרפע מעסערס. ביידע אַלטע לייט זענען געבליבן זיצן פאַרגליווערטע און פאַר־טייעט שטילע ווי אַלטע וואַלד־פייגל, וואָס ווערן פּלוצעם געטראָפן פון אַ בליץ.

— פּייוול!... ווו ביסטו, פּייוול... שוין ווידער די שמועסן מיטן

יעקע אין מיטן נאַכט? נאָר מע שמועסט און מע שמועסט אין די נעכט... וואָס האָט ער זיך אויף אונדז אָנגעזעצט, דער יעקע?... ס׳פעלן דאָ לײדיקע אַראַבישע הייזער?... זאָג אים, פּייוול, אַז מאָרגן איז דער לעצטער טאָג... מען לויפט דאָ אויפן פּיצל אָרט!... פון וואַנען זאָלן מיר נעמען?... וואָס וויל ער, דער ריסטאָקראַט... אפשר זאָלן מיר זיך אַוועקשטעלן פאַר אים בעטן נדבות?... אַ האַלב יאָר איז ווייניק געוואָרט?... מיט אַזאַ הדרת פּנים ווי ער — וואָלט ער געמאַכט אַ פאַרמעגן... קענסט אים זאָגן, פּייוול!... אין ישראל איז ניטאָ קיין בושה... אַבי די קלימפּערס... קום שלאָפן, הערסט?... פּיי־וול!... קום שלאָ־אָ־אָפן!...

דער אַלטער פיש האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס דאָס ווײַבערישע קול האָט אין אַ פלינקן פוילישן יידיש אַרײַנגעשריגן דורך דער פינצטער. זיין פאַרטריקנטער, אַלטער גוף איז אים פּלוצעם געוואָרן זייער שווער. די פיס, ווי אַרומגעבונדן מיט קאַלטע שווערע שטריק, האָבן אים געצויגן ערגעץ אין אַן אָפּגרונטיקן דנאָ. די לאַנגע, שיטערע האָר האָבן אים געקלעפּט צום שטערן, וואָרעם אַ קילער, קראַנקער שווייס איז געגאַנגען פון די פּאָרעס פון זיין אָנגעצויגענער הויט. דער באַלעבאָס האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט־קאַנט. ער איז גיך פאַרשוווּנדן הינטערן פאָרהאַנג. דער אַלטער פיש האָט נאָך לאַנג געפילט אויף זיין אָרעם דעם באַלעבאָס׳ פינגער, וואָס האָבן אין דער פינצטער געזוכט זיין האַנט. ער האָט געפילט דעם גליטשיקן פינגער־דרוק, וואָס האָט געמיינט: וואָס אָרט אייך, אדון פיש? — אַ יידענע שרייט — זאָל זי זיך אויסשרייען... זיין האַנטדרוק — האָט אויך געקענט מיינען: אדון פיש... פונדעסטוועגן... גיט אַ טראַכט... אַ האַלב יאָר ווי איר צאָלט ניט... אַ האַלב יאָר... פונדעסטוועגן... גיט אַ טראַכט... אין אייערע יאָרן... מיט אַזאַ הדרת פּנים... מיט אַזאַ הדרת פּנים...

*

די גאַנצע נאַכט האָט שוין דער געוועזענער אויבערקעלנער אַלבערט פיש זיך ניט אַוועקגעלייגט. ער איז אַזוי געבליבן זיצן אויפן בעטל ווי אַ האַלבער בויגן, בעת אָרום זיינע פּלייצעס האָט זיך געוויקלט די

נאַכט־קעלט ווי אַ ליילעך פון אײַז. די קעלט איז געגאַנגען פון הויכן אַראַבישן פענצטער. אינדרויסן האָט געפלייצט אַ העפטיקער שוואַרצער רעגן. ס׳איז געווען שטאַרק ווינטיק. דער רעגן האָט דין געקלאַפּט צווישן געלעכערטע אַלטע רינוועס און צעקרישלטע שטיין־בנינים מיט אַן אָפּ־הילך פון פייקלעך, וואָס רופן אויף טרעוואָגע. אָבער דאָ, אינעם ליידיקן חדר מיטן איין איינציקן אייזערנעם בעטל און פּרוכנעוואַטן הילצערן טישל, האָבן די טראַפּנס זילבערדיק געקלימפּערט איבער די הויכע, שמאָלע לאָדנס. מסתּם האָט דער הימל אינדרויסן אויפסניי זיך באַדעקט מיט שווערע רעגן־וואָלקנס, וואָס קומען פלוצעם פון ים. אַזוי גיך ווי די וואָלקנס קומען־אָן, אַזוי גיך פאַרשווינדן זיי, ציענדיק צו די בערג קיין מזרח. דאָסמאָל האָט זיך אַרום די לאָדן־שפּאַרעס די פינצטערניש לענגער געהאַלטן. לאַנגע שעהן האָט דאָס טריפנדיקע קלימפּערן ניט אויפגעהערט. ער האָט ניט געפילט ווי דער פאַרבויגענער אַלטער גוף זײַנער פאַלט ביסלעכווייז ווידער צוריק אויפן געלעגער. האַלב־וואַך און האַלב־פאַרזונקען אינעם שוואַרצן רעגן־געפּייקל איז אַלבערט פיש אויפ־סניי אַריינגעפאַלן אינעם חלום־געשפּין. דאָסמאָל האָט אים דער חלום געפירט אויף ברייטע בולוואַרן. צווישן געווירבל פון מענטשן זענען איבער די בולוואַרן געפלאָסן שוואַרצע, האַלב־אָפענע קאַרעטעס. זיי האָבן אויסגעזען ווי שווימענדיקע גאָנדאָלעס. אויף זייערע הויך־שפּיציקע פאַרבויגענע האָבן געלויכטן גרויסע לאַמטערנעס, אַרומגעהילטע מיט דורכזיכטיקער, שוואַרצער קרעפּ. דערפאַר איז דאָס ליכט אַרום זיי גע־ווען פינצטערלעך־טריב. ער איז ווידער געלאָפן, אַלבערט פיש, צווישן די קאַרעטעס־גאָנדאָלעס מיט די צעריסענע שיך, אָנגעהאָנגען אויפן לינקן אָרעם, בעת אויף זיין רעכטער, אויסגעשטרעקטער האַנט איז גע־לעגן אַ בלאַנקענדיקע קעלנער־טאַץ. מיטאַמאָל איז אַרויסגעשווומען דער שיינער בנין פון דער גרויסער שטאָט־שול. ער איז געשטאַנען קרומלעך אין חלום, דער בנין, נאָר זיינע הויכע פענצטער־וויטראַזשן זענען געווען בלאָ ווי דער הימל. פון די אויפגעפּראַלטע שול־טירן האָבן זיך געצויגן אומצאָליקע מענטשן. ס׳האָט געמוזט זיין עפּעס אַ טאָג האַלב יום־טוב, האַלב־טרויער. די שוואַרצע קאַרעטע־גאָנדאָלן זענען געשווומען מיט די

קרעפּ־לאַמטערנעס צווישן די קופּאָלן, וואָס האָבן געלויכטן הינטערן בלאָען הימל. פּלוצעם האָט ער דערזען אים — דעם בלינדן. ער איז געזעסן לעבן דער שוועל פון דער שול און לעבן אים — דער הונט. אַרום דעם בלינדן האָבן זיך געזאַמלט קופּקעלעך יידן. יעדער פון זיי האָט בעתן אַדורכגיין די שוועל געוואָרפן אין דער אָפענער, גרויסער פּושקע אַ קליינע, זילבערנע מטבע. דאָס האָבן טאַקע זיי, די מטבעות, אַזוי אומאויפהערלעך געקלימפּערט אין דער פּושקע. יעדעס מאָל האָט דער בלינדער אַרויסגעהויבן פון דער פּושקע אַ פולע פויסט מיט מטבעות און זיי פאַרשטעקט הינטערן רעקל. זיינע פאַרקלעפּטע אויגן זענען די גאַנצע צייט געווען פאַרבויגן צו דער וואַנט און צום הונט, וואָס איז געלעגן מיט זיין קאָפּ אויסגעשטרעקט אויףביידע פאָדערשטע פיס...

צי איז עס נאָך דער רעגן, וואָס קלימפּערט אַזוי אין חלום? צי אפשר גאָר זיי — די קליינע זילבערנע מטבעות? ער האָט זיך שווער געוואָרפן אויפן בעטל. פּלוצעם האָט ער ווידער געעפנט די אויגן. ס'איז שוין געווען העל־גראָלעך. דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס האָט געטריפט אַ גרינלעך־גראָע האַרבסטיקייט. אים האָט זיך געדוכט ווי ער וואָלט נאָרוואָס איבערגעריסן דעם שמועס מיטן באַלעבאָס. די לאַנגע נאַכט־שעהן זענען אָפּגעפלאָסן אינעם שוואַרצן, העפּטיקן רעגן. און בעת דער אַמאָליקער אויבערקעלנער אַלבערט פּיש האָט גענומען אַרויפוואַרפן אויף זיך די מלבושים — האָט ער שוין דעמאָלט אַלץ געוווסט. ער האָט שוין געוווסט קלאָר, וואָס אַזוינס ער האָט צו טאָן. דאָס איז געקומען צו אים ווי אַ סודותדיקער רוף אין חלום. ער האָט ברייט אויפגעפּראַלט ביידע האַלבע לאָדנס. פון די געשפּאָלטענע, אָפּגעבליאַקעוועטע האָלץ־דרענגלעך זענען געפאַלן איבער זיין נאַקעטער האַנט פאַראייִנצלטע רעגנטראָפּנס. זיי זענען געווען ניט האַרבסטיק־קאַלט. אַ לויע, פרילינגדיקע וואַרעמקייט האָט געטריפט פון זיי אויף פּישס אַלטע, פאַרטריקנטע אָדערן. שמייכלענדיק האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל. זיינע אַלטע, פאַרוויאַנעטע ליפּן האָבן זיך געעפנט צו די פרימאָרגנדיקע הימל־בלאָקייטן. פון צווייטן חדר האָט ער געהערט ווי דער באַלעבאָס דאַוונט הויך אויפן קול. אויך פּישס דינע, טרוקענע ליפּן האָבן געציטערט איבער די

איינגעפאַלענע יאַסלעס. ער האָט ניט אַראָפּגענומען אַ לאַנגע צייט די אויגן פון די הימל־בלאָקייטן ווי ער וואָלט טאַקע דאָרט צווישן זיי געפונען דעם סוד פון זיין פלוצעמדיקער אַנטפּלעקונג.

*

ס׳איז געווען אַ קילער דינסטיק אין דער פרי, אַ פּאָר טעג שפּעטער, בעת ביידע באַלעבאַטים פון דער דירה זענען באַלד מיטן מאָרגנשטערן אַוועק מיט אַ לאַסט־אויטאָ קיין דרום, צום קבר פון זייער געפאַלענעם זון. אין אַזעלכע טעג עטעמט ער אַביסל אָפּ, דער קוואַרטיראַנט פּיש, פונעם שטענדיקן געלט־מאַנעריי. דאָס געשעט אַזוי צוויי מאָל אין יאָר. איצט איז ער געבליבן אַליין אין ביידע גרויסע, קאַלטע אַראַבישע חדרים. אַ דין פויגל־צוויטשעריי פון הינטער די לאָדנס האָט דאָ, אינעם חדר־חלל, געשפּינט די שטילקייט פון זקנהשער איינזאַמקייט און פאַרלוירנקייט. דאָרט, הינטער די לאָדנס, האָבן יונגע, אויסגעבריטע פייגל געטשיריקעט זייער פרייד נאָך דער ערשטער מאָרגן־פּיטערונג, וואָס די נאַכט האָט זיי צוגעגרייט און געשיצט אין גאָטס פאַרהוילענעם רחמים. פּיש האָט זיך איינגעבויגן צום דיל און אַרויסגעצויגן פון הינטערן בעטל זיין גרויסן שוואַרצן טשעמאָדאַן. אַ לאַנגע ווײַלע איז ער געשטאַנען איבער אים מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט. די אויגן אויף זיין קרומלעך־פאַרבויגן פּנים האָבן ווייך געגלאַנצט. אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז גאָרניט זיין אַלטער, שוואַרצער טשעמאָדאַן, נאָר ביי זיינע פיס רוט איצט אַ טויטן־ארון מיט שווער־פאַרשלאָסענע ווענטלעך. און אונטן, צווישן די ווענטלעך, ליגט פאַרבאָרגן אין פאַרזיגלטער פינצטערניש זיין גאַנץ פאַר־פלאָסן, אויסגעגאַנגען לעבן. ער האָט געפּרוווט דעם טשעמאָדאַן רירן פון אָרט. די ווענטלעך פון ביידע זייטן זענען געווען פאַרוועבט מיט דינע, זילבערנע שטויב־פּעדעם און טויטע פליגן. בעת פּיש האָט דעם טשעמאָדאַן געשטעלט אויפן טישל און געעפנט דאָס דעקל, זענען די טויטע פליגן אַלע געפאַלן צו זיינע פיס. ער האָט זיי פון דאָרט איינציקווייז אויפגעהויבן און געלייגט אויף דער גערונצלטער האַנט־פלאַך. מיט זיינע דינע, פאַרוויאַנעטע ליפּן האָט ער גענומען בלאָזן אין די פליגנס טויטע, פאַרטריקנטע פיסלעך.



ער האָט עס געטאָן מיט עפּעס אַ מטושטשדיקער געריירטקייט, וואָס האָט נאָך ניט באַקומען ניט קיין מענטשלעכן הויך און ניט די פורעם פון אַ געבוירן וואָרט. דורך אַ ניט־ערדישן כּישוף, וואָס פאַרבינדט די שפּעטע זיקנה מיט די אור־טעג פון די ערשטע קינדער־יאָרן, האָט ער זיך געזען ווי ער פלעגט קליינערהייט אומקערן צו די פליגן, געפאַנגענע אין זיין קינדערשער פויסט, דעם רוח־החיים מיט זיין וואַרעמען ייִנגלשן אָטעם. אָבער איצט, בלאָזנדיק אין זיין האַנט־פּלאַך, איז זיין אָטעם געווען קיל און געשפּאָלטן ווי דער אָטעם פון אַ שוואַכן, טריבן אָוונט־ווינט. ער האָט די פליגן אויסגעלייגט אויפן פענצטער־ברעט, ווו דער ווינט, וואָס איז געגאַנגען פון ים, האָט זיי געטראָגן פונעם פענצטער אין אַ לייכט געפלאָטער צו דער ערד. זיי זענען טאַקע דאָרט געפאַלן, אין דער צע־שפּאָלטענער, שוואַרצער ערד ווי געוואָרפענע קערנער, וואָס ווערן גע־טראָגן אינעם ווינט דורך גאָטס אייביק־שפּראָצנדיקן אָרעם.

נאָכן אונטערהייבן דאָס דעקל האָט די אָפענע טשעמאָדאַן־טיפעניש געטראָגן צו זיין פּנים די טוכלעקייט פון שימל און פון פוילנדיקע, אַלטע וואָרצלען. ער האָט געניטשטערט מיט די הענט אין דער טשעמאָדאַן־טוכלעקייט, בעת פון זיינע אויגן איז געגאַנגען אַ ווייכער און טריבלעכער בליאַסק. וואָלט ער זיך איצט, דער זקן אַלבערט פּיש, אַנגעקוקט אינעם קליינעם צעבראָכענעם שפּיגעלע אויף דער וואַנט, וואָלט ער געזען: זיינע אויגן־ווייסלען האָבן געהאַט אַ גרינלעך־זילבערנעם גלאַנץ, גראָד ווי אַ פייכט בלאַט, וואָס ווערט פלוצעם פאַרוואָרפן מיט אַ זון־שטראַל.

תּחילת האָט ער פון טשעמאָדאַן־פינצטערניש אַרויסגענומען דעם פּראַק. די זיידענע קלאַפּעס אויף ביידע זייטן זענען געווען שטאַרק אָפּ־געשאָסן און גרינלעך־מאַט פון עלטער. זיי האָבן געהאַט די קאָליר פון פאַרברענט, טויט גראָז. דערנאָך האָט ער אַרויסגעלייגט אויפן טיש די גוט־פאַרפּרעסטע הויזן מיט די זיידענע טאַשמעס ביי די זייטן. נאָך אַזוי פיל יאָרן אין דער פינצטערניש האָבן די הויזן גאָרניט פאַרלוירן פון זייער פאַרשטויסענער, קעלנערישער פייערלעכקייט. ביז ער איז צוגעקומען צום טשעמאָדאַן־דנאָ האָט ער נאָך געמוזט אַרויסלייגן אַסך קלייניקייטן: אויסגעשטריקטע טישטעכלעך מיט צעדריוועלטע פראַנדזן,

העמדער מיט צעפּאַלענע אַרבל, צווי שטייפע ווייסע קראַגנס, פאַרבונדן מיט קרישטאָל־ווייסע הערצלעך, וואָס האָבן געהאַט ראָזלעכע און ברוינע ווייַן־פלעקן. ער האָט אויך געמוזט ארויסהייבן אומצאָליקע שקעטעלעך, בריוו, געשריבן אין גאָטישן דייטש, פאַרוויקלטע מיט קאָלירטע בענדלעך, וואָס האָבן נאָך געברענט אין זייער יונגער ניט־פאַרוועלקטער קאָלירי־קייט. ביז ער איז ניט צוגעקומען צום סאַמע דנאָ — האָט פיש ניט אויפגעהערט צו טראַכטן די אויסטערלישסטע מחשבות וועגן אייביקן לעבן פון די אַלע פאַרבאַהאַלטענע, טויטע זאַכן. זיי, די אַלע פאַרבאַרגענע, אַלטע שטאָפן, שטאַרבן קיינמאָל ניט אין דער פינצטער. זיי פירן זייער ווייטערדיק לעבן, בעת אַרום זיי איז דער מענטש שוין לאַנג ניטאָ און צעפאַלן אין שטויב. ווי אויסטערליש דאָס איז וואָס גאָט האָט אין די טויטע זאַכן פאַרזיגלט אַ לענגערן קיום ווי אין לעבעדיקן מענטשן, וואָס ער, דער באַרמהאַרציקער פאָטער, האָט באַשאַפן אין זיין אייגן, אומפאַר־גענגלעך געשטאַלט. מיט אַזעלכע רעיונות איז פיש פּאַוואָליע צוגעקומען צום סאַמע דנאָ, וווּ זיינע פינגער האָבן פּלוצעם אָנגערירט די קילע, האַרטע ברעגן פון עפּעס אַ געשיר.

פאַרזיכטיק, ווי דאָס געשיר וואָלט געווען פון גלאָז, האָט עס אַלבערט פיש אויפגעהויבן פון דער דנאָ־פינצטערניש און געשטעלט אויפן טיש. דאָס איז געווען אַן אַלטער, יידישער ווייַן־בעכער, וואָס האָט דורך אומ־צאָליקע דורות־גילגולים אין דער פרעמד געוואַרט אויף זיין בעכערישן תיקון אין לאַנד פון די אבות. אַ גרינלעכער, וואַרעמער גלאַנץ האָט אַרומ־גענומען זיינע אויבערשטע קאַנטן און אים געמאַכט לויכטן ווי ער וואָלט נאַרוואָס געוואָרן אויסגעגאָסן פון ריינעם זילבער. ווי אַ צעפּראַלט, גרויס אויג האָט אַ זון־שפּליטער זיך געעפנט אויפן זילבערנעם בעכער־ברעג און געוואָרפן זיינע קליינע, צעצונדענע פונקען. אפשר האָט אַזוי דער אומשטאַרביקער בליק פון אַלע פאַרוואָגלטע אור־אבות איצט אַרויס־געפינקלט פון די דינע בעכער־ברעגן, גראָד ווי ס'בליקן די טויטע אַריבער די ברעגעס פון זייערע פאַרהוילענע וועלטן. ער איז געשטאַנען, דער בעכער, אַרומגעהילט אין דער פרימאָרגן־גראַקייט אין זיין שטאָל־צער, זילבערנער איינזאַמקייט, ווי אַ יונגער, שלאַנקער גוף, וואָס גרייט

זיך צום לעבן. טיף־איינגראָווירטע אינעם זילבער האָבן צוויי לייבן מיט צעפלאָשעטע גריוועס אונטערטעניק געהאַלטן דעם בעכערס בויך־רונדיקייט. אונטן, ביים דנאָ, איז דער בעכער געווען שמאָלער און דאָרטן איז דאָס זילבער געווען מאָט ווי קופּער. פיש האָט דעם בעכער געהאַלטן צווישן די פינגער. ער איז געווען שווער און קיל, דער בעכער, מיט די צעפלאָשעטע לייבן־גריוועס. אַזוי שטייענדיק האָט פיש פּלוצעם דעם בעכער צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן. ער האָט ניט געוווסט פאַרוואָס ער טוט עס. אים האָט זיך אויסגעוויזן ווי ער וואָלט פון אים טראָפּן נאָך טראָפּן איצט געזופּט קאַלטן, אַלטן וויין. דער ברעג פון בעכער האָט מיט דער קילקייט געבריט זיינע איינגעפאַלענע ליפּן. אויב אין דער טשעמאָדאַן־פינצטערניש איז אין די אַלטע שטאָפּן און אין די גאָטיש־געשריבענע בריוו נאָך געדרונען דער ניט־צעריסענער פּלוס פון לעבן, — איז פון דער בעכער־רונדיקייט איצט געפלאָסן צו זיינע ליפּן אַ גלוטיק־הייסער שטראָם, אַ דיק, ניט־זעעוודיק פייער, ווי דאָס בליענדיקע פייער פון אַ יונגן, פרוכפּערדיקן בויך.

*

איצט איז שוין אַלץ געגאַנגען זייער גיך. אָנגעטאָן אינעם פּראַק און אויפן קאָפּ — דעם שוואַרצן, גרויסן פּריסטער־הוט, האָט ער גיך אַרויפגעצויגן אויף זיך די צעפאַלענע, שווערע שיך. ער האָט אַפילו ניט באַוויזן צו פאַרשליסן די טיר — און שוין איז ער געלאָפן מיטן בעכער אין דער בוזעם־קעשענע אין זיין משונהדיקן הילוך דורך די לאַבירינטיש־אַראַבישע געסלעך. פון די אַלטע נידעריקע ווענט איז געגאַנגען אַ ריח פון פוילנדיקע, טויטע פיש. ניט ווייט פון אים איז געלעגן דער ים־ברעג. ס'איז געוואָרן ווינטיק־וואַרעם. פון מזרח האָט געצויגן אַ מילך־ווייסער וואָלקן־נעפּל, וואָס זאָגט־אָן אין פרילינג די ערשטע חמסין־טעג. איבערן ים־ברעג איז געהאָנגען אַ שווערע נעפּל־קייט, געטריבן פונעם דרום־ווינט. פישס פּנים האָט געפלאַמט, וואָרעם דאָס איז געווען דער ערשטער, הייס־יעריקער ווינט, וואָס גייט פון מדבר. אַזוי לויפנדיק איז אים אויפסניי אַנטקעגנגעקומען דאָס אויסטערלישע קלימפּערן פונעם

נאַכט־חלום: דזשין... דזשין... זאָל ער קלימפּערן, דער בלינדער, מיט זיין פאַרזשאַווערטער פּושקע!... ער, פיש, וועט טאָן דאָס, צו וואָס ס׳האָט אים גערופן די אַנטפּלעקונג אינעם חלום. אינעם רויען, בייזן בלעך־געקלימפּער פון דער פאַרראָסטעטער פלייש־פּושקע האָט דער זקן דערפילט דאָס גרוילהאַפטיקע און תהומיקע פון אַלדאָס שלעכטס אויף דער באַנייטער יידישער ערד. אינעם שאַרפן געקלימפּער האָט געכיכיקעט אַ פאַרבאַהאַלטענער שד. דאָס האָט ער, דער שטן, זיך פאַרקליידט אינעם בלינדן בעטלער לעבן דער שול. דאָס שליידערט ער אין אַלעמענס פּנימער מיט שוואַרצן נצחון דעם געצנדינערישן און טמאהדיקן קלאַנג פון געלט. יעדער אָפּהילך פון דער פלייש־פּושקע האָט דעם אַלטנס לויפנדיקע פיס אַרומגערינגלט ווי מיט אַ קרייז פון קליינע, פאַרזשאַ־ווערטע מעסערס. ער איז געשפּרונגען פונעם קרייז, קוים זיך אַרויסבאַ־קומען פון די שפּיציקע שאַרפן ווי דורך אַ כישוף, בעת זיין האַנט האָט ניט אָפּגעלאָזט אויף אַ רגע דעם זילבערנעם בעכער, וואָס האָט גערוט אין דער קעשענע לעבן האַרץ. אַנטקעגן דעם רויען, שטענדיקן געלט־געקלימפּער וועט ער, אַלבערט פיש, אַנטקעגנטראָגן גאָר אַן אַנדערן קלאַנג. טאָקע פון אים, פון דאַזיקן באַהאַלטענעם, אייביקן וויין־בעכער, וואָס איז דורות געלעגן פאַרשעמט אין דער פינצטער. פון זיין אין טויט־באַלזאַמירטן פייער וועט ער ווידער אויפלויכטן מיטן ריינסטן פלאַם פון דערבאַרמונג און רחמנות אויף דער יידישער ערד. ער וועט געבן אַ תיקון צו אַלע פאַרפלאָסענע דורות. ער איז אַזוי געלאָפן מיטן ים־ברעג, בעת די אָפענע, צעפאַלענע שיך זענען געוואָרן פול מיטן פייכטן זאַמד. קליינע, נאָך ניט אויפגעגאַנגענע מושלעס האָבן די שטילע ים־כוואַליעס צוריק גענומען אין זייערע גראָע, וואַרעמע אָפּגרונטן. זיי וועלן אין אַ צייט שפּעטער, די מושלעס, אויפסניי אַרויפקומען פונעם דנאָ מיטן אויפגעגאַנגענעם לעבן צווישן זייערע מושלשע, קאַלטע אָדערן. לויפנדיק אינעם ווינט, וואָס איז געגאַנגען פונעם אויפגעשוימטן ים, האָט פיש די גאַנצע צייט געפילט די בויכיקע רונדקייט פונעם וויין־בעכער, וואָס געבירט איצט פאַר אים און פאַר אַלע מענטשן אַ ניי און בליענדיק לעבן.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער צווייטער זייט גאַס, גראָד

אַנטקעגן דעם שול־בנין. ער איז געווען אויסטערליש, דער זקן אַלבערט פיש, אין זיין הילוך: אינעם שוואַרצן קעלנער־פראַק אויף זיין פאַרבוי־גענעם גוף, מיטן שוואַרצן פּריסטער־הוט אין ברייטע ראַנדן איבערן קליינעם, פאַרוויאַנעטן פּנים — און אויף די פיס די צעפאַלענע, שווערע שיך. פאַרבויגן מיטן גוף האָט זיך זיין רוקן אָנגעהאַלטן ביי דער מויער. אַרום אים זענען געשוועמען אין האָוועניש די מענטשן ווי אַ שוואַרצער אָן־סופיקער טייך. צוויי יונגע פרויען אין שמאַלע מענער־הויזן מיט איבערגעגאָסענע ווייבערישע היפּטן און מיט שטאַרק־פאַררויטלטע ליפּן האָבן אַדורכגייענדיק אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעקוקט דעם אויס־טערלישן מענטשן און — פּלוצעם זיך הויך צעלאַכט. אַ ייד מיט אַ קעסטל מאַראַנצן אויפן אַקסל האָט מיטן פינגער זיך אַ קלאַפּ־געטאָן אין שטערן. אַ פאַרבליפטער האָט ער ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון פישס שוואַרצן פּריסטער־הוט. ער האָט דערנאָך דאָס קעסטל מיט מאַראַנצן אַראָפּגעשטעלט צו די פיס און ניט אויפגעהערט מיטן פינגער זיך צו קלאַפּן איבערן פאַר־שווייסטן שטערן. פיש האָט דאָס אַלץ ניט געזען. פאַמעלעך האָט ער פון הינטערן פראַק אַרויסגענומען דעם בעכער און אים געשטעלט אויף דער רעכטער האַנט. די האַנט האָט ער אויסגעשטרעקט צום געזעמל מענטשן פאַר זיך. דער ייד מיטן קעסטל מאַראַנצן האָט אַ זיפץ געטאָן.

— רבונו של עולם!... אַזוי פיל משוגעים אין דיין הייליק לאַנד!...

— ש־א־ט!... ס׳זעט ניט, אַז ער מאַכט קידוש אין מיטן גאַס!...

— יידן־גזלנים!... דער מענטש איז דאָך, נעבעך, חסר־דעה!... וואָס איז דאָס שטופּעניש?....

— דער פראַנץ־יאָזעף פראַק — און די צעריסענע שיך!..

צווישן מענטשן־געזעמל אויפן טראָטואַר איז אַדורך אַן אויפגעי־רייצט שאַרכעריי און שושקעניש. מען זעט טאַקע בפירוש, אַז דער זקן איז ניט מיט אַלעמען. דער גלאַנציקער שבת־בעכער אויף זיין אויס־געשטרעקטער האַנט צווישן די אויסגעשפּרייטע פינגער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך ווי אַ מצבה. דעם זקנס האַנט האָט אַפילו ניט אַ ציטער געטאָן ווי זי וואָלט געווען אויסגעגאָסן פון שווערן בראָנז. זיינע אויגן, פאַרזשמורעטע אונטערן שוואַרצן פּריסטער־הוט, האָבן געקוקט ערגעצווו

איבער די קעפּ פון די מענטשן. ביי מאַנכע האָט דעם זקנס הילוך אויפ־געוועקט אַ ביטער געפיל פון בושה, וואָס האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין שווערע, צערייצטע מחשבות. צי איז עס ניט אַ חילול השם וואָס דווקא דאָ, אַנטקעגן דער שול, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַזאַ שיינעם שבת־בעכער ?... באַלד וועט מען יעדע יידישע הייליקייט אַרויס־שלעפּן אויף דער גאַס... און אפשר... אפשר וויל ער אים פשוט פאַר־קויפן, דעם בעכער ?...

אַ ייד מיט אַן עגיפּטישער, געקרייזלטער באַרד און מיט אַ קאַלירטער פעזקע אויף זיין אַן־האַריקן קאָפּ האָט דעם בעכער אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן, בעת ער איז אַזוי געשטאַנען, דער בעכער, אויף פישס אויסגע־שטרעקטער האַנט. זיינע זילבערנע ברעגן האָבן געלויכטן מיט אַן אַלט צעגאָסן ליכט אינעם יידס עגיפּטישער, געקרייזלטער באָרד.

— כמה ?...

פיש האָט ניט געקוקט פאַר זיך און בלויז געשאָקלט מיטן ברייטן פּריסטער־הוט.

— לאַ... ניין... ניכט... צום פאַרקאָופען... אדוני !... ניכט צום פאַר־קאָופען...

— מה הוא אומר ? — האָט די עגיפּטישע באָרד זיך אַ שאָקל געטאָן צום יידן מיטן קעסטל מאַראַנצן.

— הוא אומר : לאַ למכירה... ניכט צום פאַרקאָופען ?...

— אלא מה ?

— ניכט צום פאַרקאָופן ? וואָס דען, הער פּראָפעסאָר ? — האָט דער ייד מיטן קעסטל מאַראַנצן זיך מערער דערנענטערט צו פישן.

— אדוני... ערבאַרמען... רחמנות... רחמנות... רחמנות... רחמנות...

דער ייד מיט דער רויטער פעזקע האָט אַ ביטערן שאָקל געטאָן מיט דער עגיפּטישער באָרד. ער האָט זיך אָפּגערוקט אויף הינטערוויילעכטס אויף אַ שריט און געזוכט אין די קעשענעס פון זיין געפּאַלדעוועט מלבוש. דערנאָך האָט ער פון דער הויך אַראָפּגעלאָזט אַ מטבע אינעם בעכער. דאָס איז געווען די ערשטע מטבע־נדבה, וואָס איז געפאַלן אויפן בעכערס דנאָ. איר פאַלן האָט געגעבן אַן אָפּגעהאַקטן, זילבערנעם קלאַנג

און באַלד פֿאַרשוויגן געוואָרן. איצט האָט פּיש אָנגעהויבן צו באַוועגן מיטן בעכער אין חלל מיט דער ערשטער געוואָרפענער מטבע. זיינע אַלטע ליפּן האָבן נצחונדיק געשמייכלט, אַן אַלטן פאַרוויאַנעטן שמייכל צווישן די פאַרטריקנטע יאַסלעס. דער מטבע־קלאַנג אינעם בעכער איז לחלוטין ניט געווען ענלעך צום קלימפּעריי פונעם בלינדן קעגנאיבער מיט דער פאַרזשאַווערטער פּליש־פּושקע. ער האָט געהאַלטן דעם בעכער אויסגעשטרעקט אויף דער האַנט און מיט אים געקלונגען ווי ער וואָלט געוועקט אַלע לויפנדיקע מענטשן מיט אַ גלאָק פון זילבער. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און ס׳האָבן אָנגעהויבן פאַלן אינעם דנאָ אומצאָליקע מטבעות — ווייסע און בראַנזענע. זיי האָבן אַלע געקלונגען מיט זייער פאַרבאַהאַלטענעם, שיינעם קלאַנג. דער בעכער איז אים געוואָרן שווער פון די געוואָרפענע מטבעות און דער זילבערנער קלאַנג איז פאַרשטומט געוואָרן. דעמאָלט האָט פּיש דאָס ערשטע מאָל אויסגעליידיקט דעם בעכער און בלויז איבערגעלאָזט אויפן דנאָ איינצלנע, כדי ניט איבער־צורייסן דעם זילבערנעם רוף צו די מענטשן. ער האָט זיי געצויגן צו זיך ווי מיט אומזעבאַרע דינע פעדעם, וואָס ער האָט פאַרוואָרפן אַרום זייערע לויפנדיקע פיס. און זיי אַלע, יונג און אַלט, האָבן ניט געקענט אַדורכגיין, כדי ניט צו ווערן געפאַנגען פונעם אויסטערלישן בעכער אויף זיינע צעשפּרייטע פינגער. אין אַ גרויסער, הייליקער דאַנקבאַרקייט צו אַלע הענט, וואָס האָבן נאַרוואָס געוואָרפן מטבעות אינעם בעכער, האָט דער זקן דעם בעכער־זוים צוגעפּירט צו די ליפּן. גראַד אַזוי האָט ער אויך געטאָן היינט אין דער פרי, בעת ער האָט אים אויפגעהויבן פון דער טשעמאָדאַן־פּינצטערניש. ער האָט איצט לאַנג, לאַנג געקושט זיינע קאַלטע ברעגן. און גראַד ווי היינט אין דער פרי האָט זיך אים איצט געדוכט, אַז דער בעכער איז איבערפולט מיט זיסן, אַלטן, שוימיקן ווייַן.

*

פון דער ים־זייט איז געגאַנגען אַ געווירבלטער ווינט. ער האָט אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון די לעצטע רעגנס. באַלד וועט זיך אין לאַנד אויסשפּרייטן אַ לאַנגער, שאָטנלאָזער זומער. שפּיציקע, פלינקע פייגל

האָבן זיך געוויגט אויף די ניט־באַבלעטערטע צווייגן. זיי האָבן זיך אויפֿגעהויבן מיטן ווינט, כּדי צו פֿאַרשווינדן צווישן די דעכער פֿון די אַלטע, צעפֿאַלענע בנינים. פֿיש איז געגאַנגען אַהיים מיטן זעלביקן ים־ברעג. זיבן מאָל האָט ער אויסגעלייִדיקט דעם פֿולן בעכער מיט נדבות. איצט רוט ער, דער בעכער, אין דער טיפֿער זייטן־קעשענע פֿון פּראַק. די קעשענע איז טיף און הענגט לעבן האַרץ. בעת פֿיש לאָזט דאָרט אַרײַן זײַנע פֿינגער, גייט אין אים אויף אַ זעלטן רחמנותדיק ליכט, ווי ער וואָלט דאָרט געטראָגן באַהאַלטן אַ קליינע, פֿלאַמענדיקע זון. דווקא ער, דער פֿאַרשטויסענער שבת־בעכער, וואָס איז געלעגן אַזוי פֿיל יאָרן פֿאַרשעמט אין דער פֿינצטער, דווקא ער האָט פֿאַר אים געעפֿנט אויפֿסניי דעם פֿאַרלוירענעם וועג צום לעבן. דעם בעכערס זילבערנע, אַלטע ברעגן זענען געווען די אַנטפּלעקטע ברעגן פֿון אַ ניי לאַנד. און דאָס לאַנד האָט זיך אַרויסגעהויבן פֿאַר אים פֿונעם טיפֿסטן דנאָ. ער, דער זקן אַלבערט פֿיש, איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געטרעטן אויף זיין ערד, ווו אַלע וועגן האָבן געפֿירט צו די מענטשנס איינזאַמע, שווערע און פֿאַרשטויסענע הערצער.

ביי אַ הילף־געשטעל האָט ער געקויפֿט געטריקנטע ים־פֿיש און אַ לעבל ברויט. ווען ער האָט געעפֿנט די טיר פֿון דער דירה — איז שוין געווען איינגאַנצן פֿינצטער. די באַלעבאַטים זענען נאָך ניט געווען צוריק פֿון זייער נסיעה. ער האָט אָנגעצונדן די נאַפֿט־לאָמפּ. אַ מידער און איינגעפֿאַלענער האָט זיך פֿיש געזעצט עסן דעם ערשטן מאָלצייט נאָך אַסך טעג פֿון הונגער. די פֿיש זענען געווען געזאַלצן. דאָס ברויט — זיס. דער בעכער אינמיטן טיש האָט געלויכטן. אין דער לאָמפּס ציטערנדיקן ליכט־קרייז האָבן געפֿינקלט די ברעגעלעך מטבעות. די אָן־צייניקע יאַסלעס האָבן פֿאַוואָליע געקייט דאָס ברויט, בעת זיינע אויגנדעקלעך זענען די גאַנצע צייט געווען פֿאַרשלאָסן. איצט האָבן זיינע ליפּן טרוקן געמורמלט. אַזוי זיצנדיק איז זיין קאָפּ פּלוצעם אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן ברעג פֿון טיש. ער האָט געשלוכצט אין זיך, אַלבערט פֿיש, פֿויגל־דין און פֿלאַטערנדיק, מיט אַן אַלט, צעבראָכן געוויין, צווישן זיינע אָן־צייניקע יאַסלעס. אַזוי וויינען אַלטע, איינזאַמע מענטשן, וואָס דער נאָענטער

שאָטן פון גאָט פאַלט אויף זייער פּנים. און אפשר איז עס געווען איצט דאָס געוויין פון נצחון. אַ קליינע, אַלטע טרער האָט זיך לאַנג געהאַלטן ביי דער נאָז־פאַרבויגונג און געפינקלט. ווידער האָט אָנגעהויבן עפּעס צו קלימפּערן איבער די הילצערנע לאָדנס. ס'איז אָבער ניט געווען דער רעגן און ניט דער ווינט. וואָרעם איצט איז אַלבערט פּיש אַריינגעטרעטן אינעם לעצטן ערדישן חלום. ער איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען אַ לייכטער און באַפרייטער מיט אַ צעפלאַטערט ווייס העמד איבער זיינע באָרוועסע פיאָטעס. אַ האַנט, אַ הייסע און פּאָטערלעכע, האָט אים גערופן פון זייער ווייט. ער האָט געזען די האַנט און זיין נאַקעטן אָרעם, וואָס האָט אַרומגענומען די ווייטסטע מרחקים פון הימל און פון ערד. צו זיינע באָרוועסע פיאָטעס האָבן געזונגען די קלאָרסטע, הימלישע ווייטקייטן. און צווישן די אַלע הימלישע מרחקים האָט צו אים געלויכטן איינאיינציקער שטערן — גאָטס אייביק, היטנדיק אויג — און ער איז געגאַנגען צו אים אין זיין וואַנדערונג מיט לייכטער פויגלשער פרייד און אָן פּחד, ביז צום לעצטן פאַרזיגלטן סוד.

1960

כתר ישראל

די זשופעצע פלעגט זיך פעדערן זייער פרי, איידער ס׳האָבן זיך נאָך אויפגעכאַפּט די היגע אויסטערלישע יידישע פייגל. די פייגל האָבן זייער נאַכטלעגער צווישן די פּרוכנעוואַטע צווייגן אויף די צוויי אויסגעקרומטע אייקאַליפּטוס־ביימער. דאָס פרי־אויפשטיין איז ביי דער זשופעצע נאָך געבליבן פון דער אַלטער היים, בעת ער האָט באַדינט די יידן אין באַלע־גאַלישן קלויז. די שטערן אויפן פוילישן נאַכטהימל האָבן דעמאָלט שאַרף און שלאָפלאָז געלויכטן. גראָד אַזוי לייכטן איצט די יידישע שטערן מיט זייער ציטערדיק־גרינלעכן בליאַסק אין די שוואַרץ־גראַנאַטענע הימל־געוועלבן. דאָס אייזערנע שמאָלע בעטל מיט זיינע ברייטע בלעכערנע פּאַסן האָט לאַנג פאַרטאָגיק געסקריפּעט, בעת די זשופעצע האָט אָנגעהויבן צו שאַרן מיט זיינע פיאַטעס. קעגן איבער אים, אויף דער צווייטער זייט פונעם זעלביקן בלעכביידל, איז נאָך געשלאָפן די יידענע זיינע — פריידל. זי האָט שפּעטער געהערט אינעם שלאָף ווי אברהם־יצחק ציט אַרויף אויף זיך די שוואַרצע זשופעצע, גיסט־אָפּ נעגל־וואַסער ביי דער שוועל, עפנט ס׳פענצטער און שטעלט זיך ביי די אָפענע לאָדנס זאָגן אויסנווייניק תהילים. תחילת האָט די זשופעצע געפּרעפּלט זייער שטיל די פּסוקים, בעת די הענט זיינע, — שטאַרק־באַוואַקסענע, לאַנגע און פאַרטריקנטע פון יאָרן — זענען באַוועגלאָזע געלעגן צעשפּרייט איבערן בלעכערנעם פענצטערראַם. די שויבן זענען נאָך געווען פייכטע, גליטשיקע פונעם געפאַלענעם נאַכט־טל. ס׳האָט אויסגעזען ווי ס׳וואָלט אין דרויסן נאָר וואָס טאַקע געפאַלן אַ לייכטער רעגן. מיט יעדער רגע האָט זיך אָבער דאָס תהילים־פּרעפּלען געהויבן העכער, געוואָרן וויכערדיק־הייסער און שאַרפער — ביז זיין קול האָט זיך געטראָגן, אַ צעשפּאָלטנס אויף אַסך

ווידערקולות, אינעם אָפענעם פעלד אַריין. ער האָט אויפגעוועקט, די זשופּעצע, מיט זיין הויך תהילים־זאָגן די ערשטע פייגל פון דער פינצטערניש. צעפלאַשעטע פונעם יידנס הייס געמורמל האָבן זיך די פייגל געטראָגן אין פויגלשער בהלה נידעריקער אינעם פעלד אַראָפּ, ווו ס'זענען געשטאַנען די אויסטערליש־פאַרגילגולטע, טויטע שוואַרצע קוסטעס. ער האָט בלויז געזען זייערע שפּיציקע, גראַלעכע שאָטנס אַרויסשווימען פון צווישן די צעשפּאָלטענע צווייגן. שווימענדיק אין דער באַגינענדיקער פינצטערניש האָבן זיי איבערגעלאָזט אינעם חלל זייער צעבראָכן, פויגלש טשיריקען. ס'איז געווען ענלעך צום דינעם מזמור פון די טרויעריקע, שוואַרצע נאַכטגרילן. בעת די פייגל זענען אין בהלה פאַרבייגעשווומען דאָס אָפענע פענצטער, האָט די זשופּעצע צעפּראַלט זיינע ביידע הענט און נאָכגעשריען די צעפלאַשעטע פייגל אין דער פינצטערניש:

— פוי — לענצערס!!!... געגנוג געשלאָפן!... מאַרש צו עבודת־הבורא!...

אַרום בלעכערנעם ווינבײדל איז נאָך געלעגן אַ פאַרגליווערטע שטיל־קייט ווי די שטילקייט אין אַ ליידיקן, אויסגעשעפּטן ברונעם. באַלד וועט דאָ געבוירן ווערן אַ נייער טאָג אויף דער דאָזיקער נאָך זאַמדיקער טויטער ערד אַרום די הייזלעך. דער נאַפּטפירער פון קייגנאיבער האָט שוין געשאָלטן אויף יידיש דעם מוילאיזל בעתן איינשפּאַנען אים אינעם נאַפּטוואָגן. דער קײלעכדיקער, רויטער נאַפּטוואָגן איז נאָך דערוויל געשטאַנען מיט די צוויי אַראָפּגעלאָזטע דישלעס צו דער ערד. זיי האָבן אויסגעזען, די דישלעס, ווי צוויי דאַרע הענט, אויסגעשטרעקטע און פאַרקראַמפּטע אין דער ערד, וואָס בעטן ביי איר רחמים אין דער פינצטערניש.

גאָר אין אָנהייב, בעת מ'איז געקומען אַהער, האָט דער נאַפּטייד געהאַט טענות צו דער זשופּעצע: הלמאי ער לאָזט אים ניט שלאָפן מיט זיין תהילים־זאָגן נאָך אַ טאָג האַרעוואַניע. ער האָט אים גערופן „זשופּעצע" מחמת דער לאַנגער, שוואַרצער יידישער קאַפּאָטע, וואָס ר' אברהם־יצחק האָט מיטגעבראַכט פון פּוילן און קיין מאָל זי ניט אויסגעביטן אויף אַן אַנדער מלבוש, בעת אַנדערע גאָטספאַרכטיקע יידן האָבן גאָר גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זייער פרומע פּויליש־יידישע טראַכט.

— ר׳ אברהם־יצחק!... — האָט דער נאָפטייד אַהערגעשריען פון דער קייגנאיבערדיקער פינצטערניש, איינשפּאַנענדיק דעם מוילאייזל צווישן די אַראָפּגעגלאָזטע דישלעס — אין ישראל דאַרף מען ניט קיין תהילים־זאָגערס, איר הערט?... אין ישראל דאַרף מען גיין אין שפּאַן!... אויפשטיין צוזאַמען מיט די הינער — און האָרעווען!... דאָס איז ניט קיין לאַנד פאַר תהילים־יידן, איר הערט?... ס׳איז געבליבן ווייניק צייט, ר׳ אברהם־יצחק!... מען דאַרף אונטעריאָגן!... העי, קריך אין דישל, בהמה נאַרישע! — האָט ער דערווייל אין דער פינצטער געשריגן צום פוילן מוילאייזל — איר פאַרשטייט, ר׳ אברהם־יצחק?... נעמט אַ משל פון מיר...

דאָס אַלץ איז טאַקע געשען גאָר אין אָנהייב, נאָך דעם ווי אברהם־יצחק מיטן ווייב פריידל זענען אָנגעקומען מיטן ביסל פוילישן געפעק. אפשר איז ער געווען גערעכט, דער מגושמדיקער נאָפטייד פון קייגנאיבער. די זשופּעצע האָט אָבער לכתחילה געטראָגן אויף אים אַ בייז האַרץ: דאָ, אין לאַנד פון די אָבות, זאָל אַ ייד אַזוי מגושמדיק ריידן וועגן תהילים? ווו, אויב ניט דאָ, אין הייליקן לאַנד, דאַרף אויפגיין דאָס געזאַנג פון דוד המלך? אָבער לסוף — האָט זיך די זשופּעצע טאַקע איינגעשפּאַנט... און אין גרויס עניוות האָט ער און זיין ווייב פריידל געגעסן זייער טעגלעך אָרעם ברויט אויף דער דאָזיקער נאָך האַלב־טויטער ערד. אָבער פונעם תהילים־זאָגן יעדן פינצטערן באַגינען — כאָטשבי שליידערן אַ פּאָר פסוקים דורכן אָפענעם פענצטער, — האָט זיך די זשופּעצע ניט געקענט אָפּזאָגן. ער האָט ווייטער געטריבן די פאַרדרימלטע פייגל פון זייערע פּרוכנעוואַטע נעסטן אויפן טויטן אייקאַליפּטוס — ביז ער האָט ניט פאַרוואָרפן איבער זיינע פּלייצעס די שווערע, געפלאָכטענע שטריק.

*

די זשופּעצע איז היינט לענגער ווי תמיד געשטאַנען אין דער פענצטער־פינצטערניש. גאָר שטיל האָט ער אָפּגעזאָגט אַ פּאָר פסוקים תהילים און גיך אָפּגעדאַוונט. פּאַוואָליע האָט ער דערנאָך געעפנט די טיר. ער איז אַרויס אין דרויסן. די לעצטע שטערן זענען נאָך געהאַנגען צווישן די נאַכטוואָלקנס — גרויסע און לויכטנדיקע. זיי האָבן געציטערט, די שטערן, ווי קליינע,

גרינע עפּעלעך אויף פֿאַרבאָרגענע הימלביימער פֿאַר זייער אַראָפּפֿאַלן אין גאָטס סאָד. פֿון מיזרח, ווו ס'ליגט די שטאָט ירושלים, פֿאַררינגלט מיט בערג האָט זיך שוין געגליטשט אַ צעצויטלטער, ש־ינער פֿרימאָרגן־וואָלקן. ער זאָגט־אָן דאָס קומען פֿון דער זון. דער וואָלקן איז געווען אין גאַנצן גראָלעך, מיט ווייסע זילבערפֿלעקן. אַלע זיינע קאַנטן האָבן געהאַט דין־ראָזלעכע שפּיצן. ווען דער וואָלקן איז אַראָפּגעשווומען פֿון די בערג האָט ער אויס־געזען ווי אַ שמאָלע שווימענדיקע שיף. נאָך אַ ווײַלע און די וואָלקנבערגן האָבן זיך צעשאַרט. די זשופּעצע האָט איצט בפֿירוש געזען: צוויי אויס־געשטרעקטע הענט פֿון אַ פֿאַרבאָרגענער געשטאַלט טראָגן זיך צו אים פֿונעם הימל. די געשטאַלט האָט ער ניט געזען, נאָר בלויז אירע הענט מיט די צעשפּרייטע פֿינגער, ווי די בענטשנדיקע הענט פֿון כהנים.

די זשופּעצע אברהם־יצחק האָט זיך א־צט איינגעשפּאַנט אין דער שווערער, געפֿלאָכטענער שטריק, וואָס ער האָט פֿאַרטשעפּעט אין אַ נידע־ריק הילצערן וועגעלע. ער האָט די שטריק פֿאַרוואָרפֿן אונטער ביידע אָרעמס און אַזוי געצויגן ס'וועגעלע איבערן זאַמד מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און צעפּאַטלטער באָרד. דאָס איז געווען אַ גאָר נידעריק, לענגלעך קינדער־וועגעלע מיט לויזע הילצערנע ווענטלעך אויף קליינע, אייזערנע רעדלעך. איינגעשפּאַנט אין דעם אָ וועגעלע האָט די זשופּעצע איצט געמאַכט זיין טעגלעכן גאַנג אין דער פֿינצטער צווישן די שמאָלע הייזלעך־דורכגענג. ער האָט געצויגן דאָס וועגעלע ביי די קרומלעכע דראָט־פֿאַרצוימונגען, וואָס די נייע מענטשן האָבן דאָ אויפֿגעשטעלט אַרום די וווינהייזלעך, כדי אַלע־מען צו ווייזן: דאָס פּיצל צוגעטיילטע ערד — דאָס איז מיין אייגנס... אָפּט מאָל איז דער זשופּעצע געווען שווער אַדורכצוגיין מיטן וועגעלע צווישן די שמאָלע ערדגרודעס, וואָס האָבן אָפּגעטיילט איין הייזל פֿונעם צווייטן. ער האָט זיך דעמאָלט געמוזט גוט איינבוקן, פֿאַרשאַרצט די זשופּעצע־פּאָלעס און געצויגן דאָס וועגעלע מיט די הענט. אַזוי איז ער ביסלעכוויז אָנגעקומען, אַ פֿאַרסאָפּעטער, צום נײַ געגאָסענעם אַספֿאַלט־וועג. און תמיד איז שוין אַזוי געשען, אַז בעת די זשופּעצע פֿלעגט אָנקומען צום אַספֿאַלטירטן וועג, איז שוין דער וואָלקן פֿון מיזרח אָפּגעשווומען קיין דרום. אַ גרויסע, מאַכטיקע זון — אַ צעפֿלאַמטער, מעשענער פּסח־טעלער

— האָט מיט גרויס נצחון געקיניגט איבער די בערג. דעמאָלט האָט אויך די זשופּעצע געטראָפן ליגן ביים כביש־ראַנד — די קליינע קעסטלעך און זעקלעך, פולע מיט ירקות און פּירות, וואָס אַ לאַסטאויטאָ האָט נאָך אין מיטן נאַכט פאַר אים אַראָפּגעוואָרפן אין דער פינצטער.

אַראָפּ פונעם הויכן אַספאַלטוועג, איז דאָס זועגעלע מיט די ירקות געלאָפן גיך, גיך, וואָרעם דער וועג איז געגאַנגען משופּעדיק. מיט די פאַרשאַרצטע פּאָלעס איז די זשופּעצע געלאָפן פאַרויס. ערשט ווען ער איז אָנגעקומען צום סוף זאַמדוועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אויסגעגלעט די באָרד, אַרויסגעלאָזט די פאַרשטעקטע קאַפּאָטע־פּאָלעס, פאַרריכט דאָס קאַפּל אונטערן היטל און פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, אָן איינגעשפּאַנטער, אַריינגעפאָרן אין טאָל, אונטערברומענדיק תהילים־פּסוקים, ווי ער וואָלט געצויגן הינטער זיך אַ גילדענע קאַרעטע.

דאָס מאָל האָט די זשופּעצע זיך לענגער אָפּגעשטעלט ביי אַ הייזל, ווו ס׳זענען ערשט ניט לאַנג אָנגעקומען נייע מענטשן. די פענצטער זענען נאָך געווען פאַרשלאָסענע. זיי האָבן ניט געהאַט, די פענצטער, ניט קיין לאָדנס און ניט קיין פענצטערנעצן פאַר די בייזוויליקע מיקן, וואָס ווימלען דאָ אין דער נאַכט כמאַרעסווייז. אַ סימן: אָרעמע מענטשן זענען געקומען. ער האָט בלויז געזען, די זשופּעצע, ווי מע האָט געהאַט אַראָפּגעוואָרפן דאָס געפּעק. די מענטשן האָט ער ניט געזען. דער נאַפּטייד האָט בלויז פאַרטאָגס אַריבערגעשריגן צו אים בעת ר׳האָט איינגעשפּאַנט דעם מוילאייזל:

— ר׳ אברהם־יצחק! ר׳האָט געהערט?... די קהילה פאַרגרעסערט זיך!... ס׳וועלן שוין באַלד זיין דריי מנינים!... קיין פּרנסה וועט ניט פעלן, ברוך השם!... אבי צווישן יידן!...

איצט איז טאַקע די זשופּעצע געשטאַנען פאַרן הייזל פון די ניי געקומענע. ביי די ווענט שטייען נאָך די שווערע, הילצערנע קאַסטנס מיט שוואַרץ־לאַקירטע אויפשריפטן. אויסטערלישע נעמען ביי די ניי געקומענע. גאָרניט קיין יידישע. ס׳איז שוין געווען אויף דער ערד בלאָלעך־ראָזיק. דאָס זאַמד איז געווען רויטלעך מיט אַסך לעכער ווי די ערדישע היימען פון מוילוורפן. פון ערגעצוווּ האָט זיך אָהערגעבלאָנקעט אַ קאַץ. זי איז געזעסן אויף דער שוועל פון דער פאַרמאַכטער טיר. זי האָט אַוודאי, אַ היימלאָזע און

הונגעריקע, זיך אָפּגעקליבן די נײַ געקומענע פּאָר אירע באַשיצער. די זשופּעצע האָט זי אָנגעקוקט אַ רגע — און דערנאָך אַ פּאַכע־געטאָן מיט דער שטריק. די קאַץ איז אַרונטערגעלאָפן הינטער די קאַסטנס און פון דאָרט צו אים אַרויסגעקוקט מיט פאַרשפּיצטע, פאַרחידושטע בליקן: — „וואָס טרײַבסטו אָן אָרעם און הונגעריק באַשעפעניש, האַ?".

דערווײַל האָט די זשופּעצע זיך אײַנגעבויגן צום וועגעלע און געזוכט צווישן די זעקלעך. ער האָט אַרויסגענומען פולע הויפנס קאַרטאָפליעס און זיי אָװעקגעלײגט אויף דער שוועל. דאָס זעלביקע האָט ער געטאָן מיט אַ גאָרשטש פּאָמידאָרן און אַ פּאָר מאַראַנצן. ער האָט דאָס אַלץ אַרײַנגעלייגט אין אַ קעסטל, גוט פאַרמאַכט דאָס דעקל — און אויף ס'נײַ אָפּגעטריבן די קאַץ. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און אײדער ס'איז עמעצער פון דאָרט אַרויסגעקומען — איז די זשופּעצע שוין ווידער געווען אײַנגעשפּאַנט אינעם וועגעלע און געצויגן צום בערגל.

ער האָט געוואָלט אָנקומען אַהיים אײדער די אַלטע זײַנע, פריידל, וועט אויפשטיין פון געלעגער און אַוועקשטעלן אויפן נאַפטקיכל דעם גרויסן, שוואַרצן פּולישן טאָפּ.

*

דאָס אייליקע בעטאָן־גיסן פון די וועגט פאַרן שולכל „כתר־ישראל" האָט בײַ די נײַ געקומענע ניט אַרויסגערופן אַזאַ שימחה ווי בײַ דער זשופּעצע. ער האָט געזען אינעם געבײַ אַ בפירושן גוטן סימן פון הימל. אפשר וועט ער, אברהם־יצחק, זיך צוריק אויסשפּאַנען פונעם וועגעלע און אויפסנײַ באַדינען דעם קלויז, ווי אַמאָל אין דער אַלטער היים? די מענטשן, געקומענע פון פּוילן, רומעניע, טשעכיע און בולגאַריע, האָבן אַרויסגעוויזן אַסך אַפּיקורסישן גלײַכגילט — כאָטש אויך צווישן זײ זענען געווען אײַנצלנע, וואָס האָבן ניט אָן אַ וואָרעם, יידיש געפיל געקוקט ווי מיט יעדן טאָג וואַקסן די קלויז־ווענט. אָט, אָט וועט מען אָנהויבן גיסן דעם דאַך פון „כתר־ישראל". דער בנין איז געשטאַנען ווייט אָפּגערוקט פון די וווינהײַזלעך און מען האָט געמוזט צו אים צוגיין דורכן פעלד מיט אַ שמאָל זאַמדוועגל, וואָס איז נאָך געווען פאַרוואָרפן מיט אַ סך בײַז־שטעכיקע,

פּרעמדע געוויקסן. די זשופּעצע, מיכל סטאָליער און נאָך צוויי יידן האָבן שוין מיט דריי טעג צוריק אָנגעהויבן אָפּרייניקן דעם וועג צום שול־בנין. מיט שווערע פּוילישע העק און גלאַנציקע, נייע רידלען, געבראַכטע פון דער אַלטער היים, האָבן זיי געריסן די ווילדע סאַברע־קוסטן און דערנאָך אויסגעגלעט די משונהדיקע היגע ערד. פון די פאַרטריקנטע קוסטעצווייגן, פון די טויטע, פאַרקרומטע וואָרצלען און פונעם אויסגעריסענעם ווילד־גראָז — האָבן זיי דערנאָך געמאַכט אַ פייער, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געפלאַקערט מיט אַ שיין־געקרייזלטן בלאָען רויך צום הימל. אוונט־צו איז שוין געלאָפן אַ פריי, אויסגעגלעטע סטעזשקעלע קווער־אויס איבערן פעלד ביז צו די געגאָסענע ווענט. דאָס איז געווען אויפן ווילדן פעלד דער ערשטער אויסגעגליכענער וועג, וואָס וועט פירן די מענטשן צום נייעם בעטאָנהויז פון „כתר־ישראל".

ס׳איז שוין געווען נאָענט די רעגנצייט, ווי ס׳איז פלוצעם געקומען דאָס גרויסע געשעעניש. קיינער האָט זיך אויף דעם ניט געריכט .און געקו־מען איז עס אַזוי אומגעריכט, אין מיטן נאַכט, אַז דער דאָך פון „כתר־ישראל" איז פאַרבליבן אָן אָפענער, אַ ניט־געגאָסענער. די פיר בעטאָנווענט, גראָע, כראָפּעוואַטע, מיט די פענצטער־לעכער, זענען געשטאַנען אָפענע אַנטקייגן הימל און דער חלל צווישן זיי אינעווייניק איז געווען אומגעשיצט פאַר די אָנקומענדיקע רעגנס.

אָנגעהויבן האָט עס זיך בעת די מענטשן האָבן גערוט אין זייער שלאָף. פון ברייטן שטאָט־כביש זענען אַריינגעפאָרן לאַסטאויטאָס. זיי זענען געווען קנאַפּ באַלויכטן, זיך געהאַלטן אויף אַ זייטיקן זאַמדוועג און ניט אַריינגעפאָרן צו די הייזלעך פונעם יישוב. פון די אויטאָס זענען אין דער פינצטער אַראָפּגעשפּרונגען מענטשן און אָנגעהויבן קלאַפּן אין די פאַר־שלאָסענע לאָדנס און טירן. אַ טייל האָבן אין דער פינצטערניש זיך געלאָזט איבער די גאַניקעס פון די איינשטאָקיקע הייזלעך און גערופן נעמען דורך די פאַרשלאָסענע לאָדנשפּאַרעס. יונגע מענטשן זענען גיך אַראָפּ פון די געלעגערס, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַבי וואָס און אין דער פינצטער געוואָרפן אַ „שלום"... עמעצער האָט הינטער די לאָדנס אָנגעצונדן אַ ליכט און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. באַלד איז ווידער געוואָרן גאָר, גאָר שטיל.

די אויטאָס, פאַרצויגענע מיט פּלאַנדעקעס, האָבן די איבערגעוועקטע מענטשן אָוועקגעפירט מיטן שאָסיי קיין דרום. דער הימל איז געווען פאַר־וואָרפן מיט אַ סך גרויסע, לויכטנדיקע שטערן. ס׳איז געווען האַרבסטיק־ווינטיק און ס׳וועט אפשר פאַלן אַ רעגן. הינטער אַ קליינער, צעבראָכענער לבנה האָט זיך געגליטשט אַ שפּיציקער וואָלקנפּאַס, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אויסגעשטרעקט שוואַרץ מעסער. דאָס וואָלקן־מעסער האָט די גאַנצע צייט נאָכגעיאָגט אויבן די צעבראָכענע לבנה. דאָס מעסער האָט אָבער ניט געקענט דערגרייכן אפילו דער לבנהס פאַרשלאָסענעם ליכטקרייז, וואָס האָט זי געשיצט פון אַלע זייטן. דער ליכטקרייז, אַ שיטערער און שטאַרק זילבערדיקער, איז איצט אַריינגעשווומען אינעם שמאָלן מילכוועג, וואָס האָט ווי צעשיטער לויכטנדיקער מאָן געפינקלט אינעם נאַכטהימל.

*

ווען טערעזאַ האָט אויפגעעפנט די אויגן אין דער פרי, איז שוין לאַנג געווען נאָך אַלעמען. אין דרויסן איז געווען אַזאַ שטילקייט, אַז איר האָט זיך אויסגעוויזן ווי ס׳וואָלט געווען אַ חגא־טאָג. זי איז געבליבן זיצן אויפן ברעג פון בעטל און זיך עטלעכע מאָל איבערגעצלמט. זי האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי איז דאָס פּלוצעם געשען. אָ, מאַטקאָ שוויענטאַ!... פאָטער אין די הימלען! ערשט ניט לאַנג ווי זיי זענען אַריין אין נייעם הויז — און שוין, איז זי ווידער אַליין, אין דאָזיקן ווילדן, פרעמדן אָרט, צווישן פרעמדע מענטשן... פאַרוואָס יאָגט זיי אַזוי נאָך דער שטן פון מלחמה? ווי לאַנג איז, ווי ס׳האָט זיך פאַרענדיקט יענע וויסטע, אומגליקלעכע מלחמה, דאַרטן?... וואָס וועט זי איצט טאָן אַליין, אָן אים, אָן מאַריאַנען?... זי האָט נאָך געזען זיין פּנים פון ביינאַכט בעתן געזעגענען זיך, כאָטש זי האָט ניט אָנגעצונדן קיין ליכט. ער איז גאָרניט געווען פאַרחידושט, מאַריאַן, ווען מ׳האָט גערופן זיין נאָמען אונטערן פענצטער און דערנאָך אים ערגעץ אָוועקגעפירט. ער האָט אַפילו ניט געוואָלט, אַז זי זאָל אים באַגלייטן ביז צום אויטאָ. „די נאַכט איז שוין אַ קאַלטע, טערעזאַ, ליסטאָפּאַד!... גיי שלאָפן, טערעזאַ!... ס׳וועט לאַנג ניט דויערן — און איך בין ווידער אין דער היים...״.

דאָס זענען געווען זיינע רייד אין דער פינצטער. זי פילט נאָך איצט זיינע וואַרעמע הענט, פאַרשלאָסענע אַרום איר האַלדז. זי האָט אים אין דער פינצטער געהאָלפן פאַרקנעפּלען דעם לויזן רוקזאַק. אין דער לעצטער רגע האָט זי דאָרט אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר גרויסע, שווערע מאַראַנצן און — אירס אַ הייליקע, אַלטע קמיע — אַ גאָלדן שנירל מיט אַ קרייצל...

איצט איז זי מיט שווערע פיס אַראָפּ פונעם בעטל. אין שטוב איז געווען גראָלעך־טריב. די ווענט, געקאַלכטע אויף ווייס, האָבן זיך געזויגן די גראָקייט, וואָס איז געפלאָסן פון דרויסן. די פענצטער זענען געווען פאַרשלאָסן. צו וואָס דאַרף זי זיי עפענען, אַז מאַריאַן איז ניטאָ? זי האָט דערפילט זיך שטאַרק פאַרלאָזן אין דער אָ צוגעמאַכטער, ווייסער שטוב, ווי דאָס וואָלטן געווען די אָפּגעצוימטע פיר ווענט אויף אַ שווימענ־דיקער שיף. אַזוי זעט אויס אַ חדרל אויף אַ סטאַטעק, וואָס שווימט אויף דער ווייסל. און פלוצעם האָט זיך איר געדוכט: זי איז גאַרניט דאָ, טערעזאַ... דער דיל און די ווענט באַוועגן זיך שיפלעך, קרומלעך, פאַרבויגן, אין צווישן פון אַ מידברדיקן ים... אין גרויס צעטומלונג איז זי אַ באַרוועסע גיך צוגעלאָפן צום שטובווינקל. זי האָט געקניט אויפן דיל, אויפהויבנדיק איר קאָפּ איבער זיך צום ליידיקן סופיט. אירע אויגן, פאַרשלאָסענע און אַביסל אָנגעשוואָלענע, האָבן געציטערט, בעת אירע ליפן — פויערישע, פולע — האָבן ניט אויפגעהערט צו פליסטערן:

— זיעמיאַ שוויענטאַ!... יעזוסיע נאַזאַרענסקי!... פאַטער אין די הימלען!... באַשיץ מיין יידישן מאַן אין דער מלחמה!... באַשיץ אים ווי דו האָסט אים געשיצט דאָרטן... ביים דייטש... זאָל ער צוריקקומען אַ געזונ־טער.. אַ גאַנצער... אַ זיגער... פאַר מיר... און פאַר דיין הייליק לאַנד... אַמען, אַמען, אַמען...

*

שוין אויפן זיבעטן טאָג נאָך דער דאָזיקער געשעעניש זענען עלטערע יידן, פאַרבליבענע אויפן אָרט, אַרומגעגאַנגען איבער די שטובן פון די נייע הייזער מיט גוטע בשורות. ערגעצוואו אין דרומדיקן מדבר איז שוין געווען פאַרענדיקט די גרויסע יידישע סיני־שלאַכט. דער נאַפּטייד, וואָס איז

אַהיימגעקומען בלויז אויף אַ שעה און באַלד צוריק געפאָרן מיט אַ דזשיפּ, האָט דערציילט די אויסטערלישע זאַכן פון יידישער גבורה. ער האָט זיך געשוווירן, אַז נאָך אַ טאָג־צוויי — און די מענטשן קומען אַלע אַהיים... די פאַרבליבענע האָבן לכתחילה געקוקט אויף אים מיט חשד, דערנאָך האָבן זיי דעם אָפּפאָרנדיקן דזשיפּ באַגלייט מיט הייסע, יידישע ברכות. נאָך זיין אָפּפאָר האָבן די ווייבער אַליין מער שוין ניט פאַרהאַנגען די פענצטער מיט די פּאַפּירענע, שוואַרצע פאַרדעקונגען. ווידער האָבן דורך די אָפענע פענצטער אַריינגעפינקלט אין די שטובן די גרויסע, פרידלעכע שטערן פונעם ערב־ווינטער הימל. ס׳איז נאָך ניט געווען קיין שום סימן פון די רעגנס. דער ים־ווינט איז געווען לינד און וואַרעם. פאַרטאָגס האָבן פון די פעלדער געפאָרעוועט האַרבסטנעפּלען. די ערד האָט געהאַט אַ ריח פון געווירציק, שוואַרץ ברויט.

די זשופּעצע איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט אין די אַ טעג אָנגעהויבן אַרומצוגיין איבער די שטובן און זאַמלען געלט, כדי גיכער צו פאַרענדיקן דעם בנין פון „כתר־ישראל". ער האָט אונטערגעיאָגט די ווייבער, אַז מע דאַרף צוגרייטן וואָס גיכער גאָטס הויז פאַר אַלע, וואָס וועלן צוריק־קומען. און צוריקקומען וועלן, מערטשישעם, אַלע... אַלע... געזונטערהייט... זענען זיי דאָך אַוועק טאָן אַ מלחמת־מיצווה... מלחמת קודש...

אָוונט־צו איז די זשופּעצע לאַנג געזעסן ביי טערעזאַן. ער האָט גערעדט צו איר האַלב־יידיש, האַלב־גויש און טיילמאָל אויך מיט לשון־קודשדיקע פּסוקים. די פרעמדע פרוי, אָנגעטאָן אין אַ געבלימלט קאַפּטיכל, האָט אויס־געזען אין דער זשופּעצעס אויגן ווי אַ קלויסטער־דאַמונערין. טערעזאַ האָט קוים פאַרשטאַנען וואָס דער שוואַרצער ייִד אין דער גלחישער, לאַנגער קאַפּאָטע וויל פון איר. די זשופּעצע האָט די גאַנצע צייט געפּליס־טערט, ניט אויפהויבנדיק די אויגן. ער האָט זיך געשראָקן פאַרן שאַרף־בלאָען בליאַסק פון אירע פאַרגליווערטע, גרויסע, ניט־יידישע וויסלען. זיי האָבן אויסגעזען ווי די חלבנע וויסלען פון אַ הייליקער גיפּספיגור. די זשופּעצע האָט ניט אויפגעהערט צו פּליסטערן:

— טאַם... דאָרטן... לעבן הר סיני... טאַק... טאַק... טאַק... גוראַ סינאַי... שוויענטאַ גוראַ סינאַי! משה רבנו ז׳עגיפּטו... מצרים... עשרות

הדברות... ניע זאַבי׳יאַי... — ער וועט צוריקקומען — דיין מאַן —... ער וועט קומען.. און אין דעם זכות — העלף אויפבויען אונדזער שול... אונדזער בוזשניצע!... דאָך... ס׳זאָל זיין אַן אָרט אָפצוגעבן לויב דעם אייבערשטן אין די הימלען... דעם פאַן וו׳ניעביע... אמן!...

טערעזאַ האָט די גאַנצע צייט ניט באַוויגן מיט אירע פאַרגליווערטע ווייסלען און געזעסן אַ פאַרשוויגענע אַנטקעגן דער זשופּעצע.

זי האָט איצט געטראַכט, טערעזאַ, זיצנדיק אַזוי לעבן דער זשופּעצע, וועגן דעם הילצערנעם דאָרף־קירכעלע פון הייליקן מאַרצין אויפן לויווי־טשער טראַקט, וואָס פירט קיין וואַרשע; וועגן איר שטיפטאַטע, וואָס די דייטשן האָבן פאַרשלעפּט. וועגן ניט דער ייד מאַריאַן, וואָס האָט זיך צו זיי פאַרבלאָנקעט אין מיטן נאַכט, וואָלט זי ניט געקומען אַהער. זי וואָלט געבליבן דאָרט, ביי דער ווייסל... זי האָט געטראַכט וועגן די חגאות און תפילות פון אירע אייגענע. און פלוצעם: דער אוצר!... וועגן אויסגערײ־בענעם טשעמאָדאַנדל, וואָס ליגט אונטערן בעטל... גאַנצע חדשים, זינט זיי זענען אַהער אַנגעקומען, האָט זי ניט אַריינגעבליקט אין אים... ניט געעפנט זיין צודעק... וויפל מאָל זי האָט עס געוואָלט טאָן — איז איר באַפאַלן אַ חרטה, ווי נאָך אַ שווערן חטא קעגן אַלע הייליקע פון דער פאַרלאָזטער היים... צי האָט זי גוט געטאָן, וואָס זי האָט מיטגענומען דאָס אַלץ אַהער? דאָ, אינעם יידישן לאַנד, ווו צו גאָט ווערט געבעטן אין ליידיקע, אָפענע בוזשניצעס, אָן זילבער־באַפּוצונג, אָן גילדענער פּראַכט, ביי ליידיקע, ווייסע ווענט און אויף טרויעריקע, כראָפּעוואַטע בענק, ווי די שולבענק אין אַ דאָרפשקאָלע... די אַלע ניט־אויסגעפּאַקטע זאַכן, וואָס ליגן אין טשעמאָדאַנדל — האָבן איר דערמאַנט גאָר אַנדערע תפילות: ביי פינקלענדיקע, הויכע זילבער־בעכער, אָנגעפילטע מיט הייליקן ווין, ביים בליאַסק פון זילבערנע לייכטער אויף דער אַמבאָנע; די שווערע, לויכטנ־דיקע גאָלדרעמען אַרום די הייליקע; וויגנדיקע זילבער־צלמים אין די הענט פון גלחים, און בעיקר — די שיינע, הימלדיקע גאָלדקרוין, וואָס באַצירט דעם קאָפּ פון דער הייליקער מוטער... ווען ניט מאַריאַן, וואָלט זי די אַלע זאַכן געלאָזט דאָרטן... ער האָט זי געצוווּנגען דווקא די אַ הייליקייטן מיטצונעמען אַהער, כדי... כדי צו האָבן פון וואָס צו לעבן אין די ערשטע

חדשים... מען פאַרט דאָך אין אַ פרעמד לאַנד... אויף אַ נייער ערד... צווישן נייע מענטשן... זאָל כאָטש זיין וואָס צו פאַרקויפן...

איצט זיצט פאַר איר דער אַ אויסטערלישער ייד מיט זיין פאַרוואַקסן יידיש פנים, מיט דער לאַנגער, צעדריוולטער באָרד און קאַפּאָטע — און רעדט צו איר אַזעלכע אומפאַרשטענדלעכע רייד. זי הערט בלויז פון זיין מויל יעדע רגע פאַלן: בוזשניצאַ, שוויענטאַ בוזשניצאַ... דאָך... פאַן וו'ניעביע... שוויענטאַ גוראַ סינאַי... אַלע מענטשן גיבן מתנות... דאַרי... טשעם כאַטאַ באָגאַטאַ... מע דאַרף וואָס גיכער גיסן דעם דאַך... ווי נאָר ר'וועט פאַרטיק ווערן — וועט זיין דער חנוכת־הבית... טאַק... טאַק... שוויענטאַ בוזשניצי... כתר־ישראל... שוויענטאַ קאָראָני איזראַעלאַ...

— אַ צאַ וו' סינאַי, פאַניע סטאַראָזאַקאָנני? יעשטשע וואָינאַ?... —

— תם ונשלם!... קאָניעץ... קאָניעץ... —

די זשופּעצע האָט געפּרווווט זיך אויפשטעלן פונעם טישל, אָבער אין דער רגע האָט עמעצער אַ קלאַפּ געטאָן אין דער טיר און זי האָסטיק געעפנט.

אין שטוב איז אַריינגעלאָפן אַ יונגער בחור, אָנגעטאָן אין אַ קאָמבינעזאָן מיט אַ שוואַרץ ביקסל אַריבערגעוואָרפן אויף זיינע שמאָלע, יינגלשע פּליי־צעס. זיין פּנים האָט מען לחלוטין ניט אָנגעזען פון סאַזשע און שוואַרצקייט. בלויז צוויי גליאיקע אויגן, זוכנדיקע און אומרויקע, האָבן געוואָרפן זייער היציק ליכט איבער דער שטוב. ער האָט גערעדט פּויליש אין אַ ווייכער, קלינגענדיקער שטים.

— פּאַני טערעזאַ לובעצקאַ?... כ'האָב אַ בריוועלע פון אייער מאַן... מאַריאַן לובעצקי... געזונט!... בלויז אַ קליינע וווּנד אין פוס!.. אין שפּיטאָל... נאָך אַ פּאָר טעג — און ער קומט אַהיים!... שאַלאָם! שאַלאָם!...

און ער האָט פון הינטערן קאָמבינעזאָן גיך אַרויסגעצויגן אַ צעקנייטשט בייגעלע פּאַפּיר, געוואָרפן עס אויפן טיש — און באַלד פאַרשוווּנדן.

— האָב איך ניט געזאָגט, אַז דיין מאַן וועט אַהיימקומען געזונט? צאַ?... זדראָווי... זדראָווי... אונדזער גאָט האָט אים געשיצט... שוויענטאַ בוזשניצאַ... איצט וועט מע שוין קענען דעקן דעם דאָך פון כתר־ישראל...

טערעזאַ האָט געהאַט אַ פול האַרץ מיט טרערן, בעת זי האָט געלייענט

דאָס צעקנייטשטע בריוועלע. דאָס מאָל זענען עס געווען טרערן פון פרייד. מאַריאַן האָט טאַקע געשריבן, אַז ער האָט אַ קליינע ווונד אין לינקן פוס... אין דער פיאַטע... אַז זי היילט זיך זייער גיך... נאָך אַ טאָג־צוויי און ער קומט... סיי ווי סיי איז שוין די מלחמה פאַרענדיקט... בעת טערעזאַ האָט געלייענט דאָס בריוועלע האָט די זשופּעצע די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגענומען פון איר פּנים זיינע אויגן. ער האָט דערזען, ווי ס'איז פּלוצעם פאַרשווונדן פון אירע ווייסלען די פריערדיקע חלבדיקע, גיפּסיקע פאַרגליווערטקייט. אירע בלאָלעכע ווייסלען האָבן געגלאַנצט ווי איבערגעוואָרפן מיט טוי. בלויז די פולע פרעמד־פויערישע ליפּן האָבן לייכט אונטערגעציטערט. אויפן צעקנייטשטן בריוו־בייגעלע זענען געפאַלן איינצלנע שווערע טראָפּנס. עטלעכע מאָל האָט זי זיך, אויסדרייענדיק די פּלייצעס פון דער זשופּעצע, איבערגעצלמט. דערנאָך האָט זי שוין געקוקט דער זשופּעצע גלייך אין פּנים אַריין. זי האָט זיך פאַר עפּעס שטאַרק פאַרשעמט. אַ צעטומלטע פון פרעמדע הימלישע כוחות, האָט זי געוואָלט אין פאַרווירטקייט אויסדריקן איר פרייד און פרומע דאַנקבאַרקייט — און ניט געוווּסט ווי אַזוי. זי דאַרף עפּעס טאָן אַזוינס, וואָס דאַרף אָנקומען פאַר גאָט ווי אַ הייליקער קרבן, געבראַכט פון סאַמע האַרץ, דאָ, אויף דער פרעמדער יידישער ערד, ווו ס'איז געבוירן געוואָרן גאָטס זון. זי האָט זיך גיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאַדלאָגע און פון הינטערן בעטל אַרויסגעצויגן דאָס קליינע, פאַרשטויבטע טשעמאָדאַנדל. אַ צעלויכטענע און מבולבלע האָט זי דאָס טשעמאָדאַנדל געשטופּט אין די הענט פון דער זשופּעצע.

— דלאַ שוויענטעי בוזשניצי, פּאַניע סטאַראָזאַקאָנני... דאַך... דלאַ בוזשניצי... וו'אימיען אָיצאַ אי סינאַ אי דוכאַ שוויענטעגאָ!... טאַק... טאַק... דלאַ באָגאַ... דלאַ באָגאַ...

ערשט ווען די זשופּעצע איז אַרויס מיטן טשעמאָדאַנדל — האָט טערעזאַ מיטן גראָבן לייוונטענעם האַנטעך זיך אויסגעווישט די אויפגעשוואָלענע אויגן און זיך נאָך אַמאָל לאַנג איבערגעצלמט.

*

ניט די זשופּעצע און ניט די צוויי גבאים האָבן ניט געוווּסט וואָס אַזוינס צו טאָן מיט די אויסטערלישע זאַכן פון טשעמאָדאַנדל. ס'איז געווען

ביי נאַכט, בעת זיי האָבן אינעם הינטערטייל פון אַברהם־יצחקס בלעכערןביידל אויפגעעפנט דאָס טשעמאָדאַנדל. איידער זיי האָבן עס געטאָן, האָבן זיי צוגעלענט די טיר און צוגערוקט דאָס פאַרהענגל. ס'איז געווען אימהדיק־שטיל, ווי אין שטוב וואָלט געלעגן א מת. ס'האָט געדויערט אַ גאָר לאַנגע ווײַלע ווי די דריי יידן, איבערגעשראָקענע און צעטומלטע, האָבן פאָרזיכטיק געעפנט דאָס פאַרשטויבטע דעקל פון טשעמאָדאַנדל.

ס'איז ניט געווען קיין סך זאַכן אינעווייניק — נאָר דאָס, וואָס איז געווען, איז געלעגן פאַרוויקלט אין שיינעם, רויטן סאַמעט. דער סאַמעט איז געווען אַזוי רויט ווי פאַרגליווערט בלוט. ביי אַלע זיינע פיר ווינקלען איז דאָס טשעמאָדאַנדל געווען אויסגעפילט מיט וואַטע, כדי די פאַרוויקלטע זאַכן אינעווייניק זאָלן ניט באַשעדיקט ווערן בעת דער לאַנגער נסיעה פון פוילן. לכתחילה האָבן די יידן אויפגעוויקלט דעם רויטן סאַמעט אַרום עפּעס אַ שווער, לאַנג געשיר. זיי האָבן עס געמוזט לאַנג אויפוויקלען ביז ס'איז געבליבן פאַר זיי שטיין אויפן טישל אַ הויכער, שלאַנקער לייכטער פון העל־לויכטנדיקן זילבער. שפּעטער האָבן זיי פון סאַמע דנאָ פון טשעמאָ־דאַנדל אַרויסגעוויקלט פונעם סאַמעט אַ שיינעם זילבערנעם טעלער — אַ פאַרטיפטן און באַצירטן מיט כלערליי אויסטערלישע ניט־יידישע באַצי־רונגען. דער טעלער איז געשטאַנען אויף פיר קונציק־געפורמטע פיסלעך, וואָס האָבן געגלאַנצט אין דער שטוב־פינצטערניש מיט אַ פרעמד, זילבער־דיק פייער.

מיט אַלט־דורותדיקן חשד פון עלילת־דם און שטאַרק איבערגעשראָ־קענע האָבן די יידן אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן. סיי דער לייכטער און סיי דער טעלער האָבן גאָרניט אויסגעזען צו זיין יידישע כלים. דער לייכטער איז געווען אַזוי שלאַנק און הויך ווי די גרויס פון אַ מענטשלעכן אָרעם. אָבער דער עיקר האָט דער טעלער זיי געשראָקן מיט די ניט־יידישע איינגראַווירטע באַצירונגען.

— אַוודאי פון אַ תיפלה... האָבן ביידע גבאים מיט דערשראָקענע יידישע פּנימער געקוקט אויף דער זשופּעצע, וואָס האָט נאָך איבערגעוואָרפן דעם רויטן סאַמעט פון טשעמאָדאַנדל — מ'עט דאַרפן פרעגן אַ שאלה, ר' אברהם־יצחק !...

— מע דאַרף ניט פרעגן קיין שאלות, יידן!... — האָט די זשופּעצע געשאָקלט מיט דער באָרד, גלעטנדיק מיט איין האַנט דעם פרעמדן זיל־בערנעם טעלער— ס׳איז אַלץ כשר... כשר וישר... מ׳עט דאָס אַלץ נעמען — און איבערגיסן!...

— איבערגיסן? — זענען ביידע גבאים אויפגעשפּרונגען פון די ערטער — ר׳ אברהם־יצחק, וואָס רעדט איר? איבערגיסן טומאה?...

— איבערגיסן... איבערגיסן!... ס׳איז ריין זילבער!... מ׳עט דעקן דעם דאַך... און פון דער רעשט געלט — מאַכן אַ כתר פאַר אַ ספר תורה... אַ קרוין! אַן אמתע, יידישע קרוין! כתר־ישראל!...

*

זינט צוויי טעג האָט אויפן פלאַך־געגאָסענעם דאַך פון דער שול „כתר־ישראל" יעדן אָוונט שוין געברענט די מנורה, כאָטש דער חנוכת־הבית איז נאָך ניט געווען. אין דער סאַמע פּראַנטוואַנט איבערן רונדיקן פענצטער ביים אַריינגאַנג האָט זיך געהויבן אַ שיינער מגן־דוד. די פעלד־סטעזשקעס, וואָס האָבן געפירט פון אַלע באַווינטע ערטער איבערן וואַדי ביז צו דער באַנבריק, זענען שוין געווען אויסגעגליכן. אַלץ איז געווען גרייט צום יום־טוב פון „כתר־ישראל". אינעווייניק איז דער שול־בנין נאָך געווען ליידיק, בלויז ביי דער מיזרח־וואַנט איז שוין געשטאַנען דער גרויסער ארון־קודש, וואָס מיכל סטאָליער האָט מנדב געווען לזכרון פון זיין ווייב און קינדער. די שולווענט, אויסגעמאָלן אויף ווייס, האָבן געהאַט אַ בלאָלעכן שימער פונעם הימל, וואָס איז דאָ געלעגן אַן אָפענער פון אַלע זייטן. אַפילו דער שטיינערנער דיל איז אויך געווען איבערגעוואָרפן מיט אַסך פליסנדיקע הימל־פלעקן. ער האָט אויסגעזען, דער דיל, ווי אַ קלאָר, פליסנדיק וואַסער, ווו ס׳שפּיגלט זיך אָפּ די שווימענדיקע לויטערע הימל־בלאָקייט.

דער אָוונט איז געווען ראַזלעך־קיל, בעת פון אַלע באַווינטע נייע בנינים האָבן אָנגעהויבן גיין קופּקעלעך מענטשן צום בנין פון „כתר־ישראל". ס׳זענען געגאַנגען מאַמעס און קינדער, אַלטע לייט אין כלערליי טראַכטן פון זייערע אַלטע פאַרלאָזענע היימען. אויך יינגעלייט אין מיליטערישן

לבוש — כאָטש די שלאַכט אין מידבר איז שוין לאַנג געווען פאַרענדיקט. פאַרן שול־בנין זענען געשטאַנען ווייסע, ניי געהובלטע בענק פאַר די אָנקומענדיקע מענטשן. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, ווי דאָס גאַנצע פעלד אַרום דעם בנין איז געווען פול מיט יידן. די ערשטע בענק זענען נאָך געשטאַנען פריי. יונגע חיילים פון אַלע עדות און קינדער האָבן אומגעדולדיקע געוואַרט ס'זאָל זיך שוין אָנצינדן די מנורה. די זון האָט נאָך געצונדן דעם ווייסן בעטאָנדאַך מיט צעגאָסן פייער, בעת די מנורה איז געווען אַרומגע־רינגלט מיט פלאַמיקע שטראַלן פון אַלע זייטן.

די זשופּעצע, די צוויי גבאים און מיכל סטאָליער זענען געווען די, וואָס האָבן דעם טאָג אַריינגעטראָגן דעם אָרון אין בנין. זיי זענען איצט געשטאַ־נען אינעווייניק, אין קלויז, ביים הינטער־פענצטער און עמעצן אויסגעקוקט אויפן כביש.

— זיי גייען! — זיי גייען!... — האָט מיכל סטאָליער אויסגערופן און אָפּגעשפּרונגען פון פענצטער.

פון צפון־זייט, איבערן פעלד מיטן שמאָלן שטעגל, זענען געגאַנגען צוויי געשטאַלטן און מיט פאַוואָליעדיקע טריט זיך דערנענטערט צום בנין. אַז די צוויי מענטשן זענען צוגעקומען גאַר נאָענט, איז צו זיי אונטערגע־לאָפן די זשופּעצע און זיי דורכגעפירט דורך דעם וואַרטנדיקן המון. זיי זענען קוים אַדורך די זיצנדיקע מענטשן, וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם דורכגאַנג צו דער ערשטער באַנק. צום שווערסטן איז עס געווען פאַר דעם, וואָס איז געגאַנגען אָנגעלענט אויף אַ קוליע. די לינקע פוס־פּיאַטע איז אים נאָך געווען פאַרוויקלט אין גיפּס. דער מיט דער קוליע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערשטער באַנק און לעבן אים — אַ נידעריקע פרוי, אָנגעטאָן אין אַ ברייט פּויעריש־קאָלירט קלייד און מיט אַ געבלימלט קאָפּטיכל, פאַר־וואָרפן איבער די אַקסלען.

— מזל־טוב, פאַני טערעזאַ! מזל־טוב, ר׳ משה־מאַריאַן!... — האָט די זשופּעצע ניט אויפגעהערט צו רופן צום פאַרפאָלק, ביז זיי האָבן זיך ניט ביידע אַוועקגעזעצט אין סאַמע פראָנט.

— מאַריאַן... מאָשע... — האָט טערעזאַ געשמייכלט מיט אַ ברייטן, צעשטראַלטן שמייכל, געפּליסטערט אים אין אויער און געגלעט מיט

אירע פינגער דאָס גלאַטע האַלץ פון זיין הילצערנער קוליע — כ׳האָב דיך, מיין ליבינקער, אויסגעבעטן ביי גאָט... דיך אויסגעווינט אין די נעכט... ביי גאָט... ביי גאָט...

מאַריאַן האָט זי אָנגעקוקט פון דער זייט און געשוויגן. דער ווייטיק אין פוס האָט נאָך געשטאָכן ווי מיט אַ לאַנגער, שאַרפער נאָדל. ער האָט שוין געוווּסט אַלץ. ער האָט זיך געשעמט צו קוקן איר אין די אויגן אַריין. פון וואָס וועלן זיי איצט ביידע לעבן? זי — אַ פרעמדע צווישן יידן און ער — מיט אַן אָפּגעשאָסענער פיאַטע? ער האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהויבן זיינע בליקן פון דער ערד. די קוליע, אַ נייע־גלאַנציקע און פון שווערן, קילן האָלץ, איז געלעגן אויסגעשפּרייט איבער זיינע קני. פּלוצעם איז עפּעס געשען אינעווייניק, אינעם בנין. אויפן פלאַכן דאַך האָט זיך אָנגעצונדן די מנורה. ס׳איז געווען גראָד די רגע פון גיכן זונפאַרגאַנג. אַ בלאָ־לעכקייט איז שוין געגאַנגען פון די בערג. זי האָט זיך אַראָפּגעוויקלט נידעריק צו דער ערד ווי אַ בלאָלעכער, אויסגעשפּרייטער פאַרמעט. די אָנגעצונדענע מנורה אויפן דאַך האָט געגליט מיט איר ליכט אין דער פאַר־מעטענער בלאָלעכקייט פונעם אַראָפּפאַלנדיקן אָוונט. פון אינעווייניקסטן שול־בנין האָבן יידן אַרויסגעטראָגן אויף די הענט צוויי ספר־תורהס. איינע האָט געטראָגן די זשופּעצע, די צווייטע — מיכל סטאָליער. אויף דער ספר־תורה פון דער זשופּעצע איז געזעסן אַ הויכע, בלאַנקענדיקע קרוין. זי האָט איצט געפינקלט אין שנעלן זונפאַרגאַנג מיט די אויסטערלישסטע פאַרבן־פונקען. דער זשופּעצעס באָרד איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף דער ספר־תורה און זי כמעט פאַרדעקט אין גאַנצן. ער האָט געשמייכלט אַנטקעגן זיך צו די מענטשן, האַלטנדיק זיינע אויגן געווענדט צום אָוונטיקן הימל. זיין שמייכל איז געווען אַ קוים־זעעוודיקער, אַ באַהאַלטענער און האָט געגליט מיט אַלט־יידישן, אייביקן ניצחון.

צווישן די מענטשן איז אַדורך אַ הייס, געוויטערדיק געמורמל, ווי זייערע ליפּן וואָלטן געדאַוונט. אַ נידעריק יידל, מיט אַ הייזעריק קול, האָט זיך מיט די פיס געשטעלט אויף דער באַנק און געשריגן איבער אַלעמענס קעפּ:

— יידן, אונדזער תורה לעבט! אונדזער אַלטער גאָט לעבט!

נאָך אים האָבן שוין געשריען אַנדערע.

— יידן, די ספרי־תורהס זענען פון געטאָ! זעט נאָר סאַראַ פּראַכט!...

— אַ קרוין!... אַן אמתע קרוין אויף דער ספר־תורה!

— די קרוין איז אויך פון געטאָ, יידן?

— שוטה!... די קרוין איז פון דאַנען!... פון ישראל!...

— די קרוין! די קרוין!...

— די קרוין פון ניצחון!..

— כתר־ישראל!...

די זשופּעצע האָט זיך קוים דערנענטערט צו דער ערשטער באַנק, ווו דאָס פרעמדע פּאַרפאָלק איז געזעסן. טערעזאַ האָט גאָרנישט ניט געהערט וואָס אַרום איר טוט זיך. זי האָט אויך ניט פאַרשטאַנען קיין איין־איינציק וואָרט, וואָס די מענטשן האָבן צווישן זיך גערעדט מיט צעפלאַמטע פּנימער. אירע אויגן, פאַרזשמורעטע און ציטערנדיקע, זענען די גאַנצע צייט געהאָנגען אויף דער קרוין, וואָס האָט נאָך געברענט אין לעצטן זונפייער. אַ רגע האָט זיך איר געדוכט: זי איז גאָרניט דאָ, טערעזאַ, אויפן אָפענעם פעלד צווישן אַזוי פיל פרעמדע מענטשן. זי איז דאָרט, דאָרט — צווישן אייגענע, אויף אַ הייליקער פּראָצעסיע... קעגן איבער איר פּנים בלאַנקט די קרוין אויפן קאָפּ — פון דער הייליקער טערעזאַ... זי האָט זיך דער־שראָקן פאַר דער ווילדער, פרעמדער מחשבה און זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט פאַר דער הילצערנער קוליע. דאָס גלאַטיקע האָלץ הינטער אירע פינגער איז געווען פייכטלעך. זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און דערזען — אַז מאַריאַן וויינט... ער האָט געוויינט אין זיך, ווי אַ קינד — אַן אָפּגע־האַקט, פאַרשלוכצט געוויין. ער האָט אַפילו ניט געוווּסט, אַז זיינע טרערן פאַלן אַראָפּ אויפן פאַלירטן קוליעהאָלץ. דערנאָך האָבן די טראָפּנס פאַוואָליע געקאַפּעט פונעם האָלץ אַראָפּ, — אַראָפּ צו דער אָפּגעשניטענער פּיאַטע אויפן שווערן, לויכטנדיקן גיפּס.

1958

וואַנדערונג

מיכאַיל גנעסאָוו איז געשטאַנען אַן אויסגעשטרעקטער אויף דער שוועל, גראָד אין סאַמע מיטן פון דער אויפגעפראַלטער טיר. אַ דיק־הילצערנע און גרין־קאָלירטע האָט זיך די טיר נאָך אַביסל געוויגט און געסקריפּעט מיט אַ דינעם, צעשניטענעם שלוכץ. דערנאָך איז געוואָרן שטיל. גנעסאָוו האָט זיך אַרומגעקוקט. דער דרויסנדיקער אָונט־חלל איז געווען איבערפולט מיט שטילקייט און מיט בלאָלעכער, פאַליענדיקער טונקלקייט. זיין אַלטער פאַרטרערטער בליק איז אַריבערגעשווומען גלייך צו די בערג. ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז פון הינטערן שטערן זענען די בײדע אויגן זיינע פלוצעם אַרויסגעשווומען, זיך געטראָגן דורכן חלל ווי קליינע וויגנדיקע שיפלעך. זיי האָבן בײדע געצויגן גלייך צו די שאַרפע, אָוונטיקע קאַנטן פון די בערג.

ער איז געווען מיד. תמיד איז עס אַזוי נאָך דער נסיעה קיין דרום. נאָר היינט איז ער געווען מידער ווי תמיד. די אַקסלען האָבן אים געצויגן צו דער ערד. די פיאַטעס, באָרוועסע און זקניש־פאַרבלאַסטע ווי מירמל־שטיין, האָבן געפילט אונטער זיך די קילע, ראַציקע שוועל. דער ברייט־לעכער שוועלשטיין איז ביי די פאָדערשטע ראַנדן נאָך געווען אַביסל וואַרעמלעך ווי וואַסער. דאָס איז געקומען פונעם נאָר וואָס אָפּגעשווומענעם זונפייער, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געהאַט געצונדן די ווייסע ראַנדן פון די פלאַכע הייזער־דעכלעך. מיכאַאיל גנעסאָוו האָט דעריבער געמאַכט אַ קליין טריטל פאָרויס, כדי נאָך צו שטיין אין דער אויסגייענדיקער זונ־וואַרעמקייט. אונטן, אַרום דער שוועל אויף דער ערד, איז אַלץ שוין געווען בלאָלעך. די הויכפּיסיקע, פרעמדע געוויקסן; דאָס גראָז, וואָס איז געווען טונקל־גרין, געדיכט און צוזאַמען מיט די נידעריקע אָונט־שאָטנס געקילט

די ווענט ווי קליינע צונויפגעלייגטע פעכערס. דאָס איינציקע ליכט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן, איז געווען דאָס שאַרפע רויט פון די באַהאַלטענע מאַקאַבייער־בלוט־בלומען. זיי האָבן זיך גאַרניט געוואָלט לעשן אין דער דעמערונג. אַרום זיי איז צווישן דעם בלאָלעכן גראָז תמיד גע־שטאַנען אַ סאַמעט־רויטלעכע און גליאיקע שאָטן־פלאַמיקייט בעתן זון־פאַרגאַנג.

ער האָט געהאַט בדעה, מיכאַיל גנעסאָוו, אַרויסצונעמען פון חדרל אַ שטול און זיך אַוועקזעצן לעבן דער טיר, ביז די זון וועט אינגאַנצן אונטערגיין. די דאָזיקע מחשבה האָט אים תיכף אַרויפגעפירט אויף גאָר עפּעס אַנדערש. ער איז צוריקגעטראָטן אויפן קילן ראַנד פונעם שוועל־שטיין. דאָס מאָל איז שוין דער שטיין הינטער אים געווען אינגאַנצן קאַלט. די קילקייט איז אים גיך אַדורך פון די פּיאַטעס ביז צו די קני־קנעכלעך. הינטער זיך, אין דער אָפענער טיר, האָט ער פּלוצעם דער־הערט זשומען הויך איבער זיין קאָפּ אַ דין־פליגלדיק אָוונט־פלאַטערל. די ערב־טונקלקייט איז דאָ תמיד פול מיט די קאַליריקע, אומרויקע פלאַטערלעך. דערנאָך פאַרשווינדן זיי ווידער ערגעצוווּ. זיי זוכן דעם מינדסטן ליכט־אָפּשיין, כדי אין אים אַריינצופאַלן מיט זייער שיינעם אָוונטיקן פלאַטער־טאַנץ. ער האָט שאַרף אויפגעשפּיצט די אויערן. עפּעס גרויס און טונקלס האָט איצט דורכגעפלאַטערט פאַר דער טיר. צוויי מאָל איז דער טונקעלער פלעק אַזוי דורכגעשווומען גאָר נידעריק פאַר דער שוועל. ער האָט גע־טראַכט: אפשר איז עס אַ פלעדערמויז. אַ גאַנצן טאָג זיצט זי מסתם אינעם עקאַליפּטוס־בוים, נאָענט פונעם פעלדוועג. איצטער טראָגט זי זיך שוין איבערן פעלד, אַרום די גראָלעכע, פאַרלאָשענע געוויקסן ווי איבער פאַרגליווערטע וואַסערן. אפשר איז עס גאָר געווען אַ שוואַלב. ס'איז דאָך גראָד געווען די צייט, בעת די שוואַלבן קומען אָן אין קליינע מחנות פון דרום, נאָך איידער דער מלקוש־רעגן פאַלט אַראָפּ פון די דורכזיכטיקע פעלדוואָלקנס.

ער האָט זיך געהאַט שוין אינגאַנצן צוריקגעצויגן אין שטוב אַריין און פאַרמאַכט די טיר, וואָס האָט זיך אויפסניי פון זיך אַליין אַביסל צוריק אויפגעלענט. זי איז געבליבן שטיין מיט אַ קליינער געעפנטער שפּאַלט.

ערשט איצט האָט גנעסאָוו דערזען, אַז דורך דער טירשפּאַרע האָבן שוין אָנגעהויבן אַריינבלייכטן, ווי יעטוועדן אָוונט, די צוויי זייער נאָענטע פּאַליען־דיקע שטערן פונעם נידעריקן דורכזיכטיקן הימל. דאָס חדרל אינעווייניק איז געווען כמעט אַ ליידיקס. פון די געקאַלכטע ווענט און פון דער סטעליע זענען געפאַלן דינע, פאַרטריקנטע פלאַסטן אויפן דיל. דאָס אייזערנע בעטל איז געשטאַנען פון אין דער פרי ניט פאַרדעקט. אַזוי ווי ער האָט עס געלאָזט פאַר דער נסיעה. אויפן שוואַרצלעכן טיש־ברעט זענען געלעגן פאַרקרויזלט פון דער היץ די פּאָר גראָלעכע ברויטרינדלען ווי טרוקענע בלעטער. די קאַץ, וואָס האָט זיך צו אים געהאַט צוגעבלאָנקעט דאָ, באַלד דעם ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען אַהער און איז דאָ שוין פאַרבליבן, איז אַ צונויפגעוויקלטע געזעסן מרה־שחורהדיק אויף אַ שטול. זי האָט אויס־געזען אין גנעסאָווס אויגן ווי אַ ריזיקע דרימלענדיקע סאָווע. זי האָט איצט אָנגעשטעלט אויף אים אירע גרויסע, גרינלעכע, געשפּאָלטענע אַפּלען. זיי האָבן זיך בײדע לאַנג, לאַנג אָנגעקוקט. דערנאָך האָט זי זיך פּאַוואָליע אויפגעהויבן פון שטול און מיטן געבויגענעם רוקן זיך גענומען וויקלען ביי זיינע באָרוועסע פיס. זי איז געווען, די קאַץ, אַ גאַנצן טאָג אַליין אין דער פאַרשלאָסענער שטוב. זי האָט מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט דעם אַלטן מענטשנס צוריקקומען. איר רוקן איז געווען וואַרעמלעך און ווייך. גנעסאָוו האָט זיך געוואָלט איינבייגן און זי אַ גלעט טאָן. ערשט איצט האָט אין אים אויפסניי אויפגעוואַכט די פריער איבערגעשניטענע מחשבה: דאָס בינטל מיטגעבראַכטע פון דרום פאַרטריקנטע גרעזער, וואָס ליגן אויס־געמישט מיט די שטאַרק רויטלעכע פלאַנצן אויפן טישל. הינטער זיי ליגן טאַקע די פאַרקרויזלטע דינע ברויטרינדלען פונעם גיך־פאַרצערטן פרישטיק באַגינען. אויף זייער פאַררונצלטער ברויטהויט איז געפאַלן אַ זאַפּטיקער אָפּשיין פון די צעשיטע רויטלעכע פלאַנצן.

מיכאַאיל גנעסאָוו האָט די פלאַנצן גיך אַ כאַפּ געטאָן אין די הענט, אַריינגעשטעלט אינעם קריגל און גענומען אָנגיסן וואַסער. דאָס בינטל גראָזן האָט זיך פלוצעם אויסגעגליכן און געוואָרן העכער. די רויטלעכע טאָלפּלאַנצן פון דרום האָבן אויפגעהויבן זייערע קליינע צעטראָטענע קעפּלעך. זיי האָבן זייערע אָנגעטרונקענע העלדזלעך לייכט אַריבערגעבויגן

איבער דער קרוג. גנעסאָוו האָט זיי אויסגעגליכן און דערנאָך דאָס קריגל אַוועקגעשטעלט אויפן בענקל לעבן בעטל. ער האָט זיך פּאַוואָליע אָראָפּגע־לאָזט אויפן שוואַרצן, אייזערנעם בעטקאַנט. די הענט, אַביסל ציטערנדיקע און נאַקעטע, מיט ווייסלעכע פלעקן, האָבן איינגעפּאַלדעוועט דעם אַלטן האַלדז און אונטערגעהאַלטן די אַראָפּגעלאָזטע לויזע קינביינער.

ער האָט שוין אומצאָליקע מאָל געטראַכט: ניט אַזוי אָפט דאַרף ער מאַכן די דאָזיקע טרויעריקע נסיעה צום זון. ס׳וואָלט גענוג געווען איין מאָל אין יאָר, אָדער צוויי — ווי אַלע טוען דאָס. אָבער בשום אופן ניט אַזוי ווי ער, מיכאַאיל גנעסאָוו, טוט עס. ס׳איז גאָרניט מענטשלעך און אויך ניט לויטן יידישן דין. און וואָס גיט עס אים דאָס אַלץ פאַר זיין אַלט האַרץ? קוים פאַרגייט אָבער אַביסל צייט — און שוין ווידער באַפאַלט אים דער טונקע־לער, אומפאַרשטענדלעכער כוח. ער קאָן זיך זיי ניט אַקייגנשטעלן, די־אָ שאָטנהאַפטיקע, טויטע אָרעמס פונעם געפאַלענעם זון. זיי ציען עס דעם אַלטן טאַטן אַרויס פונעם חדרל, צום בערגל, צו די גראָגרינלעכע זאַמדן פון האַלבן מדבר. וואָלט כאָטש דער וועג אַהין ניט געווען אַזוי שווער און מיט אַזוי פיל שטרויכלונגען. ס׳איז שוין מסתם אויך ניט פאַר זיינע יאָרן, שטרויכלונגען? און ער, גבריאל, ער, וואָס רוט אונטערן בערגל — ווי האָט דעמאָלט אויסגעזען זיין וועג אַהין? אָבער ווי אַזוי איז מען גובר דעם שאָטנהאַפטיקן, איבערערדישן כוח פון געפאַלענעם? איז ער דאָך, מיכאַאיל גנעסאָוו, אַהערגעקומען אין לאַנד נאָר צוליב גבריאלן, וואָס איז געפאַלן באַלד אין די ערשטע חדשים. ער האָט שוין דאָ געטראָפן בלויז זיין פלאַך בערגל אין מדבר, אַזוי ווייט פון אַ מענטשלעכן ישוב...

נישט אַזוי גרינג איז עס געווען דאָס קומען אַהער, נאָך יענע שווערע יאָרן און נאָכן גרויסן נס. ס׳איז דעמאָלט גאַנצע חדשים אַנגעגאַנגען אין זיין אַלט האַרץ אַן אָפּגרונטיק און ווייטיקלעך גערנגל. דאָס איז געווען, דאַרף מען זאָגן, אַן אויסטערלישע, זעלטענע מלחמה צווישן צוויי טויטע — צוויי פאַרלוירענע מענטשן. אייגנטלעך איז דער געראַנגל אָנגעגאַנגען צווישן צוויי קברים. יעדער האָט מיט זיינע פאַרצערנדיקע, אונטערערדישע פלאַמען אים געצויגן צו זיך, אַזוי ווי דאָס טוט אַ שווינדלענדיקער, גרינער אָפּגרונט אונטער די פיס. דער געראַנגל האָט זיך געצויגן צווישן פרישן

קבר פון געפאַלענעם זון אין נגבֿ־מדבר — און דעם קבר פון זיין ווייב, וואָס איז געשטאָרבן באלד נאָכן באַקומען די בשורה וועגן גבריאלן. זי רוט איצט אינעם צעפאַלענעם, אַלטן בית־עלמין־פּערטל, וואָס זיינע נידעריקע מויערן בליקן אַריבער צו דער ווייסל. דאָרט איז נאָך פאַראַן דער גרינלעכער פּלאַץ, איינגעקויפט מיט דורות צוריק פונעם עלטערזיידע ברוכל מילנער, וואָס האָט געצויגן זיינע עסקים ביז אויף די הייף פון די גרויסהערשער פון קרוינפּוילן. און די אַלטע, פּוילישע בית־עולם־ערד האָט דורות־לאַנג געוואַרט, כדי צוריק אויפצונעמען אין זיך אים, מיכאַיל גנעסאָוו, זיין ווייב און אויך, נאָך הונדערט און צוואַנציק, זייער איינציקן זון. און זי איז געבליבן איצט דאָרט גאָר אַליין, אונטער די צעצווייגטע, שיינע פּוילישע קליאַנען. אויפן טויטנבעט האָט ער איר געגעבן דעם נדר. „גיי צו אים, צו גבריאלן, לאָז אים ניט אַליין — ס'וועט דאָך קיינער אַפילו ניט דאָרט זיין, וואָס זאָל זיך אויסוויינען ביי אים אין דער מדבר, מיכאַיל"...— האָט זי אים באַשוווירן אין אירע לעצטע רייד — „אין דער מדבר ליגט מיין האַרץ, מיכאַיל, און וואַרט אויף דיין טרער... גיי צו אים... גיי צו אים..." — — —

איידער איר ווילן איז געשען, איז די מלחמה אין זיין האַרץ לאַנג אַנגעגאַנגען מיט אַלע אומקלאָרע, צעפּלאָנטערטע יידישע מחשבות און אַנגסטיקע ראַנגלענישן. אין דער ליידיק־געוואָרענער פּוילישער שטוב, נאָך דאָרטן, האָט זיך פאַר מיכאַיל גנעסאָוו אויסגעשפּרייט אין די נעכט אַ פּלאַ־מענדיק שלאַכטפעלד, צווישן שטחים טויטלעכע, וואָס האָבן גערוט אין צוויי אַנטקייגנגעזעצטע ווינקלען. די צוויי הילצערנע שוואַרצע ארונות — פונעם געפאַלענעם זון און פון זיין ווייב — האָבן צווישן זיך געפירט דעם געראַנגל, וויביידע וואָלטן די מלחמה געפירט צוליב זיין אַלטער, איינזאַ־מער טרער. דער זקן מיכאַיל גנעסאָוו האָט אַריינגעבליקט אינעם שלאַכטפעלד פון די צוויי שמאָלע, ערדישע טויטן־געלעגערס. פון יעטוועדער ערד־טיפעניש האָבן זיך צו אים געצויגן הענט — אומגעזעענע און דאָך קלאָרע, אַנגעצונדענע מיטן אייביקן טויטליכט, וואָס באַהויכט די צעפאַלנדיקע ערדישע גלידער מיטן בונד פון גאָט און אין־סוף.

אין דער דעמערונג פון די גרינלעכע האַלבשאָטנס איז פאַר אים אויפגעשטאַנען אַ ליכטבונד. אַן אויסטערלישער, גרינער פלאַנצן־גאָרטן,

גענערט פון שטערן־פייערן, וועט פון איצט אָן בליען דורך אַלע אומצאָליקע קומענדיקע דורות מיטן ליכט פונעם טויטבונד. ער האָט מער ניט אַרייַנגעבליקט אין מענטשלעכע פּנימער און ניט געזוכט אין זייערע אויגן נאָענטקייט אָדער טרייסט. ער האָט זיך בלויז צוגעהערט צו זיין אייגן אַלט האַרץ, ווו ס׳איז פאָרגעקומען דער גראַנגל צווישן די צוויי טויטע. און ער האָט געוואַרט אויפן זיג. טייַלמאָל האָט דער נצחון זיך דערנענטערט צו דער פּוילישער בית־עלמין־ערד, טייַלמאָל ווידער איז גבריאל, שוין אַ געפאַלענער, אָפּגעטיילט מיט אַזוי פיל ימים און יבשות, צוריק אויפגעשטאַנען פון זיין נגב־געלעגער און זיך אַראָפּגעלאָזט דעם טאַטן צו די פיס. ער איז געלעגן, דער זון, ביז אין דער העלפט פון זיין גוף איבערגעדעקט מיט אַ רויטלעך־גליאיקן זאַמד, וואָס האָט אויסגעזען ווי בלוט. ער איז געלעגן מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ ביי זיינע קני און געוויינט. און דעמאָלט איז געקומען דער נצחון פון גבריאלן. איבער מיכאיל גנעסאָוו איז געפאַלן די אַנטשיידונג. און זי איז געקומען פּלוצעם ווי די ליכטגעבורט פון אַ מחשבה.

איצט איז אין חדרל, אַרום בעטל, אַרומגעשוועמען אַ וואַרעמע פינצטערניש, כאָטש דער שטוב־חלל איז נאָך געווען איבערפול מיט גראָלעך־גראַנאַטענע שטרייפן. מיכאיל גנעסאָוו האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט די הענט פון ביידע קינבאַקן און זיי אַוועקגעלייגט אויף די קני. די קינבאַקן האָבן געציטערט. די גלידער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין די ליידיקע, געפּאַלדעוועטע זעקעלעך. ער איז נאָך לאַנג געזעסן אַ באָרוועסער אויפן בעטל. לעבן אים אויפן דיל האָט געגרוט דער וואַרעמלעכער גוף פון דער קאַץ. זי האָט געדרימלט אין דער דעמערונג.גנעסאָוו האָט אויפסנייַ אויפגעהויבן די אויגן צום בינטל רויטלעכע פלאַנצן, וואָס ער האָט היינט מיטגעבראַכט פון דרום. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום שוואַרץ־אייַנגערעמטן פּאָרטרעט אויף דער וואַנט. גבריאל, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן, ווייסן כאַלאַט, נאָך פון די ערשטע לאַבאָראַטאָריע־צייטן, האָט אויף אים אַראָפּגעקוקט מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל איבער זיינע דינע קינדערשע ליפּן. זיינע אויגן זענען געווען רונדיקע, בלאָלעך־פּולע און האָבן געלויכטן. זיי האָבן אַראָפּגעבליקט גראָד צום בינטל גראָזן און פלאַנצן, וואָס האָבן געפלאַמט מיט זייער שיינער רויטקייט. דאָס קריגל אונטער זיי האָט זיך געטונקט אין אַ רויטלעכן שאָטן.

דורך דער אָפֿענער טיר האָט גנעסאָוו דערזען, אַז די צוויי אַריינבליצנדיקע נידעריקע שטערן האָבן זיך ברייטער צעפֿינקלט. אַ קילער אָונט־ווינט פֿון די בערג האָט אומגעדולדיק געקושט די טיר־ראַם. פֿאַרבאַהאַלטענע ערגעץ־ווו פּרילינג־וואָלקנס האָבן פֿאַרויסגעשיקט זייערע גוטע ווינטיקע ריחות. דאָס, וואָס איז פֿאַר אַ רגע אַדורכגעגאַנגען גנעסאָווס דמיון, האָט זיך צעפֿלאָסן אין דער שטילקייט. ער איז שוין געזעסן אין גאַנצן אין דער פֿינצטער, בעת די טיר האָט זיך פֿאַוואָליע שטיל פֿונאַנדערגעעפֿנט. אַ גרינלעכע, געדיכטע ליכטיקייט פֿון אַ גרויסער באַרג־לבנה האָט זיך אַריינגעשניטן דורך דער שוועל. און אין סאַמע מיטן פֿונעם צעשניטענעם לבנה־פּאַס, וואָס איז געשווומען איבער דער שוועל, איז איצט געשטאַנען דאָס דאַרע תימנער מיידל פֿונעם שכן.

*

בעת זי איז אַריבער די שוועל דורך דער אָפֿענער טיר האָט זיך דער זילבערדיקער לבנה־פּאַס אַוועקגעלייגט פֿאַר איר איבערן דיל ביז צו דער וואַנט, ווי אַן אויסגעשפּרייטער ווייסער כּישוף־טעפּיך. אין סאַמע מיטן פֿונעם טעפּיך איז זי געשטאַנען, רחמה, אַ פֿאַרשעמטע און פֿאַרשטילטע. דאָס מיידל איז געווען דאַר און אויפֿגעהויבן ווי אַ זונבלום. איצט, אינעם לבנה־ליכט, האָט זי אויסגעזען נאָך דאַרער און דורכזיכטיקער, ווי אַ ווייס נאַכט־געשפּענסט. די קליינע, קינדערשע פֿיס זענען געשטאַנען אין אָפֿענע, האַלב צעפֿאַלענע שטוב־פּאַנטאָפֿל. זיי זענען געווען צו גרויס פֿאַר אירע שמאָלע, נאָך קינדערשע פֿיאַטעס. זי האָט געהאַט זייער שמאָלע, פֿאַרבויגענע אַקסעלעך און אין די הענט האָט זי געהאַלטן פֿאַר זיך איבער דער שמאָלער, מיידלשער ברוסט אַ שוואַרצן טאָפּ, וואָס איז געווען איבערפֿולט מיט מילך. איר קאָפּ איז געווען אַרומגענומען מיט אַ ווייס טיכל און די ווייסקייט פֿונעם קאָפּטיכל האָט זיך ביסלעכווייז פֿאַרווישט מיט דער פֿליסנדיקער לבנה־ווייסקייט. דאָס קילע ליכט האָט דורכגעפֿלייצט איר קינדעריש פּנים ווי דורך אַ קרישטאָלענער שויב. פֿון איר אונטערשטן פּנים־טייל האָט זיך שאַרפֿער אָנגעזען איר איידעלער, שפּיציקער, מיידלשער קין. אירע צוויי ברייט אויפֿגעפּראַלטע אויגן האָבן געקוקט פֿאַר זיך דערשראָקענע מיט אַ

שוואַרץ, נאָך אומריף ווייבלעך פּיער. דאָס פּייער האָט זיך געגאָסן מיט אַן אומעטיקער, שטילער גלוטיקייט און אומקלאָרע גאַרענישן. זי האָט אַ פּאַרווירטע געבליקט פאַר זיך. אירע דינע, לענגלעכע ווימפּערן זענען די גאַנצע צייט אַראָפּגעהאַנגען איבערן שוואַרצן טאַפּקאַנט. זי האָט זיך נאָך אַלץ געשעמט צו שטעלן אַ טראָט ווייטער אין חדרל אַריין. דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג ביז גנעסאָוו איז אַן אויפגעכאַפּטער פון בעטל איר אַנטקעגנגעגאַנגען מיט די נאַקעטע פיס איבערן דיל.

— אָ, רחמהלע, בואי... קום, קום... אַ דאַנק... תודה, רחמהלע... תודה...

זי פלעגט די לעצטע וואָכן כמעט יעטוועדן טאָג אַריינברענגען צום פרעמדן ניי־געקומענעם מענטשן דאָס טעפּל מילך שוין אַן אויפגעקאָכטע און וואַרעמע. עפּעס האָט איר דער פאָטער אַן אויפהער דערציילט וועגן דעם אשכנזישן שכן. וועגן דעם, אַז דער פרעמדער ייד מיט דער האַלב־גראָלעכער באָרד פאָרט יעטוועדע פאַר טעג צום קבר פון זיין טויטן זון אין נגב... אַז ער איז אַ זייער גאָטספאָרכטיקער און הייליקער מאַן... מסתם אוודאי פון די פאַרהוילענע... פון די ל״ו צדיקים... צי הערט ער דען נישט אים ביי־נאַכט וויינען? אפשר איז עס בעתן תהילים זאָגן? אָדער ביים לערנען משניות? זי דאַרף זיין גוט צו אים, רחמה... זייער גוט... דער טויטער זון איז געווען פון די גיבורי־ישראל... ווען נישט ער, דער זון, — צי וואָלטן זיי געקומען דאָ אַהער אין הייליקן לאַנד? צי איז ניט דער אַלטיטשקער פרעמדער ייד דער, וואָס האָט געבוירן פאַר זיי משיחן?...

דאָס מיידל האָט איצט אויפגעהויבן אירע אויגן צום אַלטן מענטשן, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען איבער איר און געשוויגן. ער האָט אויסגעזען אינעם קאַרגן בלאָלעכן ליכט ווי אַן אַלטער פאַרמאַכיקטער דעמב, וואָס בייגט זיך איבער אַן אויפגייענדיק דאַרביימל. זי האָט די אויגן לאַנג נישט אַראָפּגענומען פון זיין פנים און אויך געשוויגן. אַ דורכגעפּלאָנטערט צוקן האָט אַראָפּגעבויגן איר לענגלעך, תימניש פנים צום דיל. הינטער די וויגנדיקע אויגן־לעדלעך איז געלעגן אַ ציטערנדיקער אָפּשיין פון תפילה און רחמים. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל ווי זי קומט דאָ אַריין צום אַלטן מענטשן. אָבער קיינמאָל האָט אין איר דאָס האַרץ אַזוי ניט געפּלאָנטערט אין

מיידלשער שרעק ווי איצט. אפשר איז עס דערפאַר וואָס הינטער איר איז די גאַנצע צייט געפלאָסן דער פאַרכישופטער לבנה־טעפּיך ביי אירע פיס? זי האָט זיך דערנענטערט צום אַלטן מענטשן און געבליבן שטיין אַזוי נאָענט ווי ער וואָלט זי געדאַרפט בענטשן. מיכאַיל גנעסאָוו האָט דעמאָלט אַרויפ־געלייגט זיינע ביידע אַלטע הענט אויף איר קעפּל מיטן ווייסן קאָפּטיכל. דערנאָך האָט ער אָנגענומען ביי ביידע עקן די צוויי ווייסע אָפּשטייענדיקע שפּיצן פונעם קאָפּטיכל הינטער איר האַלדז און זיי געגלעט ווי דאָס וואָלטן געווען צוויי אָפּשטייענדיקע ווייסע פליגל פון אַ טויב.

— אַת מאד... מאד נחמדה... רחמהלע... אַ דאַנק, מיין קינד... אַ דאַנק...

דאָס מיידל האָט אויפגעפלאַטערט. אין אירע אויפגעריסענע אויגן איז געבליבן פאַרגליווערט אַ שוואַרצער אויפגעשפּראָצטער פלאַם. דער פלאַם האָט געזוכט דעם אַלטנס הענט מיט עפּעס אַ זיסלעך־טריפנדיקן געטראַנק. זי פלעגט קיינמאָל אַזוי לאַנג ניט בלייבן מיט דער מילך ווי היינט. זי האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דעם שוואַרצן טאָפּ הויך איבער איר פלאַכער ברוסט. גנעסאָוון האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פון דער לייכט־פּאַליענדיקער מילך־אייבערפלאַך, וואָס האָט געציטערט אינעם טאָפּ, שלאָגט־אָפּ אויף איר פּנים אַ זילבערנע ליכטיקייט. איצט האָט זי מיט ציטערנדיקע פינגער אים דערלאַנגט דעם טאָפּ. קליינע פּליסיקע מילכטראָפּנס, ווי ווייסע פאַרגלי־ווערטע טרערן, זענען געפאַלן אויפן דיל פונעם שוואַרצן טאָפּראַנד איבער אירע שמאָלע מיידלשע פינגער. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געוווסט וואָס. זי האָט נאָר אויפגעהויבן אירע פּיכטלעכע פינגערשפּיצן צום מויל, דאָרט זיי לאַנג געהאַלטן צווישן די ליפּן און אַרויסגעמורמלט:

— אדון... אדון... טוב... נח—מד...

איבער מיכאַיל גנעסאָווס פּנים האָט זיך אָוועקגעלייגט אַ גראָלעכער אָפּשיין פון אבלות. אפשר דערפאַר וואָס דער לבנה־טעפּיך האָט זיך פּלוצעם אָוועקגעגליטשט און נאָך אַ רגע איז ער לחלוטין פאַרשוווּנדן. אַנשטאָט אים האָט זיך צופוסנס געלייגט אַ פּליסנדיקע פינצטערניש. אין חלל פון חדרל איז געשטאַנען אַ ציטערנדיקע האַלב־פינצטערניש. דורכן קליינעם פענצטערל האָט זיך אַריינגעזיפּט דער אָפּגלאַנץ פון צעשאָטענעם, דרויסנ־

דיקן נאַכטליכט. דאָס מיידל איז שוין געשטאַנען אין גאַנצן אַרומגענומען מיט דער פינצטערניש ווי אַרומגעוויקלט אין אַ שוואַרצלעכן שאַל. גנעסאָוו האָט דעם טאָפּ מילך אַוועקגעשטעלט אויפן טיש, דערנאָך גענומען אַ בינטל פלאַנצן פונעם קריגל. ער האָט זיי אַוועקגעלייגט איבער אירע פינגער, וואָס זענען נאָך געווען פייכטלעך פון די מילכטראָפּנס. די גראָזן האָבן זיך פּאַוואָליע אַראָפּגעגליטשט פון אירע הענט אויפן דיל. און איידער גנעסאָוו האָט געוואָלט עפּעס זאָגן — איז זי גיך אַדורכגעלאָפן די שוועל מיט אַ שוואַרץ, דערשראָקן, נאַכטיק געוויין. — — —

*

נישט ווייט פון די גליאיקע בלעכביידלעך אַרום די ירושלימער בערג זענען זיי נאָך געלעגן — די פאַרראָסטיקטע, גאָלדיק־טויטע איינגעווײדן פון אויטאָס, אָפּגעריסענע, שאַרפע בלעכן און טויטלעך־פאַרווונדיקטע מלחמה־אייזנס. זיי זענען געלעגן אין די נידעריקע שאָטנדיקע באַרג־פּרוזדורן, צווישן די שמאָלע באַרג־דורכגענג און אויף אַלע זייטן־סטעזשקעלעך נאָענט צום הויפּטוועג. זיי האָבן דאָ גערוט — די שוואַרצע פאַרבליבענע סימנים פון אַ לעצטן טויטלעכן געראַנגל. איבער די שטאָלענע, צעקנייטשטע מעטאַל־פּלאַטן, איבער די צעפּאָלענע רעדער און צעשפּאָלטענע טויטע אייזנס האָט זיך מיט דער צייט אָפּגעזעצט אַ טרוקענער, גראָלעכער באַרגזאַמד. דאָס האָבן די מיזרחדיקע באַרגווינטן איבערגעטראָגן אַהער דעם שטויב פון די קרישלענדיקע נידעריקע באַרגפּלאַסטן. די אַלע פאַרווונדיקטע און פאַרשטאַרבענע טויט־כלי־זין האָט אַ מענטשלעכע האַנט פון וועג ניט אָפּגעראַמט. זיי זענען דעריבער פּאַוואָליע אַראָפּגעזונקען אין דער ערד, אַרויסשטאַרטשנדיק בלויז אויף דער אויבערפלאַך ווי סימנים פון אַלטע, שפּיציקע מצבה־שטיינער. פּלוצעם, צום דריטן באַרגפרילינג, האָבן די מענטשן פון די קליינע געצעלטן דערזען, אַז די אַלע אייזערנע טויטן־רעשטלעך הייבן אָן ביסלעכווייז צו פאַרשווינדן טיפער אין דער ערד. מען האָט זיי שוין קוים, קוים אָנגעזען אין דרויסן. דער געדיכטער באַרגשטויב, וואָס האָט איבערגעדעקט זייערע גופים, האָט זיך אויף זיי אָפּגעזעצט אין אַ דיקלעכער ערדשיכט. מיט אַ מאָל האָבן אַרום זיי גענומען אויפגיין שיינע, דורכזיכטיקע באַרג־

גראָזן און צווישן זיי — די קיינמאָל ניט שטאַרבנדיקע הויכע מאַקאַבייער־בלוט־בלומען. ס׳איז שוין שווער געווען צו געפינען איבערן גאַנצן שטח אַ טויטלעך־פאַרזשאַווערטע בלעך. די גראָזן אַרום זיי זענען מיט יעטוועדן טאָג געוואָרן העכער און געדיכטער, אַזוי, אַז דעמאָלט ווען מיכאַיל גנעסאָוו איז דאָס ערשטע מאָל אָנגעקומען אַהער, כדי צו וווינען צופוסנס פון די בערג, האָט ער שוין ניט געזען די מינדסטע סימנים פונעם טויט־געראַנגל, וואָס איז דאָ אָנגעגאַנגען צווישן די שמאָלע, שאָטנדיקע באַרגוועגן.

ס׳איז געווען גאָר שווער לכתחילה. די ווייס־בלעכענע הייזלעך, אויפֿגעשטעלט ווי אַ שורה בינשטאָקן, האָבן פון זיך מיט אַ פייערדיקער גלוט צוריקגעשליידערט די הונדערטער פלאַמענדיקע זונען, פאַרפלייצנדיק מיט זייער צעשמאָלצן פייער יעטוועדן ערדשפּאַן. ס׳רוב איז דאָס געווען אין די טעג בעת פון איבער די בערג זענען געגאַנגען די טרוקענע מדבר־ווינטן. ער איז געלעגן דעמאָלט, מיכאַיל גנעסאָוו, אַן אויסגעשטרעקטער אינעווייניק אויפן נאַקעטן דיל און האָט שווער געאָטעמט. אים האָט זיך געדוכט: אָט — ער איז געקומען דאָ אַהער שטאַרבן... אַזוי ווי ער — גבריאל. און באַלד וועט עס טאַקע געשען — צווישן די אויסטערלישע יידן, צווישן זייערע פרעמדע תפילות, ביי די קרישלנדיקע שוואַרצע בערג, וואָס אָטעמען מיט אַזוי פיל יענעוועלטיקע פחדים, אונטער דער זון, וואָס האַלט געפאַנגען די ערד אַן איינגערייפטע אין איר צעגאָסענעם פלאַמענטייך...

וואָס מער מיכאַיל גנעסאָוו האָט געטראַכט וועגן שטאַרבן אַלץ מערער האָבן אים די טויט־מחשבות געפירט צוריק אַהיים. ס׳איז טאַקע געווען אַזוי ווי ער האָט תמיד געטראַכט: די לעצטע טעג פון אַ מענטשנס לעבן קערן זיך תמיד צוריק צו זייער אָנהייב. אָט אַזוי ,למשל, ווי אַ וואַסער־טראָפּן פון ים: ער גאַרט זיך אויפצוהייבן אין דער הייך, ווערט אַ טייל פונעם שוועבנדיקן וואָלקן, שוועבט, שוועבט, שוועבט — און אַלע וואָלקנס זינקען ווידער צום ים. פאַר זיינע אויגן אויפן דיל האָט נידעריק געקרייזט אַ שוועבנדיקער, גרינלעכער קנויל. אָט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט, דער קנויל, און אָט ווידער אויפגעהויבן, געוואָרן אַ קליינע, געבוירענע לבנה. ער איז געשוווּמען, דער קרייז, אין אַ טיפן בלאָלעכן חלל, זיך צעגלידערט און ווידער אים אַנטקייגנגעקומען גאַנצערהייט מיט אַ סך ציטערנדיקע, הימלדיקע ליכט־מזלות.

תחילת איז דאָס געווען: די שטוב — אַ בלאָלעכע, אַ הילצערנע. זי זיצט אויף די ווייסלעכע וואַסערזאַמדן גאָר נאָענט פונעם טייך. דער טאַטע לויפט יעטוועדע ווילע אַרויס, זען צי די וויסל האָט שוין געריִרט. צי קאָן מען שוין אָנהייבן בינדן די טראַטוועס? איידער ער קומט צוריק פון דרויסן, הערט ער: די שטיוול זיינע טרעטן איבערן טרוקענעם שניי ווי איבער זאַלץ. נאָ־אָ־אָך ניט! נאָ־אָ־אָך ניט! צי רעדט דאָס אַזוי איצט דער טאַטע, אָדער די שטיוול? די טיר עפנט זיך. או—הו! געקאָוועט ווי מיט אַן אייזן! נו, מיכאַילקע — רעדט שוין דער טאַטע איבער אים — ווען זיך אַריבער־שליטלען צו די דאָברוצקיס, הע? — אַהאַ: דער טאַטע, זעט אויס, ווייס שוין אַלץ. ער איז אומצופרידן, אַפילו בייז. נאָר פאַרוואָס איז ער אַזוי — איז נאָך ניט קלאָר. ביי די דאָברוצקיס איז פאַראַן זי — וויקטאָריאַ. וויקטאָריאַ? ניין, ניט וויקטאָריאַ, נאָר וויכנע, טאָקע וויכנע. זי איז ווייס ווי מילך. און קליין. קלענער נאָך פון אים. און אַזוי ווי דורכזיכטיק. ער האָט איר אַנומלט, מיכאַילקע, געוויזן ווי אַזוי ער לייגט תפילין. דאָס איז געווען באַלד ביים אָנהייב, ווי נאָר דער טאַטע האָט אים געהאַט אויסגע־לערנט. — „קוק זיך צו, וויכנע: תחילת גייט עס פון אויבן, יאָ, פון דער נאַקעטער האַנט. אָט אַזוי. דערנאָך — אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ — ביז אויפן פינגער". — אַז זי וויל, קאָן ער איר ווייזן, וויכנען. ווי אַזוי? פּשוט — מיט אַ ריטל. ווייניק ריטלעך וואַקסן דאָ? זיי זיצן ביידע הינטער אַ קוסט. דער־נעבן — אַ דיקלעכער פּניאַק נאָך אַן אָפּגעזעגטן בוים. און אויפן פּניאַק אַרום וואַקסן נאָך ריטלעך. הינטערן פּניאַק — אַזוי פיל מחנות מוראַשקעס... וואָהין איילן זיי זיך אַזוי, די מוראַשקעס? אַפילו דאָברוצקיס הונט מיט די האָזן־אויערן ליגט אויך דאָ. דער קשאַק שמעקט. אַזוי ווי אַ פּעניצל פאַרברוינט ברויט. און דער הונט נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון וויכנען. זי ציט־אַרום איצט איבער איר אָרעם דאָס דינע בוימריטל. ער העלפט איר דערנאָך וויקלען דאָס ריטל. זי האָט טאָקע אַזאַ ווייסע, וואַרעמע הויט. אַז ער קומט צו צו איר פינגער — קוקט זי אויף אים מיט קליינע, ווייסע ווימפּערן אַרום די אויגן און שמייכלט. אָט אַזוי. נאָך איין מאָל און שוין. דאָס איז אַלץ. און ווידער לויפן אַזוי גיך די מוראַשקעס אין קליינע, ציטערנדיקע שנורן איבערן זאַמד... פּלוצעם: ווידער די אויגן פון טאַטן... ער מוז אים אַ פרעג

טאָן, דעם טאַטן, נאָר ער פרעגט ניט. צי איז אַ זינד צו וויזן וויכנען ווי אַזוי ער לייגט יעטוועדן טאָג תפילין? טאַקע — די פינגער וויכנעס: קליינע, גאָר קליינע. און ווי קומט עס, אַז ער זאָל זיי איצט, דאָ אינעםביידל, נאָך זען אַזוי ווי דעמאָלט? הייסט עס: גאָרניט איז אָפּגעפלאָסן אין דער צייט. אַלץ איז פאַרגליווערט. רוט אינעם דמיון ווי אַמאָל. נאָך מערער און גליאיקער. אַ פורעם, אויסגעגאָסן פון וואַקס. אָדער: אַ פוסשפור פון אַ פויגל אינעם שניי. וויפל שיינע טונקעלע פייגלפיס ציען זיך אַראָפּ אינעם שניי. ביז צו דער ווייסל. אַפילו דאָס בוימריטל איז נאָך אַזוי גרין. און ווייסלעך ביי די עקן. ניין, נאָך גרינער ווי דעמאָלט און נאָך ווייסלעכער. דער טאַטע וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם פעלץ. די מאַמע שטעלט אויפן טיש דעם בלאָלעכן, געבלימטן פאַלמיסעק. אַרום אים הייבט זיך אַ געקרייזלטער וואָלקן. זי קוקט אומצופרידן צום טאַטן: „אפשר וואָלסטו ניט געפייניקט ס׳קינד, משה־הערש? און צו אים: — „קום, מיכאַילקע, קראַץ נישט אין דער שויב... זי קאָן אַמאָל פּלאַצן...". ער קוקט גראָד דורך דער שויב, ווו ער האָט איינגעפרעסט אין איר פראַסטיקן שניי אַ קליינע מטבע, מיט אַ צעפלאַטערטן שיינעם אָדלער. קוקט ער דורך די פליגל פונעם אָדלער אַהין, איבערן טייך. די מאַמע האָט ווידער מורא די שויב זאָל ניט פּלאַצן. קראַצט ער שוין מיט די פינגער די מטבע־ראַנדן אַראָפּ פון דער שויב: ז—ז—ז—ז—ז—ז— .... קליינע שניי־ברעקלעך לייגן זיך הינטער די נעגל. זיי בריען אַזוי ווי פייער. אפשר איז עס טאַקע פייער? ניין, ווי קאָן דאָ זיין פייער אינעם שניי? די פליגל פונעם אָדלער וועט ער לאָזן. זאָלן זיי בלייבן. אים איז אַ שאָד זיי אויסצוקראַצן. מען זעט דורך זיי גראָד דאָברוצקיס ווייסן קוימען; די וואַסערמיל; די צוויי הויכע טאָפּאָליעס; אַז מע וויל, קאָן מען אַפילו זען דעם בוימפניאַק. זאָלן זיי בלייבן אויף דער שויב, די פליגל. מען קאָן צוזאַמען מיטן אָדלער זיך אַריבערטראָגן איבערן טייך: נידעריק, נידעריק. וועט ער זיי בלויז פאַרהויכן מיטן אָטעם. אָט אַזוי: הו—! הו—! הו—! — און זיי וועלן בלייבן, די פליגל ביז... הו!— הו—! הו—!... —

*

דער שאָרכנדיקער ווינט, וואָס גייט פונעם יינגלס הויך איבער דער

פאַרפראָסטיקטער שויב, שטעלט פלוצעם אַוועק פאַר די אויגן די דריי פּאַביאַניצער. דאָס זענען טאַקע זיי — די דריי קליינע, איינגעשרומפּענע יידן. זיי זענען ערשט נעכטן אַרויס דורכן בית־עולם. קוים געשטעלט אין דרויסן, הינטערן צוים, די ערשטע טריט. זיי גייען מיט אַרומגעפּליקטע הויזן ביז צו דער קני. די אָפענע קני־קנעכלעך זענען בלאָלעך. די רעקלעך אויף זיי איבערגעקערט און די הענט פאַרבונדן אין די אַרבל, אויף הינטן. די דייטשן ווילן, אַז יעטוועדער זאָל זען ווי די דריי פּאַביאַניצער גייען אויף דער תליה פאַר אַנטלויפן פון געטאָ. אַ גרויסע יידן־עדה אויפן מאַרק. אַפילו קינדער. די פּנימער קוקן אַרויף, אַרויף. אויך גנעסאָוו. דאָס תליה־האָלץ איז זייער ווייס און פריש. אונטער דער תליה — אַ טישל. וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס ליגט פאַרוויקלט אויפן טישל? פון ווייטנס זעט עס אויס ווי אַ פאַרוויקלט קינד. איצט פירט מען זיי, די פּאַביאַניצער. נאָך איידער זיי קומען צו נעענטער — וויקלען די דייטשן שוין אויף דאָס פּעקל. און זע: ס׳איז גאָר אַ ספר־תורה, אַ קליינע, מיט רונדיקע, אָפּשטייענדיקע, ווייסע הענטלעך. און אַ מענטעלע. יעדער פון די דריי וועט מוזן אַרויפגיין אויפן טישל, שטעלן זיך מיט די פיס אויפן פאַרמעט און דערנאָך אויסשטרעקן דעם האַלדז. צוערשט גייט דער נידעריקער. ער איז דראָבנע ווי אַ קינד. זיין פּנים איז שוואַרץ. ער פאַלט הינטער זיך. אַז ער קומט צו צום טישל — גייט־אָפּ די שוואַרצקייט פונעם פּנים. ס׳לייכט אַפילו. אַזוי ווי אַ ווייסלעכער שטיין, וואָס לייכט אַרויס פון אַ שוואַרץ וואַסער. די דייטשן הייבן אים אויף. שטעלן אים אויפן טישל. איצט שטייט ער שוין מיט די פיס אין די אַרומגע־פּליקטע הויזן. דער נאַקעטער פאַרמעט אונטער די האָלצשיך. איצט דאַרף ער אויפהייבן דעם האַלדז. נאָר איידער ער טוט דאָס — בייגט ער זיך גיך איין. די הענט זענען אים דאָך פאַרבונדן, לאָזט ער אַראָפּ גיך ס׳פּנים נידעריק, נידעריק צום פאַרמעט. אַ בהלהדיקער, יידישער קוש. די דייטשן לאַכן — ווי ס׳וואָלטן געפּאַלן צעזעגטע, ריזיקע קלעצער. איצט זעט גנעסאָוו ווי דער פּאַביאַניצער קוקט אַריבער צו די שטייענדיקע יידן. צו אים, צו אים — נו, ר׳ מיכאַיל, ר׳ מיכאַיל — ווערסט מיך פאַרגעסן? — זיינוול סטאָליער — דער פּאַביאַניצער! איצט כאַפּט ער ווידער אַוועק די אויגן פון אים. די מענטשן בייגן אַראָפּ די קעפּ. דער מאַרק ווערט גאָר

קליין, איינגעשרומפּן. מען זעט באַשיינפּערלעך: דעם פּאַביאַניצערס קאָפּ זוכט די שטריק. זי פּאָלט אים איבער דער ברוסט. אַזוי ווי אַ קייט. די פּיס שטייען נאָך אויפן פּאַרמעט. אַ רגע. דאָס פּנים — ווייס. נייך, נישט ווייס — דורכזיכטיק. אַ געוועב. און מיט קליינע פייערפלעקן פון מעש. אפשר איז עס דער אָפּשיין פונעם אויסגעשפּרייטן פּאַרמעט? אפשר ניט. אַלע האָבן דאָך געהאַלטן פאַרשלאָסן די אויגן. אויך ער, גנעסאָוו, און ס׳ווייב, און דער זון גבריאל... אַלע מיט אַראָפּגעלאָזטע, ציטערנדיקע אויגן... — — —

אַן אַנדערש מאָל קייקלט זיך דער בלענדנדיקער קרייז ווי אַ שוואַרץ ראָד אויפן דיל פון בלעכענעם ביידל. אינעם ראָד זיצן לאַק־שוואַרצע ספּרוזשינעס, שאַרפע ווי מעסערס. ס׳איז גאָרניט קיין קרייז, נאָר אַ ריזיק ראָד פון אַ וואַסערמיל. פון אַנטקעגן די דאָברוצקיס. אָ, וויפל יאָרן זענען שוין אין צווישן אָפּגעפלאָסן? אַלע דריי — ער, ס׳ווייב און דער זון גבריאל זענען דאָ. אַהערגעקומען נאָך ביי נאַכט. פון אינעווייניק... אין דער לעצטער רגע... דער גוי סאַוויצקי האָט ניט געוואָלט ווייניקער. ער מוז זיך, — זאָגט ער — טיילן מיטן „גראַנאַטענעם”ביים טויער. געהאַט בפירוש אָפּגעשמועסט — און איצט: אַז נישט — איז נישט! ער קאָן זיי צוריקפירן... די אַלטע בראָשן... בראָשן? גרויסע טשערעפּאַכעס. אַ זעקעלע גאָלד־מטבעות. צירונג. אַחוץ דעם: פוטערוואַרג. אַפילו די שבת־לייכטער. וואָס זענען גאָלד און צירונג פון אַ מענטש, אַז דער דייטש יאָגט הינטערן וועלדל? איז אַ מעשה מיט די שבת־לייכטער. ס׳ווייב האָט זיך איינגעשפּאַרט. בעט זי זיך ביים גוי: „טייערינקער, גילדענער, ליבינקער — בלויז איין לייכטערל לאָז מיר... אויף שבת...” שמייכלט ער: כי־כי און כאָ־כאָ... — אַ משוגע פאָלק, די זשידעס... אַ לייכטערל! נו זאָל זיין: איינס פאַר אים, איינס פאַר זיי.... דאָבראַ? און דאָס בלויז פאַרן אַרויספירן... נישט מער... אויף אַ פורל, ביז צום וועלדל... וואָס, זי האָט ניט געוווּסט, וויקטאָריאַ? געוווּסט, געוווּסט! נאָך ווי געוווּסט! כאָטש זיי, די גנעסאָווס, האָבן שוין אַזוי לאַנג געוווינט אין שטאָט. דאָס איז זי נאָך אַלץ — וויכנאַ, וויקטאָריאַ פון די דאָברוצקיס. אַ גראָבלעכע, שוין אַן אלמנה. קוקן זיי זיך ביידע אָן. פאַרנאַכטלעך. זי איז גראָד אַרויס פון בהמות־שטאַל. זי איז נאָך אַזוי דורכזיכטיק ווי אַמאָל... דעמאָלט ביי

בוימפניאַק... אַוודאי וועט זי זיי אָפּגעבן ס׳אַרט... אָט־אָט — און ס׳וועט אַלץ באַלד נעמען אַ סוף... אירע זין? זיי זענען ניט צוריקגעקומען פון דער מלחמה... איינער פון זיי, דער יינגסטער, אָלעש — רוימט זי אים איין אין אויער — איז אין די וועלדער... און זי נעמט אים, מיכאַילן, אַן פּאַר דער האַנט. אויף אירע פינגער טריפן נאָך טראָפּנס וואַרעמע מילך. ווו האָט ער דאָס, מיכאַיל, שוין אַנומלט געזען טראָפּנס מילך איבער פינגער? זיי גייען לאַנג איבערן פינצטערן פעלד. אַ בוראַקעס־פעלד. דערנאָך — קאַרטאָפליעס. אַ הויך־געוועקסיגע האַיאַר, מיכאַיל, מיט די קאַרטאָפליעס!... מען דאַרף נאָר אַדורכגיין דאָס לובין־פעלד — און שוין... סאַראַ שטאַרקע פעלד־ריחות גייען פון אונטער די פיס... זיי גייען און די לבנה ליגט מיט קאַלטע צעשניטענע גלידער אינעם לובין. שטיל... — איצט ליגן זיי שוין אונטן.. אין דער אַלטער, פאַרלאָזטער וואַסערמיל פון די דאַברוצקיס. איבער זיי, אויבן, אַלטע, פאַרשימלטע זעק. פון געהאַקטן גערשטן. פון ווייצן. פון פאַראַיאָרן. אפשר פון פאַר דער מלחמה. אַ טויטע וואַסערמיל. ניט ווייט פון דאַנען לויפט דער אָפענער טראַקט. זיי — קאָנען יעטוועדע רגע אַריינקוקן. „אפשר בעסער, טייערינקע וויקטאָריאַ, אַריבערגיין קייגנאיבער צו די סאַוויצקיס?״ — „זייער זון, יאַנוש, טראָגט דאָך אַ ברוין העמדל און אַ טויטנקאָפּ אויפן היטל!...״ ווי אויס־טערליש: יידן זוכן תמיד די טויט־סכנה. פאַרוואָס עפּעס צו די סאַוויצ־קיס? ניין, בשום אופן נישט. בעסער דאָ. זי וועט זיי ניט אַרויסלאָזן פון דאַנען, וויקטאָריאַ... ווי לאַנג דער מלאך־המות איז אין דרויסן... ניין, ניין און ניין...

דער קעלער אונטן איז אַ פאַרמויערטער. לויכטנדיקער פלושענער שימל. אויף די איינגעבראָכענע מילפליגל זיצן ווראָנעס. קליינע, שוואַרצע מלאך־המותלעך. דער וויסל־ווינט זושעט דורך די שוואַרצע ווענט. ס׳ווייב האָט היינט גאָר פרי אָנגעצונדן ס׳שבת־ליכטל. כאָטש אויף אַ רגע. אויף וויפל שבתים וועט מען עס נאָך דאַרפן, דאָס ליכטל? ס׳דויערט ניט לאַנג: פלוסק, פלוסק, פלוסק. גאָר נאָענט — אַ שיפל. לעבן ברעג. איצט גייען טריט. טריט. טריט. ווידער דאָס זעלביקע. צי גייט דער טאַטע ווידער מיט די שטיוול איבערן שניי? ניין, דאָס מאָל גיכע, טרוקענע שוואַרצע טריט.

ווי אַרויסגעוואָרפענע פיש אויפן זאַמד. ס׳וועדט שטיל. ס׳ווייב האָט שוין אָפּגעבענטשט. אויסגעלאָשן. דאָס ברעקל ברויט ווערט מיט אַמאָל אַזוי ביטער אויפן גומען. איצט קומען־צו די טריט גאָר נאָענט. מענטשן רעדן. יאָ, דאָס איז ער — דער גואל זייערער, סאַוויצקי. ער רעדט מיט וויכנען הינטערן וועגטל, מיט וויקטאָריאַ פון די דאָברוצקיס.

— פּאַני דאָברוצקאַ, געזען מיט די אייגענע אויגן... מיט די אייגענע אויגן, ווי איך לעב...

— וואָס געזען, שכן סאַוויצקי?

— אַזוי ווי אַ דאָמאָוויק...* און רויט איז דאָס געווען ווי אַן אויג... אַ נישט גוט אויג. ברענט, ברענט, ברענט... און פּלוצעם: נישטאָ. אַזוי ווי איך לעב, אַזוי ווי איך לעב...

— ניט מעגלעך, שכן סאַוויצקי, ניט מעגלעך... קיין שטשור איז אונטן אַפילו נישטאָ...

— נישט מעגלעך, זאָגסטו? אפשר זיך אַריינגעגנבעט? עמעצער פון זיי? זיי לויפן דאָך פון דאָרטן טאָקע ווי די שטשורעס... געזען די שרפות קעגנאיבער?

ס׳ווערט שטיל. ס׳ווייב האַלט נאָך די הענט איבערן פּנים. צי האָט זי זיי נאָך אַלץ ניט אַראָפּגענומען פונעם ליכטבענטשן? אפשר אויפסניי אַרויפגעלייגט? אירע פינגער ציטערן. גבריאל האַלט זי אונטער, גלעט זי איבערן קאָפּ. און ער, מיכאיל, איז בלויז אויער. ווי שאַרף ס׳איז דאָס געהער פון אַ מענטשן אין סכנה. אויף מיילן. אַ וואַלד־חיה. ניין, נאָך שאַרפער, נאָך שאַרפער...

איצט רעדט שוין וויקטאָריאַ:

— שכן סאַוויצקי, אונדזער פּאַן אין הימל האָט געהייסן ליב האָבן אַלע מענטשן...

— כע—כע—כע—... — לאַכט צוריק אַ הייזעריק קול — מענטשן, אָבער נישט שטשורעס, פּאַני וויקטאָריאַ... נישט שטשורעס... און מיט

---

* אַ שדל.

זיי, מיט די דייטשן, ווייסטו, איז זיך גאָרניט צו שפּילן... גאָרניט צו שפּילן... דאָס גאַנצע דאָרף וועט גיין... זיי וועלן באַלד פאַרשן: ווער? ווי אַזוי? וועמענס מיל? נו, וועמענס מיל? אוודאי: פון דער אלמנה וויקטאָריאַ, פון די דאָברוצקיס. און דעמאָלט — דו טאַקע די ערשטע: כ—כ—י—ק!...

גנעסאָוו הערט באַשיימפּערלעך אַ סיקען. דאָס האָט ער געמוזט פירן אַזוי איבערן האַלדז, און ער לאַכט.

— ס'איז נאָר אַזוי אַ משל, פּאַני וויקטאָריאַ... ווער וויל דאָס גיין פאַר זיי אויף דער תליה?

ס'ווערט ווידער שטיל, אָבער נאָר אַ רגע. איצט רעדט שוין ווידער וויכנע.

— שכן סאָוויצקי... אויך נאָך דער מלחמה וועלן אין פּוילנס וועלדער וואַקסן גענוגביימער... שכן סאָוויצקי האָט מיך פאַרשטאַנען?...

ער הערט שוין מער ניט קיין קול, גנעסאָוו, וואָרעם אַלץ האָט זיך פּלוצעם צונויפגעקנוילט. וויכנע פירט זיי אַלע צומאָרגנס פאַרטאָג ערגעץ ווו אַרויס פון דער וואַסערמיל. מע קאָן מער דאָ ניט בלייבן. זי פירט זיי יעטוועדן באַזונדער דורך שמאָלע וואַלדוועגעלעך. מיטאַמאָל פאַר איר, צווישן די נאָדלביימער, זעט ער, גייען זיי — די דריי פּאַביאַניצער. זיי טרעטן ווידער אין די קורצע, אַרומגעפּליקטע הויזן ביז צו די קנעכלעך. זיי האַלטן זיך אַלע דריי פאַר די הענט. און זיי גייען אַלע אַרויף, אַרויף, אַרויף. איבער אָנסופיקע גרינע טרעפּ. צווייגנטרעפּ פון סאָסנעס, פון יאָדלעס, פון טאָפּאָליעס. אַ גאַנצער וואַלד פון געפאַלענע קליינע טויטע ביימער לייגט זיך הינטער זייערע פיס. און וואָס ווייטער זיי טרעטן, אַלץ מערער ביימער פאַלן צו זיי. און וויקטאָריאַ גייט נאָענט און ווייזט זיי דעם וועג — אַ שמאָלינקן, אַ דינעם, אַז אַ פויגל קאָן בלויז אַדורך. און איצט גייען זיי שוין ניט. זיי שוועבן אַלע. צווישן קליינע, בלאָלעכע וואָלקנס, וואָס עפענען זיך אויף פאַר זיי ווי גוטע, ברייטלעכע האַנטפלאַכן. דאָס זענען די הענט פונעם וואַלד־גאָט, וואָס האָט זיי אויסגעשיצט. ער גיט זיי איבער אין די הענט פון די בלאָלעכע וואָלקנס. און זיי, די קליינע בלאָלעכע וואָלקנס, וועלן זיי אַלע אַוועקפירן, געשיצט פון עמעצנס הייסע פינגער, אין אַ לאַנגער, אָנסופיקער הימל־וואַנדערונג.

*

אַן ערך צוויי וואָכן האָט מיכאַיל גנעסאָוו אָפּגעוואַרט אין בלעכענעםביידל לעבן די ירושלימער בערג אויף תשובה. קיין ענטפער איז אַלץ ניט געקומען. ער האָט שוין אַפילו געהאַט באַשלאָסן אַראָפּצוגיין אונטן און זיך דערוויסן: יאָ, צי ניין. און איטלעך מאָל, בעת ער האָט שוין אָפּגעמאַכט ביי זיך אַראָפּצולאָזן זיך פון די בערג — תמיד איז עס געווען דער תימנער, וואָס האָט אים דערין אויפגעהאַלטן. איין מאָל איז דאָס געווען אַ מת־מיצווה, וואָרעם גראָד איז עמעצער, אַן איינזאַמער פון די געצעלטן, אָפּגעשטאָרבן און ר׳ זכריהו האָט דווקא געוואָלט, אַז ער, דער אשכנזער, זאָל דעם טויטן טאָן זיין לעצט רעכט. אַ צווייט מאָל ווידער איז עס גראָד געווען אַ ברית־קודש, וואָס איז מיט אַ סך יידישער שמחה אָפּגעריכט געוואָרן דאָ, ביי די מענטשן הינטער די בערג.

ווען דעם, וואָס גנעסאָוו האָט געשריבן אין זיין בקשה אין שטאָט אַריין, האָט ער דעם תימנער קיינמאָל ניט דערציילט. משמעות, אַז דער פרעמדער טונקל־הויטיקער ייד מיט די שטענדיק פרעפּלענדיקע פאַרבאַהאַלטענע ליפּן, וואָס האָבן לייכט באַוויגן זיין געקרייזלטע, שפּיציקע באָרד — האָט אַרויסגעלייענט פון פּוילישן יידנס פּנים, ווי פון אַן אַלט ספר, דאָס בהדרגה־דיקע אָנקומען פונעם גורל. ער איז געווען, דער תימנער, שטאַרק פאַרוווּנדיקט אין זיין פאָטערלעכער האַרץ־טיפעניש מחמת דעם עלטסטן מיידל. פונדעסטוועגן האָט ער צו מיכאַיל גנעסאָוו ניט געטראָגן קיין שמץ פון בייז. אים איז נאָר געווען אַ גרויסער, גרויסער חידוש. ער האָט סודותדיק נאָר פאַר זיך אַליין געהאַט דעם בטחון, אַז גאָט וועט לסוף דעם פּוילישן, דעם טאַטן פון געפאַלענעם זון, צוריק אומקערן צום לעבן. און כדי דאָס זאָל געשען איז ער געווען גרייט אויף אַלץ. ער האָט זיך וואָכן געקליבן אַריינצוגיין אַ פאַרנאַכט צו גנעסאָוון און מיט אים אָפן זיך אַדורכשמועסן. טאַקע ווי אַ טאַטע צו אַ געפּרוווטן טאַטן פון אַ געפאַלענעם גיבור. ער האָט אַלץ אָפּגעלייגט, אָפּגעלייגט — און אין צווישן האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע אַרבעטן צופוסנס פון די בערג.

אָנגעהויבן האָט עס זיך באַלד באַגינען. דאָס ערשטע זונפייער, וואָס

איז דאָ זילבערדיק־גראָ, האָט נאָך ניט געהאַט דערגרייכט די העכסטע באַרגשפּיצן. ס׳איז געווען טויאיק־קיל ווי פֿאַרן אָנקומען פֿונעם רעגן. די ערד האָט פֿינצטערלעך געעטעמט, אַ נאָך ניט איבערגעוועקטע פֿון איר באַרגיקן נאַכט־שלאָף. בלאָלעך־גראַנאַטענע שאָטנס ווי פֿליענדיקע באַרג־פֿייגל האָבן זיך געטראָגן צווישן די באַרגפֿאַלדן פֿאַרן אָנקומענדיקן טאָגליכט. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און פֿאַרשווונדן צווישן די אויסגעהוילטע ריסן פֿונעם שוואַרצן באַרג־שיפּוע. דעמאָלט זענען דאָס ערשטע מאָל פֿון די אומצאָליקע בלעכערנע ביידלעך אויף דער פּלאַכערד, אין דער נידער, אַרויס מחנותוויז די מענטשן. זיי האָבן אַלע געצויגן צו דער קעגנ־איבערדיקער שוואַרצער באַרגוואַנט. די בערג זענען דאָ נידעריקע, שיטערע, דערפֿאַר אָבער פֿאַרגליווערטער און שוואַרצער, מיט שפּיציק־געקאַרבטן שווערן פֿעלדזנשטיין, וואָס זיצט איבער זייערע רוקנס ווי פֿאַרלאָשענע קרוינען. זיי ליגן, די שטיינער, אין ברייטלעך־צעשמאָלצענע פּלאַסטן, שטעלן זיך ווידער אויף אין שיפּלעכע, קליינע באַרגוועגט, מיט ווילדע, צעקרישלטע שטיגן און דורכגענג, אויסגעבויערטע דורך די שאַרפֿע באַרגווינטן. דער ערד־שטח איז אויף אַ ווייטן מרחק באַוואָרפֿן מיט אָט דעם פֿאַרברענטן באַרגשטיין. אַ טייל איז אַזוי שוואַרץ ווי ס׳וואָלטן דורך זייערע אינגעווייִדן אַדורכגעגאַנגען גאַטס בראשיתדיקע פֿייערן און זיי פֿאַרצערט. שוואַרצע, פֿאַרזיגלטע סימנים פֿון אורפֿלאַנצן און אין שטויב־אויפֿגעלייזטע פֿאַרמבול־דיקע ברואים פֿאַרדעקן די ערד. די שטיינפּלאַסטן זיצן טיף אין איר, אין קליינע אינדזעלעך און פֿאַראייִנצלטע, ווי ריזיקע מענטשלעכע שאַרבנס, פֿאַרגילגולטע פֿון אַ בייזן באַרג־גאָט. צווישן דער ערד און פֿאַרוואָקסענעם באַרגשטיין איז דורך פֿאַרפֿלאָסענע דורות אַנטשטאַנען אַן אייִנזאַמער באַרג־בונד, וואָס די צייט צעברעכט ניט אין אַלע אירע שטורעמס. אפֿשר זענען דאָס געווען פּיצלעך פֿון אַראָפּגעפֿאַלענע נאָך אין די ערשטע פֿאַרצייטן לייכטנדיקע הימל־גופֿים, וואָס בענקענדיק נאָך דער ערד, זענען זיי געפֿאַלן אויף איר אויבערפֿלאַך און באַלד דאָ אָפּגעשטאָרבן מיט זייערע צעוואָרפֿענע, שוואַרצע גלידער. און אפֿשר זענען דאָס גאָר געווען פֿאַרגליווערטע פֿורעמס פֿון ריזיקע, ניט־מענטשלעכע שאַרבנס, וואָס זענען דורך אַלע דורות ניט פֿאַרשווונדן אין דער ערד און געבליבן רוען אויף די באַרג־אויבערפֿלאַכן.



איבער זיי האָט געמוזט אין דער באַרג־שטילקייט, בעת דער דעמערונג, אַרומשוועבן אַ פלינקער באַרגגייסט, וואָס האָט זיין געבורט געהאָט אינעם פייער פון די שווימענדיקע, באַרגיקע לאַווע־טייכן. פון די אונטערערדישע פלאַמען זענען די גופים געוואָרן שוואַרץ פאַרקוילט. טייל האָבן אויף דער אויבערפלאַך געגלאַנצט אַנטקייגן דער זון מיט אַ ניט גוט, פרעמד פייער און נאָך שווערע רעגן־שטורעמס, וואָס זענען אימפּעטיק געלאָפן איבער זייערע אָפּגעדעקטע רוקנס און הערצער, זענען זיי געוואָרן ענלעך צו פּלאַכע, שוואַרצע שפּיגלען. אַז מע ציט אַרויס אַזאַ שטיין איז די ערד אונטער אים שוואַרצלעך, טרוקן און ראַציק. אָפּטמאָל גיט פלוצעם דאָ אַ שיפּע אַ שלאַנג — אַ גרינלעכע, אַ זילבערנע. זי לייכט אויף ווי אַ פאַרגראָבענער אַראָפּגעפאַלענער לבנה־שטראַל. פון די שטיינשפּאַלטן אַנטלויפן העכער אַרויף פּלאַטשיקע, גראָלעכע יאַשטשערקעס. טיילמאָל, און דאָס שוין זייער זעלטן, ליגן אונטערן פעלדז אויך מוראַשקע־נעסטן. דערשראָקענע פון דער פּלוצעמדיקער צעשטערטער באַרג־שטילקייט זוכן זיי אין בהלה דינע שפּאַלטן און עפענונגען אין דער שוואַרצלעכער, פאַרשטאַרבענער באַרגערד.

פון אַלע שאָטנדיקע, פלאַכע ערטער האָבן איצט אַרויפּצו געצויגן די נייע מענטשן. ס׳זענען געגאַנגען ווייבער און מאַנצבילן, זקנים און אונטער־וואַקסנדיק יונגוואַרג. זיי האָבן ס׳רוב געטראָגן קליינע, פאַרבונדענע פּעקע־לעך אין די הענט, אַ סימן, אַז זיי ווילן אַזוי גיך זיך ניט אומקערן צו זייערע געצעלטן. ווי נאָר זיי זענען אַרויס פונעם טאָל, האָט אַ טרוקענער ווינט אָנגעהויבן גיין פון די בערג. די מענטשן זענען ביסלעכוויז אַרויף אויבן, זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ גרויסן שטח, פאַרוואָרפן מיט אינדזעלעך פון פעלדזיקן באַרגשטיין. עמעצער האָט די מענטשן צעטיילט צו צווייען, צו דרייען און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ערשטע מאָל די גרויסע באַרג־אַרבעט.

בעת די ווייבער און מיידלעך האָבן געבוקטע געקליבן קלענערע צעוואָרפענע פעלדזשפּליטערס, זיי אָנגעוואָרפן אויף אַ בערגל — האָבן שוין אין צווישן די מאַנצבילן געצויגן די טיף אַריינגעוואַקסענע, אַרויסשטאַר־טשנדיקע, שוואַרצע פעלדזנקעפּ מיט שטאַנגען און אייזנס. ניט ווייט פונעם באַרגוועג, שוין אונטן, האָט געקלאַפּט דאָס אימפּעטיקע האַרץ פון אַ מאָטאָר.

דאָס האָט מען זיך געגרייט דאָרט אָפּצורוימען דעם שוואַרצן באַרגשטיין מיט גרויסע, עלעקטרישע בויערערס. אַלטע לייט, געבויגענע איבערן שוואַרצן פעלדז, האָבן אים תחילת אַרומגעגלעט מיט זייערע געלע, טרוקענע הענט און דערנאָך, שליסנדיק אַ קיט פון נאַקעטע מענטשלעכע אָרעמס, אים געצויגן ביסלעכווייז פון באָדן. דער שטיין האָט ניט געוואָלט אַרויס פון דער ערד מיט בלויזע הענט. ער איז געזעסן טיף־איינגעקנאָטן מיט אומגעזעענע פעלדזוואָרצלען. אויך די ערד אונטער אים האָט ניט געלאָזט אים באַפרייען פון איר איינזאַם באַרגיק איינגעוויד. צווישן ערד און שטיין איז געווען באַהאַפטן אַן אומגעזעענע שוואַרצע ליבשאַפט, גענערט פון מדברדיקער איינזאַמקייט און הוילן ווינטיקן באַרג־חלל. דורך לאַנגע אָפּגעפלאָסענע דורות איז איצט געקומען צווישן זיי די שיידונג; שווער און ווייטיקדיק איז געווען דאָס שיידן־פונאַנדעררייסן. זיי זענען אין פעלדזי־קער און אין ערדישער עקשנות דאָס לעצטע מאָל נאָך מערער פאַרקלאַמערטע געזונקען אין זיך. מיט אַ מאָל, ווי דורך אַ נס, איז די ערד געוואָרן מילדער און נאָכגיביקער. זי האָט אין אַנגסטיקע שיידונגקראַמפּן אַרויסגעלאָזט פון אירע אָרעמס דעם שווערן פעלדזשטיין. זי איז געבליבן ליגן, די ערד, אַן אָפענע, מיט אַ וווּנדיקער, שוואַרצער פאַרטיפונג, ווי אַ געווינעריןי, וואָס גיט־אָפּ איר פרוכט נאָך גרויסע יסורים אויף אויסגעשטרעקטע מענטשלעכע הענט.

ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, קוים עטלעכע טעג, ווי אַרום די צעקרישלטע בערג איז שוין די ערד געלעגן אַ באַפרייטע, אַ ניי באַשאַפענע. זי האָט געאָטעמט מיט דער שיטערער באַרגלופט און מיט דער פלייצנדיקער הימלבלאָקייט. זי איז געלעגן נאַקעט, האַלב־ברוינלעך ווי אַלטע בוימקאָרע. קליינע, שוואַרצלעכע ערדגרודעס האָבן אין דער טיף דאָס ערשטע מאָל זיך באַוואָרפן מיט אַ קילן וואָלקנדיקן שאָטן. דאָס אָרט איז געווען שטאַרק זאַמדיק, אָן שום סימנים פון אינעווייניקסטע, ערדישע זאַפטן. פון די אויס־געריסענע שטיינער זענען געלייגט געוואָרן נידעריקע ווענט און רונדיקע, אָפענע טעראַסן. די ערדלעכער זענען געלעגן אָפענע אונטער די קלאָרע שוועבנדיקע באַרגוואָלקנס. צו די רעגנס איז נאָך געווען לאַנגע חדשים. אָבער באַלד, באַלד וועלן דאָ, איבער דער ערד, זיך אויפהייבן אומצאָליקע

ציטערנדיקע וואַסערוועגט. שאַרף־פינקלענדיקע וואַסערשנירן פון די געלייגטע וואַסער־אָדערן וועלן אַן אויפהער פאַנטאַניק אַראָפּפאַלן, ווי שוועבנדיקע וואַסער־פליגל צו דער אויפגעבונדענער באַרגערד. קוקנדיק פון דער זייט, אַנטקייגן דער זון, וועט מען זיי זען אויפגיין אין די ציטערנדיקע וואַסער־ווענט — די אומצאָליקע קליינע פייערן פון די שיינע צעבראָכענע רעגן־בויגנס. זיי וועלן צוזאַמען מיט די גינגאָלדענע וואַסער־טראָפּנס אַראָפּפאַלן צו דער ערד, די קליינע רעגן־בויגנס, און זיך באַהאַלטן אין די געבוירענע, נאַקעטע ערדגרודעס.

און דעמאָלט, בעת דער תימנער האָט זיך געקליבן אַריינגיין צום פּוילישן — איז טאַקע שוין די ערד געווען פייכטלעך פונעם וואַסער־פּלייץ. זי האָט באַקומען אַ טונקעלע פעלדקאָליר אין אירע שאַרף אויפגעהויבענע פּאַסן. און כאָטש די זון איז גאַרניט אַראָפּ פון אירע זומערדיקע הימל־געוועלבן, האָט זי אויסגעזען, די ערד, ווי ס׳וואָלט איבער איר געלעגן תמיד אַ ריזיקער קילער שאָטן פונעם נאַקעטן, קייגנאיבערדיקן באַרג.

*

ס׳איז געווען אָוונטצייט. בלאָלעך־ציטערנדיקע שאָטנס, ווי קליינע איבערגעשראָקענע באַרג־אינדן, זענען געלאָפן אומגעדולדיק צווישן די פעלדז־פאַלדן. נאָכן באַקומען דעם בריוו פון שטאָט איז אים גנעסאָוו גיך אַדורכגעלאָפן. אים האָט זיך געדוכט ווי ער וואָלט מיט נאַקעטע פיס געלאָפן גיך, גיך איבער שפּיציקע, צעגליטע שטיינער. ער איז געוואָרן בלייך. אַ נאָגנדיקע קילקייט האָט געפּרירט לעבן דער ברוסט, ווי פון אייז. דאָס אַלטע פנים האָט אויף אַ רגע פאַרלוירן די גראָלעכע פאַרעלטערטקייט און איז געוואָרן אַשיק־שוואַרץ. ער האָט מיט די הענט געגלעט די אָפּשטייענ־דיקע באָרד און דערנאָך, זיינע ציטערנדיקע פינגער געפּירט איבערן קאָפּ. ער האָט געפילט ווי דער קאָפּשיידל איז אים אויך געוואָרן קאַלט. ער איז געשטאַנען אין דער האַלב־פינצטערניש און זי איז געווען, די טונקלקייט, איצט הייס פונעם צעגליטן בײדלדעכל. ער האָט עפּעס צו זיך אַליין געפּרעפּלט און אומצאָליקע מאָל אויפסניי אַריינגעקוקט אינעם בריוו. ער האָט געמיינט, אַז אָט איצט וועט ער פון דאָרט אַנטפּלעקן אַזוינס, וואָס ער

האָט ניט אויפגעכאַפּט בעתן גיכן לייענען. ער איז אָבער געוואָרן נאָך טרויעריקער ווי פריער. זיי האָבן פון שטאָט געשריבן בקיצורדיק, קלאָר. מיט קליינע, שאַרפע ווערטער. זיי האָבן אַלץ גענומען צו קענטעניש, אַלץ. די אַליינקייט זיינע. די זקנה. זיין בקשה קאָנען זיי אָבער לחלוטין ניט דערפילן. דאָס אָרט, וווּ דער געפאַלענער זון גבריאל רוט, איז נאָר פאַר די געפאַלענע. זיי קאָנען זיין בקשה ניט אַנטקייגנקומען — אים, מיכאַיל גנעסאָוון, קובר צו זיין, נאָכן טויט, לעבן זיין געפאַלענעם זון...

די ערשטע מחשבה גנעסאָווס נאָכן איבערלייענען דעם בריוו איז געווען: דאָס ווייב. איר פאַרוואָקסענער, נידעריקער, גרינער קבר. איצט איז דאָס גאַנצע צעפלאַטערטע גרינס פון דאָרט — געלעגן אויפן דיל אינעםביידל. ער האָט געמאַכט עטלעכע שפּרייזן איבערן דיל און זיך אפילו אַראָפּגעבויגן, ווי ער וואָלט פון דאָרט צונויפגענומען מיטביידע פויסטן דאָס נידעריקע, פאַליענדיקע גראָז. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט עפּעס אייליק אָנצושרייבן. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ תשובה, אַ בריוו אין שטאָט אַריין. אפשר וועלן זיי הייליק האַלטן נאָכן טויט זיין לעצטן ווילן... אפשר...

ער האָט אפילו ניט געזען ווי די טיר האָט זיך געעפנט. איידער ער האָט פאַרענדיקט די ערשטע שורות, איז שוין דער תימנער געזעסן ביים טישל. ער האָט אַ פאַרשוויגענער אָפּגעוואַרט ביז גנעסאָוו וועט אַוועקלייגן די פען.

זיי זענען ביידע געזעסן אַנטקייגן זיך און אַ לאַנגע ווײַלע געשוויגן. די צוויי אַלטע מענטשנס פּנימער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ לאַנג און ציטערנדיק שווייגן. דאָס זענען געווען געזיכטער פון לחלוטין פרעמדע שבטים, פאַרבונדן בלויז צווישן זיך מיט אַן אומבאַקאַנט וואַרעם אויגן־פייער פון לאַנג פאַרלוירנגעגאַנגענע געקרייצטע דורות־שטאַמען. דער תימנער האָט געהאַט אַן אָליוו־ווייכלעכע געזיכטהויט, פאַרדעקט מיט דער שיינער, ווייכער זילבערוואָל פון זיין געקרייזלטער באָרד. זיינע ברעמען איבער די איינגעשניטענע אויגן זענען שוין געווען אין גאַנצן ווייס, ווי ס'וואָלט נאָר וואָס אויף זיי געפאַלן אַ דינער, יונגער שניי. פון הינטער די אויגנדעקלעך האָט זיך אָן אויפהער געגאָסן אַ ברוינלעכער בליאַסק ווי פון טונקעלן, שטילן וויין. ער איז אַריינגעקומען מיט עפּעס אַ ספר אונטערן

אָרעם. איצט האָבן זיינע פינגער, וואָס זענען געווען דינע און לענגלעכע ווי ביי אַ יינגל, געהאַלטן דאָס ספר פאַר זיך אויפן טישל, ווי ער וואָלט עס געדאַרפט באַלד עפענען. בעת גנעסאָוו האָט אויפגעהויבן די אויגן און אים פלוצעם דערזען זיצן אַנטקייגן זיך — האָט ער אויף דער גיך אַראָפּגעלאָזט די האַנט איבערן צעקנייטשטן, פאַרשריבענעם פּאַפּירל. דער תימנער האָט צו אים אַרויפגעשמייכלט. ער האָט דערביי געוויזן זיינע ציין און געציטערט מיט די ליפּן. די ליפּן האָבן פון צווישן דער באָרד אויסגעזען נאָך רויטלעכער ווי זיי זענען געווען. זיי האָבן געהאַט אַ פּיכטלעכע בלוט־פאַרביקייט ווי די ליפּן פון אַ צעדאַוונט יינגל.

— רבי מיכאל, רבי מיכאל... — האָט ער שטיל אַרויסגעמורמלט און געעפנט דאָס ספר.

דער שמועס צווישן די צוויי זקנים איז אַנגעגאַנגען זייער לאַנג און ס'איז אים געווען קוים, קוים צו דערהערן. אייגנטלעך האָט בלויז דער תימנער גערעדט. גנעסאָוו איז די גאַנצע צייט געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. טייל מאָל האָט ער אונטערגעשפּאַרט די האַנט אונטערן קין און אויסגעזען ווי ער וואָלט געדרימלט אַנטקייגן דעם תימנער. ער האָט גערעדט, ר' זכריהו, מיט אַ לשון ווי ער וואָלט פאַר דעם אַלטן, פאַרזונקענעם מענטשן געזונגען. די ווערטער זענען אים לייכט און פּליסיק אַרויס פון מויל און געפאַלן איבער זיין באָרד ווי קליינע טראָפּנס פון אַ זילבערנער קרוג. ער האָט צו הילף גענומען, דער תימנער, אַלע ראיות, רמזים, מחשבותן פון הייליקע לייט וועגן יצירה, טויט און אין־סוף. אָט, למשל, איז ער אויך אַליין, זכריהו. אָבער — צי רעדט ניט דער אַלמעכטיקער באַשעפער בלויז צו די, וואָס זענען אַליין? צי רעדט ער ניט דערפאַר צו זיי, וואָרעם נאָר אין התבודדות איז מען מסוגל אויפצונעמען זיין לשון? און ס'איז אַ חטא ניט אָפּצוגעבן אים לויב פאַר יעטוועדער שעה אויף דער ערד. און וואָס אַזוינס רעדט גאָטס שטים צו אים, זכריהו? ער, זכריהו, קלייבט זיך מער ניט צו זיין אַליין. מער ניט לעבן אַליין. אויב גאָט ברוך הוא האָט אין אים, זכריהון, איינגעפלאַנצט דורות — פאַרוואָס זאָל ער זיי ניט ברענגען אויף דער וועלט? ס'איז דאָך געווען אַזאַ חורבן ביי די אשכנזים... צען מאָל ששים־רבוא זענען פאַרשניטן געוואָרן... צי דאַרפן ניט די

לעבן־פאַרבליבענע צוריק אויפשטעלן דאָס פאָלק אין הייליקן לאַנד? צי איז דאָס ניט דער ווילן פונעם באַשעפער?

ער האָט געקוקט די גאַנצע צייט, דער תימנער, אויף גנעסאָוון בעת ער האָט אַזוי גערעדט. דער ייד, וואָס דער זון זיינער ליגט אין נגב, איז פאַר אים נאָך אַלץ געזעסן אַ פאַרשוויגענער. ער איז געווען פאַר אים אַ רעטעניש. בלויז איין איינציק מאָל האָט גנעסאָוו אַרויפגעלייגט זיינע פינגער אויף דער האַנט פון תימנער. ר׳ זכריהו האָט זיי גיך אַ צי געטאָן צו זיך. ער האָט דערפילט, אַז גנעסאָווס האַנט איז שטייניק־קאַלט. ער האָט זי דעריבער גאָר לאַנג געוואַרעמט אין זיין טונקעלער, טרוקענער האַנטפלאַך ווי אַ געפאַנגען פייגעלע און צעטומלטערהייט זי לאַנג ניט אַרויסגעלאָזט פון זיך.

— ימות המשיח, רבי מיכאל... ימות המשיח...

גנעסאָוו האָט לייכט צוריק אַרויסגעצויגן די פינגער פונעם תימנערס האַנט. ער האָט ניט געקוקט דעם אַלטן גלייך אין פנים אַריין. ער האָט זיך געפילט איצט ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך צעוויינט. ער וואַרט נאָר, אַז עמעצער זאָל אים אָפווישן די טרערן.

— ר׳ זכריהו... ר׳ זכריהו... — זקנה... זקנה... באַלד דאַרף מען זיך גרייטן... צום גרויסן וועג... ר׳ זכריהו...

און וואָס מער דער תימנער האָט אויסגעשפּרייט פאַר מיכאל גנעסאָוון די שיינקייטן און גוטסקייטן פון לעבן, כדי אים אַזוי אַרום צו דערנענטערן צו זיין עלטסט מיידל רחמהן, — אַלץ מערער איז גנעסאָוו געזונקען אין אַ ליידיקן הימלדיקן חלל. ער האָט בלויז טיילמאָל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. פּלוצעם האָט דער תימנער דערזען, אַז דער שכן האָט אויפגעהויבן די האַנט און מיט אַ פינגער לייכט אַרומגעפירט איבער די אַראָפּגעלאָזטע אויגן־לעדלעך. ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט פון דאָרט אָפּגעווישט אַ קליינע טרער. ער האָט אָבער ניט דערזען, דער תימנער, קיין שום צייכן פון טרערן אינעם אַלטנס אויגן. דערפאַר האָט ער אָן אויפהער געקוקט אויף זיין גראָען, געפאַלדעוועטן שטערן. ער האָט זיך דערשראָקן, דער תימנער, און איז גיך אויפגעשפּרונגען פון אָרט. אַ העלע, פליסנדיקע ליכטיקייט איז איצט געזעסן איבער גנעסאָווס שטערנפאַלדן.

זיי האָבן געלויכטן ווי ס׳וואָלט הינטער זיי נאָרוואָס געבוירן געוואָרן אַ בליץ און ער האָט דאָס אַזוי דורכגעהעלט זיין גראָלעכע, אַלטע הויט. דער תימנער האָט פּאַוואָליע אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון בײדל אויף הינטער־ווײלעכץ, טריט ביי טריט, ווי מע פאַרלאָזט די ד׳ אמות פון אַ הייליקן. און אַזוי צוריקציענדיק זיך האָט ר׳ זכריהו די גאַנצע צייט געפּילט אויף זיך די פּלוצעמדיקע ליכטיקייט. ער האָט געזען, אַז גאָטס רופנדיקער, היילנדיקער גייסט רוט איבער דעם אַלטן מאַנס אַראָפּגעזונקענעם פּנים.

*

ער איז אַרויסגעגאַנגען, מיכאַיל, פונעם בײדל נאָך אין דער פּאַליענ־דיקער, שטילער באַרג־פינצטערניש. פּאַוואָליע האָט ער הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר. פאַרן אַרויסגיין האָט ער דעם טאָפּ מילך צעגאָסן אין קליינע טעצע־לעך פאַר דער קאַץ, וואָס איז געבליבן אויפן בעטל. ער איז אַריבער דעם שוועל־שטיין, וואָס איז געווען פייכטלעך־גליטשיק פונעם נאַכט־טוי. אויפן קאָפּ האָט ער גאָרניט נים געהאַט. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קרומלעכן שטעקן און אין דער לינקער — דאָס פאַרקנוילטע ווייסע פּאַפּיר מיט די פאַרשריבענע שורות נאָך פון נעכטן. נידעריקער, אינעם טאָל, זענען געזעסן די בלעכערנע בײדלעך, קילע און פאַרגליווערטע, ווי אַרויפ־געזעצטע העלפאַנטביין־בתים פון תפילין. איבער זייערע דאַך־בלעכן, וואָס האָבן שאַרף געלויכטן ווי זילבער, איז איצט אַרומגעשוווּמען פון איין דעכל צום צווייטן די באַרג־לבנה — אַ צעקרישלטע, אַ צעשפּאָלטענע מיט אומצאָליקע קליינע, גרינלעכע פלעקן. פון גאָר נאָענט האָבן איבערגעוועקטע עופות אומרויק געפּלאָטערט אין די פינצטערע הינערשטייגן. אַן אייזל האָט געוויינט הינטערן באַרג ווי דאָס געוויין פון אַ געפּאַנגענעם. זיין שלוכץ האָט זיך אַראָפּגעקאָלערט אינעם טאָל, דערנאָך זיך אומגעקערט פון דאָרט מיט אומצאָליקע צעבראָכענע ווידערקולות. אַרום די בײדלעך איז געלעגן דער נאַכטשאָטן. ער האָט זיך געגליטשט אין שאַרף־קאַנטיקע, שוואַרצע פלעקן. מיכאַיל גנעסאָוו איז אַ באָרוועסער גיך אַדורכגעגאַנגען דאָס פיצל פעלד. ניט ווייט פון דאַנען איז געשטאַנען דאָס בײדל פון ר׳ זכריהו. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַ גרויסער ווייסלעכער פלעק זיצט אינעם

נידעריקן, אָפענעם פענצטער, הינטער די שויבן. ער איז גיך אַדורך דעם שמאָלן שטיינוועג, דערנאָך אַרויף העכער, דאָרט, וווּ דער וועג פירט צום שוואַרצלעכן באַרג־שיפּוע.

ער איז באַלד אָנגעקומען צום באַרג און צו זיינע רונדיקע שטיין־טעראַסן. זיי זענען אַלע דאָ ניט לאַנג געלייגט געוואָרן דורך די בניע מענטשן. אין גרינלעכן נאַכט־ליכט האָבן די שטיינער אַרויסגעלויכטן ביי די זייטן ווי אַריינגעזעצטע ריזיקע זילבער־בראָשן. לייכט אָנגעלענט אויפן שטעקן, איז ער זיי פאַרבייגעגאַנגען מיט די רונדיקע, שמאָלע וועגעלעך. זיי האָבן אים געהויבן אַלץ העכער, אַרויף־צו פונעם באַרג. ס'איז געווען נאָך לאַנג פאַרן אויפגיין פון דער זון. אַ נידעריקער באַרגווינט האָט אים געקילט די פיס. אים האָט זיך געדוכט, ווי ער וואָלט געטראָטן דורך אַ קאַלטן טייך. דינע באַרג־שטיינדלעך האָבן אים געשניטן די פיס. ער האָט אָבער לחלוטין ניט געפילט זייער קאַלטע, שניידיקע שאַרפקייט.

ער האָט זיך אַ ווילע אָפּגעשטעלט, כדי מיט מערער כוחות זיך אויפצוהייבן העכער. אַ שטיל גערויש, ווי פון שאַרכנדיקע צווייגן, איז געגאַנגען פון אונטן. אפשר איז טאַקע עמעצער געזעסן ביים תימנער אין פענצטער און איצטער לויפט אין געאייל דער ווייסלעכער שאָטן הינטער אים? ער האָט אָנגעהויבן גיכער צו שפּרייזן אַרויף־צו. באַלד פאַרענדיקט זיך דאָ דער באַרגוועג. איצט וועט ער שוין מוזן גאָר פּאַוואָליע טרעטן העכער, וואָרעם די קייגנאיבערדיקע באַרגוואַנט וואַרפט אַ שווערן, טונקעלן שאָטן. דער באַרגשטיין איז דאָ קאַלט און ראַציק ווי צעשניטן אייז. גוט וואָס ער איז אַריינגעטראָטן אין שאָטן. ערגעצווו הינטערן הימלגעוועלב שווימט אַ וואָלקנשיף מיט אומצאָליקע שוואַרצע וועסלעס, אַדורכגעלויכטן מיטן גראָלעכן ליכט פון באַגינען. מיט איין האַנט האַלט ער דעם שפּיציקן שטיין און, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן שטעקן, הייבט ער זיך העכער. מע דאַרף אַדורכגיין דעם צעבראָכענעם קוסט, כדי אָנצוקומען נאָך העכער. דער קוסט זיצט אין דער פינצטערניש, ווי אַ קליינע פאַרשטיינטע באַרג־געשטאַלט. ניין, דאָס איז ניט קיין געשטאַלט, וואָס איז אַנטלאָפן אין די בערג. צי איז עס ניט אַמאָל דער טויטער, פאַרקוילטער סנה, וווּ צווישן זיינע שוואַרצע צווייגן טליעט פאַרבאָרגן גאָטס פייער? עפּעס גרויס און

שוואַרצס האָט דורכגעפלאָטערט איבער גנעסאָוס קאָפּ. אַ קליינער, איינ־זאַמער באַרג־אָדלער. ער טראָגט זיך אַראָפּ, אַראָפּ אינעם תהום, באַוואָרפן מיט גראָלעכן ליכט פון דער צעצונדענער וואָלקנשיף. אַ שלאַנג האָט זיך אַ האָסטיקן הייב געטאָן לעבן דער קוסט־פינצטערניש, אַן אויפגעוועקטע פון מענטשישע טריט אין דער באַרגשטילקייט. מיכאַיל גנעסאָוו הייבט זיך נאָך העכער אַ פּאָר שריט, דאָס פּנים אויפגעהויבן אַנטקייגן דעם נאַכטהימל. די שטערן ציטערן גאָר, גאָר נאָענט. אַ פינקלענדיקער שטערנ־טייך פליסט גערוישלאָז אויבן איבערן באַרג. קליינע פאַרהוילענע און ציטערנדיקע וועלטן. ער קוקט שוין אַראָפּ אונטן, אויף דער צווייטער זייט באַרג. אָט פון דאַנען. פון דאַנען. דאָ שטייט זי, די הויכע באַרגוואַנט מיט אומצאָליקע שפּיציקע פעלדז־שטיינער אינעם אָפּגרונט. ס׳איז געווג בלויז איין טריט. פון גאָר טיף גראָען אַרויף די קליינע באַרגקוסטעס. ער האָט איצט אומגעקערט ס׳פּנים און קוקט טיפער אין לאַנד אַריין. אַ ווייסלעכער נעפּל וויקלט זיך פון די באַגינענדיקע באַרגוואָלקנס. ערגעצוו, פון הינטער דער באַרגקייט, טראָגט זיך איבער די פעלדזשפּיצן אַ שטיינערדיק שווער געוויש פון אַ דונער. אַ בליצשניט קריצט אַרום דעם גראָלעכן האָריזאָנט. צי איז עס ניט גאָטס וואָרט, וואָס האָט אויפגעוואַכט פאַר אים דאָ אויפן באַרג? ער קוקט איצט אַראָפּ צום פלאַכן גרינלעכן באָדן, צו די אויפגעהויבענע וואַסער־אָדערן. זיי שווייגן נאָך איצט, קוים באַלויכטענע פונעם פלוצעמדיקן בליץ ווי אויפגעהויבענע הענט. דערווייל האָט די באַגינען־טונקלקייט אָנגעהויבן גאָר גיך צו צעשווימען. זי וועט באַלד געבירן דאָס ערשטע זונפייער פונעם פאַרלאָשענעם נאַכטבליק.

און מיכאַיל גנעסאָוו האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויפן פּנים. זיי האָבן אים געבריט, ווי ער וואָלט זיי געהאַלטן איבער פייער, בעת די פיס האָבן געפרירט אויפן קאַלטן באַרגפעלדז. אָט, אָט איז ער אָנגעקומען צום סאַמע סוף פון דער וואַנדערונג און שטייט איצט אויפן גבול פון צוויי וועלטן. הינטער אים — די גרינלעכע, ניי באַשאַפענע באַרגערד און פאַר אים — די תהומיקע באַרגוואַנט מיט די טויטלעכע ,שפּיציקע פעלדז־אינדזולעך אינעם אָפּגרונט. צו איר, צו דער דאָזיקער שוואַרצער, אָפּגעשטאָרבענער שטיינ־וועלט געהערט זיין געבייך. זיין וואָרצל איז אַן איבערגעשניטענער און נאָך

אַ קליינער, אָפּגעריסענער זוימען איז דאָ פאַרבליבן אין דער ערד. פון זיין געפאַלענעם, אָפּגעריסענעם זוימען וועט שוין קיינמאָל ניט אויפגיין דער גלי פון לעבן. גבריאל... גבריאל... גבריאל... און צוזאַמען מיטן שאָטן פון גבריאלן האָט זיך איצט אויפגעהויבן אַ וואָלקנדיקע שאַרכעריי פון אומצאָליקע שוועבנדיקע שאָטנס. זיי זענען געקומען, די שאָטנס, אין ריזיקע, שוועבנדיקע מחנות, געטראָטן גאָר נאָענט איבער די באַרגשפּיצן ווי וואַנדערנדיקע נאַכט־חיילות, באַפרייטע פון טיפסטן כף־הקלע. זייער צאָל איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיכאיל גנעסאָוון האָט זיך געדוכט, אַז אַ גאַנץ פאָלק האָט זיך אין צען מאָל ששים ריבוא איינגעזאַמלט הינטער אים אויף די בערג. צוזאַמען מיט אים האָבן זיי אַלע געהאַלטן די הענט איבער זייערע פאַרבויגענע, טויטע פּנימער. זיי האָבן אַלע פון הינטער די הענט געבליקט, געבליקט צום לאַנד. — אָ, גאָט, פאַרוואָס האָסטו זיי געפירט אין דער פינצטערניש? — אַ שווערער באַרגווינט, אויפגעוואַכט פון פינצטערע פעלדזשפּאַלטן, האָט אויפסניי באַוויגן די שאָטנס. דאָס מאָל האָט ער באַשיימפערלעך געהערט פייער־קולות פון ברענענדיקע וועלדער און פון זייערע פאַלנדיקע, פאַרקוילטע וואָרצלען. זיי האָבן זיך אַלע נעענטער צוגערוקט צו דער שוואַרצער באַרגוואַנט. הינטער זיך האָט ער דערפילט דעם אימפּעטיקן ווילן פון די אומצאָליקע פייערפונקען, וואָס האָבן געגליט ביי זייערע פיס. אפשר איז דאָס געווען דער לעצטער געראַנגל פון דער באַרגנאַכט מיטן אָנקומענדיקן מיזרח־ליכט. די וואָרצלען האָבן געברענט מיט אַ בלאָלעך־גראַנאַטענעם פייער, ביז זיי זענען ביסלעכוויַיז אויסגעגאַנגען צווישן די נידעריקע, גראָלעכע באַרג־פעלדן.

ער האָט זיך אָנגעשטעלט, מיכאיל גנעסאָוו, זייער פאַרזיכטיק אויף אַן אויסגעקרישלט באַרגטערעפּל, וואָס האָט געפירט צו דער צווייטער זייט פונעם שוואַרצן באַרג. ער האָט אַ ווײַלע געקוקט אינעם תהום פונעם גליטשיקן באַרג־שיפּוע. דער ווינט איז דאָ געווען טויט. די שטערן האָבן געהאַט אַ גרינלעך־שימלדיקן אָפּשיין. ער האָט געוואונדערט ס׳פּנים אין טאָל אַריין, צו די ווייסלעכע געצעלטן. מיט די באַרג־וועגלעך אַרויף־צו האָבן זיך איצט געטראָגן צוויי גרויסע פלאַטערנדיקע ווייסע שאָטנס. עמעצער האָט אַרויפגעפאָכעט מיט די הענט.

ער האָט געוואָלט זיך אַ באַוועג טאָן פאָרויס, אַראָפּ צום טיפן באַרג־שיפּוע, בעת דער שוואַרצער תהום־ווינט האָט אים פּלוצעם פאַרשפּאַרט דאָס אָטעמען. ער האָט גאָרניט ניט געזען, נאָר געפילט, אַז זיינעביידע פּיס שטייען פונאַנדערגעקרייצט צווישן די בערגוועגט. ער האָט זיך פּלוצעם אויפגעכאַפּט, וואָרעם ער האָט באַשיימפּערלעך געהערט פאַר זיך אַ שטים, ווי אַ ליכט־חזיון וואָלט זיך אויפגעהויבן פון דער אונטערשטער פינצטערניש. דאָס איז ניט געווען קיין אַנדערע שטים ווי זיינע — גבריאלס. ער איז געשטאַנען אַנטקייגן דעם טאַטן מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס און פאַרשטעלט דעם וועג צום תהום.

דער זקן האָט זיך פאַר אים פאַרבויגן און שוואַך אַרויסגעמורמלט:

— גבריאל, גבריאל, פאַרוואָס פאַרשטעלסטו מיר דעם וועג צו זיך?

— פריד צו דיר, טאַטע... פריד צו דיר פון אַלע טויטע... פרידן... פרידן... פרידן...

ער האָט זיך איינגעהאָרכט אין דער שטילקייט. דאָס האָט געדויערט זייער לאַנג. הינטער אים זענען שוין געשטאַנען פון ביידע זייטן די צוויי ווייסע, מענטשלעכע שאָטנס. זיי האָבן אים איצטער געפירט אַראָפּ־צו זייער פּאַוואָליע איבער די שטיינער, כדי ניט צו פאַרוואונדיקן זיינע נאַקעטע פּיס. גנעסאָוו האָט זיך געלאָזט פירן אַ פאַרשעמטער. דעם מיידלס קליינע, נאַקעטע הענט זענען געווען קיל. דער תימנער האָט יעטוועדע רגע אַריינגעבליקט אין גנעסאָווס אַראָפּגעבויגן פּנים. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער זקן וויינט. קליינע שטערן זענען איצט געפאַלן פונעם באַרגהימל גלייך אינעם תהום אַראָפּ. זיי האָבן נאָך זיך געלאָזט אין דער פינצטער אַ גרינלעכן ציטערנדיקן ליכטוועג.

און גראָד דעמאָלט, בעת אַלע דריי זענען אַרויס פון די באַרגפאַלדן, האָבן שוין די ערשטע פיאָלעטע ליכטשטרייפן געשפּאָלטן די פינצטערניש פון באַרג. די ערשטע שטראַלן האָבן זיך געגליטשט אין טאָל אַראָפּ. באַלד האָבן זיך אויפגעהויבן די אומצאָליקע וואַסער־אָרעמס. פון די באַהאַלטענע וואַסערקוואַלן האָט אַ דינער, געבוירענער פרימאָרגן־רעגן גענידערט צו דער באַרגערד. די טראָפּנס זענען אַראָפּגעפאַלן מיט קליינע פייערן, וואָס די אויפגייענדיקע באַרגזון האָט אין זיי געצונדן. די ערשטע מענטשן זענען

אַרויס פון די נידעריקע געצעלטן. זיי האָבן זיך תחילת געהאַלטן אין די גליטשיקע באַרגשאָטנס, וואָס זענען פּאַוואָליע אָפּגעפּלאָסן מיט דער נאַכט. אַביסל שפּעטער האָבן שוין אַלע געצויגן צוזאַמען, ווי קליינע אומרויקע אָדלערס, צו די פּאַרזייטע פעלדער אַרום דעם שוואַרצן באַרג.

1954

די שבועה

נאָרוואָס איז צוגעפאַלן די טיר. זי האָט נאָך אַביסל געציטערט אויבן, אין דער שווערער, צעשפּאָלטענער טיר־ראָם. די שוועסטער איז אַרויס. ער האָט נאָך געהערט אירע שווערע, האַרטע שריט איבער די שטיגן פון אירע אומעטיקע, קיבוצישע שיך. באַלד איז געוואָרן לחלוטין שטיל. זי איז היינט, רחל, געזעסן מיט אים לענגער ווי תמיד. איר יידיש, אַלט־מיידלש פּנים איז געווען שטאַרק ווייס, מאַט און צעקנייטשט. אירע קין־ברעגן האָבן געהאַט דין־באַזוימטע האָר־הערעלעך. ער האָט תמיד פאַרגליכן רחלס געזיכט־פאַלדן צו די פּאַרטיפטע פאַלדן פון איינגעקורטשעטער עפּל־הויט. אפשר איז דאָס געווען מחמת דער רונדיקייט פון איר בוגרת־פּנים, וואָס איז געזעסן אויפן נידעריקן האַלדז מיט זיין איינגעפאַלענעם קין. מנחם האָט תמיד אויסגעמיטן צו קוקן אויף איר האַלדז און אפילו אין אירע אויגן. דער האַלדז האָט געהאַט די קאָליר פון העל זאַמד נאָך אַ רעגן. דיקלעכע, טונקעלע בלוט־אָדערן האָבן זיך מיד געקרייצט אין דער קווער. זי האָט שווער געאָטעמט, בעת די אָדערן זענען איר געוואָרן בלאָלעך און אָנגעלאָפן. אויך אין אירע אויגן האָט ער אויסגעמיטן אַריינצובליקן און בעת זייער בליק פלעגט זיך יאָ צוזאַמענטרעפן — האָט ער גיך אַראָפּגעלאָזט די ווימפּערן. לאַנג האָט ער געהאַלטן פאַרשלאָסן די אויגן־דעקלעך. זי האָט אים דעמאָלט געמוזט הויך רופן אויפן קול און ער פלעגט אויפסניי זיך צו איר צוהערן. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער פאַרלוירנקייט און ווייבלעכן פּחד, וואָס האָבן געפליצט פון אירע אויגן. דאָס איז דער זעלביקער בליק פונעם טאַטן, וואָס האָט זיך געקרייצט מיט דער מאַמעס אויגן־בליאַסק און טיילמאָל אויך פון אים אַליין. ער האָט ניט געוווּסט פאַרוואָס ס'ציט אים תמיד אין אַן אומ־

אויפהער שווער באַצווינגעניש צו אַלע שוין לאַנג פֿאַרלאָשענע בליקן. איבער די פּאַרזונקענע צייט־מרחקים און איבער די גרענעצן פֿון פֿאַר־פֿלאָסענע יאָרן האָבן נאָך אַלץ פֿון רחלס טרויעריקע ווימפּערן געקוקט די שווערע, שיינע ווימפּערן פֿון דער מאַמע, טיילמאָל אויך דער גלאַנץ פֿונעם פֿאָטערס, דעם סלאַנימער דיינס ווייך־פֿאַרלאָפֿענע ווייסלען, וואָס זענען געווען יידישלעך־פּייטלעך און הימלדיק־בלאָ.

ער האָט זיך נאָך צוגעהערט צו די טריט אינעם קאָרידאָר, כאָטש ס'איז שוין געווען דאָרט גאָר, גאָר שטיל. ער האָט אַ בליק געטאָן אינעם פֿענצטער. די זון וועט באַלד צושווימען צום איינציקן פּאַלמע־בוים, וואָס רייסט זיך צווישן די ווייסע בנינים. צי איז עס ניט איינע פֿון די דריי פּאַלמען פֿון פּושקינען? דער ים וועט באַלד אָנהייבן, ווי תּמיד אין דער־אָ שעה, אַמשטאַרקסטן צו רוישן, וואָרעם דעמאָלט קערט זיך אום דער ווינט פֿון דרום־זייט קיין צפֿון. די פּאַלמע־בלעטער וועלן צו פּוסנס דעם בוים וואָרפֿן זייער פּליסיקן, שפּיציקן שאָטן. אַזוי וועלן זיי, די פּאַלמע־שאָטנס, ביסלעכווייז אַרויפֿקלעטערן צום פֿענצטער ווי שוואַרצע, משונה־דיקע נאַכט־באַשעפֿענישן, וואָס באַוועגן זיך אינעם דמיון, בעת דער מוח איז נאָך וואַך און וועט באַלד אַריינפֿאַלן אין שלאָף.

זיינע פֿינגער־שפּיצן זענען געווען געל־גאָלדיק פֿון טיטין. פֿון הינטער די פֿינגער־קישעלעך האָבן זיך אַרויסגעזען די דינע, בלייכע קנאָכן. ער איז לאַנג געזעסן לעבן טיש אָן איבערגעבויגענער און געקוקט אין די פֿינגער־שפּיצן אויך נאָכדעם ווי די שוועסטער איז אַרויס. ער האָט געביסן די נעגל און ניט געפֿילט דעם ווייטיק. די טבֿע פֿון בייסן די נעגל איז אים געבליבן נאָך פֿון די קינדער־יאָרן. פֿאַר אים אויפֿן טישל איז געלעגן דער שטויס פּאַפּירן, אַביסל אין אַ זייט — דאָס קליינע שפּי־געלע מיטן וואַקלדיקן פּיסל. דאָס שפּיגעלע איז געווען אַלט. ביי זיינע ראַנדן האָבן זיך געשוואַרצט בלאָלעכע, מטושטשדיקע פֿלעקן. הינטער די־אָ פֿלעקן איז געלעגן איצט איינגעפּאַסט מנחמס קאָפּ — אַ רונדיק־פּאַליענדיקער שאָטן אין אַ וואַסער. ער איז געווען, דער קאָפּ, אַ שפּיציקער, די האָר צעטיילט אויףביידע זייטן פֿונעם שיידל. זיי האָבן געלויבטן אינעם שפּיגל מיטן רייץ פֿון אַלט, פֿאַר־

שטאַרבן זילבער. זיין שטערן האָט זיך געוועלבט הויך, ביזן סאַמע מיט פון קאָפּ, אַזוי אַז זיין פּנים האָט אויסגעזען ברייטער און לענגער. כאָטש ער איז ערשט געווען אין די אָנהייב פופציקער, האָבן זיינע פעלנדיקע ציין אין אונטערשטן קין געמאַכט זיין מויל שטאַרק איינגעפאַלן, און בלויז אויבן, אין דער דיקער יאַסלע, זענען נאָך געזעסן עטלעכע ציין, טויטלעכע, בלאַסע, ווי דורכזיכטיקע. די ציין האָבן איצט געביסן די פינגער־שפּיצן און פון זיי געזויגן דעם איינגעגעסענעם ניקאָטין, וואָס איז געווען טערפּקע־ביטער און געהאַט דעם טעם פון פּוילישע פּיאָלון־קרייטעכצער.

בעת מנחם האָט דאָס געטאָן, האָט ער ניט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם שטויס פּאַפּירן אויפן טיש. זיי זענען אַלע געווען געל־פּאַרלעגענע, צעפאַלענע, אַ טייל פון אַלטן ווילגאַטנעם קאַרטאָן און פאַרשריבענע אין אַן אַלטן יידיש און אין לשון־קודש. פון אומעטום האָבן אַרויסגעקוקט גרויסע, רונדיקע, צעבראָכענע, יידישע זיגלען. זיי זענען נאָך געווען מאַט־בלאָלעך. אין מיטן פון די־אָ צעבראָכענע זיגלען האָט געקיניגט דער מגן־דוד. צווישן דעם קאַרטאָן און טויט־צעפאַלענע צעטעלעך האָבן אויך אַרויסגעבליקט די שמאָלע פּאַטאָגראַפיעס מיט דין־פאַרגאָלדיקטע ראַנדן פון אַלטקייט. אין זיי, אין די דאָזיקע ראַנדן, האָט מנחם דערקענט דעם אכזריותדיקן פלוס פון צייט איבער אַלץ, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט זיין לעבן.

כאָטש די דאָזיקע געשריפטן זענען געבוירן געוואָרן באַלד נאָך זיין קומען אין לאַנד, אין די דרייסיקער יאָרן, האָבן די בלאָלעכע זיגלען אויס־געזען צווישן זיי ווי אַ האַנט וואָלט זיי נאָרוואָס אַראָפּגעלאָזט אויפן פרישן קאַרטאָן. אויך די ווייטע געשעענישן, פאַרהילטע מיט ציפערן, נעמען פון מענטשן און פאַרוואָרפענע לאַנד־פונקטן האָבן גאָרניט פאַרלוירן פון זייער פרישקייט. אַממייניסטן האָט זיך אָנגעזען די פאַרגליווערטקייט און די ניט־שליטה פון דער צייט דווקא אין די פּאַטאָגראַפיעלעך — די קליינע, שמאָלע בילדלעך, אויפגעכאַפּטע דאָ ביים יפוער ים־ברעג, טיילמאָל אויף אַן אַרויס־שטייגנדיקן ים־פעלדז און מאַנכמאָל גאָר אויף אַ זומפּ־פעלד, אָדער אינעם שאָטן פון אַ ריזיקן אייקאַליפּטוס. ווי דורך אַ כישוף האָבן זיי אַלע אויפגעהאַלטן אין זיך דעם פליסיקן גאַנג פון צייט. דער ים־ברעג איז

געווען שוימיק־גראָ. די כוואַליעס, אומרויק־געוועלבטע, מיט אַסך זילבער־פונקען, זענען אַלץ נאָך געשטאַנען צעברויזטע אין דער הייך, פאַר זייער פאַרגליווערט צוריקפאַלן אינעם ים־שפּיגל. אויך דער שאָטן הינטערן אייקאַליפּטוס איז געווען ווייך און זאַפטיק. אַפילו אויף די זומפּן האָבן געלויכטן אויסטערלישע געוויקסן און סוב־טראָפּישע פלאַנצן. און צווישן דעם אַלץ האָבן אַרויסגעבליקט זייערע פּנימער: יינגלשע, בלוטלאָזע, שעמעוודיקע. ס'רוב זענען זיי געשטאַנען מיט שווערע וואָנסן און לאַנגע מאָוזער־ביקסן אויף די נאָך־קינדערשע אַקסלען.

דאָס איז דאָך געווען די ערשטע, יונגע צייט פון נצחון איבער דער פאַרשטאַרבענער, יידישער ערד, איבער די זומפּן, ווו ס'האָט דורותדיק געקיניגט דאָס טויט־געזאַנג פונעם פעסט־ווינט. און צווישן די אַלע פּנימער האָט אַרויסגעקוקט אויך זיין אייגן פּנים: שאַרף און אָנגעצויגן מיטן טאַטנס ערנסטקייט און יראה, ווי די הויט וואָלט געווען פון לעדער. בלויז אין די גרויסע פלומען־אויגן האָט ער דערקענט אַז דאָס איז טאַקע ער — מנחם טאָפּאָר.

ער איז תמיד געשטאַנען אין פאָדערגרונד, אַביסל זייטיק, אָנגעטאָן נאָך אינעם קורצן סטודענטישן רעקל, און הינטער אים — די קליינע גרופּע יונגעלייט מיט אויפגעהויבענע הענט. זייערע בלאַסע, מטושטשדיקע פּנימער זענען געווענדט צו אים. פון זייערע יינגלשע אַקסלען הענגען די לאַנגע ביקסן, בעת זייערע רעכטע הענט, אויפגעהויבן איבער זיך מיט צוויי צונויפגעלייגטע פינגער, — האָבן פאַר אים אָפּגעגעבן די ערשטע שבועה. ער, מנחם טאָפּאָר, דער פאַרוואָגלטער פונעם טאַטנס צעפאַלן הויז (פון זיין זכרון האָט לחלוטין זיך ניט געוואָלט אויסלעשן די הילצערנע וועראַנדע, געבויט פון די ווייסע בזשאָזשעס פונעם סלאָנימער וואַלד) — האָט זיי אַלעמען איינגעשוווירן. דאָס איז געווען זייער ערשטע שבועה אינעם יידישן געראַנגל פאַר אַ ניי לעבן.

אַזוי האָבן זיי, די ערשטע, פאַרשניטן אַ ברית מיט דער ערד, וואָס איז נאָך געווען עקרהדיק־טויט; מיטן זומפּ, וואָס האָט געשיצט אין זיינע שוואַרצע טיפענישן דאָס אור־אייביק־ווימלדיקע לעבן פון דאַרע פלאַנצן, קראַנק ווילדגראָז און טויטע דאַרן־בושעס. די ערד אין איר אייביקער

פּרוכפּערונג האָט זיי אַלע גענערט און ניט געוואָלט זיך מיט זיי שיידן. זי האָט זיי אַלע פאַרקלאָמערט אַרום איר פאַרטרוקנטן, קראַנקן גוף. די פּעסט־פליג האָט געזשוזשעט אינעם מאַלאַריע־ווינט איר טויט־געזאַנג איבער די שטייענדיקע שימל־וואַסערלעך. קראַנקע, ערדישע בליטן האָבן געגליט מיט מגיפה אין ווייסן זון־ליכט אויף צעקרישלטן אַלט־יידישן שטיין.

ניט יעדעס מאָל איז מנחם טאָפּאַר בעת דער שבועה געשטאַנען אין זיין קורץ סטודענטיש רעקל. אָט, למשל, אויף דער לענגלעכער פאָטאָגראַפיע, וואָס איז געשפּאָלטן אין דער מיט. ער שטייט דאָ כמעט אַ נאַקעטער. אויף זיינע איינגעפאַלענע היכטן הענגען די קורצע חאַקי־הייזלעך. זיין דאַרער גוף איז ברוין־גאָלדיק, כאָטש אויף דער פאָטאָגראַפיע איז דאָס ניט צו זען. אויף זיין אַקסל הענגט די זעלביקע שוואַרצע מאַוזער־ביקס ווי אויף די אַקסלען פון די יונגע לייט. און גראָד אויף דער־אָ פאָטאָגראַפיע איז נאָך פאַרבליבן די שריפט אויף דער צווייטער זייט. וויפל מאָל האָט ער שוין איבערגעלייענט די־אָ קורצע שורות און תמיד זעגען זיי אַזוי פריש אינעם טינט מיט די אַלטע, יידישע אותיות: „דעם מפקד מנחם טאָפּאַר — פון דער פלוגה צפון". און דערנאָך די אונטערשריפטן: דינע, דיקלעכע, פולע, אָפּגעהאַקטע און געקרייזלטע, ווי יונגע וואָרצלען, וואָס רייסן זיך פון דער ערד. זיי זענען געווען, די אונטערשריפטן, אין כלערליי לשונות: אין יידיש, רוסיש, פּויליש, דייטש און געציילטע אויך אין לשון־קודש. דאָס זענען געווען אַמאָל זיינע בחורים... זיינע ייִנגלעך... זיי האָבן צו אים געשוווירן די ערשטע שבועה... די ערשטע שבועה!...

ער הייבט אויפסניי אויף דעם קאָפּ צו דער טיר, ווו ס'איז נאָר וואָס פאַרשוווּנדן די שוועסטער. צו וואָס איז זי אייגנטלעך געקומען, רחל? זי איז געווען מיט דריי יאָר יינגער פון אים. ווי אויסטערליש־שאַרף איז אין איר דער ווילן צום לעבן נאָך די אַלע מפּלות! יעדע פּאָר חדשים קומט זי צו אים פון דאָרטן, פון וואַנען ער איז אַנטלאָפן... פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן? אים איז ניט אינגאַנצן קלאָר די טאָט. צי אַלע טאָטן, וואָס אַ מענטש באַגייט, זענען פאַר אים קלאָר? מאַנכמאָל באַפאַלט אים אַ ביטערע קושה: אַ פאָטער דערבאַרעמדיקער אין די הימלען! ווי וויים די מענטשן

פון דאָרט זענען אַוועק פון זיך, אַוועק פון זייער שבועה... צי מוזן אַלע שבועות, וואָס דער מענטש שווערט אין די יאָרן פון זוכעניש, ווערן צעבראָכן אינעם גרויל פון אַלטאָג און ווערן צעבראָקלטע שערבלעך פון לוחות?

מאַנכמאָל בריט אין אים דער אומפאַרשטענדלעכער, גליאיקער שטאָלץ: בלויז אין אים, אין מנחם טאַפּאַר, זענען נאָך פאַרבליבן די זשאַרענדיקע פונקען פון יענעם פייער... פון יענער שבועה... בלויז אין אים, דעם סלאָנימער דיינס זון, בעת אַלץ אַרום האָט שוין לאַנג פאַרלוירן דעם בונד מיט יענע שיינע און אָרעמע יאָרן... אפשר איז גאָר שולדיק אין זיין אַנט־לויפן זי, טאָקע זי, רחל? איז וואָס אַז מע זיצט אויפן קיבוץ־טראַקטאָר? צי איז עס ניט די זעלביקע ערד וואָס ער, מנחם, האָט איר אַוועקגעגעבן זיין לעבן? ניט איינמאָל האָט רחל פאַרלאָזט די קיבוץ־קיך און אים אַרויסגעטראָגן אויפן פעלד אַ קענדעלע פרישע מילך. — — —

די זון פלעגט דעמאָלט שטיין גראָד איבערן ברעזענטענעם טראַקטאָר־דעכל. זי פלעגט דאָס קענדעלע מיט מילך תמיד אַוועקשטעלן צו זיינע באָרוועסע פיס, איז עס געבליבן דאָרט שטיין גאַנצע שעהן, ביז זי איז זויער געוואָרן — די מילך. איידער ער האָט צוגעפירט דעם טראַקטאָר צום פלויט, נאָך דער אַרבעט, האָט ער די מילך אויסגעגאָסן. דאָס איז געווען זיין אויסטערלישע, ווייסע נקמה אין רחלען פאַר איר שטענדיקע מאָנונג: „וואָס וועט זיין דער תכלית, מנחם?" גראָד ווי זיצן אויפן טראַק־טאָר וואָלט ניט געווען דער גאַנצער תכלית... אָבער רחל האָט תמיד געמאָנט, געמאָנט אַפילו ניט פון זיך אַליין, נאָר אין נאָמען פון טאַטע־מאַמע: „מיינסט טאָקע, מנחם, צו בלייבן אייביק אַליין?"

נאָכן אויסגיסן די מילך פלעגט ער לאַנג קוקן ווי די מילך פאַרשווינדט ביסלעכווייז אינעם זאַמד. די אייבערשטע ערד־שיכט, וואָס איז געווען פעט־ברוינלעך, האָט באַקומען אַ ווייסלעכע קאָליר ווי פון אַ זייער יונגער הויט, וואָס באַציט דאָס פלייש נאָך אַ בראַנד־וווּנד. צי וועט אויך אַמאָל די וווּנד אין אים זיך איבערציען מיט הויט און מער ניט אַזוי ווי טאָן?

פונדעסטוועגן... ער ווייס, מנחם, אַז דאָס איז בלויז אַן אויסרייד. ניט זי, רחל, איז שולדיק אין זיין אַנטלויפן... נאָר דווקא די באַגעגעניש מיט פאַנין... ווען ניט פאַני זעלמאַן וואָלט ער ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן

אויפן קיבוץ־טראַקטאָר. נו, איז וואָס געשען? ער איז אַנטלאָפן. און פון אַלע ראַנגלענישן אין דרויסן איז גאָרניט געוואָרן... געווען אַסך שמועסן מיט דער פאַני זעלמאַן... אָבער ביז וואָס ווען איז אַלץ שוין געווען צו שפּעט... דער טראַקטאָר האָט וואָכן געוואַרט אויף אים. ווי לאַנג קען מען לאָזן שטיין אַ טראַקטאָר? שפּעטער איז צו אים דערגאַנגען אַז פאַני און בנימין... אָט־אָ דאָס בחורל אויף דער פאָטאָגראַפיע... מיט דער פאַרוואָרפענער טשופּרינע... וואָס האָט צו אים געשוווירן די שבועה...

איצט האָבן די חתימות אויף דער צווייטער זייט פון דער פאָטאָגראַפיע אָנגעהויבן ווערן העלער, בולטער, וואָרעם אינעם פענצטער האָט זיך אַריינ־געריסן אַ קרומער זון־זייל, צעפּיצלט אין אַסך גרינע און גינגאָלדענע דעמערונג־פייערן. מנחמען האָט זיך אויסגעוויזן אַז די שוועסטער זיצט נאָך ווי פריער אַנטקעגן אים. פאַרוואָס איז זי אַזוי צודרינגלעך און וויל דווקא באַשיידן זיין אייגענעם גורל? צי איז עס ניט אַמאָל דערפאַר וואָס אַ נאָענ־טער מענטש, אין זיין אייגענער גורל־פאַרלוירנקייט, וויל אַרויפצווינגען אויפן צווייטן די אומפאַרווירקלעכטע, אייגענע חלומות?

ער זעט אויפסניי איר האַלדז מיט די געקרייצטע, בלאַלעכע אָדערן. ער זעט אַפילו אין זיי איר האַרץ־קלאַפּ, ווייל דעמאָלט הייבט זיך און פאַלט אין דער בלוטדרוק הינטער זייער הויט. ער הערט אויפסניי אירע רייד. זיי פאַלן אַראָפּ דינע, צעקרישלטע אויפן שטויס פאַפּירן און אויף די פאַר־גאָלדיקטע אַלטע פאָטאָגראַפיעס. זיי פאַלן אַראָפּ ווי אַ האָגל. און צווישן דעם דראָבנעם פאַלן פון זילבערנעם האָגל איז פאַר אים אויפסניי אַרויס־געשווומען פאַני. דאָסמאָל ניט ווי תמיד — נאָר דווקא די ערשטע און לעצטע נאַכט־טרעפונג אינעם וועלדל, הינטער די שטאַלן:

דער הימל איז געהאַנגען נידעריק מיט זיינע גרויסע, זילבערנע קאַרשן־שטערן. צי האָט דער סלאַנימער הימל זיך אַריבערגעכישופט דאָ, איבערן קיבוץ־וועלדל? צווישן איינגעטוליעטע, דאַרע בלעטער האָבן געזעגט זייער יאָושדיק, נאַכט־געזאַנג די גרילן. ער האָט געוווסט אַז זי וועט קומען. אינעם בוך וואָס ער האָט איר האָט אויסגעבאָרגט (כל כתבי י. ח. ברנר) האָט ער געפונען אַ קליין צעטעלע וועגן דער נאַכט־טרעפונג. ווי נאָר זי איז צוגעלאָפן צו אים, האָט זי אין דער ערשטער, פינצטערער באַרירונג אים

אַ ביס געטאָן אין קאָרק. ער האָט שיער ניט אַ געשריי געטאָן פון ווייטיק און געפאַלן מיט איר אַ פאַרקלעמטער אויף דער ערד. זייער ביידנס טרעפונג איז געווען ווי די טרעפונג פון אַ בליץ.

שפּעטער האָט ער וועגן איר געטראַכט: אַ הימלאָזע, הונגעריקע קאַץ... אירע דאַרע, מיידלשע היפּטן האָבן געבריט בעת זי האָט געטאַמלט מיט אירע ברוינע, באָרוועסע פיס אויף דער ערד. זיי זענען ביידע מידע איינגעשלאָפן אויפן זאַמד, אונטער די שיטער־אויפגעגאַנגענע ביימלעך. אַז ר׳האָט געעפנט די אויגן, איז שוין פאַני ניט געווען. ווידער האָבן געזונגט די גרילן. דאָסמאָל — דינער און יאושדיקער ווי פריער. צווישן די ראָזלעכע צווייגן איז געהאנגען דער יונגער,באָרוואָס געבוירענער שטראַל־געוועב. צי ליגט ער ניט אין סלאַנימער וואַלד? די ערד אונטער אים איז שוין געווען וואַרעם. פון די בערג האָט, פאַרן פאַרלאָשן ווערן, נאָך גע־שימערט דער גרויסער מאָרגנשטערן. ער איז געהאָנגען, דער מאָרגנ־שטערן, אַ בלאַסער, אַ פאַרוועבטער און דערטרונקען אין די ערשטע באַגינענדיקע ליכט־הימלען...

*

— מנחם... וואָס ענטפערסטו ניט? הערסט ניט וואָס כ׳רעד צו דיר?

ער האָט לאַנג געשוויגן און ניט געענטפערט רחלען. מיט דער רעכטער האַנטפלאַך האָט ער צונויפגעשאַרט די פּאַפּירן. ער האָט אַריינגעקוקט אין דער שוועסטערס אויגן, וואָס זענען געווען ווי פאַרווייינטע. אירע ווימפּערן האָבן לייכט געציטערט. מיט אירע ווייבלעכע, מידע, ברייטע פינגער האָט זי זיך פאַרריכט דאָס קלייד, וואָס איז אויף איר שווער געהאָנגען מיט פאַלשע, געדרוקטע בלומען אַרום איר טאַליע.

— אפשר וועסטו דאָך פּרוּוון, מנחם? זיי זענען גרייט דיך צוריק אויפצונעמען... מילא וואָס אַ מענטש טוט אַלץ ניט אָפּ... מען דאַרף גראָד אַ מענטש צום טראַקטאָר... דריי טראַקטאָרן אַרבעטן שוין טאָג און נאַכט...

רחלען האָט זיך געדאַכט אַז ער הערט ניט אירע רייד. אָבער פּלוצעם האָט ער זיך אָנגערופן:

— צו וואָס?... כדי אויפסניי אויסצוגיסן די מילך?...

— וואָסער מילך?

— דיינע קליינע, בלאָע קענדעלעך... געדענקסט ניט?

אַ פאַרחידושטע האָט זי אויפגעהויבן אירע ציטערנדיקע ווימפּערן און מיט איר בליק געבליבן שטיין אויף זיין אַלטן, געפאַלדעוועטן שטערן. זי איז שוין געווינט געווען, רחל, אַז דער ברודער הייבט פּלוצעם אָן רעדן פרעמדע, מטושטשדיקע רייד.

— אויב ניט אין קיבוץ, — פּרווו אפשר אין ירושלים... ס'איז דאָך ניט מעגלעך אַז אַלע האָבן דיך פאַרגעסן!...

— אַלע האָבן מיך פאַרגעסן.. אַלע... פאַרגעסן אַלץ און אַלעמען... קיינער געדענקט דאָ ניט קיינעם... אַלע זענען זיי פאַרנומען נאָר מיט זיך...

— אפשר דאַרף עס אַזוי זיין, מנחם. כדי איצט צו לעבן אין דעם לאַנד מוז מען אַ סך פאַרגעסן... אויסוואָרצלען דעם זכרון... קיין מאָל ניט קוקן אויף צוריק...

— אָבער איך, מנחם טאָפּאָר, איך קען עס ניט! איך קען עס ניט! דו הערסט? איך קען ניט פאַרגעסן און וויל ניט פאַרגעסן!... — האָט ער צו איר געשריגן ניט מיט זיין קול, וואָס האָט געפאַליעט אינעם חלל ווי אַ דראָונג. אַ טויטלעכער שמייכל איז געשוווומען פון זיינע פאַלשע ציין ווי ער וואָלט איצט גערעדט ניט פון זיך נאָר פון אַ ווייט־פרעמדן, שאָטנדיקן מענטשן.

רחל האָט עפּעס געגנישטערט אין איר זכרון. זי האָט געוואָלט אוודאי געפינען אַ וואָרט פון טרייסט און עס אים אונטערטראָגן אין שוועסטער־לעכער נאָענטקייט. גיכער איז עס געווען אַ סימן פון פאַרלוירנקייט און אָפּגעפרעמדטער בלוט־קרובהשאַפט. זי האָט בלויז אין אַ קרומען גרימאַס אַרויסגעבראַכט אויף אירע ליפּן:

— ניט אַלע זענען דאָך פּאַני זעלמאַן...

זיינע פינגער־שפּיצן, געל־גאַלדיקע פון טיטין, זענען פּלוצעם געוואָרן בלאָלעך. דאָס בלוט איז פון זיי גיך אָפּגעפלאָסן צום האַרץ, וואָס האָט אין אים געקלאַפּט שווער און קיל.

— שוין ווידער פּאַני זעלמאַן? — האָבן זיינע ליפּן אַרויסגעוואָרפן ציטערנדיק מיטן אָנציינערדיקן קין.

— אַ מענטש דאַרף זיך אַזוי גיך ניט אונטערגעבן, מנחם... — האָט זי אויפסניי געפּרוווט אים טרייסטן. זי האָט געהאַט דאָס געפיל ווי זי וואָלט אים אַריינגעלייגט אין די הענט אַ שטריק, כדי ער זאָל זיך ראַטעווען איבער אָן אָפענעם תהום — דווקא ווייל אַלץ איז קעגן דיר... קעגן דיין לעבן — מוזסטו אויפשטיין קעגן אַלץ!... קעגן זיך אַליין... וואָס איז פון דיר געוואָרן, מנחם? מיינסט ס'איז סלאָנים?

— ניטאָ מיט וועמען צו רעדן, רחל... זיי זענען אַלע טויב... טויב פון רעש און פון שלעכטס... ווייסטו וואָס ס'פעלט אונדז אין לאַנד? — שטילקייט. אין שטילקייט הערט איין מענטש דעם צווייטן... אין שטילקייט זעט איין מענטש דעם צווייטן... אַפילו אונדזערע בית־עלמינס זענען ניט שטיל... אונדזער שבועה איז געווען אומזיסט... אומזיסט, רחל...

— אפשר צו בנימינען? — האָט די שוועסטער ניט אויפגעהויבן אירע אויגן, ווי זי וואָלט לחלוטין ניט געהערט זיינע לעצטע רייד.

— וועלכער בנימין?

— דער פון דיין פּלוגה... בנימין גאָלדבערג... כ'האָב געהערט, אַז ער איז גאָר הויך דערגאַנגען...

— אַהאַ, ווי הויך!... ער הייסט שוין ניט גאָלדבערג נאָר: הר־זהב!...

ער האָט טרוקן זיך צעלאַכט און אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן געבויגענעם קין, וואָס האָט אונטערגעציטערט.

— הר־זהב... דער גילדענער באַרג איז אַזוי הויך, אַז ס'איז דאָרט שווער אָנצוקומען... (פאַר זיינע אויגן האָט אויפסניי זיך געווירבלט ווי אַ קריכנדיקע שלאַנג די אונטערשריפט פון יענעם בחורל מיט דער פאַרוואָרפענער גריווע)... דער באַרג איז אַזוי הויך, רחל... און גאָר אין דער הייך בליצן די אויגן פון אַ גאָלדן קאַלב... ניין, ניט פון אַ קאַלב, נאָר פון אַ גאַנצער טשערעדע קי...

און ווי געטראָפן פון אַ ביס פון אַ שלאַנג, האָט מנחם כעסיק אַ ברום געטאָן:

— כ'וועל פּאַניס שוועל ניט איבערטרעטן... כ'זאָל אַפילו אויסגיין פון

הונגער!... דו לאַכסט, וואָס? קיינער שטאַרבט ניט אין דעם לאַנד פון הונגער, זאָגסטו? ס׳איז אַ בייזע ערד... אַ שלעכטער דור... אַ דור אָן אַ שבועה...

— און אַז אַ מיידל ברעכט די שבועה, גייט די וועלט אונטער? מיר דוכט זיך, מנחם, אַז ס׳זענען פאַראַן נאָך אַנדערע שבועות וואָס בלייבן אייביק, אַפילו נאָך אונדז... די שבועה פון דורות, וואָס זענען ניט געקומען אַהער... די שבועה פון די טויטע, וואָס זייערע ביינער רוען ניט אין דער ערד... אין קיין שום ערד אויף דער וועלט... די שבועה פאַר אַלע דורות יידן... וואָס וועלן קומען נאָך אונדז... וואָס וועלן דאָ לעבן און דאָ שטאַרבן — אויף דיין בייזער און שיינער ערד...

— פון אַלע שבועות איז געוואָרן שטויב... שטויב... שטויב...

— רעד ניט אַזוי, מנחם... אַלץ איז אָפּהענגיק פון דיר... אַ מענטש טאָר ניט אַנטרינען פון מענטשן... אַ מענטש דאַרף מיטגיין... אַפילו מיטלויפן... קיינמאָל ניט קוקן אויף הינטערוויילעכטס... ניט קוקן אויף צוריק... ווייסטו וואָס ס׳ווערט פון אַ מענטשן אַז ער קוקט אויף צוריק? — אַ פאַרגליווערט שטיק זאַלץ ווערט ער אַזוי ווי די וואָרענונג פון די מלאכים. אַ טויטער זאַלץ־זייל, צוגעקאָוועט צו דער ערד... אַלע דייניקע זענען צו עפּעס דערגאַנגען... פאַר אַלע האָט די מדינה געגעבן ברויט און כבוד... בלויז פאַר דיר, מנחם טאַפּאַר, איז ניטאָ קיין אָרט אויף דער דאָזיקער ערד?...

— כ׳בין צו אַלט, רחל... אַלט... די ערד דאָ דאַרף יונג בלוט... אפשר בין איך שוין טויט... טויט ווי אַלע געפאַלענע... און אפשר, ווער ווייס, בין איך טאַקע אַ פאַרשטיינט שטיק זאַלץ... אַ סלופּ פון זאַלץ...

זי האָט געוווּסט, רחל, אַז פון איצט אָן וועט ער שוין עקשנותדיק שווייגן. ער וועט מער ניט אַרויסלאָזן דעם מינדסטן הויך פון זיין פאַרשלאָסן מויל. אַז ער קומט צו די געפאַלענע — ווערט זיין קעל פאַרזיגלט. זיין קין מיט די אומצאָליקע גראָע הערעלעך אַרום די ברעגעס האָט געציטערט בעת פון זיינע אויגן איז געפלאָסן אַן אומעטיקער, טריבער גלאַנץ. אויף די צעטיילטע, גראָלעכע האָר זענען געפאַלן די לעצטע ליכט־פונקען פון דער אוונט־דעמערונג. ס׳האָט אויסגעזען ווי זיין קאָפּ ווערט אינעם אויסגייענדיקן

דעמערונג־ליכט פֿאַרפֿרישעט מיט דראָבנעם, פֿינקלענדיקן זאַלץ־שטויב. ער האָט טאַקע אויסגעזען אין רחלס אויגן ווי אַ פֿאַרגליווערטער זאַלץ־סלופּ. וואָס האָט זי נאָך איצט געקענט דערוואַרטן פֿון אים? ווידער דערמאָנען דעם צי יענעם נאָמען? ווידער דערמאָנען טאַטע־מאַמע? ווידער סלאַנים?...

זי האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון שטול, אויסגעגלעט די צעקנייטשטע בלומען אויף איר קלייד, און אים דערלאַנגט די האַנט. זי האָט דערפֿילט, אַז זיינע פֿינגער־שפּיצן זענען קאַלט ווי שטיין־זאַלץ. דערנאָך האָט זי זיך געלאָזט גיין מיט צעבראָכענע, שווערע טריט צו דער טיר.

בעת די שוועסטער איז אַרויסגעגאַנגען האָט מנחם פּאַוואָליע אויס־געדרייט דעם קאָפּ צום פֿענצטער. ער האָט דערזען אַז ס'איז שוין לאַנג די שעה בעת די שאָטנס קלעטערן אַרויף צו דער אונטערשטער פֿענצטער־ראַם. די שאָטנס האָבן ביסלעכווייז דערגרייכט די ווייסע שויבן־ברעגן און זיי פֿאַרטונקלט. זיי האָבן זיך געגליטשט אַלץ העכער און העכער, ווי אַ גרויסער מעוברתדיקער וואָלקן, וואָס פֿאַרבאָרגט אין זיין פֿינצטערניש די געבורט פֿון אַ שטורעם...

*

נאָך אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט האָט מנחם טאָפּאָר צומאָרגנס באַלד אין דער פֿרי פֿונדעסטוועגן אָנגעהויבן צו פֿאַרפּאַקן זיין קליין רענצל. ער האָט זיך שעהען געגרייט, ביז די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל. אויפֿסניי האָט דער וויזיט פֿון דער שוועסטער געעפֿנט אין זיין האַרץ דינע שפּאַרעס פֿון לאַנג שוין פֿאַרשלאָסענע טירן. אים האָט זיך אַפֿילו געדאַכט אַז ער איז דאַנקבאַר רחלען פֿאַר איר פּלוצעמדיקן קומען, פֿאַרן דערמאָנען דעם נאָמען פֿאַני זעלמאַן. איצט האָט שוין אין אים געבריט די אומגעדולד ווי אַ שטעכיקע, בייזע פֿלאַנץ, וואָס גיכער צו פֿאַרלאָזן די שטוב, צו זען פֿאַנין אין איר ירושלימער היים.

וויפֿל יאָר האָט ער זי שוין ניט געזען? דאָס לעצטע מאָל איז עס געווען אין מאַי... מיט צען יאָר צוריק... אין טאָג בעת ער איז געלאָפֿן אויפֿסניי זיך צושטעלן... כדי אויפֿסניי מקיים צו זיין די אַלטע שבועה... נאָך דעם האָט דער פּלוס פֿון געשעענישן אַלץ פֿאַרווירט. שפּעטער איז אויפֿסניי

אויפגעשווומען איר נאָמען. דאָס מאָל ניט אַליין. די צוויי מיידעלעך, בנימין און איר אַלטע סלאָנימער מאַמע... רחל האָט שוין אַלץ געוווּסט. זי האָט אים ביסלעכווייז צוגעגרייט אויפצונעמען די ביטערע בשורה. זי האָט עס געטאָן ווי מען טוט מיט אַ שלאָף קינד בעת מען דערלאַנגט אים פאַרשטעלטערהייט אַ ביטערע רפואה. כאָטש ער האָט שוין געוווּסט אַז פאַני איז אַוועק מיט בנימינען, האָט ער ווידער אויפגענומען אַלץ ווי דאָס וואָלט געווען אַן אומגעריכטע, פּלוצעמדיק געשעעניש. עפּעס דין־גלאָזיקס האָט זיך אין אים אויפסנײַ צעבראָכן און איז געבליבן שטעקן מיט שפּיציקע גלאָז־שפּליטערס אונטער דער הויט. ביטערע, סמיקע וואָרצלען האָבן אַרומ־געוויקלט ס׳האַרץ און ער האָט באַשיימפּערלעך געפילט זייער שאַרפן, ביטערן טעם אויפן גומען. אָט איז שוין פאַרזונקען דער לעצטער שטיין, וואָס האָט ערגעצוווּ געצרוט, כדי ער זאָל אַמאָל אַנלענען אויף אים זיין פאַרבלאָנדזשעטן פוס. ער האָט געוווּסט, מנחם, אַז די שוואַרצע קלעפּ פון גורל קומען תמיד אין אָפּגעמאָסטענע צייט־ציקלען, און אַז דער ליכט־קרייז פון מענטשלעכן לעבן, פול מיט רעטעניש און סוד, אַ שווימענדיקער צווישן לעבן און טויט — פאַרשליסט זיך אינעם קלענסטן, ליכטיקן ברעג־פּינטל פון גאָטס פאַר־שלאָסענע, אייביקע הימלען.

אַ געשפּאַנטער, הייסער אומרו האָט אים געשטויסן, בעת ער איז אַזוי געלאָפן אין אימפּעט צום ירושלימער אויטאָ. ער איז געווען גרייט אַנטקעגנ־צוגיין אַלץ, וואָס איז נאָך געלעגן פאַר אים ביז איצט פאַרהוילן. ער וועט נאָך מאַכן דעם לעצטן פּרווו — דווקא ביי זיי — ביי פאַנין און בנימינען. אפשר וועט פון דער קייט ביטערניש אַרויספאַלן אויף אַ קלײנער תקופה פון זיין לעבן אַ קליין רינגעלע. זאָל עס אפילו זיין אַ שערבעלע פון אַ צעבראָכענער, אַלטער שבועה פון פאַנין.

בעת דער אויטאָ איז אַריינגעפאָרן צווישן די יהודה־בערג האָט אָנגע־הויבן גיין פון די פאַרגליווערט־שטייניקע שיפּועים אַ הייסער, טרוקענער מיזרח־ווינט. מתחילת איז דער ווינט געווען באַרגיק־פריש, וואָרעם ער איז געקומען פון צווישן די בערגס ערדישער איינזאַמקייט. וואָס נענטער צו ירושלים איז ער געוואָרן טרוקענער, שאַרפער און גליאיקער. טויט־פאַר־טריקנטע פלאַנצן, מיט אַ גרינלעכן שימל־גלאַנץ, אָדער זילבערדיק־ווייס

ווי בייך, האָבן זיך געריסן פון צווישן די באַרג־שפּאַלטן מיט זייערע פאַר־קלעמטע וואָרצלען אין די פעלדזן. אין טויט־געפּאַנגענשאַפט האָט דאָ גאָטס געוואָרפענע זריעה זיך געראַנגלט אויף דער פאַרלאָזענער און איינ־זאַמער ערד. פוןביידע זייטן וועג האָבן די ווייסע בערג־פעלדזן זיך אויפ־געהויבן אויסטערליש הויך. איבער זיי, אין בלאָער טיפעניש, איז געהאַנ־גען גאָטס הימלישער פּרוזדור, אַן אָן־סופיקער, ווי אַ בלאָע, שיינע, אויפ־געוויקלטע מגילה. דאָרט, אינעם הימל־פּרוזדור, האָבן די באַרג־פייגל געשריבן זייער שוואַרצע סודותדיקע שריפט איבערן תהום, הענגענדיק באַוועגלאָז אינעם קרישטאָל־בלאָלעכן חלל.

מנחם האָט געפּרוווט צו געפינען אַ לינדערונג פון דער קלעמעניש און איינזאַמקייט זינט ער איז אַרויס פון שטוב. ער האָט אַלץ מערער ניט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם פויגלשן סודותדיקן כתב אינעם הימל־פּרוזדור, ביז זיי, די שוועבנדיקע באַרג־פייגל, זענען ניט פאַרשוווּנדן, אַראָפּנידערנ־דיק אין די אָרעמס פון די דאָרע און שיטערע פעלדז־ביימלעך.

צו וואָס, אייגנטלעך, פאָרט ער? צי איז עס ניט אַ בושה פאַר אים, מנחם טאָפּאָר, דעם אַמאָליקן מאַן פון דער „פלוגה צפון", וואָס מחמת אַ צעפּאַלן רינגעלע אין דער קייט פון ביטערע געשעענישן, האָט ער זיך אַרויסגעגליטשט פונעם גרויסן, פייערלעכן גאַנג אַרום אים? פאַרוואָס האָט ער דווקא געהאָרכט רחלען אַז ער זאָל צופאָרן קיין ירושלים? און ווי וועט אויסזען די טרעפונג נאָך אַזוי פיל יאָרן, מיט איר? צי וועט זי אים קוקן אין די אויגן, בעת ער וועט שטיין פאַר איר אַ צעפּאַלענער, אַ פאַר־שעמטער, אַן אַרויסגעשטויסענער, אַ געבויגענער, און בעטן... וואָס? כדי אויפצושטעלן צוריק דאָס צעפּאַלענע לעבן, וואָס בלויז זיי, זיי ביידע, פּאַני און בנימין, האָבן צעבראָכן? צי זענען זיי טאַקע די שולדיקע וואָס ער, מנחם, האָט ניט באַוויזן אויפצוגיין אינעם נייעם, אויפוואַכנדיקן לעבן, וואָס די באַפרייטע ערד האָט אָנגעבאָטן יעדן טרעטנדיקן אויף אירע זאַמדן? אפשר איז די שולד ניט אין זיי נאָר אין אים אַליין, אין מנחם טאָפּאָר? אפשר איז די שולד אין דער ירושה פון טאַטן, דעם סלאַנימער דיין און בטלן, וואָס האָט תמיד געקוקט אויף צוריק? אפשר איז די שולד אין אַלע טויטע יידן־דורות, וואָס האָבן בלויז געקענט טראָגן אין האַרץ דעם חלום,

וואָס האָט געפירט צום געבורט פון אַ ניי פּאָלק אויף אַ נייער ערד, און האָבן צו אים, מנחמען, ניט איבערגעענטפערט די מגושמדיקע טאַט פאַרן אויפשטעלן דאָס אייגענע לעבן? צי איז ער ניט געגליכן, מנחם, צום פּלאַנצער, וואָס פאַרזייט דעם פּרוכטבוים אויף דער ערד, כדי די אויפגייענדיקע פּירות זאָלן עסן די, וואָס וועלן קומען נאָך אים? צי איז ער ניט געגליכן צו די שוועבנדיקע באַרג־פייגל, גאָטס אייביקע שליחים אינעם בלאָען הימל־פּרוזדור, וואָס הענגען איצט איבערן תהום און בלויז זייערע ציטערנדיקע פליגל שרייבן אין פייגליש טירקלען דאָס אייביקע געזעץ פון קרבן פאַרן המשך פון לעבן?...

קרומע, טרוקענע שאָטנס זענען געלאָפן אין כלערליי געפורעמטע שוואַרצע געשטאַלטן ביי די פעלדז־זייטן און האָבן באַגלייט מנחמען אין די־אַ מחשבות. ער האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער אָנקומען צום ציל. אין דער קעל האָט געברענט דער טרוקענער מיזרח־ווינט. אויף די גראָלעכע ווימ־פּערן האָט געפרישעט דער דינער באַרג־שטויב. ער האָט נאָך אַמאָל אין זיך איבערגעוואָרפן אַלע טריבע, פאַרבאַרגענע מחשבות, ווי מען וואַרפט־איבער מיט אַ רידל שווערע, שוואַרצע ערד־גרודעס, כדי אין זיי אַריינצו־וואַרפן אַ גוטן זוימען. צי וועט אויך אין אים אַמאָל אויפגיין דאָס מינדסטע קיימל פון ליכט? פאַרוואָס פילט ער אַזוי אַכזריותדיק די וואָגנט צווישן זיך און אַלע מענטשן אַרום? אפשר זענען זיי אַלע, גראָד ווי ער, באַשטראָפט מיטן קרבנס איינזאַמקייט? צי איז ניט זייער געווירבלדיק געלאָף און געטומל דער סימן פון פאַרבלאָנדזשונג? פאַרוואָס מוז ער, מנחם, זיין אין דרויסן פון דעם אַלץ? פאַרוואָס זענען זיינע גלידער געליימט און דאָס האַרץ טויט אַנטקעגן דעם רויש פון געשעעניש? און אפשר, ווער ווייס, ליגט די אור־סיבה פון דעם אַלץ אין יענער ווייטער נאַכט־דערנענטערונג מיט איר, אין קיבוץ־וועלדל, בעת זייערע צוויי פאַרפלאָנטערטע גופים האָבן צו זיך איבערגעענטפערט די שבועה פון בלוט?

*

פונעם שמאָלן, מעשענעם שילדל, איינגעפּאַסט אין ירושלימער פעלדז פון דער הויז־טעראַסע, האָבן אַראָפּגעלויכטן זייערע ביידנס נעמען: פ. און ב. הר־זהב.

האַלטנדיק אין האַנט דאָס קליינע רענצל, איז מנחם אַרויף מיט די שטיגלעך איבער ברייטע, געפלאַסטערטע שטיינער, געקרייצטע מיט אַסך רויטלעכע פעלדזן־אַדערן. די שטיגלעך האָבן זיך געשלענגלט זיגזאַגיש, ביז זיי זענען געבליבן הענגען הויך איבערן טראָטואַר. פונדאַנען האָט מען געקענט זען די בערג פון יהודה. די בערג־טאָלן, ווי שמאָלע פרוזדורן, האָבן געפאַליעט מיט זונליכט ווי מיט אַ ציטערנדיק, בלאָלעך פייער.

דאָס הויז איז געווען איינגעהילט אין אַ סך גרינס. לעבן די ווענט האָבן פאַרבאַרגענערהייט געפרעפלט אָפענע וואַסער־קראַנען. אַ קילער, שווערער שאָטן איז געלעגן אונטער די פלאַנצן. דער בנין אַליין, פון די אַלט־ירושלימער הייזער, איז געלעגן געשיצט פון אַלע זייטן פון די פאַלמע־ציפּרעסן־ און אייקאַליפּטוס־קרוינען. קליינע, פאַרבאָרגענע פענצטערלעך, פאַרקראַטעוועטע מיט באַצירונג־שטאַכעטן, האָבן דערציילט פון אַן אָפּגע־שלאָסענער היים. אינעווייניק האָבן די מענטשן געפונען רו און שטילקייט.

איידער מנחם האָט אָנגעקלונגען, האָט ער זיך אויסגעגליכן די פּאָר גראָע האָר אויפן קאָפּ. זיי זענען געווען פאַרשוויצט און האָבן געקלעפּט צום שטערן. מיט פינגער, פייכטלעכע און נערוועזע, האָט ער זיך געהאַלטן פאַר דער טיר. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער פאַלט אום. אַן אויסטערלישע שוואַכקייט איז געלעגן פאַרגליווערט אין זיינעביידע פיס־קנעכלעך.

געעפנט די טיר האָט אים אַ זקנה — אַ פאַרבויגענע, אַ דינע, מיט אַ ווייס קאָפּטיכל אַרום איר איינגעפאַלן, טרוקן פנימל. פון הינטער דעם טיכל־ראַנד האָבן צו אים געקוקט אויגן, אַלטע, גרויסע, פייכטע און פאַר־נעפּלטע. ער האָט באַלד דערקענט אַז דאָס איז איר מאַמע. די זעלביקע אויגן ווי ביי פאַנין, מיט זייער פייכטער פאַרטונקלטקייט און מיט די צוויי שמאָל־געשניטענע ברעמען איבער איר לייכט־פאַררויטלטער נאָז. זי איז געשטאַ־נען פאַר אים אַן איינגעבויגענע, אַ שמאָלע, און זיך לאַנג איינגעקוקט אין אים אַביסל איבערגעשראָקן, ווי אַן אַלטער, איבערגעוועקטער פויגל. אַז מנחם האָט אַרויסגעשטאַמלט צו וועמען ער דאַרף, האָט זי אויפגעהויבן איר זקנהשן קאָפּ און אויסגעשריגן אין סלאַנימער יידיש:

— מנחם טאָפּאַר? דעם סלאָנימער דיינס?... קומט אַריין... קומט אַריין... געהערט, געהערט.. קומט אַריין... וואָס שטייט איר?

זי האָט אים דורכן פּרוזדורל אַריינגעפּירט אין אַ פאַרטונקלט חדרל. איבער די שמאָלע פענצטער־שטאַכעטן זענען געלעגן שטאַרק־באַבלעטערטע צווייגן, אַזוי אַז דאָס שאַרפע טאָגליכט פון דרויסן האָט דאָ קוים, קוים אַריינגעטריפט. די בלעטער האָבן געהאַט אַ שאַרלאַך־רויטלעכע קאָליר, פון וואָס אויך די פענצטער־פראַמוגעס און די געקרייצטע שטאַכעטן האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געווען געפאַרבט אויף רויט.

— טייערינקער... זיצט, זיצט!... — האָט די אַלטע אַרומגעשוועבט אַרום אים, פאַרריכטנדיק דאָס קאָפּטיכל וואָס איז איר אָן אויפהער אַראָפּ־געפאַלן אויף הינטן — אַזאַ אומגעריכטער גאַסט!... וואַ־וואַ! איר וועט טרינקען עפּעס קאַלטס? אַ שווערער טאָג היינט אין ירושלים... ווי איז אין תל־אביב?... אַ חמסין? איר וועט טרינקען מיץ, טרויבן־זאַפט?... וואָס גאָרניט? גאָרניט איז גוט פאַר די אויגן, פלעגט מען זאָגן אין סלאָנים... איך ברענג שוין אַ פלאַש מיץ... זיצט, אדון טאָפּאַר, זיצט... וואַ־וואַ! אַזאַ גאַסט! וואָס האַלט איר דאָס רענצל אין האַנט? איך קום שוין צוריק וועלן מיר אַביסל שמועסן, טאַקע אויף יידיש, ביז... ביז די קינדער וועלן צוריק־קומען...

זי איז אַרויס און באַלד ווידער אַריין. דאָס מאָל אָן קאָפּטיכל, און אַוועק־געשטעלט פאַר אים אַ קריגעלע מיט קאַלט געטראַנק אויף אַ טאַץ. איצט האָט ער דערזען אַז דער אַלטיטשקערס האָר זענען אַזוי שיטער ווי דין־געדראָשן שטרוי. מען זעט אפילו דורך זיי די אַלטע, בלאַלעכע קאָפּ־הויט. זי האָט יעדע ווײַלע אַרויפגעלייגט אירע געלע, טרוקענע דלאָניעס אויפן קאָפּ, פאַרגלעטנדיק אירע אַלטע, שיטערע האָר. זי האָט די גאַנצע צייט גערעדט, בעת מנחם האָט געגאָסן דעם קאַלטן געטראַנק פונעם קריגעלע.

— אָ־וואַ!... שוין לאַנג ניט געזען איך, פאַניע טאָפּאַר... ווי די יאָרן לויפן אינעם הייליקן לאַנד!... דאָרט איז די צייט גאָרניט אַזוי געלאָפן!... כ׳על זיך אַביסל מחייה־זיין, מיט אונדזערס אַ מענטשן ריידן יידיש... ביז די טייוולאָנים... איר ווייסט, אַז די זשוליקלעך, זיי זאָלן געזונט זיין, האָבן פיינט אַז די באָבע רעדט יידיש? אַמאָל כאַפּ איך נאָך אַ שמועס מיטן חלבן*... אַן עולה פון באַראַנאָוויטש... געווען אַמאָל אַ שטיקל שוחט... אַז

* מילכמאַן.

ס'איז ניטאָ מיט וועמען צו ריידן אין הויז, רעד איך... איר ווייסט מיט וועמען? — מיט דער קאַץ רעד איך. כ'לעבן, לאַכט ניט... די קאַץ פאַר־שטייט יעדעס יידיש וואָרט!... אַ מענטש דאַרף דאָך האָבן פאַר עמעצן צו זִפּענען ס'מויל... ניין? מיט לשון־קודש גייט מיר נאָך אַלץ שווערלעך... ס'איז שוין ניט פאַר אונדז, באַבעס... גאָט האָט מיר אייך צוגעשיקט, אדון טאַפּאַר... ערשט היינט האָב איך מיר געטראַכט: די צונג ווערט אין מיר פאַרטרוקנט... אַפילו צווישן אייגענע... רבונו של עולם! צו וואָס האָסטו באַשאַפן אַ צונג? זי זאָל ווערן פאַרטרוקנט אין גומען?... און גאָר פלוצעם, אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל... כ'על זיך טאַקע מחייה־זיין מיט אַביסל יידיש!... אָ־וואָ!...

די זקנה האָט ניט אויפגעהערט צו פאַרגיסן דאָס צימערל מיט יידישע רייד, וואָס האָבן פון איר געפּלייצט ווי פון אַ פול ווייַן־פאַס, בעת מנחם האָט די גאַנצע צייט זיך איינגעקוקט אין די הענגענדיקע וואַנט־פאָטאָגראַ־פיעס. צוויי צעלאַכטע קינדער־פּנימער האָבן אים אָנגעקוקט פון די ווענט. קייגנאיבער זיי — פאַני און בנימין. די זעלביקע פאַני, נאָר אירע שולטערן זענען געוועזן ברייטער, פולער און פאַרבויגענער. אויף איר קאָפּ איז געזעסן אַ ברייטער, שטרויענער זומער־הוט, וואָס איז איר אַראָפּגעפאַלן ביז צו די אויגן. מנחמען האָט דער הוט דערמאָנט די שווערע שטרוי־היט, וואָס פּוילישע פּויערים טראָגן אין שניטצייט.

פלוצעם איז די אַלטיטשקע שטיל געוואָרן. זי איז געבליבן זיצן אַנט־קייגן אים מיט אויפגעשפּיצטע אויערן. פּאַוואָליע האָט זי זיך אויפגעשטעלט, צוגעלאָפן צום פענצטערל און אַרויסגעקוקט צווישן די רויט־באַבלעטערטע צווייגן:

— ש... ש... ש... אָט גייען זיי שוין, די טיוּולאָנים...

זי איז אַרויס אין פּרוזדור און אים געלאָזט אַליין. ער האָט געהערט ווי די אַלטיטשקע האָט דאָרט אַרויסגעפּליסטערט זיין נאָמען, גראָד ווי אין דער אַלטער היים: מנחמל, דעם דיינס..." אַ רגע איז געוואָרן דאָרט שטיל. מנחמס האַרץ האָט יינגליש און אומרויק געקלאַפּט. ס'האָט אים פאַרפּעלט לופט אין דער קעל. זי איז ווידער אַריין, די זקנה, און צו אים געשושקעט, פליסטערנדיק:

— ש... ש... ש... מיינע אייניקלעך, די זשוליקעס, זאָלן לעבן, זיי האָבן פיינט אַז די סבתא * רעדט יידיש... אויך פאַני און בנימין... אַזאַ וועלט... כ׳האָב זיך מחיה געווען, אדון טאָפּאָר... טויזנט דאַנק אייך... טויזנט דאַנק... אַט גייט זי, פאַני!... פאַניטשקע, זע נאָר סאַראַ גאַסט מיר האָבן!..

בעת די טיר האָט זיך געעפנט און פאַני איז אַריין, האָט זיך די אַלטיטשקע הינטער איר זייטיק אַרויסגעשאַרט. זי האָט נאָך אַמאָל אויס־געדרייט איר קאָפּ פון פּרוזדור צו מנחמען. אירע אַלטע אויגן האָבן אַהער־געפינקלט מיט אַ יידישן גלאַנץ פון פאַרלוירנקייט. אַ פאַרשעמטע, און אַביסל אַן איבערגעשראָקענע, איז אויף דער שוועל געבליבן שטיין די דינע, דרוכזיכטיקע געשטאַלט פון איר טאָכטער.

*

זי איז געווען, פאַני, דאַרער ווי תמיד און דאָס האָט איר גוף געמאַכט אויסזען העכער. אירע ווייסע שאָרטן האָבן אָפּגעדעקט גאָר הויך די ברוינע, נאַקעטע פיס. די אָפענע ווייסע סאַנדאַלן מיט געשלענגלטע, גילדענע רימענדלעך האָבן באַצירט די ראָז־לאַקירטע פיס־פינגער. די הויט אויף אירע פיס ביז צו די שענקלען איז געווען צימערינג־רויט, מיט אַ ברוינ־לעכן, מאַטן בליאַסק, וואָס די זון לאָזט איבער אויף אַ ווייסער הויט. אויף אירע אָפּגעדעקטע אַקסלען האָט זיך געהאַלטן אויף צוויי שמאָלע, ווייסע סטענגעס אַ דורכזיכטיק בלוזקעלע אָן אַרבל, פאַרוואָרפן אויף די שאָרטן. אויף די געלענקן פון אירע לאַנגע, ברוינע הענט זענען געהאַנגען אומצאָליקע בראַנסלעטן, גילדענע, זילבערנע, ווייסע און טונקל־ברוינע, וואָס זענען איר איצט געלעגן כמעט אויף דער האַנטפלאַך.

דער שמועס האָט זיך מתחילת געצויגן געצוווּנגענערהייט. ביים באַגריסן האָט זי לאַנג געהאַלטן איר האַנט אין זיינער. ער האָט געפילט איר פייכט־לעכע דלאָניע, און דערנאָך פּאַוואָליע אַרויסגעצויגן זיין האַנט פון צווישן אירע וואַרעמע פינגער. זי איז געזעסן אַנטקייגן אים מיט די אויסגעשטרעקטע פיס פאַר זיך. דורכן בלוזקעלע האָט ער געזען דעם ראַנד פון אירע פולע,

* די באָבע.

מוטערלעכע בריסטן. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרמרוזשעטע אויגן־ווימפּערן, אין חשד און אין פאַרבאַרגענער, ווייבלעכער שרעק. שוין יאָרן ווי ער איז ניט געווען ביי זיי אין הויז. פוןביידע מיידעלעך אין קאָרידאָר האָט זיך אַהערגעריסן אַ צבריש, צישנדיק געלעכטער. באַלד איז דאָרט געוואָרן גאָר שטיל. זי ווייס, פאַני, אַז תמיד נאָך מנחמס אַ וויזיט געשעט עפּעס ניט גוטס אין שטוב. זי האָט די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגענומען אירע אויגן פון זיין בלייך פּנים. זינט זיין לעצטן וויזיט איז ער געוואָרן פיל עלטער. די באַקן איינגעפאַלן מיט אַסך צעשניטענע הויט־קנייטשן, האָבן פאַרלוירן זייער אַמאָליקן מענלעכן בלוט־לויף. זי האָט אָן אויפהער אים צוגעטראָגן פּירות און קאַלטע געטראַנקען. ער איז געזעסן אויפן נידעריקן, ווייך־געפלאָכטענעם שטול, האַלטנדיק ביידע הענט פאַרקראַמפּט אויף זיינע קניען און ניט אויסגערעדט אַ וואָרט.

נאָך אַ לאַנג שווייגן האָט זי זיך אָפּגערופן:

— וועסט בלייבן אויף מיטיק, מנחם, גוט?... בנימין קומט פּינקטלעך דריי... איצט איז ערשט איינס...

און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, האָט זי פאַרשעמט צוגעגעבן:

— כ׳פאַרשטיי, אַז דו האָסט אַן ענין צו בנימינען... ער וועט זיך זייער פרייען דיך צו זען... זיין געוועזענעם מפקד... פאַרוואָס קומסטו אַזוי זעלטן צו אונדז?... שוין פאַרגעסן די אַלטע חברשאַפט, וואָס?...

זי האָט אַ באַוועג געטאָן מיט דעם רעכטן האַנט־געלענק, בעת די אומ־צאָליקע בראַנסלעטן האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן אַ דינעם, געשפּאָלטענעם קלאַנג אין דער שטילקייט.

ער האָט עפּעס אָפּגעענטפערט, פון וואָס זי האָט גאָרניט פאַרשטאַנען. איר אונטערשטע ליפּ, וואָס איז געווען זייער דין, האָט אַ צוק געטאָן ווי אַ ראָזיק, צעטרעטן שלענגל.

— נו... נו... נאָר ניט יאוש, מנחם... נאָר ניט יאוש... דו ווייסט ווי בנימין איז פאַרנומען.. די מדינה... די מדינה עסט אים אויף...

און פּלוצעם האָט זי צו אים אַ וואָרף־געטאָן אַ פייל פון אַ באַהאַלטענעם בויגן.

— ביסט נאָך אַלץ אין קיבוץ?

— שוין לאַנג פֿאַרלאָזן...

— דעזערטירט?...

— דאָס האָט איר דעזערטירט, איר ביידע, דו און בנימין...

— פֿון וואָס? — האָט זי זיך צעלאַכט און אַזש אַ פּאַטש געטאָן מיט אירע הענט איבער די נאַקעטע קניען. אין איר געלעכטער איז געלעגן אַ באַהאַלטענע צערייצטקייט, וואָס זי האָט געפּרוּווט ניט אַרויסצווייזן אויף איר בלייך, צעשמייכלט פּנים.

מנחמען האָט שוין באַנג געטאָן זיין ענטפֿער. ער איז דאָך ניט געקומען אַהער כדי אויפֿצומישן אַלטע חשבונות. ער האָט געזען ווי פֿאַני האָט זיך פּלוצעם אויפֿגעשטעלט און אַראָפּגענומען פֿון איר האַנט־געלענק דעם שטויס פֿון דינע בראַנסלעטלעך. זי האָט פּאַוואָליע געצויגן פֿון אַ גלאָז דעם ראַזיקן, קאַלטן געטראַנק.

ביידע האָבן געשוויגן. אין דער שטוב איז געלעגן אַ געשפּאַנטע שטיל־קייט,פֿאַרשפּינט מיט דער טונקעלער רויטקייט פֿון די פֿאַרשטעלטע צווייגן אין פֿענצטער. צי זאָל ער איר זאָגן אַז דאָס האָבן זיי — זי און בנימין, — דעזערטירט פֿון דער אַלטער שבֿועה?...

פּלוצעם האָט פֿאַני אויסגעצויגן אירע ביידע אָפּגעדעקטע פֿיס און מיט די הענט געגלעט אַרויף און אַראָפּ זייער ראַזיק־ברוינלעכע הויט.

צי האָט זי עס איצט געטאָן מחמת אַ פֿאַרנעפּלטער, ווייטער דער־מאָנונג, וואָס לעשט זיך קיינמאָל ניט אויס אינעם גוף?

זי האָט צו אים געשמייכלט אומעטיק, שטיל. פֿון צווישן אירע קוים־געעפֿנטע ליפּן האָבן געלויכטן אירע ציין — אַ ווייסע, פֿאַרפֿייניקטע ליכ־טיקייט. זי האָט פֿאַרבויגן איר קאָפּ אויף אַ זייט און אירע אויגן האָבן געטריפֿט מיט דערבאַרעמונג צו זיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— ביסט נאָך אַלץ אַליין, מנחם?

זי האָט לייכט אַרויפֿגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל. פֿון איר באַריר האָט זיין אַלטע הויט אַ ציטער געטאָן ווי אַ וואַסערל בעת מען וואַרפֿט אויף זיין פֿלאַך אַ שטיין און ער וועקט־אויף אַ פֿינצטער געווירבל פֿונעם תהום. ער האָט געוואָלט אין דער רגע פֿאַרוואַרפֿן זיינע ביידע הענט אַרום איר ברוינלעכן צימערינג־האַלדז און אים פֿאַרקלאַמערן



צווישן זיינע ביידע קנאָכיקע דלאָניעס. מנחם האָט זיך דערשראָקן פאַר דער מחשבה. איינגעבויגן, ווי ער וואָלט פּלוצעם באַקומען אַ קראַמף, האָט ער זיך פאַרשטעלט ס׳פּנים מיט ביידע הענט.

וואָס וואָלט מיט אים געשען ווען... ווען ער באַגייט טאַקע די־אַ טאָט, וואָס האָט געגליט אין זיין מוח? זי וואָלט אַפילו ניט אַ פּיפּס געטאָן, פאַני... מתחילת וואָלט ער זי געגלעט, דערנאָך אַפילו געקושט, דערנאָך... דערנאָך... ער שטעלט זיך פאַר דאָס פּנים פון איר מוטער און פון בנימינען, ווען זיי געפינען זי דאָ, אויפן דיל... אַ דערשטיקטע... אַ קאַלטע... ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער ווילדער מחשבה: מנחם טאָפּאָר, דער דעזערטיר פון קיבוץ, האָט דערשטיקט זיין חברס ווייב... אַ מאַמע פון צוויי מיידע־לעך... אים האָט זיך געדאַכט אַז דאָס אַלץ געשעט גאָרניט מיט אים, און אַז ער, מנחם טאָפּאָר, שטייט גאָר ניט איצט אין דאָזיקן ראָזלעכן, קליינעם חדרל אין ירושלים מיט איר, פאַנין. דאָס אַלץ געשעט איצט מיט אַ פרעמדן, שאָטנהאַפטיקן מענטשן, וואָס איז אַן אומגליקלעכער, טראַגישער שאָטן אין אַ בוך, וואָס ער לייענט זיינע בלעטער... ער האָט אָבער בשום אופן ניט געקענט אָפּרייסן זיינע צעגליטע בליקן פון פאַניס האַלדז. זיינע ביידע הענט האָבן נאָך לייכט געציטערט, בעת די ליפּן און דער קין זענען געווען בלאַלעך־ווייס, ווי פאַרשטיינט זאַלץ.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט חשד און אַ לייכט פּעטשל געטאָן איבערן קין.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיין האַלדז? — ס׳איז דער זעלביקער האַלדז, מנחם, דער זעלביקער האַלדז. גלייבסט מיר ניט?

זי האָט זיך אויסגעדרייט און געוואָרפן אַ בליק צו דער פאַרמאַכטער טיר און זיך צו עפּעס צוגעהערט. אין פּרוזדורל איז געווען שטיל. דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל האָט מען געהערט דאָס סאַמעטענע טירקלען פון אַ טויב. די ראָזלעכקייט אין צימער איז געווען טיפער און פליסיקער. זי איז פּלוצעם אויפגעשטאַנען און אים אַ קוש געטאָן אין זיין טרוקענער און איינגעפאַלענער באַק.

— אוי, מנחם... מנחם... ביסט געווען אַ קינד און פאַרבליבן אַ קינד!... סלאָנים!... סלאָנים!... אַ פאַרלוירן קינד צווישן דערוואַקסענע.

ס'איז טאַקע אמת וואָס מען זאָגט: פאַראַן מענטשן וואָס טראָגן דאָס גאַנצע לעבן זייער קינדהייט...

אין דער רגע איז אַן אויטאָ שטיין געבליבן פאַרן הויז. פאַני איז אַרויסגעלאָפן אין קאָרידאָר און מנחם האָט געהערט ווי זי עפנט די טיר צו די טראָסע־שטיגן. איר געדעמפטע, נערוועז קול האָט צו עמעצן גערעדט אין אַ הויל, אָפּגעהאַקט געלעכטער. מסתם איז איצט אָנגעקומען בנימין. ס'האָט זיך געהערט דאָס קינדערשע געלאַף פון די צוויי מיידעלעך און די רופן פון דער באָבען.

מנחם איז נאָך אַלץ געזעסן ווי פריער אינעם געפלאָכטענעם שטול. ער האָט ניט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון דער טיר וואָס איז געבליבן נאָך פאַניס אַרויסגיין אַביסל אויפגעלענט. אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער זיצט דאָ הינטער דער טיר פון אַ בית־דין און וואַרט אויפן גזר. און ניט וויסנדיק פאַרוואָס, האָט ער אין זיך שטומערהייט תפילה געטאָן. אַזוי פלעגט ער אָפּט טאָן בעת די קינדער־יאָרן. ער האָט געבעטן אין זיין אָנווערטערדיקער תפילה אַז דער גזר־דין, וואָס וועט באַלד אַראָפּפאַלן אויף זיין קאָפּ, זאָל ניט זיין אַזאַ שווערער, שאַרפער און האַרבער.

*

דריי טעג שפּעטער נאָך דער פּאַסירונג, איז דער גוט־פאַרקלעפּטער קאָנווערט, וואָס בנימין האָט נאָך מיטיק איבערגעגעבן מנחמען בעת זיין ירושלימער וויזיט, געלעגן אין די הענט פון אַ נידעריק און פול־געפּאַקט מענטשל אויף דער צווייטער זייט פון אַ קליין פענצטערל. מנחם איז געשטאַנען לעבן פענצטערל און אָנגעקוקט דעם מענטש, וואָס האָט פאַרזיכטיק געעפנט בנימינס בריוו. דער מענטש האָט געהאַט אַ טונקל־הויטיק פּנים, געוויין שטאַרק באַוואַקסן אויףביידע זייטן, מיט גוט־געפלעגטע פאות הינטער די אויערן. דיקע ברילן־גלעזער האָבן פאַרדעקט זיינע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען דורכן גלאָז ווי קליינע אַרבעסלעך. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן, פאַרשאַרצט אויף אַהינטער, אַ שיין, געשטריקט קאַפּעלע. זיינע שוועבנדיקע הענט — לאַנגע, שמאָלע, מיט דינע, אויסגעצויגענע פינגער,

האָבן איצט געשאַרכט מיטן בריוו, וואָס ער האָט געלייענט גאָר נאָענט אונטער די ברילן־גלעזער.

בעת דאָס איז געשען, האָט מנחמס האַרץ אימפּעטיק געקלאַפּט. אָט האָט אים אַ פּרעמדע, שאָטנדיקע האַנט געפירט, כדי דאָס אַלץ צו טאָן. די סודותדיקע האַנט איז געלעגן ערגעצווו פאַרבאָרגן, און זי האָט דאָס מיט הייליקע, פאַרכטיקע פינגער אים געפירט פאָרויס... כדי ניט צו קוקן מער אויף צוריק... ס'איז דאָך בלויז אַ קליינער, טונקעלער ברעג, אַ בריק, וואָס צעטיילט דעם פאַרפלאָסענעם נעכטן פונעם אויפגייענדיקן טאָג. אין מיטן רוישט דער אייביקער ים. אָט שטייט ער, מנחם, אַ פחדלאָזער, אַ פאַר־כישופטער, לעבן דער בריק, ביים זוים פונעם אייביקן ים, ווו ס'פליסן אַריין אַלע האָפענונגען, אַלע טאָטן, באַפרייטע פון שרעק און געשפענס־טיקייט.

הינטער אים, ביים פענצטערל, איז די מענטשן־ריי נאָך געוועזן גרויס. ער איז געוועזן מיד פון שטיין אַזוי שעהען אינעם שלעכט־געלופטערטן לאָקאַל, וואָס איז געווען איבערגעפולט מיט ביליקן ציגאַרעטן־רויך און מיט אַ שאַרפן דעזינפעקציע־ריח. האַרט הינטער אים איז געשטאַנען אַ בליי־כער, געשטופלטער מאַן מיט אַראָפּגעלאָזטע, שווערע וואָנסן. ער האָט אויס־געזען ווי אַ מאַטראָס און האָט די גאַנצע צייט עפּעס געברומט, אונטערפיי־פנדיק די מאַרסעליעזע. עטלעכע מאָל האָט ער זיך געווענדט צו מנחמען אין פראַנצויזיש. מנחם האָט בלויז פאַרשטאַנען עטלעכע ווערטער און אים געענטפערט:

— כן, מעסיע... כן, מעסיע, פאַרלע ווו עברית?*

— נאָ, מעסיע... ען פּע...** שלום... עבודה... תודה רבה... סע טו.***

פון דער צווייטער זייט פענצטערל האָט דער מענטש פלוצעם אַראָפּ־גענומען די ברילן. זיינע אויגן זענען געוואָרן גרויסע, ברוינלעך־שוואַרצע און

---

* רעדט איר עברית?

** אַביסל.

*** דאָס איז אַלץ.

שמייכלענדיקע. ער האָט נאָך געהאַלטן דעם בריוו צווישן די פינגער. ער האָט זיך אַרויסגעבויגן דורכן פענצטערל און געפּליסטערט אין אַ ווייכן, תימנישן עברית:

— אַנשי שלומינו?... שלום עליכם!... — ער האָט געדריקט מנחמס האַנט און אויפגעהויבן זיינע אויגן צו מנחמס שטערן, — נאָר... מיט אַזאַ קאָפּ, אַדוני, איז אַביסל שווערלעך...

— מיט וואָס פעלט אַ קאָפּ, אַדוני?

— ני, ביי אייך, אשכנזים, הייסט עס: אַ קאָפּ, באַשיט מיט שניי... אָבער ביי אונדז איז דאָך קיין שניי ניטאָ.. רופט מען אַזאַ קאָפּ: אַ קאָפּ פון ים־המלח... פון טויטן ים... אַ קאָפּ באַשיט מיט זאַלץ...

מנחם האָט אַ ציטער געטאָן פון עפּעס אַ פיינלעכער, שווערער דערמאָנונג. דער מענטש פון הינטערן פענצטערל האָט לאַנג געפּאַכעט מיטן בריוו, געגנישטערט צווישן פּאַפּירן, איז אַרויס פון צימער און באַלד ווידער אַריין אַ שמייכלענדיקער. ער האָט לסוף איבערגעגעבן מנחמען אַ ראַזיק צעטעלע מיטן אַדרעס פון אַרבעטס־פּלאַץ. מאָרגן דאַרף ער זיך צושטעלן, מנחם, באַלד אין דער פרי.

דער מענטש האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען צו מנחמען:

— נו, אתה רואה? אַזאַ בריוועלע העלפט צו אַלץ... אַפילו צו אַ קאָפּ, באַשיט מיט זאַלץ!...

מנחם האָט עפּעס געוואָלט אָפּענטפערן, נאָר ס'האָט אים פאַרפעלט אָטעם. הינטער אים האָט דער געשטופּלטער מענטש מיט די אַראָפּהענגענדיקע וואָנסן אויפסניי געפּיפן די מאַרסעליעזע. מנחם האָט פּלוצעם דערפילט אין דער קעל אַ שאַרף־געזאַלצענע סלינע. צי איז עס דערפאַר וואָס ער האָט ניט געהאַט אין מויל פון סאַמע באַגינען? און אפשר דערפאַר וואָס ער איז גאַנצע שעהען פאַרטאָג געווען אין ים אַ הונגעריקער? ער האָט מיטן נאָזטיכל אָפּגעווישט די ליפּן, און די געזאַלצנקייט איז פאַרשוואונדן.

ער איז איצט געגאַנגען אַ מידער און הונגעריקער מיטן ליידיקן ים־ברעג. פונעם אָפענעם ים איז געגאַנגען אַ רייסנדיקער ווינט, וואָס האָט צעווירבלט די כוואַליעס ביים ברעג. אָבער וואָס ווייטער אינעם ים, זענען די

כוואַליעס געווען רויקע און מיט שלווה געפלאָסן אונטער דער זון. אויפֿן פּאַרמאַכטן, גראָען ים־האָריזאָנט האָבן געשיצט דעם ים־ברעג יידישע שיפֿן. בעת מנחם איז אַדורך אַ קאַפֿע־טעראַסע מיט אויסגעשטעלטע טישן און שטולן, האָט ער ניט־ווילנדיק געוואָרפֿן אַ בליק אויף אַן אַרויסשטייגנדיקער קאָלומנע, ווו ס׳איז געהאָנגען אַ שפּיגל. ער האָט בלויז דערזען זיין קאָפּ, וואָס איז געווען שטאַרק ווייס, ווייסער ווי תמיד. ער האָט שוין געוואָלט אויפּסניי זיך אויסדרייען, כדי נאָך אַמאָל זיך אָנצוקוקן. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט די ווערטער פֿון רחלען: „קיינמאָל ניט קוקן אויף צוריק...״ און אַ פּחד איז אים פּלוצעם באַפֿאַלן. אפשר קען טאַקע מקוים־ווערן די וואָרענונג פֿון די מלאכים: ער וועט פֿאַרשטיינט ווערן אויפֿן אָרט און ווערן צו אַ פֿאַרגליווערטן, קאַלטן זאַלץ־זייל?...

*

ניט מער ווי צוויי חדשים זענען אָפּגעפֿלאָסן נאָך די אַלע געשעענישן. מנחם טאָפּאָר איז שוין געזעסן הינטער אַ שמאָל פּענצטערל און געציילט רויטע קאַרטאָטעק־בלעטער. דער סוב־טראָפּישער זומער אין זיין העכסטער גלות האָט שוין געגענגט צום סוף. אַזוי לויפֿט אַ גאַלאָפּירנדיק פֿערד, באַגאָסן מיט שוויס, צום טראַקט־שפּיץ און יאָגט דערנאָך אַראָפּ, אַראָפּ מיט אַ באַפֿרייטן אָטעם. די פֿאַרנאַכטן, בלאָלעכע, ראָזלעכע און פֿאַרקלערטע אין דער שטאָט ביים ים־ברעג, זענען שוין געווען קילע און דורכגעשפּיגען מיט אַסך שווימענדיקע נעפּל־וואָלקנס. פֿון מערב־האָריזאָנט האָט מאַנכמאָל אין מיטן טאָג געריסן אַ שטאַרקער ים־ווינט, וואָס זאָגט־אָן די דערנענטערונג פֿון שיינעם האַרבסט אין דאָזיקן לאַנד.

אין איינעם אַ פֿאַרמיטיק פֿון דער דאָזיקער צייט, זענען אויף דער ריזיקער דאַך־טעראַסע פֿון אַ מלוכה־בנין אין אַ דרומדיקער פֿאַרשטאָט, ווו מנחם האָט געציילט די רויטע קאַרטאָטעק־בלעטער, פֿאַרגעקומען משונהדיקע הכנות. ס׳זענען אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער דאַך־טעראַסע צענדליקער טישלעך, באַדעקטע מיט ווייסע טישטעכער. פֿולע ווײַן־פֿלאַשן און איבערגעקערטע קעלישקעס האָבן געפֿינקלט אין דער זון. דער ריזיקער דאַך האָט געהאַט אַ הויך־געמויערטן פּאַרענטש, און אַראָפּקוקנדיק פֿון דער

הייך האָט מען געזען דעם גאַסן־געווימל פון מענטשן, ריקשעס און אויטאָס. פון מערב־זייט האָט אָהערגעשפּיגלט דער איינזאַמער ים־פּלאַך — אַ גרויסער, גלאַנציקער דיל. אויפן דאַך האָט אויסגעזען ווי דאָס אַלץ ווערט געגרייט פאַר אַ חתונה. באַלד דאַרפן אָנקומען די געסט. אָנגעלענט ביי דער וואַנט איז געשטאַנען די יידישע מלוכה־פאָן, אַ פאַרוויקלטע און וואַרטנדיקע, ווי דער פאַרוויקלטער איבערדעק אויף אַ חופּה־שטאַנג. ס׳איז אָבער ניט געווען די צוגרייטונג צו אַ יידישער חתונה, נאָר די פייערונג פון דער ערשטער שבועה פון מענטשן, וואָס אַרבעטן אין דאָזיקן גרויסן מלוכה־בנין. ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען אויפן דאַך די מענטשן. זיי האָבן זיך געשטעלט אין אַ האַלבן קרייז אַרום די געדעקטע טישן. ס׳רוב פון די מענטשן זענען געווען יונגע, טונקל־הויטיקע. צו דער שבועה זענען זיי געקומען מיט באַדעקטע קעפּ און בלייכע, ערנסטע פּנימער.

בעת דער מענטשן־קרייז איז שוין געווען געשלאָסן, האָט עמעצער אויפגעוויקלט די פאָן. זי האָט געפלאַטערט קיין מיזרח, וואָרעם דער ווינט איז געגאַנגען פון דער ים־זייט. צוויי פּרויען האָבן אָנגעגאָסן אין די כוסות ברוינעם, ביליקן ווין. ביי דער פאָן, אין פאָדערגרונד, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ פלאַטשיק, נידעריק מענטשל, מיט אַ שוואַרץ, פלאַך פּנימל. ער האָט גערעדט צו די יונגע מענטשן וועגן זייער ערשטער שבועה פאַר דער דאָזיקער ערד און האָט די גאַנצע צייט געוואָרפן די הענט צום אָפענעם, שטילן ים.

בעת דאָס אַלץ איז געשען, איז מנחם טאָפּאַר געשטאַנען הינטער דער טיר, וואָס פירט צו דער דאַך־טעראַסע. ער האָט געקוקט דורך אַ שפּאַרע צום מענטשן־געווימל, וואָס גרייט זיך אָפּצוגעבן די שבועה. ער איז געווען פון די, וואָס ווערן ניט איינגעשוווירן. זיי וועלן שוין קיינמאָל, קיינמאָל ניט איינגעשוווירן ווערן. הינטער אים האָבן זיך געבויגן אין נייגיר נאָך עטלעכע גראָע קעפּ. זייערע פּנימער זענען געווען בלייכע, פאַרשעמטע. בלויז אין די אויגן פון מנחם טאָפּאַר איז דאָס מאָל געלעגן אַ פאַרטייעטער בליאַסק פון ווייטער ניט־ערדישער שלווה.

ער איז געשטאַנען, מנחם, מיטן שטערן אָנגעלענט אָן דער טיר־שפּאַרע און געקוקט צו דער פלאַטערנדיקער יידישער פאָן. אָט איז זי, די זעלביקע

יידישע פאַן פון אַמאָל... ווּ איז זי איצט, יענע פלאַטערנדיקע יידישע פאָן, וואָס האָט אָפּגענומען פון אים זיין ערשטע שבועה פאַר דער דאָזיקער ערד? זיינע הענט האָבן לייכט אונטערגעציטערט אויף דער טיר־פראַמוגע. אויף אַ וויל האָט ער אָנגעלענט דאָס מויל אויף דער האַנט, ווי דאָס טויט אַ פאַרטריבט קינד אין אַ דערפלעקנדיקער, נייער מחשבה. די האַנט זיינע איז געווען פייכט פון שווייס. אַ וואַרעמע, פליסיקע ווילגאַטנעקייט, וואָס איז געווען געזאַלצן, האָט זיך געזעצט אויף די ברעגן פון זיינע ליפּן. פון דער דאַך־טעראַסע האָבן זיך געהערט יונגע קולות פון „לחיימס" און אַ שטיל געזאַנג, וואָס דער ווינט האָט געטראָגן צום ים. ער איז אַ וויל נאָך געשטאַנען, מנחם, אַריינגערוקט אין ווינקל. דערנאָך זענען די איינגעשוווירענע פון דער דאַך־טעראַסע אַראָפּ מיט די שטיגן און אַפילו ניט געזען די איינגעבוקטע, ווייסע געשטאַלט פונעם אַלטן מענטשן הינטער דער טיר.

בעת ער איז געבליבן אַליין, איז מנחם טאָפּאַר אַרויף אויף דער דאַך־טעראַסע. מיט וואַקלדיקע טריט האָט ער זיך דערנענטערט צו דער פאָן, וואָס איז ווידער געשטאַנען פאַרוויקלט אַרום איר שטאַנג. די טישלעך זענען נאָך געווען באַשטעלט מיט די ליידיקע קעלישקעס און אויסגעליידיקטע וויין־פלאַשן. אים האָט זיך טאַקע אויסגעוויזן, אַז ס'איז דאָ נאָר וואָס געווען אַ יידישע חתונה, און בלויז ער, מנחם טאָפּאַר, איז איצט געקומען צו שפּעט, אַ ניט־פאַרבעטענער. ער האָט זיך צוגעשאַרט צו דער פאָן און אַפילו אַרויפגעלייגט אויף איר געוואַנד זיינע ביידע אויסגעשטרעקטע פינגער. ער האָט קרום און ביטער געשמייכלט. מיט אַ מטושטשדיקן און שרעקיקן בליק האָט ער אַרומגענומען די גרויסע שטאָט־מרחקים. — — —

אַרום אים, אויף דער אָפּגעצוימטער דאַך־טעראַסע, איז געווען אימה־דיק־שטיל. דער גראָער, כוואַליעדיקער רעש פון דער גאַס האָט אונטן געשווענקט די מויערן ווי די אייביק־שלאָגנדיקע כוואַליעס פון ים. ער וועט זיך איינוויקלען, מנחם, אין דער פאָן, און אַזוי, אַ פאַרוויקלטער אין איר געוואַנד, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, וועט ער אַראָפּשווימען איבערן פאַרענטש אינעם אָפענעם, ברויזנדיקן ים... ס'וועט דאָך בלויז דויערן אַ דינער ברוכטייל פון אַ ווימפּערן־ציטער...

ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר דער דאָזיקער שגעונדיקער, טויט־מחשבה...

ער מוז זיין קראַנק... שווער קראַנק... ער איז שוין אַוודאי געווען קראַנק אויך דעמאָלט, בעת ער האָט געקוקט אויף איר האַלדז... זיינע הענט האָבן זיך געהאַלטן ביי די הויכע מויער־פּאַרענטשעס. מיט אַן אָפן מויל, ווי אַ פיש וואָס ווערט געוואָרפן אויפן זאַמד, האָט ער אין זיך געזויגן די קילע ים־לופט. דער ים איז געלעגן גאָר נאָענט. ער האָט געשפּילט צום הימל מיט די שענסטע ליכט־פייערן. אַ זעלטענע רו און שטילקייט איז אים פּלוצעם דאָ באַפאַלן, מנחמען. ער האָט עפּעס געזוכט אין די ווייטע מרחקים. צוערשט האָט זיין פּנים זיך געווענדט צו מיזרח, דערנאָך קיין דרום, דאָרט ווו ס׳רוט דער טויטער, געזאַלצענער ים. צווישן בלענדיק־ווייסע בנינים האָבן זיך געריסן די טונקעלע קרוינען פון פּאַלמעס, ציפּרעסן און אייקאַליפּטוס־ביימער, וואָס קענען ניט דעם פלוס פון צייט. און מנחם טאָפּאַר האָט איצט, שטייענדיק אויף דער דאַך־טעראַסע, דאָס ערשטע מאָל דערפילט אַז די צייט האָט אויף אים ניט געהאַט די מינדסטע שליטה. גראַד אַזוי ווי זי האָט ניט קיין שליטה אויף די וואַסערן פון טויטן ים.

ערגעצווו אין ימיקער, בלאָלעכער פאַרנעפּלונג איז געהאַנגען אין דער הויך אַן אויפגעפּלאַטערטע וואָלקן־פּאַן, ווו ס׳איז געלעגן פאַרקריצט מנחמס ערשטע יינגלשע שבועה. און אַלץ, פאַרוואָס מנחם טאָפּאַר האָט אָפּגעגעבן די שבועה, איז איצט געלעגן אין די אָפענע, ווייטע מרחקים, אין לויכטנדיקן ים און אין די אומצאָליקע ווייסע הייזער פון דער ברעג־שטאָט. איצט האָבן שוין איבערגענומען די שבועה אַנדערע... אַן אַנדער דור... אַ דור וואָס קוקט ניט מער אויף צוריק... ער, מנחם, האָט זי איבער־געטראָגן צום נייעם דור. אַזוי טראָגט איבער איר זוימען אַ פאַרוועלקטע צווייג, פאַרן אַראָפּפאַלן אויף דער ערד, צו אַ נייעם, אויפשפּראָצנדיקן וואָרצל.

ער האָט די גאַנצע צייט ניט אַוועקגענומען זיינע אויגן פון דרום. אים איז שוין באַשערט געווען תמיד צו קוקן אויף צוריק... אפשר, ווער ווייס, איז אין דעם שוין געלעגן די ליכטיקע פאַרפולונג פון זיין מיד לעבן? און אפשר... אפשר שטייט ער גאָרניט איצט דאָ, אויף דער דאַך־טעראַסע, מנחם טאָפּאַר, ער שטייט גאָר אין דרום, לעבן טויטן ים, אויסגעקאָוועט אין אַ פעלדז מיט זיין שבועה, ווי אַ פאַרגליווערטער

שטייניקער זאַלץ־זייל. זיין אַלטע געשטאַלט, געפורעמט אינעם זאַלץ־פעלדז, איז געאָרעמט מיט אַנדערע געשטאַלטן, וואָס די צייט און דער געזאַלצענער ווינט האָבן זיי באַשאָנקען מיטן אייביקן לעבן...

1959

דער רויטער זשאַקעט

קיין איינציקער פון די רייכע פּראָנט־שכנים אינעם הויז האָט ניט געוווּסט פונוואַנען זי איז אַהער אָנגעקומען. דער קצב האָט געזאָגט: פון טשעכיען, דער פישער: פון אונגאַרן, אָדער פון דער אינדזל ראָדאָס. איר אויסזען איז געווען אַביסל אויסטערליש און אויך ניט אינגאַנצן יידישלעך. ברייטע באַקנביינער פון איר פּנים האָבן אַרויסגעשטייגט קוואַדראַטיק, שאַרף און בלייך. איר שטערן איז געווען הויך און אַביסל צוריקגעפאַלן, די אויגן — וואַסערדיק־גראָלעכע און אומרויקע, איר גוף — אַ פאַרוועלקטער אין די נאָך יינגע, ווייבלעכע גלידער. זי איז געגאַנגען מיט אַ וואַקלדיק־שווערן און ברייט־מענערישן טריט, וואָס האָט אפשר אַנטפּלעקט פאַר אַ געניט מענטשלעך אויג דעם סוד פון איר פאַרוועלקטן, ווייבלעכן גוף. דערפאַר זענען אָבער אירע הענט געווען פלאַטערנדיק־שמאָלע, דין שיינע, מיט לענגלעכע, מיידלשע פינגער, ווי זיי וואָלטן געהערט צו אַ צווייטן ווייבלעכן גוף. זי האָט קיינמאָל ניט גערעדט מיט אַ שכן און תמיד בהלהדיק אַדורכגעלאָפן מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ די פּאָר שריט פון איר נאָרע־חדרל אויף דער הינטערזייט פונעם הויז, דאָרט, ווו ס'שטייען די מיסטאיימערס. איבריקנס, האָבן די פּראָנט־שכנים זי תמיד אויסגעמיטן מחמת עפּעס אַ סודותדיקן פּחד, ווי זי וואָלט געווען אַ בהלהדיקע מויז פון מיסט... מ'האָט זי טאַקע גערופן: די, לעבן מיסט... אָדער: די מיטן רויטן זשאַקעט, מחמת דעם שטענדיק־פאַרוואָרפענעם רויטן זשאַקעט איבער אירע פאַרבויגענע אַקסלען.

מ'האָט ניט געוווּסט צי זי אַרבעט ערגעצוווּ, צי ניט. בעת זי לויפט אַרויס פון איר צימערל אָונט־צייט מיטן רויטן זשאַקעט אויף דער

האַנט, וואָס איז איבערגעקערט אויף דער לינקער זייט, כדי צו פאַרבאָרגן זיין רויטקייט, לאָזט זי תמיד ברענען אין שטוב דאָס עלעקטרישע ליכט. דאָס ליכט ברענט אַ גאַנצע נאַכט, וואָרעם מען זעט עס דורך די שפּאַרעס פון די אָראָפּגעלאָזטע לאָדנס. דאָס טוט זי אוודאי פאַר איר געליימט קליין מיידעלע, פאַר עממאַן, וואָס ליגט אַליין דעמאָלט אין בעטל, בעת זי לויפט אַרויס אין שטאָט. קיינמאָל זעט מען ביי איר ניט קיין מאַנצפּערשוין. דער קצב זאָגט: אַ גרושה. דער פישער: אַן אלמנה... ביי אַזאַ איינער איז דאָך תמיד שווער צו וויסן... דאָס קינד האָט מורא צו בלייבן אַליין אין דער טריבלעכער פינצטערניש און זי לויפט ערשט אַרויס דעמאָלט, בעת די קליינע שלאָפט שוין גוט איין.

דאָס חדרל ליגט לעבן דער אויפגעשטעלטער צוויי־מעטערדיקער וואַנט, ווו ס׳שטייען די הויכע בלעכערנע מיסט־איימערס. ביינאַכט ציטערן דאָ זילבערדיק די בלעכערנע איימער־צודעקלעך פון די נישטערנדיקע קעץ און הינט, וואָס דרייען זיך הינטערן פענצטער, ווו ס׳ברענט דאָס עלעקטרישע ליכט ביז פאַרטאָג. דעמאָלט קומט זי ווידער צוריק פון אַ גאַנצער נאַכט, דרייט גיך אַראָפּ דאָס עלעקטרישע ליכט, וואָס ברענט מיט אַ פאַר־שעמטן, פאַרגליווערטן בלאַסק אין דער פאַרטאָגיקער גראָקייט. זי זיצט לאַנג דערנאָך אויף די קניען לעבן בעטל, אַריינקוקנדיק אינעם פנימל פון איר שלאָפנדיק, געליימט מיידעלע.

נאָך איידער די אַלע שיינע הייזער זענען אויפגעשטאַנען, האָט דאָ אַסך דורות געבליט אַן אַלטער פּרדס, וואָס איז שוין שפּעטער דורך די אָנקומענדיקע מענטשן ניט אָפּגעהיטן געוואָרן. יעדעס מאָל, בעת מ׳האָט געדאַרפט גיסן אַ נייעם בנין פאַר די אָנקומענדיקע יידן, — האָט מען פריער געמוזט אויסרייסן צענדליקער מאַראַנצן־ביימער און דערנאָך — פאַרגיסן די ערד מיט צעמענט, אַזוי אַז איצט, בעת דער גאַנצער שטח איז אינגאַנצן שוין פאַרבויט, איז ניט פאַראַן דער מינדסטער סימן פון אַ מאַראַנצן־בוים. בלויז דאָ, אינעם ווינקל צווישן די צוויי אויפגעשטעלטע בנינים, אַריינגערוקט אין סאַמע שפּיץ פון דער מיסט־וואַנט, איז נאָך שטיין געבליבן איינאיינציק מאַראַנצן־ביימל מיט זייער שיטערע, דורכ־זיכטיקע צווייגן. עס שטייט טאַקע ניט ווייט פון די אַראָפּגעלאָזטע לאָדנס

פון איר נאָרע־חדרל לעבן די מיסטאיימערס. דער בוים איז אַ נידריקער, אַן איינגעפאַלן־טרוקענער, אָבער אַז ס׳קומט די צייט פון בליונג, באַוואַרפט זיך נאָך זיין האַלב־טויטע ברוסט מיטן שענסטן, דופטיקן צוויט. די אונטערשטע צווייגן ליגן אויף דער שטיינערנער מיסטוואַנט, בעת די פאָדערשטע, צעשפּרייטע און מער געדיכטע, שפּאַרן זיך אָן אינעם פאַרקראַטעוועטן הויכן פענצטערל פון איר נאָרע־חדר און פאַלן אַראָפּ ביז איבער דער טיר.

הינטער דעם וווין־חדר ביי דער וואַנט שטייען די תמיד פולע מיסט־איימערס. זיי שליידערן אין דער לופט דעם שאַרפן מיסט־אוויר פון גליטשיקן אָפּפאַל און שווערן, עיפּושדיקן פוילעכטס. דער בייזער אַוויר דרינגט אַריין דורך דער שוץ־וואַנט, קריכט איבער די צווייגן און פאַלט ווי אַ שווערער נעפּל אויף די שויבן. צווישן די מאַראַנצן־צווייגן און דעם מיסט־אַוויר גייט תמיד אָן אַ האַרטנעקיק, שווער געראַנגל. די מלחמה ציט זיך אַזוי לאַנג ביז ס׳קומט אָן די נצחונדיקע צייט פון בליאונג. כאָטש קיינער פלעגט־ניט דעם מאַראַנצן־בוים, באַוואַסערט אים ניט און שיצט אים ניט פון די אַלע ווימלענדיקע שרצים און בייזע רמשים און אויך די זון קומט בלויז צו אין געבאָרגטער אָפּשפּיגלונג פון קייגנאיבערדיקע פענצטער, — שפּראָצט דאָס מאַראַנצן־בליעכץ אין די שענסטע ערדישע קאָלירן און פאַרטרייבט פון דאַנען די שלעכטע מיסט־ריחות. די צווייגן־הויט, אַ גראַלעכע, אַ צעשינדענע ווי פון ווינט־פּאָקן — ווערט דעמאָלט טונקעלער און די בלעטער באַקומען אויך אַ שטאַרק־גלעטנדיקע, סאַמעטענע גרינלעכקייט. דאָס געדויערט אַזוי לאַנג ביז דאָס בליעכץ פאַלט אַראָפּ און ס׳באַוויזן זיך די ערשט־געבוירענע מאַראַנצן־קעפּלעך. דער בוים ליגט דעמאָלט פאַרהילט אין אַ נעפּל פון פאַרשכורנדיקע, שאַרפע ריחות. ער זעט אויס, דער בוים, ווי ער וואָלט געשטאַנען איינגעהילט אין אַ קיניגלעכן, קאָליריקן מאַנטל. צווישן די שפּאַרנדיקע בליטן־ריחות און דעם מיסט־נעפּל קומט טאַקע פאָר די מלחמה אינעם ווינקל. מען זעט שוין דעם בליטנדיקן נצחון פון קיניגלעכן מאַנטל איבער דער מיסט־טוכלעקייט. זיינע גרינלעכע מאַנטל־צויטן מיט אַראָפּהענגענדיקע מאַראַנצן־קנאָספּן פאַרדעקן אינגאַנצן די שוואַרצע איימער־דעקלעך און לאָזן ניט אויפגיין פון דאָרט דעם סמיקן שווערן עיפּוש איבער דער וואַנט. פאַרטאָג בלייבן דאָ די מיסטרוימער

שטייִן פאַרגליווערטע פונעם בוימס שטאַרקן מאַראַנצן־ריח. אין דער גאַנצער סביבה איז ניט פאַראַן אַזאַ שטאַרקער, גן־עדנדיקער ריח, ווי דאָ אינעם ווינקל, לעבן מיסט, לעבן די שוואַרצע מיסטאַיימערס, ווו ס׳ווינט די, מיטן רויטן זשאַקעט...

*

— מאַדאַם קנאַלל!... טאַנטע קנאַלל!... עממאַ וועקט זיך... מאדאם קנאַלל!!... מאַדאַם קנאַלל!...

קיינער ענטפערט ניט פונעם שטוב־ווינקל.

— טאַנטע קנאַלל!... מאַדאַם קנאַלל!... וואָס איז מיט אייך היינט?... איר הערט ניט?

ווידער איז געוועזן שטיל אינעם ווינקל. מ׳האָט בלויז געהערט אַראָפּ־רינען דאָס וואַסער פון די בלעכערנע טעלער אינעם וואַסער־אָפּגוס. די אַלטע פרוי קנאַלל איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַריבערגעבויגן איבער אַ שיסל און געוואַשן אונטערן קראַן די בלאָע בלעכערנע טעלער.

— מאַדאַם קנאַלל, וואָס איז מיט אייך?... צי איז עפּעס געשען?

דאָס מיידעלע אין בעטל האָט זיך פּלוצעם איבערגעוועקט. ניט לאַנג צוריק איז די זון געהאַט אונטערגעגאַנגען. דורכן פענצטערל, אויף דער מיסט־וואַנט, האָט מען געזען אַ טונקל־רויטלעכן פלעק, וואָס האָט אויס־געזען ווי אַ פּאַפּוגיי. דער מאַראַנצן־בוים האָט שטיל געשאַרכט, וואָרעם אַ לינד ווינטל האָט פון צווישן די בנינים באַוועגן זיינע אָפּשטייענדיקע צווייגן. דאָס מיידעלע אינעם בעטל האָט זיך אונטערגעהויבן און שווער באַוועגן מיט אירע צוויי געליימטע פיסלעך.

בעת געַרטאַ האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויפוואַרפן אויף זיך דעם זשאַקעט, האָט זי ערשט דערזען אויפן טיש דאָס לענגלעכע, פרעמדע ברויטל. דאָס איז ניט געווען דאָס זעלביקע רונדיקע ברויטל, וואָס מאַדאַם קנאַלל ברענגט יעדן טאָג פון געוועלבל. מאַדאַם קנאַלל איז אָנגעקומען צו דער גערטאַ פאַראַיאָרן, בלויז אויף צוויי שעה הילף יעדן טאָג צו אָוונט־צו, כדי אַלץ צו באַזאָרגן: אַרומוואַשן עממאַן, אַרויספירן זי אין וועגעלע בעת ס׳גייט ניט דער עיפּושדיקער מיסט־ריח פון די איימערס, איינקויפן

אין געווּעלבל און טיילמאָל אויך עפּעס אָפּקאָכן פאַר גערטאַס אַוועקגיין. אַ גאָר ווייטע קרובה פון גערטאַן האָט די מאַדאַם קנאָלל געשיקט אַהער פאַראַיאָרן ווינטער. פרוי קנאָלל האָט זיך באַלד דערמאָנט אַז זי האָט גוט געקענט גערטאַס עלטערן: זיי האָבן געהאַט אַ ביר־ברויעריי אין פּראָג, שפּעטער אין זאַגרעב... מאַדאַם קנאָלל האָט אויך דערציילט, אַז זי איז אַ ווייטע קרובה פון גערטאַס מאַמע און דערפאַר האָט גערטאַ באַלד פון ערשטן טאָג אָן זי גערופן: טאַנטע קנאָלל. דאָס איז געווען פאַר גערטאַן אַ וואַרעם און גוט געפיל צו האָבן וועמען אָנצורופן טאַנטע — אין די יאָרן פון פאַרלאָזנקייט. די אַלטע מאַדאַם קנאָלל איז געווען תמיד אָנגעטאָן אין שוואַרצן. אַ לאַנגע צייט נאָכן טויט פון איר מאַן האָט זי געוואַשן געשיר אין אַ רעסטאָראַן לעבן ים, דערנאָך באַדינט אַ קאָרטן־קלוב, ביז זי איז אָנגעקומען אַהער, צו גערטאַן, נאָך אַ שווערער פוס־קראַנקייט. איצט איז מאַדאַם קנאָלל צופרידן. פאַר די צוויי שעה לייכטע אַרבעט ביי גערטאַן האָט זי אַזוי פיל ווי פון וואַשן געשיר אין רעסטאָראַן אַ גאַנצע וואָך... גערטאַ איז פאַר איר ניט אַ מענטש ,נאָר אַ מלאך... אַ ריינער, קרישטאָ־לענער מלאך פון הימל... ווען ניט די קליינע, געליימטע עממאַ...

— מאַדאַם קנאָלל, ווו זענט איר?... וואָס איז מיט אייך היינט?...

גערטאַ האָט אַלץ ניט אויפגעהערט זי צו רופן מיט איר אַביסל הייזעריקן קול. זי האָט שוין געהאַט אויף זיך פאַרוואָרפן אַן ערמל פונעם רויטן זשאַקעט. דער פאַרפּודערטער ברייטער שטערן איז געווען בלייכער ווי תמיד. די איינגעפאַלענע פאַרוועלקטע ליפּן האָבן הייס געברענט פונעם צעשמירטן בלוט־שטיפט איבער אירע שיטערע, ווייסע, אומעטיקע ציין. אַז מאַדאַם קנאָלל האָט ווידער ניט געענטפערט אויף אירע רופן — איז גערטאַ אַריין אינעם קיך־ווינקל, ווו מאַדאַם קנאָלל איז געשטאַנען. זי איז אַלץ נאָך געווען אַריבערגעבויגן איבער דער שיסל מיט געשיר. די אַלטע פרוי האָט זיך ערשט אויסגעדרייט דעמאָלט ווען גערטאַ האָט אויף איר אַרויפגעלייגט די האַנט מיטן אָנגעוואָרפענעם זשאַקעט.

— וואָס איז מיט אייך היינט, טאַנטע קנאָלל? פילט איר זיך ניט גוט?

די אַלטע פרוי האָט אַוועקגעדרייט איר פּנים. גערטאַ האָט דערזען, אַז טאַנטע קנאָלל וויינט. אַ שנירל אַלטע טרערן האָט זיך געגליטשט איבער

דער גראָער ,לויזער הויט פון מאַדאַם קנאַללס רעכטער צערונצלטער באַק.

מאַדאם קנאַלל האָט געזוכט אַ נאָזטיכל אין דער נאָענט, כדי אָפּצווישן די טרערן און ניט געפונען. גערטאַ האָט דערוויל אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם רויטן זשאַקעט אויף אויף דער לינקער האַנט.

— פאַרוואָס ענטפערט איר ניט, טאַנטע קנאַלל? וואָס איז געשען?... איר זייט קראַנק?...

— טייערינקע... ניט קראַנק... ניט קראַנק... — האָט מאַדאַם קנאַלל אויסגעווישט אירע אויגן מיטן האַנטעכל און אויפסניי אַוועקגעדרייט דאָס פּנים צו דער שיסל מיט געשיר — ניט קראַנק... ניט קראַנק... אָט סתם אַזוי... אַ מענטש דאַרף אַמאָל וויינען... טרערן מאַכן דאָך גרינגער דעם מענטשנס צרות... ניט אַזוי?

— אָבער סתם אַזוי וויינט מען דאָך ניט, טאַנטע קנאַלל...

פלוצעם האָט גערטאַ זיך דערמאָנט אינעם פרעמדן לענגלעכן ברויטל, וואָס איז געלעגן אויפן טישל.

— פאַרוואָס, טאַנטע קנאַלל, האָט איר היינט געקויפט אַן אַנדער ברויטל ווי תמיד?... עממאַ האָט אַזוי ליב יענץ קליינע רונדיקע ברויטל...

— אָט — אָט דאָס איז עס טאַקע... גערטאַ... צוליבן ברויטל, גערטאַ, וויין איך...

— צוליבן ברויטל?

— ניט צוליבן ברויטל, נאָר... נאָר צוליב אייך, גערטאַ...

— צוליב מיר? שוין ווידער דער פוילישער?...

— יאָ, ווידער דער חזיר... ער וועט מיר, זאָגט ער, גאָרניט מער פאַרקויפן... פאַר דער, לעבן מיסט... מיטן רויטן זשאַקעט... אַלע באַלע־באָסטעס פון הויז, זאָגט ער, גייען פון אים אַוועק... כ׳זאָל מער ניט איבער־טרעטן די שוועל... זיי ווילן ניט קויפן ביי אים צוליב אייך... צוליבן רויטן זשאַקעט... האָב איך געמוזט גיין אויף דער דריטער גאַס מיט מיינע קראַנקע פיס, כדי צו באַקומען דאָס ברויטל...

— דאָס איז אַלץ, טאַנטע קנאַלל? און צוליב דעם וויינט איר?

— פאַרוואָס זאָל איך ניט וויינען, אַז אַזאַ...

מאַדאַם קנאַלל האָט ווידער אָנגעהויבן צו העשן.

— פאַרוואָס זאָל איך ניט וויינען... כ׳האָב אים געזאָגט, אַז איר, וואָס וווינט לעבן מיסט, זייט מער מענטש פון אים... און פון אַסך אַנדערע, וואָס וווינען אין סאַמע פראַנט... אַז איר זענט אַ מלאך — און ניט אַ מענטש — אַזוי האָב איך אים געזאָגט... אַז דאָס אַלץ איז אַ בילבול... אַז איר אַרבעט אין אַ רעסטאָראַן... אַלס קעלנערין...

— און ער, דער פּוילישער, האָט אַוודאי...

— ער האָט זיך ניט געשעמט, דער חזיר, אייך אָנצורופן צווישן אַנדערע ווייבער מיטן ערגסטן... ווייסט איר וואָס אַזוינס ער האָט געזאָגט, דער פּוילישער חזיר? אַז אַזעלכע מלאכים מיט אַ רויטן זשאַקעט קויפט מען אין שטאָט אויף יעדן ראָג... האָב איך אויסגעשפּיגן — און אַוועק קויפן דאָס ברויטל אויף דער דריטער גאַס... מיט מיינע קראַנקע פיס...

ס׳איז שוין געווען אינגאַנצן פינצטער בעת אין פאָדערשטן חדר־ווינקל האָבן די צוויי פרויען אויפגעהערט צווישן זיך צו פליסטערן. איבערן שענקל, וואָס האָט צעטיילט דאָס חדרל אויף צוויי, האָט מען געהערט דאָס טרוקענע געגרילץ פונעם בעטל, ווו ס׳האָט זיך געוועקט די גלייכטע עממאַ. מאַדאַם קנאַלל האָט אויפגעדרייט דאָס עלעקטרישע ליכט אינעם קיכווינקל. דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפּל, אַ פאַרשטעלטס און פאַר־פלעקטס, האָט פּלוצעם צעשניטן די קיך־פינצטערניש און באַלויכטן גערטאַס איינגעפאַלן באַרנע־פּנים. די בלוט־פאַרב אויף אירע פאַרוועלקטע דינע ליפּן איז אינעם עלעקטרישן ליכט געוואָרן נאָך רויטער. מאַדאַם קנאַלל האָט זיך אויסגעוויזן, אַז גערטאַ שטייט אַ באַגאָסענע מיט בלוט מחמת דעם רויטן, פאַרוואָרפענעם זשאַקעט, וואָס גרייכט איר ביז צו די קני. אויף דער גערונצלטער אַלטער באַק פון מאַדאַם קנאַלל האָט גערטאַ נאָך געזען דעם שמאָלענקן, גראָען פאַס, וואָס ס׳האָט דאָ איבערגעלאָזט דאָס נאַרוואָס אַראָפּגעפלאָסענע שנירל טרערן. מאַדאַם קנאַללס פּנים איז געווען ווייך, צעקנייטשט, מיט אַ שווערן ווייבלעכן זיקנה־גווידער, וואָס האָט זיך איר געוויגט אָן אויפהער בעתן וויינען.

— ווייַנט ניט, טאַנטע קנאַלל, ווייַנט ניט!... — האָט גערטאַ אַרויפ־געלייגט איר זייער שמאָלע, קינדערשע האַנט אויף דער אַלטערס פאַר

בויגענעם אַקסל — ווײנט ניט, טאַנטע קנאַלל... עממאַ וועט זיך מיט דער צייט צוגעוווינען צום נייעם ברויט... וואָס איז דער אונטערשייד ?... גאָטס ברויט איז אומעטום שיין און הייליק...

— גוט האָט איר געזאָגט, מלאך מיינער... אַזוי ווי אין דער ביבל... גאָטס ברויט איז אומעטום שיין... אומעטום שיין... אומעטום הייליק...

גערטאַ האָט שוין מיט דער האַנט געוואָלט עפענען די טיר און אין דער לעצטער רגע נאָך צוגעפּליסטערט:

— אַז עממאַ וועט זיך איבערוועקן, עפנט אַביסל ס׳פענצטערל, טאַנטע קנאַלל... דוכט זיך, אַז די לופט איז היינט קלאָרער ווי תמיד... דער בוים הויבט שוין אָן צו בליען... ווי מיינט איר, טאַנטע קנאַלל, ס׳קומט שוין די צייט פון בליאונג ?...

מאַדאַם קנאַלל האָט אויפגעהויבן איר אַלטן פויגלשן קאָפּ אין דער הויך צו דער זייט פונעם פענצטערל. אירע פאַרוועלקטע גראָע נאָזלעכער האָבן אין זיך טיף איינגעזויגן די לופט, בעת די צוויי גוידערלעך האָבן זיך צונויפגעקלאַפּט און אויפסניי זיך צעטיילט, ווי דאָס וואָלטן געווען צוויי אָפּגעריסענע, טויטע פייגל־פליגל.

— אמת, טייערינקע... אמת... ס׳קומט שוין די צייט פון בליאונג...

גערטאַ האָט גאַר פאַרזיכטיק געעפנט די טיר. בעת זי איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל האָט זי זיך אויף אַ ווייל צוריקגעצויגן. זי האָט אַ הייסן קוש געטאָן מאַדאַם קנאַלל אויף איר פאַרוועלקטער, פאַר־טרערטער באַק און גיך אַרויסגעלאָפן.

*

ס׳איז געווען אַ פּאָר טעג שפּעטער נאָך יענער פאַסירונג אין קיכ־ווינקל. מאַדאַם קנאַלל איז געזעסן אונטער דעם הויכן, אָפענעם פענצטערל. גערטאַ האָט געבעטן טאַנטע קנאַלל צו בלייבן ביז זי וועט זיך אומקערן פון רעסטאָראַן, וואָרעם עממאַ האָט געהאַט אַביסל פיבער. עממאַ האָט געהאַלטן איצט אירע דאַרע פיסלעך אין דער הויך, פאַרשנירטע מיט די לעדערנע פאַסקעס. מאַדאַם קנאַלל האָט די פּאָר טעג נאָך יענעם שמועס נאָך אַלץ נאָכגעטראַכט וועגן דער לעצטער פאַסירונג אין ברויט־געוועלבל

פונעם פוילישן. צי איז עס אמת וואָס מען רעדט וועגן גערטאַן, אָדער צי עס איז אַ בילבול? די מענטשן האָבן דאָך אַזוי גערן צו פאַרשפּרייטן איינער פאַרן צווייטן אַ נעץ פון בילבולים. וויפל מאָל זי פלעגט פרעגן גערטאַן וועגן איר אַרבעט — האָט זי תמיד באַקומען דעם זעלביקן ענטפער: איר אַרבעט אין רעסטאָראַן הויבט זיך אָן זעקס אינאָוונט און ענדיקט זיך ערשט נאָך צוועלף, ווי געוויינלעך די קעלנערשע אַרבעט אין רעסטאָראַן, לעבן ים... אַמאָל איז דאָ געקומען מיט אַ באַזוך אַ דאַרער, שוואַרצער יינגערמאַן, בעת גערטאַ האָט זיך שוין געקליבן אַוועקצוגיין. גערטאַ האָט דעם יינגענמאַן פאָרגעשטעלט פאַר מאַדאַם קנאַלל: אַ מיט־אַרבעטער פון רעסטאָראַן... זי האָט געבעטן מאַדאַם קנאַלל צו ברענגען נאָך אַ ברויטל און אַ פלאַש ביר — כאָטש אין שטוב איז נאָך געווען אַ האַלב ברויטל פון נעכטן. אַז מאַדאַם קנאַלל איז צוריקגעקומען, איז שוין דער שוואַרצער יינגערמאַן ניט געווען. גערטאַ האָט געהאַט אויף איר פנים אַ פרישע שיכט פון פודער און שלעכט פאַרשמירטע ליפּן, וואָס האָבן געברענט מיט פרישן פּאָמאַד. זי האָט זי אָפּגעוואַרט שוין אויף דער שוועל, מיטן פאַרוואָרפענעם רויטן זשאַקעט...

פון נעכטן אָן איז טאַקע אומגעריכט אָנגעקומען די צייט פון בליאונג. אַריינגעפּרעסט אינעם ווינקל לעבן דער מיסט־וואַנט, צווישן גראָען שטיין און פאַרשפּינוועבטע טויטע בלעטער, האָט דאָס מאַראַנצן־בוימל נאָך ניט געהאַט זיך פאַרוואָרפן מיטן קיניגלעכן מאַנטל — און שוין האָט פון אים דער ווינט געטראָגן צום הויכן פענצטערל די זיסטע ריחות פון אַ צעגאָסענעם וויין־געטראַנק. דער פאַלנדיקער שאָטן פון זיינע צווייגן איז געוואָרן געדיכטער און געלעגן אויף דער שטיין־וואַנט אַ ציטערנדיקער, אַ באַוועגלעכער, אַזוי, אַז מאַנכמאָל ביים שטאַרקן זון־ליכט, וואָס איז געפלאָסן גאָר הויך צווישן די בנינים, האָט זיך דער מאַדאַם קנאַלל אויס־געוויזן ווי דאָ, איבער די מיסטאַיימערס, וואָלט אויפגעשפּראָצט נאָך אַ בוים מיט צעפלאַטערטע, טונקעלע צווייגן און אויפגעקיימטע בליטן...

מאַדאַם קנאַלל האָט געטראַכט, אַז זי מוז פאַר דער קליינער ברענגען עפּעס אַ מתנה צו איר זעקסטן געבוירנטאָג. אַמבעסטן וועט זיין: אַנשטאָט די שווערע, לעדערנע פאַסקעס וועט זי איר קויפן דינע, ווייסענקע שינדלען

פון לייכטן מעטאַל, וואָס זעט אויס ווי זילבער. גערטאַ דאַרף גאָרניט וויסן דערפון. אָ, גאָט, ווי זייביידע, גערטאַ און די קליינע, וועלן זיין גליקלעך בעת זי וועט פּלוצעם אַרויפלייגן אויפן טיש די זילבערנע לייכטע פּיס־שינדלען... זי האָט געגנוג אָפּגעשפּאָרט פאַר דער צייט זינט זי איז דאָ, ביי גערטאַן... צי' איז ניט די גרעסטע מצווה פאַר אַ מענטש צו געבן פרייד אַן אומגליקלעכע, געליימט, קליין מיידעלע?

ס'איז געווען נאָך גערטאַס אַוועקגיין. מאַדאַם קנאַלל איז אַלץ נאָך געזעסן אונטער דעם אָפּנעם, הויכן פענצטערל און געהאַלטן אויף איר שויס דאָס גרויסע ביבל־בוך, וואָס זי האָט אַנומלט געפינען אויפן שענקל ביי גערטאַן פאַרלייגט מיט פאַפּירן. זינט דעמאָלט, אַז זי בלייבט אַליין און עממאַ שלאָפט — קוקט מאַדאַם קנאַלל אַריין אין די געלע, פאַרקנייטשטע און פאַרשטויבטע בלעטער. די ביבל איז אין טשעכיש און מאַדאַם קנאַלל פאַרשטייט נאָך גוט די שפּראַך פון אירע קינדעריאָרן. אַממייסטן האָט זי ליב צו לייענען וועגן יוספן, וואָס ווערט פון זיינע אייגענע ברידער געוואָרפן אַ נאַקעטער אין אַ טיפן גרוב — און דערנאָך ווי ער ווערט דערהויבן דורך גאָט, וואָס פאַרריכט דאָס שלעכטס פון די מענטשן... אָדער די שיינע דערציילונג פונעם גאָטספאַרכטיקן מאַן נח, וואָס איז געווען אַן אויסדער־ווילטער אין זיין דור, בעת גאָט האָט חרטה, וואָס ער האָט געשאַפן דעם מענטש... זי האָט איצט געלייענט טאַקע וועגן דעם שלעכטס, וואָס איז געווען צעשפּרייט אויף דער ערד — און פּלוצעם האָט זי געטראַכט וועגן דעם פּוילישן... וועגן די אַלע ווייבער, וואָס זענען דעמאָלט געווען אינעם געוועלבל... וועגן דעם, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן גערטאַן... אַז אַזעלכע מלאכים מיטן רויטן זשאַקעט...

מאַדאַם קנאַלל האָט דערהערט, אַז די קליינע עממאַ וועקט זיך. די קליינע האָט געהאַט אַ הויכן, ברייטלעכן שטערן, גראָד ווי גערטאַ און אַ דין פאַרשנירט מויל, וואָס איז געווען אַביסל אויסגעקרומט אויף לינקס. דורך די אָפּענע ליפּן האָט מען געזען אירע קליינע, קינדערשע ציין, וואָס האָבן געהאַט אַ שנייאיקע, פייכטע בלענדיקייט. מאַדאַם קנאַלל האָט געטראַכט: זיי זענען גראָד אַזוי וויס, די ציינדלעך, ווי די ערשטע מאַראַנצן־בליטן אויפן בוים... זי האָט אויפגעהויבן טאַקע איר קאָפּ צו די מאַראַנצן־צווייגן,

וואָס זענען געפאַלן איבערן פענצטערל. נאָך אַ פּאָר טעג — און דאָס בליעכץ פון די מאַראַנצן־צווייגן וועט אַראָפּפאַלן — דאָס שיינע, געוויר־ציקע, פלאַטערנדיקע בליעכץ — און פאַרדעקן דאָ, אין דער נידער, אַלע מיסטאַיימערס ביי דער וואַנט...

ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט און מאַדאַם קנאַלל האָט אַלץ נאָך אַריינגעקוקט אין דער ביבל. מאַדאַם קנאַלל האָט שוין געוווסט אַז נאָך האַלבער נאַכט, אין שטילקייט, בעת זי איז בלויז מיט זיך, ווערט גאָטס וואָרט פון די הייליקע בלעטער אַזוי קלאָר און דורכזיכטיק... די קליינע איז נאָכן נעמען די פּילן ווידער איינגעשלאָפן. מאַדאַם קנאַלל האָט געטראַכט: סיידוי איז שוין גאָר שפּעט — זי וועט זיך צולייגן אַביסל אויף געזמאָס בעטל. די טיר האָט זי געלאָזט ניט פאַרשלאָסן. אַז גערטאַ וועט קומען — וועט זי זי איבערוועקן. מיט דער אָפענער ביבל לעבן פּנים האָט זיך מאַדאַם קנאַלל אויסגעשטרעקט אויפן אייזערנעם בעטל און פאַרמאַכט די אויגן.

זי ווייס ניט, מאַדאַם קנאַלל, ווי לאַנג זי איז אַזוי געלעגן האַלב־פאַרדרימלט אויפן בעטל. בעת זי האָט געעפנט די אויגן — איז אין שטוב שוין געווען ראָזלעך־גראָ. לכתחילה האָט זי ניט געוווסט ווו זי איז און וואָס איז מיט איר געשען, ווי תמיד אַז מ׳בלייבט נעכטיקן אין אַ פרעמד אָרט. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן קליינעם שטיי־זייגער: האַלב פינעף... דאָס ערשטע זון־ליכט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אינעם הויכן פענצטערל. הייסט עס: זי איז דורכגעשלאָפן די גאַנצע נאַכט. זי האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעטל און געזוכט גערטאַן. קיינער איז ניט געווען אין שטוב. דאָס עלעקטרישע לעמפּל האָט געטליעט אינעם קיכווינקל מיד און פאַרוועלקט. עממאַ איז געלעגן מיט אירעביידע פיס צעשפּרייט אויף דער קאָלדרע און נאָך געשלאָפן מיט אַן אָפן מויל, בעת אירע תמיד ווייסלעכע ציינדלעך האָבן איצט געהאַט די קאָליר פון אַש.

מאַדאַם קנאַלל איז פאַרזיכטיק אַראָפּ פונעם בעטל — און גיך אַרויפּ־געוואָרפן אויף זיך דעם שוואַרצן אלמנהשן שאַל. וואָס איז געשען מיט גערטאַן? פאַרוואָס איז זי ניט צוריקגעקומען?... פון איר אייגענער, אַמאַליקער רעסטאָראַן־אַרבעט ווייס זי, מאַדאַם קנאַלל: מען מוז אַמאָל

ביי אַזאַ אַרבעט בלייבן אויך לענגער... זי וועט אַוודאי באַלד אָנקומען, ווי נאָר מען וועט עפענען די ברויט־געווײלבלעך... אַהיימברענגען די ערשטע פריש־געבאַקענע זעמעלעך... פאַר עממאַן....

מאַדאַם קנאַלל האָט זיך אַרומגעוואַשן, איינגעפודערט מיטן שפּיץ פון אַ נאָזטיכל די פּולע, פלײשיקע נאָז און געעפנט דאָס פענצטערל צום מיסט־ווינקל. פון דאָרט איז אַרײנגעשווימען אַ שאַרפע געווירציקע לופט פון אויפגעקנאָספּעטע מאַראַנצן. פונעם אײזקאַסטן, ווו ס׳איז נאָך געלעגן פון נעכטן אַ דין שטיקל גראַ, צעשמאָלצן אײז, האָט זי אַרויסגענומען אַ פלעשל מילך. זי וועט דערווייל עס אָפּקאָכן פאַר זיך און פאַר גערטאַן און אויך פאַר דער קליינער. גוט וואָס גאָט האָט אויף איר געוואָרפן דעם שלאָף און זי איז דאָ געבליבן אַ גאַנצע נאַכט. וואָס וואָלט געשען ווען זי גייט אַוועק און די קליינע וועקט זיך אויף אין מיטן נאַכט ?

בעת זי איז אַזוי געשטאַנען איבער דער בלאָער גאַפּט־מאַשינקע זענען מאַדאַם קנאַלל באַפאַלן ניט קיין גוטע מחשבות. זי האָט אַראָפּגעדרייט דאָס עלעקטרישע ליכט, וואָרעם ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג. זי האָט אויך אַוועקגעשאַרט דאָס ראָזע פוירהענגל און אין חדרל איז געוואָרן שטאַרק ליכטיק. זי האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעהערט צום קאָרידאָרל. גערטאַס שווערע וויגנדיקע טריט האָט זי תמיד דערקענט פון דער ווייטנס. יעדע רגע האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז זי הערט אירע לויפנדיקע שריט. זי האָט אַפילו איין מאָל געעפנט די טיר און זיך צוגעהערט. דאָס איז אָבער בלויז געווען אַ שווערער לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט אַזוי געמאַכט ציטערן די קאָרידאָר־ווענט.

די מילך איז שוין לאַנג געווען אָפּגעקאָכט, די קאַרטאָפל אָפּגעשיילט, עממאַ אַרומגעוואַשן, די שטוב אויסגעקערט און דאָס מיסט אַרויסגעטראָגן — און מאַדאַם קנאַלל האָט אַלץ נאָך אין אַ ניט גוטער, אַנגסטיקער מחשבה זיך צוגעהערט צום פּרוזדורל. ווידער האָט זי זיך אַוועקגעזעצט מיט דער ביבל אויף דער קני. נעכטן איז זי שטיין געבליבן לעבן דעם גרויסן מבול. וואָס גאָט האָט געשיקט אויף דער ערד מחמת דעם שלעכטס פון אַלע ערדישע מענטשן .איצט האָט זי מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געלייענט וועגן דער טויב, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די וואַסערן און ווי זי איז צוריק־

געקומען מיט אַן איילבירטן־בלאַט אין איר מויל. און כאָטש מאַדאַם קנאַלל האָט שוין געוווּסט, אַז איצט וועט גאָטס אויסדערוויילטער מאַן אַרויסשיקן אַ צווייטע טויב, וואָס וועט זיך מער ניט אומקערן — האָט זי תמיד געהאַט גרויס רחמנות אויף דער פאַרלוירנגעגאַנגענער טויב, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן... פון דער טויב איז מאַדאַם קנאַללס מחשבה געקומען ווידער צו גערטאַן. מסתם טראָגט זי שוין מיט זיך דאָס פרישע געבעקס און לויפט אַהיים... נאָך אַ ווייל — און די טיר וועט זיך עפענען... און — פּלוצעם — אָ, גאָט !.. אפשר איז עפּעס געשען שלעכטס מיט גערטאַן ?... ס'איז שוין האַלבער טאָג — און זי האָט זיך נאָכניט אומגעקערט ?... צי וואָלט זי ניט באַדאַרפט, מאַדאַם קנאַלל, אַרויסלויפן אין רעסטאָראַן־פירטל, לעבן ים, זיך נאָכפרעגן ביי מענטשן ? דאָס טרעפט דאָך קיינמאָל ניט ביי גערטאַן...

זי האָט זיך גראָד געהאַט אָפּגעווענדט פון פענצטערל — ווי זי האָט פּלוצעם דערהערט שריט אין קאָרידאָרל. ניין, דאָס איז ניט גערטאַ. גערטאַס טריט זענען אַנדערע. דוכט זיך, אַז ניט פון איין מענטשן. אפשר צוויי, אָדער דריי מענטשן... די שריט האָבן זיך פּאַוואָליע דערנענטערט צו דער טיר. מאַדאַם קנאַלל איז גיך צוגעלאָפן צו דער טיר און זי געעפנט.

— וועמען דאַרפט איר ?

— מאַדאַם קנאַלל ?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

פאַר איר זענען געשטאַנען צוויי אומבאַקאַנטע מענער. איינער, דער וואָס האָט געהאַלטן אַ פאַרוויקלט פּעקל אונטערן אָרעם, איז געווען אַ נידריקער, אַ פּולער, בעת דער צווייטער — אַ דאַר־הויכלעכער מיט שווערע, טונקעלע האָרן־ברילן איבער זיין קנאָכיק פּנים. זיי זענען ביידע שווייגנדיקע אַריבער די שוועל און זיך אַרומגעקוקט אין חדרל. מאַדאַם קנאַלל האָט ווידער אַ צעטומלטע געפרעגט :

— וועמען דאַרפט איר, מיינע הערן ?

דער מיטן פּעקל אונטערן אָרעם איז צוגעגאַנגען נעענטער צום בעטל, ווו עממאַ איז געלעגן און געבלעטערט איר צעריסן בילדער־ביכל. ער האָט איר אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל, עפּעס געמורמלט פאַטערלעך־ווייך און

צו איר געשמייכלט. עממאַ האָט אַ דערשראָקענע אָנגעהויבן צו וויינען.ביידע פרעמדע האָבן זיך אַוועקגעזעצט לעבן טישל, בעת מאַדאַם קנאָלל איז געוואָרן איבערפּול מיט עפּעס אַ שוואַרצן, שווערן פּחד.

דער דאַרער מיט די ברילן האָט זיך אָפּגערופן:

— זייט איר דאָס פרוי קנאָלל?

— יאָ, דאָס בין איך... כ'האָב דאָך אייך שוין געזאָגט...

— און די־אָ קליינע — דאָס איז עממאַ?

— גאַנץ ריכטיק. גערטאַס מיידעלע עממאַ... זי איז, נעבעך, די קליינע...

— האָט דאָ געוווינט גערטאַ פּיבאַך? — האָט איר דער נידעריקער מיטן פּעקל איבערגעריסן אינמיטן.

מאַדאַם קנאָלל האָט אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן.

— וואָס הייסט: האָט געוווינט? זי וווינט נאָך דאָ... איך בין בלויז אַ שטוב־געהילף אויף עטלעכע שעה... זי דאַרף אַקאָרשט צוריקקומען... כ'ווייס ניט פאַרוואָס זי האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט פון דער אַרבעט... מסתם געהאַט אַסך אַרבעט אין רעסטאָראַן...

ביידע פרעמדע האָבן זיך שווייגנדיקע איבערגעקוקט.

— איז זי אייער פּלימעניצע, די גערטאַ פּיבאַך?

— זי איז ניט מיין פּלימעניצע... זי איז אַ וויטע קרובה...

— זי רופט אייך דאָ אָן: טאַנטע קנאָלל... אינעם בריוועלע...

— אַ בריוועלע? פון וועמען, פון גערטאַן!?...

דער דיקלעכער האָט איצט אָנגעהויבן גאָר פאַרזיכטיק אויפצושנירן דאָס פּעקל, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אונטערן אָרעם. פּאַוואָליע האָט ער ביידע שנירלעך אויפגעבונדן, אַריינגעלייגט אין קעשענע און אויפגעוויקלט דאָס ברייטע פּאַפּיר. אויפן טישל איז געבליבן ליגן גערטאַס איינגעקנייטשטער, פאַרוויקלטער, רויטער זשאַקעט.

— דערקענט איר דאָס, מאַדאַם קנאָלל?... די גערטאַ פּיבאַך איז... איז — ער האָט געשטאַמלט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן, פּליסטערנדיק ווי צו זיך אַליין — אייער פּלימעניצע... די גערטאַ פּיבאַך... איז היינט פאַרטאָג... — פיר אַ זייגער... ניין, האַלב פינף... געשטאָרבן אין שפּיטאָל... אַלע וועלן מיר שטאַרבן, טאַנטע קנאָלל... איינער פריער — איינער שפּע־טער... זי איז געשפּרונגען, די גערטאַ, פון פינפטן שטאָק... פון האָטעל־צימער...

לעבן ים... אַזעלכע ענדיקן דאָך תמיד אַזוי... אָט איז דאָס בריוועלע צו אייך...

מאַדאַם קנאַלל האָט לחלוטין שוין ניט געהערט וואָס דער פרעמדער רעדט צו איר. זי האָט געשריען מיט אַן אַלט, יאָמערדיק געוואַלד און זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. די ביבל, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין דער האַנט, איז איר פלוצעם אַראָפּגעפאַלן. די לויזע בלעטער האָבן זיך צעשיט גאָר נאָענט לעבן אירע פיס. אויך עממאַ האָט אָנגע־הויבן הויך צו וויינען. מאַדאַם קנאַלל האָט אַן אויפהער געכליפּעט און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.ביידע פרעמדע האָבן זיך נאָך אַ ווײַלע אַרומגעקוקט איבער דער שטוב. דערנאָך האָבן זיי עפּעס געזאָגט צו מאַדאַם קנאַלל וועגן פּאָליציי, לוויה, וועגן דער קליינער עממאַן... — און פאַרלאָזט די שטוב.

איצט איז מאַדאַם קנאַלל געבליבן אַליין. זי איז געשטאַנען אַ פאַר־שטיינטע. גערטאַס פאַרוויקלטער רויטער זשאַקעט האָט געברענט אויפן טישל. טאַנטע קנאַללס פּיס האָבן אָן אויפהער געציטערט אין די קנעכלעך. דאָס קליינע בריוול פון גערטאַן האָט אַלץ נאָך געפלאַטערט אין איר פאַרקראַמפּטער האַנט. אויפן דיל לעבן אירע פיס זענען געלעגן צעשיט די לויזע ביבל־בלעטער. מחמת די טרערן, וואָס זענען איר יעדע ווײַלע אָנגעלאָפן אין די אויגן, האָט זי לחלוטין ניט געזען ווי אירע פיס טרעטן אויף די צעשיטע ביבל־בלעטער. זי האָט ניט געוווּסט וואָס וועט איצט זיין מיט עממאַן און וואָס מיט איר... פלוצעם האָט זיך מאַדאַם קנאַלל דערמאָנט אינעם בריוועלע, וואָס ליגט נאָך אין איר האַנט פאַרקלעמט. זי האָט קוים, קוים געקענט איבערלייענען דאָס שיטערע געשריפטס — אויך מחמת די טרערן, וואָס האָבן איר פאַרשטעלט די אותיות. זי האָט געמוזט עטלעכע מאָל גאָר שטאַרק מיט דער האַנט־פלאַך פירן איבער די פאַר־וויינטע אויגן, כדי עפּעס צו זען. עפּעס איז דאָרט געווען וועגן טאַנטע קנאַלל, וואָס איז פאַר איר געווען אַ מאַמע... טאַנטע קנאַלל וועט זי פאַר־שטיין... און גאָט וועט איר מוחל זיין... און וועגן עממאַן: זאָל טאַנטע קנאַלל ניט פאַרגעסן זי יעדן טאָג אַרויסצופירן אונטערן מאַראַנצן־בוים... עפענען ס׳פענצטערל, ווען ס׳קומט די צייט פון בליאונג. און וועגן רויטן

ושאַקעט: טאַנטע קנאַלל וועט שוין וויסן וואָס צוטאָן. אַמבעסטן וואָלט געווען: אַ וואַרעם מלבושל פאַר דער קליינער, אויסגעבעט מיט אַ שטיקל פוטער... זי זאָל עס האָבן אויף דער צייט, ווען ס׳קומען אָן די קאַלטע, שווערע ווינטער־רעגנס...

1960

די ירושה

די וואָרהאַפטיקייט פון דער פּאַסירונג, וואָס איך וויל איצט אויפֿ־וויקלען, וועט אפשר אויסזען אויסטערליש, גראָד ווי זי איז געווען פֿאַר מיר אַליין אומוואָרהאַפטיק און אַפילו געשפּענסטיק שוין פון סאַמע אָנהויב, בעת דער גורל האָט מיך מיט אים פּלוצעם צונויפֿגעפֿירט — מיט דעם דאָזיקן שאָטנהאַפטיקן, פֿאַרגעסענעם מענטשן לעבן איינזאַמען יפו׳ער ים־ברעג, ביים אַלטן צעפֿאַלענעם ווײַנפּערטל. און דאָס וואָס איך בין אַליין פֿאַרפּלאָנטערט געוואָרן אינעם גורל פון יענעם סודותדיקן, פרעמדן און איינזאַמען מענטשן, האָט אויך דערנאָך מיך אַרײַנגעוועבט אין אַלע זײַנע שפּעטערדיקע פּאַסירונגען אויף דער דאָזיקער פרעמדער, טויטלעכער ערד. ווארעם די פּאַסירונג פֿאַלט אויס גראָד אין די ערשטע וואָכן פון מײַן קומען אין לאַנד, דעמאָלט בעת איך אַלײן האָב נאָכניט געהאַט קיין היים. ווי אַ נײַ־געקומענער היימלאָזער האָב איך זיך אַלע זיבן טעג פון וואָך אַרומגעשלײַכט לענג־אויס פונעם יפו׳ער ים־ברעג, העט אַראָפּ צום דרום־טייל פון שטאָט. זעלטן, זעלטן האָב איך אויף מײַן וואַנדערונג אָנגעטראָפֿן אַ מענטשן, ווארעם דער גאַנצער ברעג־שטח איז געלעגן אין טיפֿן יפו־פּערטל, אַרום די אײַנגעפֿאַלענע, צעשאָסענע בנינים — אַן איבערבלײַבעכץ פון דער יידישער מלחמה. מיך האָבן געצויגן די שטילע ים־ווײַטקייטן, וואָס זענען דאָ תמיד געווען גרין־בלאָלעך און געהאַנגען אַריבערגעוואָרפן איבערן ים־פלאַך ווי דינע, פּערלמוטערנע נעפּלען. די נײַע יידישע שטאָט אין צפון־זייט, וואָס איז געווען פֿאַר מיר רעשיק־אומפרײַנטלעך און רוגזהדיק־פרעמד, האָט מיך יעדן טאָג אַרויסגעוואָרפן פון זיך, גראָד ווי דער ים וואַרפט פון זיך אַרויס אַ מושלע אויפֿן ברעג. און טײלמאָל האָט זיך מיר טאָקע

געדוכט: איך בין פאַרגילגולט אין אַ קליינע, צעטרעטענע, פאַרוואָגלטע מושלע, וואָס בענקט צוריק צו די שיינע, גרינע טיפקייטן פונעם ים. איך בין געגאַנגען דורך ניט־באַטרעטענע, לײדיקע געסלעך, אַנגעלענטע אינעם ברעג, אַראָפּ מיט שאַרפע שפּועות פון צעפאַלענע בערגלעך האַרט לעבן ים, וואָס האָט מיט זיין אייביקן, זילבערדיקן געװויש געשטילט אין מיר אַלע אומקלאָרע בענקענישן. דער ים־גערויש איז געקומען ווי פון אַן אויסבאַהאַלטענער פידל ערגעץ אויף זיין דנאָ, וואָס איז פול מיט רחמים. און אפשר האָבן מיך די ליידיקע, חרובע יפו־געסלעך געצויגן אַהער מחמת דעם, וואָס זיי האָבן מיך צוריקגעפירט צו יענע טויטע, יידישע געטאָ־געסלעך, פונוואַנען דער גורל האָט מיך געפירט אַהער? אפשר איז פאַרוואָרפן אַ בריק פון יענעם פאַרזונקענעם טויטן־חלל — ביזן שיינעם אויפוואַכנדיקן חלום דאָ, ביים ים? אפשר פירט מיך אַן אומגעזעענע האַנט איבער דער בריק, כדי ניט צו פאַלן אינעם תהום? אַרום מיר איז דאָ תמיד געווען חללדיק־שטיל. דער הימל — פרידלעך־ווייט און טיף. די איינציקע באַשעפענישן, וואָס איך האָב געטראָפן אויף מיין טאָגטעגלעכן גאַנג, זענען געווען די אויסטערלישע, פרעמדע פייגל. אַלע האָבן זיי געטראָגן טרויער־שוואַרצע האַלדז־טיכלעך אַרום זייערע לענגלעכע פייגלשע העלדזער. זיי זענען געשפּרונגען איבערן געדיכטן, שפּעדיקן ווילד־גראָז, וואָס האָט דאָ געשפּראָצט צווישן די שפּאַלטן פון די שטיינער־חורבות און פון די טויטע זאַמד־בערג. מאַנכמאָל האָב איך געזען זיצן אויף אַזאַ בערגל אַ קאַץ, כשופדיק פאַרקוקט אין דער הויכער בלאָקייט איבערן ים, ווו ס׳האָבן געפלאַטערט צוויי דינע, שפּיציקע מעוועס. די מעוועס האָבן זיך יעטוועדע רגע אַראָפּגעלאָזט נידריק אויפן ים־פלאַך, געבליבן אַ ווײַלע זיצן אויפן וואַסער — און דערנאָך אויפסניי זיך אויפגעהויבן, אַוועקפלאַטערנדיק אינעם טיפן הימל־קרייז, צום פרייען, בלאָען אייביקן חלל.

בעת מיין טעגלעכן גאַנג ביים יפו׳ער ים־ברעג בין איך מאַנכמאָל אויך אַוועק איבער פלאַכע פעלדזן, וואָס האָבן אַרויסגעשטיגן פון ים. צעבראָכענע, צעקרישלטע און געשפּאָלטענע זענען זיי שוין געלעגן אינעם וואַסער און פאַרדעקט מיטן ווייכן, גרין־פלושענעם שימל. די פעלדזן

זענען געווען פֿאַרבונדן מיט דער ערד בלויז מיט אַ שמאָלן, לענגלעכן זאַמד־פּאַס. אַחוץ די פֿלאַכע ים־פֿעלדזן זענען נאָענט ביים ברעג געלעגן אומצאָליקע שטיינער אין פֿאַרשיידענער גרויס און פֿורעם. מאַנכע שפּי־ציקע, לענגלעכע ווי די פֿורעם פֿון איבערגעקערטע פֿישער־שיפֿלעך. אויף די־אַ פֿלאַכע, לענגלעכע שטיינער האָט מען זיך געקענט אָוועקלייגן און לאָזן די כוואַליעס פֿאַרשווענקען דעם גאַנצן גוף. מאַנכמאָל האָט אַזאַ שטיין אויסגעזען ווי אַ טיש, אָדער אַ גוט־געהיבלט ברעט און דער גוף, וואָס איז געלעגן אויף אים, איז אויפֿגעשטאַנען דערנאָך אינגאַנצן אַ באַפֿלעקטער מיט אַסך באַשפּרינקלטע פֿלעקן פֿונעם פֿייכטן ים־שימל, וואָס האָט פֿאַרדעקט דעם ים־שטיין.

אין יענעם באַגינען, בעת דער גורל האָט מיך צונויפֿגעפֿירט מיט אים, בין איך שוין פֿון דער פֿרי, נאָך פֿאַרן זונאויפֿגאַנג, געגאַנגען מיטן ים־ברעג. אין מיין טאַש איז געלעגן אַ גרויסע, שווערע מאַראַנץ, וואָס איך האָב ביי אַ פֿאַרמאַכטער קלייט בגנבה אַראָפּגענומען פֿון אַן אָפֿן קעסטל פֿון מאַראַנצן, וואָס די פּירות־צושטעלער לאָזן דאָ שטיין לעבן דער שוועל פֿון די נאָך פֿאַרשלאָסענע קלייטן. דאָס וועט זיין פֿאַר מיר שפּעטער מיין ערשטער ברויט־ביסן, בעת דער הונגער וועט זיך אין מיר אויפֿוועקן. די זון איז דערווייל אויפֿגעגאַנגען, כאָטש דאָ, אויף די וואַסערן ביים ים־ברעג, איז נאָך געלעגן דער בלאָער, ניט־פֿאַרשוווּנדענער נאַכט־שאָטן. ער איז געוואָרן, דער שאָטן, וואָס אַמאָל שיטערער און דורכזיכטיקער און אויסגעזען איבער די צעוואָרפֿענע ים־שטיינער ווי שיינע, אַריבערגעוואָרפֿענע פֿישער־נעצן.

ווי תמיד האָב איך אויך איצט גייענדיק געקוקט צום אָפֿענעם ים־חלל, איבער די פֿאַרשווענקטע שטיינער און ים־פֿעלדזן. הונגעריקע מעוועס האָבן געקרייזט גאָר נידריק איבערן וואַסער, בעת הינטער מיר האָט די אויפֿוואַכנדיקע שטאָט דערווייל געעפֿנט אַלע אירע דאַמבעס און אַרויסגעלאָזט אַ פֿאַרצערנדיקן, אימה־פֿולן טאָג־געוואַי. אָבער דאָ, לעבן מיר, איז נאָך געווען אַזוי ימיק־און שטייניק־שטיל: צעפֿאַלענע ווענט, ווילד־אויפֿגעגאַנגענע קוסטעס, גליטשיקער, ווייסלעכער ים־זאַמד, פֿאַרוואָרפֿן מיט אומצאָליקע פּערלמוטערנע מושלעס און גליטשיק־ברוינע

וואַסער־פּלאַנצן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי גילדענע, צעטרעטענע, טויטע שמעטערלינגען.

און פּלוצעם — האָב איך אים דערזען. ער איז געשטאַנען אויס־געשטרעקט אין זיין פולער געשטאַלט אויפן סאַמע שפּיץ פון אַן אַרויס־שטייגנדיקן פעלדז, וואָס איז געווען ווייט אַרויסגערוקט אין ים. פונעם אָרט, ווו איך בין געשטאַנען, האָט זיך צו אים געצויגן אַ שמאָלער, גליטשיקער ערד־פּאַס שוין דורכן סאַמע וואַסער און פונדאַנען טאַקע האָט זיך אויפגעהויבן דער אַרויסשטייגנדיקער פעלדז. בעת מיין טאָג־טעגלעכן גאַנג האָב איך זעלטן אָנגעטראָפן אַ מענטשן, אַזוי אַז די שטיי־ענדיקע געשטאַלט אויפן פעלדז־שפּיץ, ווייט פונעם ברעג, שוין אינמיטן ים — האָט מיך לכתחילה אינגאַנצן פאַרווירט. וואָס טוט דאָרט אַזוי פרי אַן איינזאַמער מענטש אויפן פעלדז? ווער ווייס — אפשר וויל ער גאָר שפּרינגען אין ים? וואָרעם אָפט זענען די ערשטע טעג געווען זעלבסט־מאָרדן ביי די נייע מענטשן, וואָס זענען געקומען אין לאַנד איינזאַמע, פאַרצווייפלטע און הימלאָזע. פון דער וויטנס האָט אָבער די געשטאַלט אויסגעזען ווי זי וואָלט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און איינגע־אָטעמט די ים־לופט. איך בין צוגעלאָפן דורכן פייכטן ערד־פּאַס צום פעלדז, ווו דער מענטש איז געשטאַנען. ערשט איצט האָב איך געקענט זען ווי ווייט דער פעלדז איז געווען אַרויסגערוקט פונעם ברעג. פון אַלע דריי זייטן האָט מיך אַרומגערינגלט דער אויפגעווירבלטער פאַרטאָגיקער ים. דער מענטש האָט געמוזט דערהערן מיין האַסטיק לויפן, וואָרעם ער האָט זיך פּלוצעם אינגאַנצן אומגעווענדט צו מיר.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ גאָר דאַרע, אויפגעהויבענע געשטאַלט פון אַ מענטשן אין די גראָע, איינזאַמע, פּיפּציקער יאָרן. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ ברייטן פויעריש־פּוילישן שטרוי־הוט, וואָס האָט אים פאַר־שטעלט זיין האַלב פּנים. איבער זיינע אַקסלען איז געהאַנגען אַ לייכט, פלאַטערנדיק רעקל און אויף זיינע פיס — סאַנדאַלן פון גראַבן, טונקעלן לעדער. אין זיין אויסגעשטרעקטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגן, בויגעוודיקן ווענדקע־שטעקן צו כאַפּן פיש. דער אַרויסגעוואָרפענער, דינער פאַנג־פאָדעם פונעם שטעקן איז געהאַנגען ווייט פון אים איבערן

ים־פלאַך, געציטערט איבערן וואַסער און געווען דאָרט פאַרזונקען. דעם מענטשנס פּנים איז געווען צעשניטן פונעם געזאַלצענעם ווינט. זיינע אויגן, בלאַלעכע מיט שווערע אויסגעבעטע קישעלעך ביי די ראַנדן, האָבן אויף מיר איצט געקוקט פון הינטער דעם פויערישן שטרוי־הוט דערשטוינטע, בהלהדיקע און מיט חשד.

כ'האָב ניט געוווסט ווי אַזוי אָנצוהייבן צו רעדן מיטן פרעמדן. ער האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף מיר פאַרווירט, אַפילו בייזלעך, בעת איך אַליין האָב די גאַנצע צייט נאָך שווער געעטעמט פונעם שנעלן לויפן איבערן פעלדז.

ער האָט געמאַכט צו מיר איינאיינציקן שריט, בעת דער פאַנג־פאָדעם איבערן ים האָט אַ בלישטש געטאָן פון דער ווייטנס אינעם ליכט ווי דאָס וואָלט געווען אַ געפאַלענער שטראַל פון דער אויפגייענדיקער זון.

— איר האָט זיך אַוודאי דערשראָקן, וואָס?... געמיינט, אַז כ'וויל שפּרינגען אינעם ים?... זוכן באַפרייונג אין טויט?... כע... כע... כע...

ער האָט גערעדט צו מיר יידיש און טרוקן געלאַכט. זיין שפּראַך איז געווען קלאָר, קאַרג און קיל. בעתן רעדן האָב איך געזען זיינע אויבערשטע יאַסלעס — טרוקענע, שאַרלאַך־רויטע מיט אַסך פעלנדיקע ציין. איך האָב צו אים פאַרשעמט און פאַרלוירן געשמייכלט און ווייס ניט פאַרוואָס איך האָב צו אים אויסגעשטרעקט די האַנט.

— גוטמאָרגן, אַ ייד...

ער האָט מיר דערלאַנגט די לינקע האַנט, וואָרעם אין דער רעכטער האָט ער געהאַלטן דעם ווענדקע־שטעקן. זיין האַנט איז געווען פייכטלעך. ערשט איצט האָב איך דערזען, אַז ביי זיינע פיס שטייט אַ פאַרמאַכטער, לענגלעכער טשעמאָדאַן. אין אַ בלעך־פּושקע זענען אַרומגעשווימען קליינע גראָ־זילבערנע פישעלעך, פאַרפלאָנטערטע אין ים־גראָז.

— איר כאַפּט פיש? פאַראַן דאָ פיש?

— ווי אַמאָל... מאַנכמאָל יאָ... מאַנכמאָל ניט... וואָס טוט אַ ייד אַזוי פרי?... מילא איך — איך וווין ניט ווייט פונדאַנען... אַ ניי־געקומענער?

— יאָ... — האָב איך געענטפערט, ניט אויפהויבנדיק די אויגן פונעם

לענגלעכן טשעמאָדאַן און פון דער בלעכערנער פושקע מיט די פאַר־פלאָנטערטע פישעלעך — בלויז אַ פאָר וואָכן אין לאַנד... און איר?...

— אַ פּאָר חדשים...

— פונוואַנען?...

— פון פוילן...

— אויך איך בין פון פוילן... אַוודאי געווען אין געטאָ?...

— געווען... געווען... ווו ניט געווען?... און איצט — אין דער ייִדי־שער מדינה... איך כאַפּ פיש אין ייִדישן ים...

ער האָט אַראָפּגעצויגן זיין ברייטן שטרוי־הוט טיפער איבערן פּנים, וואָרעם אין דער רגע האָט די זון געוואָרפן איר פּרימאָרגן־פייער צום ברעג פון ים.

— און דער ים גיט טאַקע פיש?

— צי דער ים גיט פיש?... זיי אַנטלויפן טאַקע, די פיש, פון מענטשן... די ערשטע טעג, ווען כ'בין דאָ אָנגעקומען, האָבן דאָ געראַיעט גאַנצע מחנות פיש... איצט זענען זיי אַלע פאַרשוווּנדן... זיי אַנטלויפן פאַר די ייִדן, די פיש... כע... כע... כע... כע... כע... די אַראַבער האָבן געמוזט דאָ האָבן אַ גוטן פאַנג... פונדעסטוועגן — טרעפט זיך נאָך אַביסל פאַרבלאָנ־דזשעטע... ס'רוב קליינע... אָבער פאַר מיר סטייעט עס... כע... כע... כע...

— איר פאַרקויפט ניט די פיש?...

— ניין, כ'פאַרקויף זיי ניט, די פיש.... איך פאַנג בלויז פאַר זיך... דריי מאָלצייטן אין טאָג גיט מיר תמיד דער ים... דער ים איז בעסער ווי די ערד... יאָ... יאָ... נאָר מע לאָזט מיך ניט שטיין דאָ... מוז איך עס טאָן איצט, פאַרטאָג... בגנבה... טיילמאָל... — ביינאַכט... ביי דער פולער לבנה... דעמאָלט כאַפּט זיך אַמבעסטן... ווילט איר אפשר, אַז מיר זאָלן כאַפּן פיש צוזאַמען? כ'זע, אַז סיי ווי שלאָפט איר ניט...

בעת ער האָט אַזוי גערעדט האָבן מיינע פינגער דערווייל געגלעט דעם שווערן מאַראַנץ אין דער טאַש. אפשר אים מכבד זיין?... וועט עס זיין דער ערשטער בונד צווישן צוויי פרעמדע, הונגעריקע מענטשן. עפּעס האָט מיך אָבער צוריקגעהאַלטן דאָס צו טאָן. און אפשר טאַקע אַרויסגיין צוזאַמען מיט אים אויף פיש־פאַנג אינמיטן נאַכט, ביי אַ פולער לבנה?...

— איר האָט געזאָגט, אַז איר וווינט דאָ ניט ווייט...

— אָ, דאָרט!... איר זעט?

— וווּ?

— איר זעט דעם איינגעפאַלענעם קוימען?... לעבן דער האַלבער וואַנט... צווישן די שטיינער־בלאָקן...

איך האָב געזוכט דאָרט אַ סימן פון אַ בנין און גאָרניט ניט געפונען. הינטער אונדז איז דער גאַנצע ערד־שטח לעבן ברעג געווען פאַרוואָרפן מיט גרוז פון צעשאָסענע בנינים — רעשטלעך פון דער יידישער מלחמה אין דאָזיקן וווין־פערטל. ערגעצוווּ איז יאָ פאַרבליבן אַ האַלבע מויער, אַ קופּע צעריסענע שטיינער פון אַ צעפאַלענעם אַראַבישן בנין. פון דער ווייטנס האָט די ערד אויסגעזען ווי אַן אַלטער, פאַרזונקענער בית־עולם, וווּ עס סטערטשן נאָך גראָע, שוואַרצע מצבות.

— אויב איר ווילט — פאַרבעט איך אייך אין מיין פּאַלאַץ... —

ער האָט זיך איינגעבויגן מיט אַ קרומען, טרויעריקן שמייכל, גענומען דעם טשעמאָדאַן אונטערן אָרעם און אין דער האַנט דאָס בלעכערנע פּושקעלע מיט די פיש.

— סיוּוּי ווערט שוין הייס... אויף פרישטיק פאַר צוויי — האָב איך שוין... איר עסט געפּרעגלטע ים־פיש? זיי זענען זייער געשמאַק, די קליינטשינקע...

ער האָט זיך געלאָזט גיין צום ברעג, איך בין אים נאָכגעגאַנגען צעטומלט פון דער באַגעגעניש מיטן דאָזיקן אויסטערלישן פיש־פאַנגער. כ'האָב געפּרוּווט אַרויסנעמען פון אונטער זיין אָרעם דעם טשעמאָדאַן און העלפן אים טראָגן. ער האָט אָבער בייזלעך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און גענומען גיין גיכער צום ברעג. מיינע פינגער האָבן די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו גלעטן די כראָפּאַוואַטע הויט פונעם שווערן מאַראַנץ אין מיין טאַש.

*

איך בין דעם פרעמדן נאָכגעגאַנגען דורך שמאָלע סטעזשקעלעך,

הויך־פאַרוואָרפענע מיט פאַרברענט ציגל־גרוז. די שטיינער זענען דאָ געלעגן באַוואקסענע מיט אַ זייער בלייכן, וויגנדיקן טויטן־גראָז. צעוואָר־פענע שטוב־כלים, גאָלדיק־פאַרזשאַווערטע פון די רעגנס, זענען געלעגן אַריינגעוואָקסן צווישן די שטיינער. צוויי מאָל זענען מיר בײדע אַרויף העכער אויף שטיינער־בלאָקן און דערנאָך אויפסניי געגאַנגען צווישן בערגלעך צעפאַלענע ווענט. אָ, אַלמעכטיקער פאָטער אין הימל! ווי אַלץ איז דאָ גראָד ווי דאָרטן, אין יענעם געטאָ־געסל, פונוואַנען איך אַליין בין געקומען. צי גיי איך ניט אויף אַ בריק, וואָס ציט זיך פון יענע פאַרזונקענע צייטן? די זעלביקע צעפאַלענע מויערן, דאָס זעלביקע טויט־גילדענע בית־עלמין־גראָז נאָך אַ פאַרשווונדן לעבן. די זעלביקע אויס־טערלישע שוואַרצע פייגל. צי בין איך ניט איצט אַריין אין גבול פון אַ געשפּענסטיקן חלום? צי איז גאָרניט וואָרהאַפטיק אויף דער ערד? איך בין גאָרניט דאָ, לעבן ים, וואָס רוישט אַזוי זילבערדיק־דין הינטער מיר. איך גיי גאָר אַרום דאָרטן, אויף דער טויטער, פאַרשטאַרבענער געטאָ־ערד, ווו איך באַוויין נאָך אַלץ מיין קליין, אויסגעגאַנגען טעכטערל. ווער איז ער — דער אויסטערלישער פרעמדער, וואָס גייט פאַר מיר מיטן טשעמאָדאַן אונטערן אָרעם? די גאַנצע צייט שווייגט ער. בעת ער איז צוגעקומען צו אַן איינגעפאַלענער וואַנט — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעלאָזט דעם טשעמאָדאַן אויף דער ערד און זיין פנים אויסגעדרייט צו מיר.

— איר ווייסט פאַרוואָס כ׳האָב זיך אויסגעקליבן דאָס־אָ ווינקל?... ווייל ס׳דערמאָנט מיך דאָ אַלץ — דאָרטן... אין יענער ערד... אין יענע יאָרן... סיזוי גייט מען דאָ ניט קיין וווינאָרט אַן איינזאַמען, איינאײנציקן מענטשן... איז שוין בעסער דאָ — לעבן ים... אַליין... מיט גאָטס זילבערנע פישעלעך... צווישן טויטע שטיינער...

איך בין געווען פאַרבליפט וואָס ער האָט איצט אַרויסגעבראַכט אין ווערטער גראָד מיינע מחשבות. איך האָב געוווּסט שוין פריער, אַז אַסך ניי־געקומענע פאַרלאָזן די צוגעטיילטע ווױן־ערטער און שטעלן־זיך־אויף אַ ווױן־ווינקל דווקא דאָ, צווישן די יפוער חורבות. ס׳רוב האָבן עס געטאָן די געקומענע פון פוילן. צי האָט זיי די ערד געצויגן מיט איר חרובן טויטן־כשוף, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דאָרטן? צי איז ניט אויף אייביק

געפאַנגען פון דעם־אָ כשוף דער, וואָס האָט פאַרלאָזט די בריק פון לעבן און איז נאָר איינאײנציק מאָל אַריין אין גבול פון טויט?

דאָס פינצטערע שטיקל אָרט, ווו ער האָט מיך אַריינגעפירט, איז געווען אַ האַלב־צעפאַלענע חורבה פון אַן אַמאָליקער שטוב, מיט אַ צעריסן הענגענדיק באַלקאָנדל פון אַ צווייטן פאַרשווונדענעם בנין. דאָס באַלקאָנדל האָט געדינט פאַר דער שטוב־נאָרע ווי אַ סטעליע. ניט ווייט פון דאָנען האָט טאַקע געסטערטשעט אַ קוימען נאָך אַ פאַרשווונדן אַראַביש הייזל. אויפן דיל, אין דער נאָרע, זענען נאָך געלעגן אויסגעפלאַסטערט עטלעכע קאַליריקע דיל־שטיינער, אָבער ס׳רוב איז דער נאָרע־דיל געווען אַ נאַקעטער און פון דער ערד האָבן אויך דאָ געשפּראָצט משונהדיקע טויטן־גרעזער פון אַ ציגל־רויטער קאָליר. קיין פענצטער איז ניט געווען, נאָר אַ גרויסע עפענונג אין דער פאָדערוואַנט, וואָס איז געווען פאַרהאָנגען מיט אַ ליילעך. די שטוב־נאָרע איז געווען געבויג לאַנג, אַזוי אַז ס׳איז געווען אָרט פאַרן אייזערנעם בעטל, וואָס איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ צעדריוולטן, אַלטן פלעד. אויף אַ פּאָר לויזע בלאָק־שטיינער איז געשטאַנען אַ נאַפט־מאַשינקע, וואָס האָט געלויכטן מיט אַ טיף־תהומיקן, שוואַרצן בליאַסק און האָט אויסגעזען ווי אַ טויטן־לאָמפּ אויף אַ ניט־יידישער לוויה. וויבאַלד דער פרעמדער איז אַריבער די שטוב האָט ער גיך אַרונטערגערוקט דעם טשעמאָדאַן אונטערן אייזערנעם בעטל און אַראָפּנעמענדיק פון קאָפּ דעם שטרוי־הוט האָט ער זיך אָפּגערופן:

— אָט איז מיין פּאַלאַץ... זיצט... דאָ, אויפן בעטל... איר קענט מיך רופן ביים נאָמען: בנימין... באַלד וועלן מיר אָנצינדן דעם פּריפּעטשאָק... „אויפן פּריפּעטשאָק ברענט אַ פייערל״... באַלד וועלן מיר פּרעגלען די פישלעך... וואָס וועלן אונדז זאַט מאַכן... זאָגט — האָט ער זיך פּלוצעם געווענדט צו מיר און איך האָב דערזען אין זיינע אויגן אַ גרינלעכן שימער פון אַ וואַנזיניק, ניט־פאַרלאָשן פייער — צי קען מען ניט לעבן אויף דער ערד, סיידן נאָר דורך רויב און טויט?

איך האָב גאָרניט ניט געענטפערט און זיך אַוועקגעזעצט אויפן נידריקן, איינזאַמען בעטל.

ער האָט דערוויל זיך געפּאָרעט ביי דער מאַשינקע, זי אָנגעצונדן און

אַרויפגעוואָרפן אויף אַ פּאַטעלניע די געפּאַנגענע, אָפּגעשטאָנענע פישלעך. אין דער נאָרע אַרום אונדז האָט זיך אויפגעהויבן אַ שווערער, שאַרפער גערוך. איך האָב געזען, אַז בנימין האָט קורצע, געקרייזלטע האָר פון אַ העל־גראָער קאָליר, וואָס דערמאָנט אַ פאַררעגנטן שניי.

אינצווישן איז אינדרויסן געוואָרן שוין גוט ליכטיק. דאָ, אין דער נאָרע, איז געווען קיל, ווילגאָטנע ווי אין אַ קעלער. אינדרויסן האָט שוין די זון געוואָרעמט מיט איר ערשט־געבוירן פייער. מיר זענען ביידע דערנאָך געזעסן אויפן נידריקן בעטל און געגעסן די געפּרעגלטע פישלעך. ער האָט אויך אויפגעקאָכט וואַסער און עס פאַרשיט מיט עטלעכע קאַווע־שטויבלעך. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז באַלד וועט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקן נאָך עפּעס אַ סוד פון דאָזיקן אויסטערלישן מענטשן אין דער נאָרע.

ער האָט זיך טאַקע איינגעבויגן, געקניט אויפן דיל און אַרויסגעצויגן פון הינטערן בעטל דעם טשעמאָדאַן. אויפהויבנדיק זיך פון דיל האָט ער מיר שאַרף און קונדסדיק אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— און איצט טרעפט: וואָס קען אַ ייד פון דאָרטן האָבן אין דעם טשעמאָדאַן?

— וואָס האַלט מען אין אַ טשעמאָדאַן אין אַזאַ פּאַלאַץ? — אַ מלבוש... אַביסל וועש... — האָב איך געפּרוווט טרעפן און געזען ווי ער האַלט פאַרמאַכט די אויגן, בעת די אויגן־לעדלעך זיינע האָבן אונטערגעציטערט.

— נו... נו... — האָט ער אויפסניי סודותדיק געשמייכלט, ווייזנדיק זיין אָנציינדיקע יאָסלע — אפשר האָב איך דאָ... אַ גרויסע ירושה?

איך האָב ניט געוווּסט פאַרוואָס ס׳איז מיר איצט אַרויסגעפאַלן פון מויל דער דאָזיקער ענטפער:

— בנימין, יעדער טראָגט זיין ירושה אין האַרצן — און ניט אין אַ טשעמאָדאַן...

ער האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט זיין האַנט. כ׳האָב געזען, אַז ס׳פעלט אים דער מיטלסטער פינגער.

— און אַז ס׳האַרץ הערט אויף צו קלאַפּן — איז אויס ירושה, וואָס? און אַז זיי, דאָרטן, זענען מער ניטאָ, האָבן זיי גאָרניט געלאָזט בירושה?

— ווער?

— די טויטע... די טויטע יידן...

איך האָב ניט געוווּסט וואָס אים אָפּצוענטפערן.

ער האָט אויפסניי אַרויפגעלייגט אויף מיר זיין אָן־פינגערדיקע האַנט.

— און איך האָב דווקא פון דאָרט מיטגעבראַכט די ירושה... אין דעם־אָ טשעמאָדאַן...

איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרבליפט. איך האָב געוווּסט שוין פון זיך זעלבסט, אַז אין אָפּגעצוימטער איינזאַמקייט הויבט דער מענטש אָן מאַנכ־מאָל צו ריידן אומקלאָרע, פאַרנעפּלטע רייד. צי געהערט ער ניט צו די, וואָס זענען געפאַנגען פון אַ ניט־דאָאיקער, פאַרכשופטער וועלט?

— אין האַרץ פון דער פידל ליגט די גאַנצע ירושה מיינע... — האָט ער צו מיר געפליסטערט ווי פון שלאָף, ניט עפּנענדיק די אַראָפּגעלאָזטע אויגן־לעדלעך.

— ???

ער האָט זיך איינגעבויגן און אונטערגעהויבן דאָס דעקל פון טשעמאָדאַן.

אינעווייניק, אין טשעמאָדאַן, איז געלעגן אַן אַלטע, פּשוטע, יידישע פידל. איר האַלץ איז געווען ניט ברוינלעך נאָר ערדיש־שוואַרץ. זי האָט געגלאַנצט, די פידל, מיט אַ טרויעריקער, גליטשיקער פייכטקייט, ווי האַלץ, וואָס ליגט אויף אַ רעגן. די סטרונעס, גראָע, איבערגעריסענע, זענען געלעגן פאַרקורטשעטע איבער דער עפּענונג פונעם פידל־האַרץ. פון איין זייט איז די פידל געווען אַביסל געשפּאָלטן און ס'האָט אויך געפעלט דער קיך־אָנהאַלטער. אַחוץ דער פידל איז אין טשעמאָדאַן גאָרניט ניט געלעגן.

— אָט איז זי — מיין ירושה...

— איר שפּילט פידל?

— געשפּילט... אַמאָל... אַמאָל... אָבער זינט זי איז געלעגן אויסבאַ־האַלטן אין אַ קבר...

— אין אַ קבר?

— צוויי יאָר איז זי געלעגן פאַרגראָבן אויפן בית־עולם... אינעם בערגל פון אַ געטאָ־קבר... צוויי יאָר האָבן זיי מיך געשלאָגן, די דייטשן, דאָ, אויפן קאָפּ... איר זעט? די קנייטשן אויף מיין שאַרבן זענען פון די קלעפּ... אָבער די פידל — האָב איך ניט אַוועקגעגעבן... ערשט נאָך דער מלחמה

האָב איך זי געפונען... צוערשט האָב איך געהאַט פאַרגעסן ווו איך האָב זי פאַרגראָבן... צענדליקער געטאָ־קברים האָב איך געמוזט דורכגראָבן... די טויטע וועלן מיר מוחל זיין, אמת?... זי איז טאַקע געלעגן אין דעם־אָ טשעמאָדאַן... און איצט — זענען מיר ביידע דאָ... איך און מיין ירושה... דער קיניג דוד און זיין פידעלע... כע... כע...

ער האָט טרוקן־הויל געלאַכט. פאַר מיר איז שוין געווען קלאָר, אַז פאַר מיר אין דער נאַרע שטייט אַ מענטש, וואָס איז באַזעסן פון אַ שגעון. זיינע פינגער האָבן געציטערט בעת ער האָט געגלעט דאָס שוואַרצע פידל־האָלץ און אויך די פאַרקנוילטע, גראָע סטרונעס. ער האָט דערנאָך אויפגעהויבן זיין פנים פונעם געעפנטן טשעמאָדאַן. זיינע איינגעפאַלענע באַקן, גראָע ווי זאַמד, זענען געווען צעשניטן פון אַ קרומער יסורים־תנועה. זיינע אויגן זענען געווען פאַרגאָסן מיט טרערן, בעת ער האָט בלויז נאָכאַמאָל איבערגעחזרט די לעצטע ווערטער:

— דער קיניג דוד און זיין פידעלע...

כ׳האָב זיך אויפגעשטעלט פון בעטל און געוואָלט וואָס גיכער פאַרלאָזן די נאַרע. מסתם זענען עס געווען די פלוצעמדיקע טרערן פון דאָזיקן וואַנזיניקן מענטשן, וואָס האָבן מיך נאָך צוריקגעהאַלטן. ער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און געדריקט מיינע פינגער.

— אַז איר וועט אַמאָל קומען אַהער... און טרעפן מיין פּאַלאַץ ליידיק — און בלויז דעם טשעמאָדאַן — נעמט זיך די פידל... איר וועט אין איר געפינען מיין ירושה...

איך האָב שוין אַפילו ניט געהערט זיינע אומקלאָרע רייד. ער האָט מיך צוריק אַרויסגעפירט פון דער נאַרע און געגאַנגען מיט מיר צוריק צום ים־ברעג. ס׳איז שוין געווען שטאַרק הייס. דער ים איז געלעגן אונדז צופיסנס ווי צעשמאָלצן זילבער. ער האָט געהאַלטן זיין האַנט אונטער מיין אָרעם ווי מיר וואָלטן געווען שוין יאָרן גוט־באַקאַנטע.

— קומט ביינאַכט... וועלן מיר כאַפּן פיש ביי דער לבנה... כ׳וועל וואַרטן אויף אייך אויפן פעלדז... אין האַלבער נאַכט... און פאַרגעסט ניט: די ירושה פון קיניג דוד אין טשעמאָדאַן... דאָס איז פאַר אייך... נאָר פאַר אייך... גוט?...

*

איך בין ניט געקומען צו אים, כדי צו פאַנגען פיש ביי דער פולער לבנה, ניט צומאָרגנס און אויך ניט איבערמאָרגן. אַלץ איז פאַר מיר געווען יענע טעג אומקלאָר — און אויך דער־אַ פאַרצווייפלטער מענטש אין זיינע האַלב־וואַנזיניקע רייד. איך אַליין האָב אויפגעהערט צו גיין פאַרטאָג ביים יפוער ים־ברעג און אַנטלאָפן פון דער ים־איינזאַמקייט. כ׳האָב געזוכט אויפסניי אַ וועג, כדי אויסצומישן זיך מיט מענטשן. איך האָב געוווּסט: דאָס איז די בעסטע רפואה פאַר שלאָפלאָזיקייט און נאַכט־וואַנדלונג, פון וואָס איך האָב אַ לאַנגע צייט געליטן אין דער נייער יידישער שטאָט. איך האָב טאַקע אויך זייער גיך פאַרגעסן אין דער אויסטערלישער באַגעגעניש מיטן פרעמדן. אָבער אויף דער צווייטער וואָך, נאָך פאַר זונאויפגאַנג, האָבן מיך יענע טויטע ערד און דער ים־פעלדז אויפסניי געצויגן צו זיך. איך בין דאָרט אָנגעקומען נאָך פאַרן אויפגאַנג פון דער זון. איבערן ים־הימל זענען נאָך געהאָנגען די נאַכט־שטערן אין זייער אייביקער פינקלענדיקער מאַכט.

ווידער האָב איך געזען פון דער ווייטנס דעם פעלדז, דאָסמאָל אַ ליידיקן, אינעם פאַליענדיקן גרינעם ליכט פון דער לבנה און פון די נידעריקע ים־שטערן. קיינער איז דאָרט ניט געווען. מסתם איז בנימין נאָרוואָס אַוועק פון אַ נאַכט־פאַנג. איך האָב זיך געלאָזט גיין מיטן פיצל זאַמד־פאַס, וואָס האָט פאַרבונדן דעם פעלדז מיט דער ערד. שוין פון דער ווייטנס האָב איך דערזען אַ גרויסן, טונקעלן פלעק אויפן סאַמע שפּיץ פון פעלדז. בעת כ׳בין צוגעקומען האָב איך ערשט געזען: דאָס איז געלעגן אַזוי דער טשעמאָדאַן און אויך אַ בלעכערן פּושקעלע מיט וואַסער. כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן. בנימין איז אַוודאי אַוועק צו זיך, אין זיין פּאַלאַץ, און ער וועט באַלד צוריקקומען. די צייט איז געפלאָסן. דער ים אונטן און אַרום מיר איז געווען שוימיק און גרינלעך־גראָ. מעוועס, אָדער פלעדערמייז האָבן געקרייזט איבער מיר ניט ווייט פונעם פעלדז. איך ווייס ניט ווי לאַנג כ׳בין אַזוי געזעסן. ס׳האָט געמוזט דויערן אַוודאי שעהן. מיך איז באַפאַלן פלוצעם אַ פחד. צי איז ניט געשען מיט אים עפּעס שלעכטס? מיין אויג איז געפאַלן אויפן אַלטן טשעמאָדאַן. פאַרוואָס האָט ער דאָ, צום פיש־

פאַנג, מיטגעבראַכט דעם האַלב־צעפאַלענעם טשעמאַדאַן? עפּעס האָט מיך געשטויסן אים צו עפענען. די שוואַרצע פידל איז געלעגן אינעם טשעמאַדאַן און אויף איר אַ קליין צעטעלע פאַרשריבן אין יידיש.

— — — ...איך בין געקומען פון תהום — און דער תהום האָט מיך גערופן... דער ים איז בעסער ווי די ערד... בין איך אַוועק צו אים... די ערד איז אַ בריק צו אַ צווייטן ברעג... אפשר איז דאָרט, אויף דער צווייטער זייט בריק, גאָט גנאַדיקער צום מענטש... נעמט די פידל פאַר זיך... די ירושה איז פאַר אייך... אין איר האָרץ־חלל וועט איר געפינען אַלץ... זייט מוחל...״

*

אויפן צווייטן טאָג פון יענעם באַגינען, בעת כ׳האָב אָנגעטראָפן אויפן איינזאַמען פעלדז־שפּיץ דעם איבערגעלאָזטן טשעמאַדאַן, האָט דער ים צוגעטראָגן צום זעלביקן פעלדז אַ טויטן גוף. ער איז געווען, דער גוף, שטאַרק בלאָ און דאַר, אָנגעטאָן אין צעפאַלענע מלבושים. כ׳האָב אים גאָר לייכט דערקענט אינעם פעלנדיקן מיטלסטן פינגער פון זיין האַנט, וואָרעם דאָס געזיכט זיינס איז געווען אינגאַנצן פאַרשווינדן. אויך דער ים האָט אים אויפסניי אומגעקערט צו דער ערד. איך בין געווען דער איינציקער, וואָס האָב באַגלייט דעם דערטרונקענעם צום בית עולם. זיין פריש אָנגעשיט קבר־בערגל ליגט אין מזרח־זייט, דאָרט ווו ס׳ווערן אָפּגעגעבן צוריק דער ערד אַלע אָרעמע און איינזאַמע. ניט ווייט פון אים גייט דער שמאָלער זאַמד־וועג, ווו ס׳רוישן פוןביידע זייטן די שיינע הויכגעוויקסיקע ציפּרעס־ביימער. פון צווישן זייער בלעטער־געדיכטקייט, פון די באַהאַלטענע צווייגן, גייט תמיד דאָס פאַרבאָרגענע, הייליקע פייגל־צוויטשערן, וואָס גאָט לאָזט הערן פאַר די אייביק־פאַרשוויגענע. איך קום דאָ יעדן טאָג. מחמת דער שטאַרקער זון שטיי איך לאַנג אינעם ציפּרעסן־שאָטן. פון דאַנען איז בלויז אַ פּאָר שריט צו אים, ווו דאָס פעלד שטייט שוין אַן אָפּנס און די ערד איז דאָרט תמיד באַגאָסן מיט אַסך ליכט, וואָס פלייצט פונעם הימל.

גאָר אַ לאַנגע צייט איז דער טשעמאַדאַן געלעגן אין מיין חדרל אַ ניט־געעפנטער. איך האָב ניט פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס ס׳איז געווען פאַרשריבן

אינעם צעקנייטשטן בריוועלע. אין דער זעלביקער צייט בין איך קראַנק געוואָרן און לאַנג פאַרבליבן אַליין אין מיין פאַרשטויסן חדרל. איך האָב געהאַט הויכע היץ. ווען די היץ איז אָפּגעטרעטן האָב איך געעפנט דעם טשעמאָדאַן. איך האָב אַרויסגענומען פון זיין דנאָ די פידל. זי איז געווען שווער, די פידל, ווי אין איר חלל וואָלטן געלעגן שטיינער. אפשר איז עס געקומען פון דעם, וואָס איך בין מחמת דער היץ געווען אָפּגעשוואַכט און דערפאַר האָט די פידל אַזוי געשווערט אויף מיינע הענט. אָבער פּלוצעם האָט עפּעס אין דער פידל אַ שאָרך געטאָן. ס׳האָט דערמאָנט אין אַ שטום ליפּן־פליסטערן פון אַ מענטשן. מיין בליק איז אַריינגעפאַלן אין דעם אויסגעשניטענעם פידל־חלל. דאָרט האָט זיך עפּעס געווייסלט. וויגנדיק די פידל אין די הענט האָב איך פאַרנומען דאָס שאַרן זיך פון עפּעס אויף זיין דנאָ. איך האָב אונטערגעהויבן דאָס האָלץ ביים געשפּאָלטענעם פידל־ברעג און דאָרט אַריינגעלאָזט מיינע פינגער. זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ פּאַפּיר־בינטל. איך האָב ברייטער אונטערגעהויבן דעם פידל־דנאָ און פון דאָרט זענען אַרויסגעפאַלן עטלעכע פאַרבונדענע פּאַפּיר־פּעקעלעך. מיט אומגעדולד האָב איך זיי געעפנט. דאָס זענען געווען בריוו, געשריבענע צו קרובים און אויך בריוו, אַדרעסירטע צו בנימין. ס׳זענען אויך געווען עטלעכע פאָטאָגראַפיעס, פאַרבלאַקעוועטע און גראָע, פונוואַנען ס׳האָבן אַרויסגעקוקט טויטע יידישע פּנימער. צווישן דעם בינטל בריוו זענען אויך געלעגן לויזע פאַרשריבענע בלעטער. זיי זענען געווען פאַרשריבן מיט אַ קלאָרער, דראָבנער יידישער שריפט. אַסך פון די שורות זענען געווען שוין אומלעזבאַר און בלויז אין מיין דמיון האָב איך זיי געקענט אויפסניי ברענגען צו תחיית המתים.

און אָט איז די ירושה, וואָס ס׳האָט פאַר מיר איבערגעלאָזט אין פידל־חלל דער אויסטערלישער פיש־פאַנגער לעבן ים־ברעג. דאָס איז די ירושה פון בנימענען, וואָס האָט זיך אַליין אָנגערופן: דער וואַנזיניקער קיניג דוד.

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

„— די טיר פונעם קעמערל איז געווען אַ פּיכטלעך־שוואַרצע, אַ ניט־געהובלטע. דער גרויסער פאַרזשאַווערטער שלאָסריגל איז געהאַנגען פון דרויסן אין שמאָלן קאָרידאָר, און בעת די טיר פלעגט האַסטיק צופאַלן האָט מען לאַנג געהערט דעם אָפּהילך פונעם אײַזערנעם ריגל, וואָס האָט דאָס קעמערל פאַרשלאָסן. ס'איז ניט געווען קיין עפענונג ניט אין דער טיר און ניט אין די ווענט, אַזוי אַז די פון אויבן האָבן פון דרויסן גאָרניט ניט געזען פונעם אינעווייניקסטן חלל. זיי האָבן אָבער יעטוועדע האַלבע שעה אויפגעריגלט דעם שלאָס און דורך דער געעפנטער טירשפּאַרע אַרײַנגע־קוקט. זיי האָבן עס געטאָן סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט. מסתמא זענען אַזעלכע קעמערלעך אין קאָרידאָר געווען אַ סך, וואָרעם דאָ אַהער האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן דער זעלביקער אײַזערנער ריגלגרילץ. דער אָפּהילך זייערער איז אָבער געווען אַ צעריסענער, אַ געדעמפּטער און קיינער האָט ניט געוווסט צי קומט ער פון רעכטס אָדער פון לינקס אין קאָרידאָר. דאָס איז געווען ווי עמעצער וואָלט דאָ אויפגעהויבן אַ פאַרשטיקט קעלער־געוויין און באַלד פאַרשטומט געוואָרן. נאָך צוויי טעג ליגן אינע־ווייניק האָט ער סיווּוּי מער זיך ניט צוגעהערט צום גערויש אין דרויסן. — ווי גיך די וועלט פאַרזינקט אונטער די פיס פון געפאַלענעם — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. אַרום אים האָט זיך געוויקלט די שטילקייט — אַ פאַרכ־טיקע, אַ שוואַרצע, אַ געשפּאַנטע. די שטילקייט האָט אונטערגעציטערט פון דער אומגעזעענער סטעליע און געהאַנגען אינעם קעמערל איבער די ליגנדיקע, ווי שווערע, געפלאָכטענע, שוואַרצע שטריק.

שוין צוויי טעג ווי אינעם קעמערל הענגט איבער בנימינען די פינצ־טערניש. איינאיינציק מאָל האָט זיך יאָ געעפנט די טיר — און באַלד זיך צוריק פאַרקלאַפּט. מע האָט ניט געהערט פון דרויסן דאָס מינדסטע וואָרט אָדער גערויש. ס'איז נאָר אין דער רגע אַרײַנגעשוווּמען אַ גאָר קאַלטע לופט פון דרויסן, וואָרעם די פענצטערלעך אין קאָרידאָר זענען געווען אָפן. אַ פוילישע האַרבסטנאַכט מיט פאַלנדיקע גרויסע שטערן האָט פרידלעך געשימערט פון גאָר הויך. דער גראַנאַטענער הימלפלעק האָט לאַנג געשוועבט פאַר די אויגן אַרום דעם פאַרקלאַפּטן קעמערל. אפשר איז גוט געווען וואָס זיינע אויגן האָבן ניט געקאָנט זען דעם צווייטנס פנים און ניט

די מענטשן אַרום זיך. קיינער האָט אויך ניט געזען אַפילו אַז עמעצער איז פון דרויסן אַריינגעקנוילט געוואָרן איבערן דיל, דורך דער שוועל. די קאַמער־פינצטערניש האָט געוואָרעמט די מענטשלעכע שאָטנס בעת זייער האַסטיק, גיך עטעמען אויפן ערדדיל האָט געהאַט אין זיך דאָס ווינט־זשומען, וואָס גייט תמיד דורך די שפּאַלטן פון פאַרמאַכיקטע, טויטע בית־עלמין־שטיינער.

און בנימין איז טאַקע געלעגן דאָ, ווי אַ געפאַלענער שווערער שטיין, וואָס בלייבט ליגן אַ געוואָרפענער אויף דער ערד. בלויז זי, די ערד, — נעמט־אויף גנאָדיק יעדן געפאַלענעם, ניט אָפּשטויסנדיק אים פון זיך. ער האָט ניט געזען קיין ליכט און ניט געזען קיין פינצטערניש, נאָר אַ זעלטן ליכט־געשפּין, געבוירן ערגעצוווּ הינטער זיין שווער־צעקאַליעטשעטן שטערן אַרום די אויגן. צי איז עס געווען דאָס ליכט־געשפּין, וואָס עס דערזעען בלינדע בעתן פאַרלירן פּלוצעם די ראיה? צי איז עס נאָך געווען דער גראַנאַטענער הימלשטרייף, וואָס האָט זיך אויף אַ רגע אים אַנטפּלעקט מיטן שטערן־גלימער, בעת די קאַמער־טיר האָט זיך געהאַט פּלוצעם געעפנט? ער האָט געפּרוּווט זיך איבערקערן אויפן רוקן און אויפהייבן די האַנט צום שטערן. די קעלערערד האָט אים געהאַלטן שטאַרק צו זיך. ער האָט געוווּסט, אַז לעבן אים איז קיינער ניט געווען. ער האָט זיך דעריבער אויסגעשטרעקט ווי אַ ברעט, כדי צו לאָזן דעם ווייטיק דורכגיין דורכן גאַנצן גוף. דער ווייטיק פון מענטשלעכן גוף איז תמיד ווי פייער. ער ווערט, גראָד ווי פייער, שוואַכער אין זיין צעשפּרייטקייט. די היץ פונעם צעקאַליעטשעטן שטערן איז געוואָרן שוואַכער, ווי איבער אים וואָלטן געריזלט קליינע, קאַלטע שטראָמלעך. ער האָט אַ באַוועג־געטאָן מיט די ליפּן. עפּעס גליטשיקס און שווערס איז געלעגן ביי אים אין מויל־חלל. אויף דער צונג איז אים נאָך געלעגן פון נעכטן דער אויסגעהאַקטער, ניט־אויסגעשפּיגענער צאָן. איצט האָט ער האַסטיק אַ באַוועג געטאָן מיט דער צונג: דער צאָן איז געבליבן ליגן אויף זיין שפּיץ און געבריט. ער האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון מויל און דערנאָך פּאַוואָליע געווישט מיט דער צונג די ליפּן, וואָס זענען געווען קלעפּיק און געזאַלצן.

ער איז געלעגן, בנימין, איצט מיטן פּנים צו דער ערד און פון דאָרט

געהערט די שטילקייט וואַקסן מיט שוואַרצע, פינצטערע וואָרצלען. פון יעדן וואָרצל איז אויפגעשטאַנען אַ וואַרעמער הויך, אַ טוכלער, אַ שווימענדיקער, וואָס האָט זיך באַלד אויפסניי צוריקגעקערט צו דער קאַמערערד. ער האָט געפּרוּווט איינהאַלטן אין זיך אַ שימער פון דער מחשבה, וואָס איז אויפגעגאַנגען מיט יעדן פינצטערן וואָרצל אונטער זיין גוף. נאָר איטלעך מאָל, בעת אַזאַ שפּליטער פון אַ מחשבה האָט שוין געקרייזט איבער אים — איז זי געווען גרינגלעך־בלייך ווי אַ פלאַכע, טויטע לבנה. ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט זיך דערמאָנען ווי אַזוי קומט ער אַהער. וואָס איז געשען זינט נעכטן — אויבן? צי איז עס טאַקע געווען אַ צאָן, וואָס ער האָט נאָר־וואָס אַרויסגעוואָרפן פון מויל? און פאַרוואָס איז דאָ אַזאַ אין־סופיקע פינצטערניש? אָפּטמאָל איז אים נאָך אין דרויסן געהאַט באַפאַלן אַ חרטה: צו וואָס האָט ער זי באַדאַרפט אויסבאַהאַלטן דורך אַזוי פיל געטאָ־יאָרן — די דאָזיקע אַלטע, האַלב־צעפאַלענע פידל? ער האָט זי אָפּגעהיט אין פאַרבאָרגנקייט, אַ פאַרוויקלטע אינעם טאַטנס איבערגעלאָזטן טלית. און אפשר דערפאַר וואָס זי איז דורך אַזוי פיל יאָרן געלעגן אין טלית — האָט ער זי, די קליינע, איינגעשרומפּענע, פאַרשעמטע פידל, תמיד געזען אַ צונויפגעגלידערטע מיט דער געבויגענער, אַלטער טאַטע־געשטאַלט. איז ער דאָך, דער טאַטע, פונעם דייטש אויפגעכאַפּט געוואָרן נאָך באַלד מתחילת... און אפשר טאַקע דערפאַר האָט ער די פידל דורכגעטראָגן דורך אַזוי פיל פּחדימדיקע נעכט, דורך אַלע געפאַרן און בהלות. ער האָט זי ניט געוואָלט איבערגעבן דעם דייטש. אַפילו דעמאָלט, בעת די געשטאַלט פונעם טאַטן האָט זיך שוין גענומען ביסלעכווייז פאַרווישן. ער האָט אים געזען נאָך אַלץ טרעטן אַ באָרוועסן איבערן בלאָלעכן שניי, אַן איינגעוויקלטן אין זיין קורץ כאַלאַטל, בעת בלויז די הענט זיינע, קליינע און טויט־פאַרגליווערטע, האָבן זיך געהאַלטן ביי די אָרעמס, ווי ער וואָלט דאָרט צוגעהאַלטן פונעם ווינט דעם אַלטן, פלאַטערנדיקן טלית. די פידל און דער טלית — זענען געוואָרן ביי בנימינען אַן אומצעטיילעוודיקע הייליקע באַהעפטונג אין געטאָ. אָפּט איז עס געווען דאָס צעריסענע יידישע טויט־געוואַנט, וואָס האָט אים ניט געלאָזן פאַלן, און אַסך מאָל ווידער — דאָס איינגעקאָרטשעטע, האַלב־פּרוכנעוואַטע פידלהאָלץ. און איצט פאַר ניט־

אַנטפּלעקן זיי דאָס אָרט פון דער אויסבאַהאַלטענער פידל — ליגט ער דאָ, אין דער קריפּאָ־קאַמער,* אַרומגערינגלט מיט דער טויטלעכער פינצטערניש, וואָס לאָזט פון זיך אַרויס די אומצאָליקע שוואַרצע וואָרצלען פון שטיל־קייט. ער האָט גוט געוווסט, בנימין, וואָס אַזוינס ס'איז געטאָ־שטילקייט. נאָר קיינמאָל האָט ער זי ניט געהערט אַזאַ ווי אין די לעצטע יאָרן פון פאַרצוימט־קייט. יעטוועדער מענטשלעכער רעש, אָדער אָפּהילך פון רייד, תנועות און באַוועגונג זענען דורך די געטאָ־יאָרן געוואָרן איינגעצוימטער און פאַר־וויאַנעטער. ס'איז געקומען אויף זייער אָרט די אויסטערלישע רחמנותדיקע הימלישע פאַרגליווערטקייט. תחילת זענען עס געווען די ליידיקע שטובן, וואָס זענען געשווומען ווי טויטע שיפן איבער דער געטאָ־שטילקייט. זיי זענען געשווומען איבער די שוואַרצע וואַסערן פון אָנשטערנדיקע נעכט, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום גרענעץ מיט טאָג. אַפילו דער ווינט האָט, ציענדיק דורך דער ליידיקייט, ניט אויפגעוועקט אינעם חלל דעם מינדסטן אָפּהילך. ס'איז געווען ווי דער גרויסער און וואָרעמער אָטעם פון גאָט וואָלט אויף אייביק פאַרגליווערט געוואָרן אין זיינע הימלען. אָבער דאָ, אויף דעם אָפּגעצוימטן פּיצל געטאָ־ערד, איז ניט געווען מער קיין צאָרן אין די געפּאַלענע. דורך די שוואַרצע אייגעפּאַלענע גלידער האָט געלויכטן אַ ווייסע שטילקייט און ליכטיקייט ווי ס'לויכט־אַרויס אַ ווייסער שטיין, געוואָרפן אין שוואַרצע אָפּגרונטיקע וואַסערן.

*

געדיכט פאַרוואָרפן מיט די שווערע פּוילישע האַרבסטעפּל אויף די אַרומגעשוירענע צווייגן, האָבן די עפּלביימער, גוט־געפּלעגטע פון די דייטשע קריפּאָ־לייט, אַרומגענומען אין אַ פולן קרייז דעם אָפּגעצוימטן שטח פון „רויטן הייזל“ אין געטאָ. אַרום די ביימער איז געלאָפן אַ הויכע, גלאַטע ציגלוואַנט. זי האָט זיך פלאַך פאַרענדיקט און איז געווען אויסגע־זעצט אין דער הייך מיט אַרויסשטייגנדיקע שאַרפע גלאָזשפּיצן פון צעבראָ־כענע גרינע ביר־ און ספּירט־פלאַשן. די שאַרפע אומצאָליקע גלאָזשפּיצן

* קריפּאָ — אָפּקירצונג פון קרימינאַל־פּאָליציי.

זענען געזעסן אויף דער קריפּאַ־מויער אַזוי געדיכט, אַז ס'איז ניט געווען אַפילו קיין אָרט פאַר די פייגלפיס, וואָס האָבן געוואָלט טיילמאָל זיך אָפּשטעלן אין זייער פאַרבייפלי. די עפּלביימער, צעברענטע אין זייער פולן האַרבסטגלי, האָבן מיט זייער פולן און שפּעדיקן שאָטן פאַרדעקט אונטער זיך די ערד און פאַרשפּרייט אויף איר אַ בונטע קאָלירקייט פון רויט, צעגאָסן גאָלד. די ערד אונטער די ביימער, אַן אָפּגעצוימטע און גוט־געגנערטע, איז געוואָרן אין גאַנצן רויט־גאָלדיק צוזאַמען מיט די קליינע אַרומגעשוירענע בושן, וואָס האָבן ווי אונטערגעהאַלטן די שווער־באַלאָדענע, מעוברתדיקע עפּלביימער. בעת דער האַרבסט־ווינט איז שוין געווען דורכגעווירצט מיט ריחות פון פאַרוויאַנעטע, טויטע בלעטער און אַנקומענדיקן צפון־שניי, איז דאָ, אינעם אָפּגעצוימטן דייטשן געטאָ־אינדזל, נאָך די ברכה פון דער פוילישער ערד געשטאַנען אין איר פולקייט. אַנטקייגנאיבער דעם פּלויט מיט די צעקרישלטע גלאָזשטיקלעך, אויף דער געטאָ־ערד, זענען שוין יאָרן ניט געווען קיין סימנים פון גאָטס פּרוכט און בליעכץ. יעטוועדער האַלץ־שפּענדל, צווייגל און בוימוואָרצל איז גיך פאַרצערט געוואָרן פונעם פייער. דאָ אָבער, אַרום דעם רויטן קריפּאַ־הייזל, זענען די פּוילישע יאָרצייטן געגאַנגען זייער אייביקן, אומפאַרענדערטן גאַנג מיט גאָטס ליכט, שפע און ברכה. די קריפּאַ־לייט, ס'רוב אַריינגעפירטע רייכסדייטשן, האָבן דאָ אַריבערגעפלאַנצט קרייטעכצער און בלומען, וואָס האָבן זיי דערמאָנט אין זייערע היימדערפער און גיטער. אַחוץ די עפּלביימער און די קליינע צעוואָקסענע בלומענבושן האָבן זיך אויך דאָ, אין סאַמע מיט פונעם שטח, געהויבן די גרין־קאָלירטע פייגלשטייגן און פייגלהייזלעך, אָנגעהאַנגענע אויף די עפּל־ביימער פאַר די אומצאָליקע שפּאַקן, וורובליעס און טויבן. די פייגל, גוט־געגערטע אינעם אָפּגעצוימטן ניט־יידישן קריפּאַ־שטח, זענען קיינמאָל ניט אַרויס פון דאָזיקן אָרט, כדי אַריבער די געטאָ־גרענעץ פון די אויפגעשטעלטע ווענט. זיי זענען טאַקע אַלע, די פייגל, געווען פולע, רונדיקע און שווערע, מיט קליינע פויגלשע גוידערלעך, וואָס האָבן באַשווערט זייערע פליגל אינעם פלי איבער די נידעריקע צעוואָקסענע בושן. די וורובליעס האָבן זיך אין די נעכט געהאַלטן מחנותווייז צווישן די ביימער און קשאַקעס און ביי טאָג — געקרייזט אומצאָליקע מאָל בלויז אַרום דעם צעבליטן, איינגעצוימטן קריפּאַ־

גאָרטן. קייגנאיבער, אין געטאָ, האָט זיי ניט דערוואַרט דאָס מינדסטע שפּיז־ברעקל אָדער קערנדל פון דער ערד. אַפילו איצט, אין שפּעטן האַרבסט, וואָס האָט שוין געטראָגן די געבורט פון ערשטע שנייען, האָט מען נאָך געהערט צווישן די פאַרגאַלדיקטע עפּלביימער זייער פריילעך און זאַט פויגלש צוויטשערן.

דער, וואָס האָט געוואַכט איבערן קריפּאַ־גאָרטן, איז געווען דער בלויער דיסלדאָרפער. ער האָט עס אַליין אויסגעזעגט און צונויפגעקלאַפּט די קליינע פייגלהייזלעך פון גוט שטאָטיש האָלץ. ער האָט זיי אויך דערנאָך באַמאָלן מיט אַ שיינער, פעטער, גרינער קאָליר. מייניסטנס האָט ער געזאָרגט, דער דיסלדאָרפער, אַז די עפענונגען פון די פייגלהייזלעך זאָלן זיין אויסגעשניטן אין דער פורעם פון אַ האַרץ. דאָס איז געווען דעם דיסלדאָרפערס אייפער־דיקסטע און פרומסטע אַרבעט זינט ער איז אָנגעקומען אין געטאָ. דער האַרצפורעם פון די עפענונגען, דורך וואָנען ס׳זענען אַריין און אַרויס די פייגל, האָט אים דערמאָנט אין די שיינע פייגלהייזער אין דער אַלטער דיסלדאָרפער היים. ער האָט זיי אַלע אַליין געשניצט און געטעסעט און אַפילו די ראָמען פון די עפענונגען באַמאָלן מיט אַ שיינער שאַרלאַך־קאָליר, וואָס האָט זיך גוט אויסגעטיילט פון דער גרינער פאַרב אַרום. אמת, דעם דיסלדאָרפער האָבן אָפּטמאָל צוגעהאָלפן אין דער אַרבעט אויך די צוויי וואָלינער, וואָס האָבן באַדינט די קיך פון דער קריפּאַ־מאַנשאַפט. אָבער זיי, די וואָלינער קוכער, האָבן תמיד געהאַט גאָר אַנדערע אַרבעטן, כאָטשבי, למשל, די וואָס איז געשען נעכטן... מיט בנימינען אין דער קאַמער...

דער דיסלדאָרפער איז געווען אַ דאַרער, אַ שמאָל־געוויקסיקער און מיט אַ שפּיציק קליין־אַרויסגערוקט פּנימל פון אַ כאַרט־הונט. זיינע צוויי גרויסע בלאָלעכע אויגן האָבן געהאַט די קאָליר פון קאַלט, פאַרשטאַרבן פאַרצעליי. מחמת דער אויגן־בלאָקייט האָבן אים טאַקע די קאַמעראַדן גערופן: דער בלאָוער דיסלדאָרפער. ער האָט געהאַט אַ נזירישע שטילקייט אין זיין פּנים און אַפילו אַ גלאַנץ פון פרומקייט אַרום זיין שאַרפער, תמיד־בלייכער, מאַנאַכישער נאָז. סיי זומער און סיי ווינטער האָט ער געטראָגן זיין דיסל־דאָרפער פולאָווער פון רויטן וואָל. ס׳איז אייגנטלעך ניט געווען קיין פּשוטע וואָל־רויטקייט. די פאַרשיידענע שוואַר־קאָליריקע פעדעם פון באָרדאָ,

שאַרלאַך און צימרינג־רויט האָבן געשאַפן דאָס אויסטערלישע געמיש פון אַ רויטער, וואַרעמער פליסיקייט, וואָס איז אין די געוועבן פאַרגליווערט געוואָרן. בעת ער פלעגט זיך ווייזן אין גערטנדל האָבן אים די טויבן אַרומגערינגלט און זיך געזעצט אויף זיינע אַקסלען. ער איז אַזוי געגאַנגען מיט די פייגל אויף די אַקסלען דורך די בייטן, זיי געפיטערט פון די אויסגעשטרעקטע הענט און אַפילו צו זיי גערעדט זיין דיסלדאָרפער לשון. מייגסטנס האָט ער עס געטאָן אין די פרייע זונטיקטעג, דעמאָלט בעת ער איז געווען פריי פונעם קאָנצערט... פונעם קאָנצערט, אויבן...

יעדן טאָג אין די מיטיק־שעהען, פירן זיי עמעצן אַרויס פון די קריפּאָקאַמערן. זיי פירן אים אַרויף אויבן, צום קאָנצערט, אינעם גרויסן ליידיקן חדר. זיי קומען אַראָפּ אונטן אין צווייען און תמיד איז מיט זיי דער בלאָנער. מען האָט אים דערקענט אינעם גאַנג אַפילו דעמאָלט, בעת די קאַמערטיר איז נאָך פאַרמאַכט. ער טראָגט אַ גאַנצע וואָך שווער־געקאָוועטע דייטשע שטיוול, וואָס האָבן די שפּיצן אַרומגעשלאָגן מיט אייזנדלעך. די שטיוול גיבן אַרויס בעתן גאַנג איבערן שטיינערנעם קאָרידאָר אַ קריצידיקן אייזערנעם קלאַנג, וואָס צינדט־אונטער דעם חלל. די אייזנדלעך זענען גלאַנציקע, דיקלעכע און ער פלעגט זיי גאָר אָפּט טוישן. זיי האָבן ביי אים אַרויסגעשטאַרט בכיוון אַביסל פונעם שטיוולשפּיץ. דאָס איז געווען דעם דיסלדאָרפערס אַ זעלטן־צוגעטראַכט מיטל, וואָס האָט ביי די אַרויפגעפירטע קיינמאָל ניט אַרויסגערופן קיין חשד בעתן קאָנצערט. ער האָט קיינמאָל גאָר ניט געטראָגן אין די הענט, כדי זיי ניט צו שרעקן. דעמאָלט, בעת די אַנדערע האָבן געטאָן זייערס מיט קליינע געפלאָכטענע דרענגלעך, האָט ער, דער דיסלדאָרפער, געקאָנט פריי באַוועגן מיט די הענט און שפּילן אויפן טראָמפּייט... פון צייט צו צייט האָט ער אויך געקאָנט אויפהויבן די שטיוולשפּיצן און תמיד האָט ער געטראָפן גוט אין ציל. מערסטנס האָט ער מיט זיינע אָנגעקאָוועטע, באַהאַלטענע אייזנדלעך געזוכט צו דערגרייכן דעם אונטערשטן בויכטייל, צווישן די פיס. ער ווייס, דער בלויער דיסלדאָרפער, אַז דעמאָלט שרייט ניט דער געשלאָגענער. ער בייגט זיך בלויז אַביסל איין, מתחילת אויף היגטערווייעלעכץ, דערנאָך פאָרויס, גראָד ווי זיי מאַכן עס בעתן בעטן צו זייער יידישן גאָט... דאָס קול ווערט אים איבערגעשניטן און

אזוי, אַ געבוקטער, קלאַמערן זיך זיינע הענט אין דער געטראָפּענער שויס, בעת אים, דעם דיסלדאָרפער, איז אַפילו ניט נייטיק צו בלאָזן אויפן טראָמפּייט, כדי צו פאַרהילכן די גרילצנדיקע יידן־געוואַלדן...

איצט איז זונטיק. נאָכן אָפּקאַרמען די פייגל אין קריפּאַ־גאָרטן זיצט דער בלויער דיסלדאָרפער אין זיין רויטן פּולאָוווער ביים אָפענעם פענצטער. ער רייניקט דעם טראָמפּייט אויף מאָרגן. מתחילת קוקט ער לאַנג אַראָפּ צו די עפּלביימער, צו די פייגלהייזלעך, ווו ס׳וואָרקען אַרויס פון די האַרץ־עפענונגען די טויבן. ער פּוצט דעם טראָמפּייט מיט כלערליי שמירעכצן, דערנאָך מיט קליינע פלושענע טיכעלעך, וואָס גיבן דעם טראָמפּייט אַ בלאַנקענדיקע, שאַרפע ריינקייט. דער טראָמפּייט איז אַ ריזיקער, געדרייטער מיליטערישער פּוזאָן מיט אַ גרויסער, געשלענגלטער עפענונג, פון וואַנען ס׳גייען אַרויס די קלאַנגען. בעת ער זיצט אַזוי, דער דיסלדאָרפער, מיטן אויסגעפּוצטן טראָמפּייט, פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען, פּרוווט ער נאָך אַ מאָל אויס מאָצאַרטן. מאָצאַרט איז בלויז פאַר אים אַליין, אין די פרייע זונטיק־שעהען. ער האָט אויך אַפילו אים געפּרוווט אַמאָל אויבן, בעתן קאָנצערט... ס׳איז אָבער ניט געווען אַזוי ווי מיט אים — דעם וואַגנער... דעם דאָזיקן הימלישן וואַגנער האָט גאָט אַליין געשאַפן פאַר אַזעלכע יידן־קאָנצערטן...

ער זיצט איצט אַ פאַרטראַכטער און בלאָזט גאָר שטיל אינעם טראָמפּייט די קליינע מאָצאַרט־סערענאַדע. די עפּלביימער טרינקען דאָרשטיק די פּוזאָן־קלאַנגען. אַ קליינע, שאַרפע האַרבסטזון, ווי אַ צעגליטער רויטער עפּל, וואַרעמט די ערד. די קלאַנגען זענען שפּיציקע, אָפּגעהאַקטע און וועקן־אויף די דרימלענדיקע פייגל אין זייערע הייזלעך. זיי נעמען אַרויס־קוקן דורך די האַרץ־עפענונגען, שאָקלענדיק אָן אויפהער מיט זייערע פויגלשע גוידערלעך. ער וואָלט אפשר געדאַרפט נאָך אַ מאָל איבערשפּילן וואַגנערן, זיך צוגרייטן צום מאָרגנדיקן קאָנצערט. פּלוצעם דערמאָנט ער זיך אין עפּעס. דער פּוזאָן ווערט פאַרשטילט. ווי אַזוי האָט עס געקאָנט געשען, אַז ער האָט אים געטראָפן גלייך אין שטערן?... דאָס ערשטע מאָל טרעפט מיט אים אַזוינס... דאָס ערשטע מאָל וואָס ער, דער דיסלדאָרפער, האָט ניט געטראָפן אין ציל... אפשר דערפאַר וואָס ער האָט זיך דעמאָלט

געהאַט פֿאַרטראַכט וועגן עפּעס: דער יודע שפּילט דאָך גייגע!... איצט ליגט ער אונטן אין דער קאַמער, מיט יענעם צווייטן, דעם וואַנזיניקן יידישן שד... ביז מאָרגן... מאָרגן... ביז צום קאָנצערט...

ער גייט־אַראָפּ מיט די שטיגן אין גערטנדל, אָנגעהאָנגען מיטן טראָמפּייט. אין דרויסן, הינטערן געטאָ־מויער, איז גאָר שטיל. די יידן איז פֿאַרוועדט זיך צו דערנענטערן צום קריפּאָ־גאָרטן. אונטן, אין די פֿאַר־ריגלטע קאַמערן, ליגן די געשלאָגענע. דער דיסלדאָרפֿער גייט איבער די שמאָלע סטעזשקעס און קוקט אויף די גרויסע, שווערע האַרבסטעפּל. ער שטייט אונטער די בלעטער. זייער שפּעטע, פּעטע גרינקייט באַדעקט אין גאַנצן דאָס בלאַנקענדיקע גאָלד פֿון טראָמפּייט. דער פּוזאָן באַקומט דערפֿון אַ גרינע, שמייכלענדיקע קאָליר. די האַרבסטזון אין גאָרטן צעשאָרט דאָס גרין פֿון טראָמפּייט און שווענקט עס אָפּ מיט איר ליכט. בלויז די גרינע בלעטער־קאָליר בלייבט לאַנג, לאַנג ליגן אינעם פֿאַרקרימטן פּוזאָן־חלל צוזאַמען מיט געפֿאַנגענע קליינע שטראַלן פֿון דער זון.

*

די ערשטע, וואָס האָבן אים דערזען אין געטאָ, זענען געווען די קינדער. ס'איז גראָד געווען אַ טריבער, קראַנקער געטאָ־טאָג. געשוואָלענע, נידעריקע רעגן־וואָלקנס, ווי איבערגעקערטע שוואַרצע שירעמס, האָבן פֿאַרדעקט די איינגעצוימטע ערד. די קינדער האָבן גראָד געקליבן אויפֿן מיסטבאַרג די אַרויסגעוואָרפֿענע, פֿאַרפֿוילטע קאַרטאָפֿליע־שאָלעכצן פֿון דער גאָרקיך. באַרוועסערהייט איז ער דעמאָלט אַרומגעגאַנגען די קינדער, זיי אַריינגעקוקט אין די שוואַרצע, קליינע פּנימלעך און די גאַנצע צייט ניט אויפֿגעהערט צו זינגען. תחילת האָט ער מיט זיין קאַרשן־רויטער, צעפּלאָשעטער באָרד אין די קינדערס אויגן אויסגעזען ווי אַ פֿאַרטריבענער מלאך, וואָס באַהאַלט אונטער די פֿאַלעס זיינע פֿליגל. זיי האָבן אים אַפֿילו צוגעטראָגן אַן אָפּגע־פֿונענע, טויטע קאַרטאָפֿליע און זי געוואָלט אַריינלייגן אים אינעם זאַק, וואָס דער דאָזיקער אויסטערלישער מענטש האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם. ער האָט אָבער ניט גענומען פֿון זייערע הענט דעם אויסגעגראָבענעם דימענט, געזונגען דאָס פֿרעמדע געזאַנג און דערנאָך פֿאַרשוואונדן הינטער די גאָרקיך־ווענט.

זינט יענעם טאָג האָט מען שוין דעם אויסטערלישן מענטשן גאָר אָפּט געזען אַרומגיין מיטן פאַרוויקלטן זאַק. ס'איז געווען אַ גרויסער חידוש וואָס פּלוצעם האָט זיך אין די געטאָ־געסלעך באַוויזן אַ זקן, וואָרעם נאָך די לעצטע אַרויסשיקונגען האָט מען זעלטן געזען אַן אַלטן מענטשן. און דער דאָזיקער זקן איז אויך געווען גאָר משונהדיק אין זיין גאַנצן הילוך: ער האָט ניט געטראָגן ניט קיין הויזן און ניט קיין הילצערנע שיך־טרעפּעס אויף די פיס. פאַר אַ לייבצודעק האָט אים געדינט אַ לאַנגער, צעדריוולטער רבישער ראָק מיט אַ צעשונדענעם סאַבאָל־קאָלנער. ער האָט געהאַט גאָר לאַנגע, צעפּאַטלטע רויטע האָר און אַ ווילדע באָרד, וואָס איז געלעגן אויף זיין אָפּגעדעקטער, נאַקעטער ברוסט. די באָרד האָט אויסגעזען ווי אַ פאַר־גליווערט שטיק פייער. זיינע אויגן, קליינע און שטאַרק־פאַרוואַקסענע, האָבן געלויכטן מיט שגעונדיקער פאַרווירונג. קיינער האָט אים ניט געקענט און קיינער האָט אויך ניט געוווּסט, ווו דער זקן האַלט זיך אויף. מען האָט געמיינט, אַז ער איז פון די לעצטע הקדש־לייט, וואָס זענען דורך אַ נס פאַרבליבן אין געטאָ און זיך ערגעצווו אויסבאַהאַלטן. ווו — האָט קיינער ניט געוווּסט. די בית־עולם־יונגען האָבן דערציילט, אַז יעדע נאַכט ליגט דער זקן אויפן ריינעם פעלד אין אַן אַנדער אוהל. ביי טאָג אָבער האַלט ער זיך דווקא גאָר נאָענט ביי די דראָטן און פּאַכעט צו די דייטשן מיט זיין לאַנגן צווייגשטעקן. מ'האָט געזען, אַז דער זקן איז אַראָפּ פון זינען. אַנומלט האָט געטראָפן: דער אַלטער מאַן איז מיטן אויפגעהויבענעם שטעקן געשטאַ־נען אַנטקעגן דעם דייטש ביים צוים — און געזונגען. אַסך מענטשן זענען אין געטאָ־תחום אַרומגעגאַנגען און געזונגען. ער האָט געזונגען מיט אַ הייזע־ריקער, שוואַכער שטים, וואָס האָט דערמאָנט דאָס קול פון אַ באַטרונקענעם. ער האָט אויך געטאַנצט דעמאָלט אויף זיינע באָרוועסע פיס. יידן האָבן צו אים געשריגן פון דער ווייטנס, אַז ער זאָל זיך מחמת סכנה ניט דערנענטערן צו די דראָטן. ער האָט אָבער זיך גאָרניט אומגעקוקט אויף הינטערווייליעכץ. דער מבולבלער דייטש האָט אָנגעקוקט דעם וואַנזיניקן זקן און אויסגעַ־שפּיגן, מורמלענדיק אויפן ברוק: — פאַרריקטער רויטער מעפּיסטאָ!...

דער שטעקן, וואָס דער אויסטערלישער זקן האָט געטראָגן, האָט אים אויך געדינט צו האַלטן דעם זאַק אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען, אַזוי

ווי דאָס טראָגן פויערים בעתן לאָזן זיך אין וועג. יידן האָבן זיך געשראָקן, אַז דער חסר־דעהדיקער זקן וועט נאָך אונטערציינדן ס׳גאַנצע געטאָ מיט זיין ווילדקייט. וואָרעם אַחוץ די ווילדע געגנג ביי די דראָטן האָט ער נאָך געטאָן אַזוינס, וואָס האָט טאַקע געגרענעצט מיט שגעון. ער פלעגט אַ האַלב־נאַקעטער זיך אַוועקשטעלן לעבן דייטש און צו אים געצילעוועט מיטן צווייגשטעקן. די דייטשן האָבן שוין געוווּסט, אַז אַסך יידן ווערן משוגע פון הונגער. ס׳איז אים אָבער געווען אַ שאָד די דייטשע ביקסנקויל פֿאַר דעם משוגענעם, אַלטן יידישן שד, וואָרעם סיווי וועלן זיי אַלע, הינטער די דראָטן, פריער צי שפּעטער טאַנצן פון משוגעת אין הימל אַריין...

ווען ניט דאָס, וואָס די יידן האָבן אויפן זקן געקוקט מיט אַ באַהאַל־טענער שרעק, ווי פאַר עפּעס אַ הימלישן שליח, וואָס איז געקומען אין געטאָ, וואָלטן זיי אים שוין לאַנג געהאַט איבערגעגעבן אין די קריפּאָ־הענט. אויב דאָס איז ניט געשען, איז עס בלויז, אפשר דערפאַר, ווייל דער אַלטער, וואַנזיניקער מאַן האָט געטאָן אַזוינס, וואָס האָט זיי געמאַכט טראַכטן גאָר אַנדערע מחשבות. אָט, למשל, פלעגט ער נאָכלויפן זינגענ־דיק נאָך יעדן טויט־וועגעלע און וואַרטן אויף אַ בר־מינן. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס פלעגט זאָגן קדיש, וואָרעם די געטאָ־טויטע האָבן אַלץ ווייניקער געהאַט מקורבים, וואָס זאָלן זיי באַגלייטן אויפן ריינעם פעלד און טאָן זיי דעם לעצטן מענטשלעכן חסד דורך תפילה. ער, דער ווילדער, חסר־דעהדיקער זקן, איז געוואָרן דער קדיש־זאָגער נאָך די אומ־צאָליקע טויטע אין זייער איינזאַמען יידישן געטאָ־טויט. ווי נאָר אָבער ער האָט אָפּגעזאָגט די לעצטע פּסוקים און די לאָפּעטעס האָבן גענומען פאַר־שיטן דעם מת, האָט ער אויפסניי אָנגעהויבן מיט אַ דראָבנעם, צעריסן קולכל: אני מאמין... אני מאמין בביאת המשיח... די, וואָס האָבן געהערט פון דער נאָענט זיין קול, האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז לחלוטין ניט קיין מענטשלעכע שטים. עפּעס פרעמדס, וואָס האָט זיך גערייצט און געראַנגלט אין געפאַלנקייט דורך זיין קוויטשיק קולכל, האָט געפאַנגען די מענטשן, וואָס האָבן אים געהערט. די ווערטער, צעהיצטע און צעבראָכענע, ווי אויסגעברענטע שטיקלעך קויל, זענען געפאַלן אויף זיין רויטער, פאַרגלי־ווערטער באָרד. איטלעך מאָל האָט ער אויפגעהויבן די רעכטע האַנט צום

הימל, בעת דאָס שוואַרצע, אָפּגעדעקטע לייב האָט זיך אָנגעלענט אויפן שטעקן. מ׳האָט אים קוים מיט כוח געקאָנט אַרויספירן פון ריינעם פעלד, וואָרעם ס׳איז געווען אַ סכנה, אַז מחמת זיינע ווילדע נגונים זאָל ער ניט אַמאָל אויפרייסן דעם צאָרן פון די דייטשן לעבן געטאָ־בית־עלמין.

נאָך מיט מער שימחה איז דער זקן אַרומגעלאָפן איבער די געסלעך נאָך דעם, ווי ס׳האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן דאָס שלאָגן אין דער קריפּאָ. מ׳האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען זינט דעמאָלט אַזאַ זינגענדיקן. ער האָט אַפילו אויפגעהערט נאָכצולויפן די טויטן־וועגעלעך און זיך תמיד געהאַלטן גאָר נאָענט לעבן די קריפּאָ־ווענט. בעת מ׳האָט אַריינגעפירט עמעצן אין קריפּאָ־גאָרטן איז ער אים אַנטקייגנגעלאָפן און געשריען: „זרע פון אברהם, יצחק ויעקב! דערנענטערסט די גאולה! גיב־אָפּ אַ לויב דעם אייביקן! מאַך אַ ברכה איבער יעדן שמיץ!". ער האָט אַפילו מיט זיין שטעקן גאָר אָפּט געשלאָגן אינעם פאַרהעמערטן טויער פון קריפּאָ־גאָרטן. ניט איינמאָל האָט ער זיך געוואָלט אַהין אַריינרייסן צוזאַמען מיט אַ געפירטן צום שלאָגן. אָבער ווי דורך עפּעס אַ כשוף האָבן אים די קריפּאָ־לייט לחלוטין ניט געזען. אפשר מחמת פחד פאַר אַן אַנשטעקנדיקער מחלה האָבן זיי זיך גיך פון אים דערווייטערט. וואָרעם פון אים איז געגאַנגען אַן אַוויר ווי פון אַ קראַנקן צעפּאַלנדיקן גוף. ער האָט אָבער ניט אויפגעהערט אַרומצולויפן איבער די הייפלעך און גערופן, אַז דער דייטש האָט, מיט מזל, אָנגעהויבן שלאָגן, אַז די גאולה איז נאָענט... דורך מלקות, יידן, וועט קומען די גאולה... זאָל ער נאָר, חלילה, דער דייטש, ניט אויפהערן צו שלאָגן... אני מאמין, יידן, אני מאמין...

דאָס אַרומלויפן איבער די הייפלעך האָט געדויערט אַזוי לאַנג ביז ס׳איז ניט געקומען די געשעעניש מיט דער קרוין.

*

דאָס אָפּרוימען מחוץ דעם געטאָ דעם פאַרוואָרפענעם שטח נאָך דער אויפגעריסענער שול „כתר ישראל" האָט ניט געדויערט לאַנג. אַחוץ די צענדליקער געטאָ־יידן איז אויך אַהערגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן די קליינע גרופּע אַרעסטאַנטן — פּאָליאַקן, וואָס האָבן מיט שפּאָגל־נייע

שפּאַדלעס, העק און בלאַנקענדיקע קילאָפּן גערייניקט דעם ווילדן חרובדיקן יידן־שטח. כאָטש ס'איז שוין אָפּגעפּלאָסן אַ יאָר נאָך דער געשעעניש פון אויפרייסן די לעצטע שטאָט־שול, זענען אַלץ נאָך דאָ געלעגן אירע שוואַרצע, פאַרשרפהטע ציגלבערג, דורכגעפלאָכטן מיט די גרין־פאַרזשאַווערטע שול־שטאַכעטן, וואָס האָבן ווי פאַרטריקנטע טויטע אָדערן אַרומגענומען דעם איינגעפאַלענעם שטיינערנעם באַרג־גוף. דער באַרג איז געווען אַ הויכער און ,שטייענדיק אויף זיין שפּיץ, האָט מען אַפילו געקאָנט זען פון אים דעם נידעריקן פאַרקלאָמערטן געטאָ־פּערטל אין צפון. צווישן די אָנגעוואָרפענע ציגלבערג, פון די שמאָלע ערדשפּאַלטן זענען דערווייל געוואַקסן קליינע געל־גילדענע פעלדגרעזער, וואָס זענען געווען שטאַרק בויגעוודיק און מיט זאַפטיקע גרינע שטענגלעך. ס'זענען אפילו אויפגעגאַנגען דאָ, צווישן טויטן שטיין, די זילבערדיק־ווייסע פּוילישע פּוכקעפּלעך אויף זייערע הויכע פיסלעך, וואָס אַז מ'נעמט זיי אין דער האַנט, צעפאַלט זיך זייער דינער שפּינוועב־בעכער און טראָגט זיך אין חלל ווי שיטערער, ווייסער מילכשטויב. די־אַ צעשטויבטע, מילכיקע שפּינוועב־בעכערס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט תמיד אַראָפּצו צו צפון, דאָרט ווו ס'זענען געלעגן די אָפּגעצוימטע, ערשטע געטאָ־בנינים. אַזוי טראָגנדיק זיך נידעריק פונעם אויפגעקאָפּעטן שולבאַרג זענען זיי אַלע, די ווייסע, צעפאַלענע פּוכקעפּלעך, פאַוואָליע געזונקען, פאַלנדיק אויף דער ערד הינטער די שוואַרצע טויטלעכע געטאָ־צוימען.

ס'איז ניט געווען אַזוי לייכט דאָס אָפּרוימען דעם גרויסן שטח פון די געפאַלענע שולשטיינער. דער ווייסער, גלאָטער שטיין פון די ווענט און פונעם קופּאָל איז דערווייל טיף געוואַקסן אין דער ערד. ער האָט זיך ניט געלאָזט גרינג פון דאָרט אַרויסהייבן, גראָד ווי דאָס געשעעט מיט אַלטע ביימער־וואָרצלען, וואָס זינקען דורך דורות אין דער וואָרעמער פינצטערניש פון דער ערד. ביים איינפאַלן פון די שולווענט האָבן די שטיינער געמוזט אַראָפּשווער און אימפּעטיק צו דער ערד און אַזוי אַרום דאָרט געזונקען אין איר ברוסטיקער, ערדישער ווייכקייט. דייטשע קליינע לאַסטאויטאָס האָבן גאַנצע טעג געפירט פון דאַנען דעם גרוז צו די הינטערשטאָטישע מיסטפעלדער. אויפן צווייטן טאָג, נאָך דעם ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אָפּרוימען, איז

אַלץ נאָך דאָ געלעגן אַ ריזיקער שטיינער־באַרג. מ'האָט געמוזט צופירן נאָך יידן פון געטאָ און אויך נייע אַרעסטאַנטן־גרופּעס פון די שטאָטישע תּפיסות אַפּצורייניקן דעם שטח פונעם אויפגעריסענעם שול־בנין.

ערשט אויפן פערטן טאָג איז מען צוגעקומען צו דער ערד. בעתן ליגן אַ פאַרדעקטע אַזוי פיל חדשים מיטן געפאַלענעם גרוז, איז זי געוואָרן, די ערד, אַ פינצטערלעכע און שוואַרצע ווי פאַרברענטער שטיין. די ווייסע שולשטיינער, צעבראָכענע און רונדיקע, זענען געזעסן אין איר שוואַרץ־קייט ווי קליינע, צעטרימערטע מצבות אויף אַ פאַרצייטישן בית־עולמין. די יידן האָבן מיט די בלויזע הענט געצויגן דעם שטיין, בעת די פּאָליאַקן האָבן אים שפּעטער געוואָרפן אויף די לאַסטאויטאָס. גאָר אונטן, שוין מחוץ דעם באַרג, איז געשטאַנען דער דיסלדאָרפער מיט אַ קופּקעלע שטאָט־דייטשן. ער האָט דאָס מאָל, דער בלויער דיסלדאָרפער, געוואָלט אַליין זען די באַערדיקונג פונעם צעפאַלענעם יידן־טעמפּל... דער רויטער דיסלדאָר־פער פולאָוווער האָט ווי אַ פלאָם אים אַרויסגעשפּאַרט פונעם גרינעם, פעלד־מונדיר. זיין דאַרער קאָפּשיידל איז געווען אין גאַנצן אָפּגעדעקט אין דער פייכטער פּוילישער האַרבסטקעלט.

פּלוצעם, ביים אונטערהויבן אַ שטיין, האָבן די יידן מער זיך ניט באַוויגן. זיי האָבן זיך אַ לאַנגע ווײַלע איינגעקוקט אין דער ערד און פון דאָרט ניט אויפגעהויבן זייערע אַראָפּגעזונקענע פּנימער.

מתּחילת איז עס געווען אַ שטיק פאַרברענטער פּאַרמעט, וואָס עמעצער האָט פון צווישן דער ערד אַרויסגעצויגן מיט די פינגער. דער פּאַרמעט איז געווען אינגאַנצן אַ קלאָרער און לויכטנדיקער. זיינע אותיות האָבן זיך לחלוטין ניט פאַרווישט בעתן ליגן אַזוי פאַרדעקט אין דער פינצטער. להיפּך: זיין שוואַרצע שריפט האָט געבלאַנקט אויפן אויסגעגראָבענעם פּאַרמעט ווי נאַרוואָס אויסגעכתיבהטע דורך די הענט פונעם סופר. דאָס איז געווען אַן אָפּגעריסן שטיק פּאַרמעט פון אַ פאַרברענטער הייליקייט, וואָס איז געלעגן פאַרגראָבן הינטער דעם געפאַלענעם שולשטיין. די יידן האָבן בלויז אַ רגע דאָס שטיק פּאַרמעט געהאַלטן אויף די הענט, וואָרעם באַלד האָט זיך נאָכן אונטערגעהויבענעם צעבראָכענעם שטיין באַוויזן דער אויסגעקרימטער שאַרבן פון עפּעס העלס און לויכטנדיקס.

דאָס איז געווען אַ גאָר אַלטע, זילבערנע, יידישע קרוין מיט שיינע פאַררונדיקטע שפיצן. זי האָט אַוודאי געמוזט דינען אַמאָל פאַר אַ צודעק אויף אַ יידישער הייליקייט. די קרוין איז געווען אַביסל צעקנייטשט, אָבער איר אייבערשטער ראַם האָט נאָך גוט געהאַלטן די אָפּשטייענדיקע דינע ווענטלעך. דער גאַנצער אינעווייניקסטער קרוין־חלל איז געווען אויסגעפילט מיט ערד אוןביים אויפהייבן זי פונעם איינגעקלאַמערטן שטיין — האָט זיך די ערד, אַ פּעטע און שוואַרצלעכע, נאָך לאַנג געהאַלטן צווישן די דינע, זילבערנע ראַמען. אַ בליאַסק פון אַלט זילבער, וואָס איז תמיד גראַלעך און מאַט, האָט אַרומגעהילט די אויסגעגראָבענע קרוין ווי אַ לייכטער נעפּל. ס׳איז אפשר געווען אַ חידוש, וואָס פאַלנדיק אונטער דעם טויטן, צעבראָ־קלטן שטיין, האָבן זיך די קרוינוווענטלעך ניט איינגעבראָכן אונטער דער לאַסט. נאָכן אָפּשאָקלען די ערד, וואָס האָט זיך געהאַלטן אַ צוגעקלעפּטע צו דער קרוין, האָט מען ערשט געזען, אַז איר בלענד איז לחלוטין ניט שוואַכער געוואָרן אין דער פינצטער. די יידן זענען בלויז אַ ווײַלע געבליבן שטיין פאַרגליווערטע פון דאָזיקן באַהאַלטענעם, לייכטנדיקן בלענד. דאָס האָט אָבער געדויערט אַ רגע — ביז דער דיסלדאָרפער איז ניט געבליבן שטיין הינטער זייערע פּלייצעס.

ער איז איצט געשטאַנען, דער דיסלדאָרפער, אויפן באַרג און אויף זיין קאַלטער, ביינערדיקער, טעווטאָנישער האַנט איז געלעגן די אויסגעגראָבענע אַלטע יידישע קרוין. ער האָט זי עטלעכע מאָל אויפגעהויבן גאָר הויך אויף זיין האַנטפלאַך, קוקנדיק דורך אירע אָפּשטייענדיקע ווענטלעך, בעת די איבעריקע דייטשן האָבן זיך איינגעקוקט אין זיין האַנט ווי דאָרט וואָלט געלעגן אַ סודותדיקער, אויסבאַהאַלטענער יידישער כשוף. ניט צום ערשטן מאָל זעען דעם דיסלדאָרפערס אויגן אויסגעגראָבענע יידישע אוצרות — כלערליי צירונג און איידלשטיינער, וואָס יידן האָבן פאַרגראָבן פאַרן גיין אין געטאָ. ביסלעכווייז האָבן זיי די אוצרות אַליין איבערגעגעבן אין דייטשע הענט — זינט אינעם געטאָ הערט מען דעם אייביקן וואַגנער... אָבער דאָס, וואָס ליגט איצט אויף זיין האַנט, איז אַזוי משונהדיק אַנדערש פון אַלע באַהאַלטענע יידישע אוצרות. אַ רגע האָט ער געטראַכט: אַלט יידיש צאָכוואַרג... ווערטלאָזער סינאַגאָגן־שמוק... ער האָט שוין געוואָלט זי

אַרויפוואַרפן צוזאַמען מיטן גרוז אויפן לאַסטאויטאָ, נאָר עפּעס האָט אים פּלוצעם אָפּגעהאַלטן דערפון. אים איז באַפאַלן אַן אויסטערלישע, פריילעכע מחשבה. ער האָט דעריבער די קרוין נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן, אויסגעגליכן די צעקנייטשטע, אייבערשטע ראַם, אויסגעבלאָזן פונעם זאַמד און דערנאָך, אונטערפייפנדיק, זיך געלאָזט אַראָפּגיין מיט דער קרוין פונעם הויכן, איינגעפאַלענעם שול־באַרג. דעם גאַנצן וועג ביזן געטאָ האָט אים ניט אָפּגעלאָזט די אויסטערלישע, פריילעכע מחשבה.

*

דעם וואַנזיניקן זקנס קאָפּ איז געווען אַ קליינער, אַן איינגעפאַלענער אַזוי, אַז דער דיסלדאָרפער האָט ניט געהאַט מיט אים קיין סך מי. דער אַלטער מאַן איז אַלץ נאָך געשטאַנען מיטן אויפגעהויבענעם צווייגשטעקן און אונטערגעזונגען — זינט זיי האָבן אים פון קעלער אַרויפגעפירט אויבן. זיין לאַנגער רבישער ראָק האָט זיך דערווייל געהאַט אָפּגעטיילט פון זיין גוף. ער האָט זיך פאַרלייגט ווי אַ געפאַלענער צעבראָכענער פליגל. מע האָט איצט אַרויסגעזען דאָס אונטערשטע לייב זיינס, די נאַקעטע פיס ביז צו די איינגעפאַלענע שענקלען. דאָס לייב איז ביי אים געווען האַרט און גראַלעך און אויסגעזען ווי פאַרטריקנטע, איינגעפאַלענע ערד. די פיספינגער האָבן געהאַט בלאַלעכע, אָפּשטייענדיקע נעגל און בלויז די באָרד, אַ פלאַמיקע און צעדריוולטע, האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט זיך צו הייבן איבער דעם זקנס שווער־סאָפּענדיק האַרץ.

זיי האָבן זיך געגרייט צום הייליקן וואַגנער... דאַסמאָל האָבן זיי עס געטאָן מיט אַ גאָר זעלטענעם אייפער, נאָך דעם ווי זיי האָבן אויסגעגראָבן די דאָזיקע זעלטענע יידישע קרוין. אַפילו ביידע וואַלינער זענען געווען אָנגעטאָן אין זייערע יום־טובדיקע, גרינע פעלדמונדירן. הינטער די שווערע, טונקעלע פענצטער־קאַטאָרן זענען געשטאַנען אָנגעלענט אָן דער וואַנט די רונדיקע מיט דראָט־געפלאָכטענע דרענגלעך. דעם דיסלדאָרפערס ריזיקער פּוזאָן איז נאָך דערווייל געהאָנגען אויף דער וואַנט, גראָד אונטערן פירער־פּאָרטרעט. דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט ניט באַפוילן דעם אַלטן אַראָפּצובויגן נידעריקער דעם קאָפּ ביז צום דיל. — — —

ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, ווי אויבן, אין קאָנצערט־צימער, איז פאַרן קופּקעלע דייטשן געשטאַנען דער צעדולטער זקן און אויף זיין קאָפּ איז געזעסן די בלאַנקענדיקע, אויסגעגראָבענע קרוין. ער איז געשטאַנען איצט אַנטקעגן זיי אַ פאַרשטומטער, אַ שטילער און אַלץ נאָך אַן אָנגעלענטער אויפן שטעקן, וואָס די דייטשן האָבן בכיוון ניט אַרויסגענומען פון זיין האַנט. אפשר האָבן זיי געוואָלט זען אינעם שטעקן אויך אַ סימן פון אַ קעניגלעכן, יידישן סצעפּטער אין דער האַנט פונעם געקרוינטן, צעדולטן יידן. די קרוין איז געזעסן טיף אויף דעם זקנס קאָפּ און דערגרייכט מיט איר אונטערשטער ראַם פון פאָרנט ביז צו זיינע שווער פאַרוואַקסענע ברעמען. זי האָט געלויכטן, די קרוין, אינעם טריב־טונקעלן חדר מיט אַן אומהיימלעכער, פרעמדער יידישער ליכטיקייט. קליינע ליכט־שפּליטערס זענען געפאַלן פונעם אַלטן קרוינזילבער ווי פונקען איבער דעם אַלטנס פּנים. ער האָט אַפילו איין מאָל אויפגעהויבן די לינקע האַנט און מיט די פינגער פעסטער אַראָפּגערוקט די קרוין צו זיינע אויגן. די מענטשן אַרום אים האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט און אַפילו ניט אויסגערעדט דאָס מינדסטע וואָרט. דער צעדולטער יידישער זקן האָט אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי אַ משוגענער יידישער מלך, וואָס האָט זיך פּלוצעם באַוויזן פון די עלטסטע ביבלישע צייטן. אַז דער זקן האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן און אָנגעהויבן טאַנצן מיט דער אַרויפגעזעצטער קרוין — האָבן שוין די וואַלינער מער ניט אויסגעהאַלטן. זיי האָבן געכאַקעט מיט שווערע, פאַרברענטע קולות. דורך די פאַרצויגענע פענצטער־קאַטאַרן האָט זיך דערווייל פּאַוואָליע אַריינגע־זיפּט דאָס זונליכט. די זון איז געווען אַ שפּעט־האַרבסטיקע און לייכט געוואַרעמט. פון סאַמע סופיט האָט פון דער וואַנט אַראָפּגעקוקט דער רייכסאָדלער מיט דער שפּיציקער סוואַסטיקקרוין אין זיינע פאַרקרימטע פויגלשע נעגל. דער דיסלדאָרפער האָט ניט אויפגעהערט צו קוקן דאָ אויף דער אַרויפגעזעצטער יידישער קרוין און דאָ צום צעפּלאַשעטן פויגל, וואָס האָט געטראָגן צווישן זיינע פיסנעגל דעם אומבאַזיגלעכן הייליקן סימן פון דייטשן רייך. דער דיל פון קאָנצערט־חדר איז געווען אַ גלאַטער, אַ שפּיגל־דיקער און אויסגעזעצן אונטער די פיס פונעם זקן ווי אַ גראָ פליסנדיק וואַסער. פונעם זונליכט, וואָס האָט זיך געריסן דורך די קאַטאַרן, האָט מען

געזען אינעם דיל אַרומשווימען דעם אַלטנס קאָפּ מיט דער אַרויפגעזעצטער קרוין. ביידע וואַלינער האָבן הינטערווייליקעכץ, ווי שווערע, טרעטנדיקע קעץ, זיך גענומען דערנענטערן צו די אַראָפּגעלאָזטע טונקעלע קאַטאַרן.

און דעמאָלט האָט דער דיסלדאָרפער איבער זיינע שמאָלע, צוקנדיקע אַקסלען אַריבערגעוואָרפן דעם ריזיקן פּוזאַן.

*

ס׳איז געווען אַ שוואַרצער, גיכער האַרבסטרעגן, וואָס איז געפאַלן נאָך פון מיטננאַכט אָן. ער איז געקומען פון צפון און געוואָרן אונטערגעטריבן פונעם ווינט. דער העפטיקער רעגן האָט שוין אָנגעזאָגט דאָס קומען פון ערשטן פוילישן שניי. זיינע שוואַרצע רעגן־טראָפּנס זענען געווען אייזיקע, טייל מאָל פאַררונדיקטע, אָדער גאָר שפּיציקע. ס׳איז ניט געווען קיין האָגל, נאָר אַ צעשטויבטער אייזרעגן, וואָס איז געפאַלן אימפּעטיק מיט שוואַרצע נאַכטשטראָמען. די וואַסערן זענען געלאָפן גאָר נידעריק ביי די הילצערנע ווענט און ניט אויפגעהערט אַ גאַנצע נאַכט זייער פּלייצנדיק שוואַרץ געזאַנג. די לעצטע האַרבסטנאַכט, וואָס גרענעצט מיטן ווינטער, איז תמיד די שוואַרצסטע און טיפסטע. אויף די שיפּע הילצערנע דעכלעך האָבן זיך געזאַמלט וואַסער־קאַלוזשעס און אין זיי האָבן זיך שוואַרץ געשפּיגלט די צעריסענע, שווימענדיקע רעגן־וואָלקנס. פון דאַנען האָבן די שטראָמען פאַרפלייצט די ליידיקע ביידעמער, ביז זיי זענען דורך געלע־כערטע סטעליעס און ווענט אַראָפּ נידעריקער, צו די ליידיקע, טויטע קעלערן.

ס׳איז נאָך געווען פינצטער, בעת דער דיסלדאָרפער האָט אויפגעע־פּראַלט די טיר. בנימין האָט דערזען, אַז דרויסן שטייען שוין צוויי איינ־געבוקטע געשטאַלטן. אַלע דריי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן הייפל. פון די ביימער איז נאָך געפאַלן דער שווערער נאַכטרעגן. זיי זענען אַלע געשטאַנען לעבן נידריקן וועגעלע, וואָס מען פירט דערמיט קאַרטאָפל. דאָס שמאָלע, נידעריקע וועגעלע איז געווען פאַרדעקט מיט אַ גרויסער, שוואַרצער קאַפּאָטע.

גיך און בסוד, ס׳רוב ביי נאַכט, ווערן די טויטע אַרויסגעפירט פונעם

קריפּאַ־גאָרטן. בנימין איז געלאָפן אַן איינגעשפּאַנטער אינעם וועגעלע, נאָך אים — צוויי אַנדערע יידן. הינטער זיי, אַן איינגעוויקלטער אינעם לאַנגן שווערן פעלדמונדיר, איז נאָכגעלאָפן דער דיסלדאָרפער. ער האָט געוואָלט אָנקומען נאָך פאַרן זונאויפגאַנג צום געטאָ־בית־עולם.

דער דיסלדאָרפער איז געבליבן שטיין ווייט פונעם אָרט, ווו בנימין און די צוויי יידן האָבן אונטערגעהויבן פונעם וועגעלע דעם דאַרן, אַלטן גוף. זיי האָבן אים צוריק פאַרוויקלט אינעם לאַנגן רבישן ראָק, וואָס איז דער־וויַיל געוואָרן דורכגעווייקט פונעם נאַכטרעגן. בעת זיי האָבן אים אַראָפּ־געלאָזט אין דער טיף — איז געוואָרן גראָער באַגינען. דער נאַכטרעגן האָט אויפגעהערט. בנימין האָט בלויז דערזען, אַז דעם טויטנס פאַרוואָרפּענער קאָפּ האָט אַרום זיין שטערן אַ דיקן, רונדיקן בלוטקרייז און זעט אויס ווי אַ קרוין.

*

דער נאַכטרעגן האָט אין גאַנצן אויפגעהערט. אויף די נידעריקע פעלדגרעזער זענען נאָך געזעסן זיינע אומצאָליקע פאַרגליווערטע טראָפּנס. די ערד איז געווען פייכט און קלעפּיק. טויטע בלעטער האָבן שטיל געשאָרכט אין זייער גילדענער פאַרוועלקונג. בנימין האָט געטראַכט וועגן זיין אויס־באַהאַלטענער פידל. ווער ווייס — ווי לאַנג זיי וועלן אים נאָך האַלטן אין דער קאַמער. דער דיסלדאָרפער האָט פון דער ווייטנס אונטערגעיאָגט. איבער די נידעריקע טויטן־בערגלעך איז געפאַלן דאָס ערשטע זונפייער. הינטערן פעלד איז אויפגעגאַנגען די זון. בעת זיי האָבן אַרויסגעפירט דאָס ליידיקע וועגעלע איז שוין דאָס טויטן־פעלד געלעגן אין גאַנצן פאַרגאָסן מיט ליכט. די ביימער האָבן געלויכטן פון דער ווייטנס מיטן קאַלטן מיניעדיקן ליכט פונעם ערשטן ווינטערטאָג".

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

און איצט, אַז כ'בין געקומען צום סוף פון בנימינס פאַרבאַהאַלטענע בלע־טער, טראָג איך אַנטקייגן מיין האַרץ פאַר דיר, וואָס דיינע אויגן רוען

איצט איבער די־אָ יידישע אותיות. מיין האַרץ וועט זיין פאַר דיר אַ בריק, וואָס פירט פון טויט צום לעבן. און אַז ס׳וועט קומען די צייט אויך פון מיין אַוועקגיין צום צווייטן ברעג — וועל איך לאָזן אין ירושה פאַר דיר, מיין אומבאַקאַנטער, די געשענקטע טויטע פידל. ס׳קען זיין, אַז אַמאָל, אַמאָל, וועסטו אויך אין איר האַרץ־חלל געפינען די בריק צו מיר, דעם שוין פאַרשוווּנדענעם. דו וועסט צערייסן דעם שוואַרצן זיגל, וואָס ער, אין זיין אָן־סופיקער אַלמאַכט און רחמים, האָט געלייגט אויף מיין קאַלט און פאַרשלאָסן מויל.

1957

די בריק

גאָר אין אָנהייב זענען זיי געווען זיבן. בלויז זיבן נייע מענטשן. מיט לאַנגע, גלאַנציקע שפּאַדלעס האָבן זיי איבערגעוואָרפן די ערד. ביז ס׳איז ניט געקומען דער פּוילישער. אָבער דעמאָלט, ווען ס׳איז געקומען דער פּוילישער, האָט זיך גראָד אָנגעהויבן דער אַראָפּגאַנג אונטן, צווישן די בערג. אויפן דריטן טאָג, צי אויפן פערטן, האָט זיך אינעם תהום אויך אַראָפּגעלאָזט דער בולדאָזער מיטן רויטן יונג. דעם זעלביקן טאָג, בעת די זון איז נאָך ניט דערגאַנגען צום דרומדיקן הימל־געוועלב, האָט מען געוואַרט ס׳זאָלן אָנקומען די ערשטע צעמענט־זעקלעך פאַר דער בריק. דעמאָלט איז אויך אויף דער קעגנאיבערדיקער באַרג־זייט געלעגן אַ פליסיקער, טונקעלער שאָטן. ער האָט זיך פּאַוואָליע געגליטשט איבערן שפּוע — אַ דורכזיכטיקער, אַ שיטערער. מ׳האָט געקענט מיינען: עמעצער האָט דאָ פאַרוואָרפן איבער דער באַרג־וואַנט אַ גרויע, געפלאָכטענע פישער־נעץ.

זיי זענען אַלע געלעגן, די מענטשן, אויף דער ערד אונטער דעם אויפגעשטעלטן ברעזענט־דעכל און געקוקט איבערן פעלד. די ערד אונטער זיי האָט ניט געהאַט קיין שום ריח. טויטע ערד, וואָס איז אומצאָליקע דורות ניט געוואָרן געאַקערט. זיי זענען געלעגן אויף איר האַלב־אויסגעשטרעקט, האַלב־זיצנדיק. דאָס גרויע ברעזענט־דעכל האָט פון אויבן שוין אָנגעהויבן אַדורכצולאָזן די פרימאָרגנדיקע היץ. מתחילת האָט זיך הינטערן הויכן זאַמד־באַרג באַוויזן דעם אויפזעערס קאָפּ. זיין קיילעכדיק היטעלע, אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן, האָט אויסגעזען פון דער ווייטנס ווי ס׳וואָלט אויפן קאָפּ ביי אים געזעסן אַ געפּאַנצערטער שלאַכט־העלם פון מעש. אַ סך טונקל־מעשענע פונקען האָט עס אָפּגעשלאָגן פון זיך. אפשר איז עס געווען דערפאַר, וואָס ס׳איז געווען זונטיק. תמיד גלאַנצט זיין טעמבל־

היטעלע נאָכן אויסוואַשן אין דעם־אַ טאָג. אויך דערפֿאַר, וואָס גראָד אַנט־קייגן אים גייט־אויף די זון מיט איר נאַרוואָס געבוירן, פּאַרטאַגיק, מעשן פּייער. דער קאָפּ זיינער האָט זיך שנעל אַרויסגעהויבן פון הינטערן שפּיץ פון זאַמד־באַרג. באַלד האָבן די מענטשן אים געזען אַראָפּלויפן ראַפּטאָם פון בערגל — אין די קורצע הייזלעך און נאַקעטע קני. נאָך אים איז געלאָפן דער מאַראָקאַנער. ער האָט געטראָגן, דער מאַראָקאַנער, אויפן אַקסל עפּעס אַ צונויפגעלייגט ווייס־הילצערן געשיר. קיינער פון די מענטשן האָט ניט געוווסט וואָס דאָס איז אַזוינס, וואָס דער מאַראָקאַנער טראָגט פאַרוואָרפן איבערן אַקסל. אַפילו ווען ער איז געבליבן שטיין גאָר נאָענט — האָבן די ליגנדיקע נאָך ניט געוווסט וואָס דאָס איז. דער אויפזעער, אדון גיל, האָט גיך איבערגעוואָרפן פון איין מוילווינקל צום צווייטן זיין קיילעכדיק ציגאַ־רעטל. דאָס ציגאַרעטל האָט געהאַט אַ ברוין־גאָלדיק רייפל, וואָס איז געלעגן קרומלעך איבער זיינע ליפּן. ער האָט נאָך פון דער ווייטנס, פונעם בערגל, אַראָפּגעשריגן צו די מענטשן, ניט אַרויסנעמענדיק דאָס ציגאַ־רעטל פון צווישן די ליפּן:

— כולם ישנם ??? *

די וואַרטנדיקע, וואָס זענען ביז איצט נאָך געלעגן אונטערן ברעזענט־דעכל אינעם צעזיפּטן, וואַרעמען שאָטן, האָבן זיך מיט אַ מאָל אויפגעשטעלט. וואַקלענדיקע זענען זיי אַלע אַרויסגעגאַנגען פון דער שאָטן־נעץ און געבליבן שטיין אין האַלבן קרייז אין דרויסן. אינצווישן האָט דער מאַראָקאַנער גאָר פאַרזיכטיק דאָס אויסטערלישע געשטעל פון זיין רעכטן אַקסל אַראָפּגע־לאָזט אויף דער ערד.

— דוכט זיך, אַז ס׳פעלט עמעצער... מי חסר ? — האָט דער אויפזעער אויפסניי איבערגעוואָרפן דאָס טליענדיקע ציגאַרעטל פון רעכטן מויל־ווינקל צום לינקן.

די וואַרטנדיקע מענטשן האָבן זיך איבערגעקוקט. זייערע פּנימער זענען געווען בלאַסע, פאַרוואַקסענע, בלוטלאָזע ווי פון דערטרונקענע. זייערע בליקן, מטושטשדיקע, ניט אויסגעשלאָפענע, האָבן עמעצן געזוכט.

* זענען אַלע דאָ ?

— דער פוילישער!!!

— מי ?...

דער אויפזעער האָט איצט געטרעטן דאָס טליענדיקע ציגאַרעטל מיטן שפּיץ פון זיין שוך. אַ צעריסענער בלאָלעכער רויך האָט זיך גענומען קרייזלען און געפּרוּווט אויפהויבן אין דער הויך. ער איז אָבער באַלד, דער רויך, אונטן צערונען געוואָרן צווישן טרוקענעם, טויטן זאַמד.

— דער פוילישער פּעלט!!...

— דער מיטן שוואַרצן קאַפּעלושל!...

— ער פאַרשפּעטיקט דאָך תמיד!!

— ר'איז אוודאי נאָך ניט פאַרטיק געוואָרן... מיטן ווייב!...

די מענטשן האָבן גרוי און הויל געלאַכט. דאָס ווידערקול אין אַ ליידיקן, פאַרלאָזטן ברונעם. אַ גרוי, הויל געלעכטערל, פול מיט הילפלאָזיקייט און אונטערטעניקייט, וואָס אַרבעטסלאָזע מענטשן טראָגן תמיד אויף די ליפּן, כדי אויפן אויפזעערס פּנים אַרויפצוברענגען כאָטש אַ שאָטן פון אַ שמייכל. זייער געלעכטער האָט זיך אַפילו אָפּגעשלאָגן אינעם קייגנאיבערדיקן, ליידיקן באַרג־חלל. דאָס ווידערקול איז פון דאָרט צוריקגעקומען עטלעכע מאָל — צעברעקלט און העשנדיק, ווי פון אַ פאַרקראַמפּטן האַלדז.

דער אויפזעער, אדון גיל, האָט ניט געלאַכט מיט די מענטשן. ער האָט בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אונטערגעהויבן דאָס היטעלע, ווי ער וואָלט טאַקע אונטערגעהויבן אַ געפּאַנצערטן העלם פון מעש. נאָכאַמאָל האָט ער מיטן שפּיץ שוך געטרעטן דאָס לאַנג־דערשטיקטע ציגאַרעטן־העלדזל. מיטביידע הענט האָט ער אָנגעהויבן צו זוכן אין די קעשענעס. ער האָט געוואָלט עפּעס פאַרשרייבן אין נאָטיץ־ביכל. אין דער רגע איז פון הינטערן זאַמד־באַרג אַראָפּגעלאָפן אַ דאַר, הויך מענטשל מיט אַ שוואַרץ קאַפּעלושל אויפן קאָפּ.

— אָט לויפט ער, דער פוילישער!...

— טשאַפּלין מיטן קאַפּעלושל!...

— ברוך הבא!... — האָט דער תימנער מיט די לאַנגע, געקרייזלטע פּיאות, פאַרלייגטע הינטער די אויערן, אים אַקייגנגעטראָגן זיין געלע,

טרוקענע האַנט. אָבער אין דער רגע האָט דער מאַראָקאַנער אין תימנערס אויסגעשטרעקטער האַנט אַריינגעלייגט איינעם פון די שפּאַדלעס.

דער פּוילישער, וואָס איז אַראָפּגעלאָפן פון באַרג, האָט געהאַט אַ דין, פלאַטשיק פּנים ווי פון אַ יינגל. די העל־ווייסע הויט פון זיינע איינגעפאַלענע, דורכזיכטיקע באַקן האָט געגלאַנצט פון שוויס־טראָפּנס ווי פון צעשמירטן אייל. פון אונטערן וויכן, שוואַרצן קאַפּעלוש־ראַנד האָבן אַרויסגעקוקט זיינע אויגן — טריבלעכע, דערשראָקענע און מיטן בלאַסק פון תמימות־שעפּסעשער בהלה. זיינע טונקעלע הויזן האָבן נאָך געהאַט שאַרפע, דין־פאַרפרעסטע קאַנטן. די שיך — שווערע, פּוילישע, מיט אַ מאַטן גלאַנץ, האָבן געוואָרפן פון זיך אין דער אַרומיקער פעלדזוניקייט צעבראָכענע, אָבלדיקע פונקען. זיין רעקל איז געווען אָפן. ס׳איז געהאָנגען לויז איבער זיין דינעם, איינגעפאַלענעם גוף. ער האָט געמוזט זיין, דער פּוילישער, אַ שטאַרק קנאָכיקער, וואָרעם אַפילו די פּלייצע האָט זיך אים געקרומט ווי אַ האַלבער בויגן. מ׳האָט באַשיימפערלעך געזען די צוויי אָפּשטייענדיקע שאַרפע, פּלייצע־קנאָכן. איבער זיינע אַקסלען איז געהאָנגען פאַרוואָרפן דאָס רוקזעקל. הינטערן לייוונטענעם, אָפענעם העמד זענען אַרום זיין ברוסט געזעסן איינזאַמע האָר־אינדזעלעך — גרויע, פאַרקרייזלטע, מיט קליינע, פינקלענדיקע שוויס־טראָפּנס.

— פאַן גיל... אדון גיל... — האָט דער פּוילישער זיך פאַרריכט דאָס קאַפּעלושל און עפּעס אָנגעהויבן צו זוכן אין דער הויזן־קעשענע. אָבער דער מאַראָקאַנער האָט פון הינטערווילעכטס אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל. די האַנט האָט מיט אירע הייסע פינגער אַפילו אָנגערירט דעם פּוילישנס האַלדז. דער פּוילישער האָט זיך אומגעדרייט. דעם מאַראָקאַנערס אויגן האָבן צו אים געשמייכלט מיט אַ צעשמאָלצן, וואָרעם, פרעמד פייער.

— אישה, כן?... הריון, כן?... יהיה בן!...*

דער פּוילישער האָט ניט פאַרשטאַנען קיין איינציק וואָרט. ער האָט בלויז צוריקגעשמייכלט צום מאַראָקאַנערס פּנים. דאָס פרעמדע געזיכט

* ס׳ווייב, יאָ?... שוואַנגער, יאָ?... ס׳וועט זיין אַ זון!...

האָט אויף אים געררוט מיט זיין טונקל־הויטיקייט און טיף־ברוינער אויגן־קאָליר. אַ קופּערנע, גוטע לבנה. דער פּוילישער האָט גיך פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס רוקזעקל, דערנאָך דאָס רעקל. אַלץ צונויפגעוויקלט, האָט ער עס אַוועקגעלייגט אינעם שאָטן אונטערן ברעזענט־דעכל. ער איז געבליבן שטיין צווישן די מענטשן אין בלויזן העמד מיט די פאַרוויקלטע ערמל. פונעם קאַפּעלוש־ראַנד איז אויף זיין האַלב פאַרדעקט פּנים ביז צום מויל געפאַלן אַ פליסיקער, דורכזיכטיקער שאָטן, אַזוי ווי ס'וואָרפט אַ בלאַט אינעם וויגנדיקן ווינט.

לעבן אים, ביי דער רעכטער האַנט, איז געשטאַנען דער פּראָפעסאָר מיטן שמאָלן לאַנגן שפּאַדל, פאַרהויבן אויפן אַקסל אין דער הויך. ער האָט אויסגעזען אין זיין פייערלעכער אויסגעשטרעקטקייט ווי ער וואָלט פּרע־זענטירט אַ ביקס. זיינע ברילן, פאַרבונדענע אויף שנירלעך אַרום די גרויסע אָפּשטייענדיקע אויערן, האָבן געפינקלט אין באַגינענדיקן ליכט. ס'איז געוואָרן פלוצעם מילכיק־ווייס איבער זיי אינעם חלל. דעם פּראָפע־סאָרס דיקלעכע צעשויבערטע ברעמען זענען געלעגן אויף די קיילעכדיקע ברעגן פון די ברילן־רעמלעך. ער האָט געהאַט אַ שווערע, פליישיקע נאָז איבער די דינע, ניט־יידישע ליפּן, און אַ שמאָל, גרוי־טויטלעך בערדל. זייטיק האָט ער געפּליסטערט צום פּוילישן האַלב־דייטש, האַלב יידיש. דאָס איז געווען דער בולגאַר, דער פּראָפעסאָר, וואָס איז אָנגעקומען צו דער אַרבעט מיט אַ טאָג פריער, איידער ס'איז דאָ אָנגעקומען דער פּוילישער. צווישן די אַכט מענטשן האָבן פינף געטראָגן ברילן. זיי זענען אַלע געווען שטילע, שאָטנהאַפטיקע, פאַרטראַכטע ווי ווערבעס. אַלע האָבן זיי געהאַט פאַרבויגענע אַקסלען פון שטענדיקן זאַמד־גראָבן און פון האַלטן זייערע אויגן געווענדט אַראָפּ צו דער ערד. דער איינציקער, וואָס איז געווען יונג, איז געווען דער מאַראָקאַנער — דער שטענדיקער געהילף פון אדון גיל. זיינע פולע, אָפּגעברענטע הענט האָבן אויסגעזען ווי די הענט פון אַ שווער־לייביקער פרוי. זיין ברוסט — אַ ברייטע, אַ פולע, איז געווען איבערגעלאָפן מיט אַ ווייבלעכער, מוטערלעכער פולקייט. אין סאַמע מיט פון זיין פאַר־טיפטן ברוסטקאַסטן איז געהאַנגען אויף אַ דין קייטעלע אַ גילדענער מגן־דוד. ער האָט געהאַט, דער מאַראָקאַנער, קורצע פיס, אַ נידעריק־אַראָפּ־

פאַלנדיקן בויך און קליינע שווערע וואָנסעלעך פון פעך־קאַליר. בעת ער האָט געלאַכט האָט דער מגן־דוד אויפן גילדענעם קייטעלע ביי אים אונטערגע־טאַנצט אין דער פאַרטיפונג צווישן זיינע ביידע איבערגעלאָפּענע, באַהאָרטע בריסטן.

ס׳האָט אוודאי געמוזט מיט דורות צוריק די מענטשן עפּעס פונאַנ־דערשיידן און זיי דערווייטערן פון זיך ווי ס׳טוט אַ מבולדיקער וואַסער־פלייץ, וואָס רייסט זיך אַריין אויף דער ערד, צערייסט דאַמבעס און צעטיילט די ערד דורך אומצאָליקע וואַסער־אָרעמס אויף אַ סך וויסטע, אָפּגעריסענע ברעגן. איצט שטייען זיי אַלע דאָ, נאָכן מבולדיקן איבערפלייץ, שטומע, אָפּגעזונדערטע, איינזאַמע אויף די ערד־ברעגן. זיי קוקן איבערן פעלד־חלל ווי שעפּסן, וואָס בלייבן פּלוצעם שטיין אויפן ברעג ביי אַ וואַסער. פאַרחידושטע זוכן זיי אַ שמאָל האַלץ־בריקל, וואָס זאָל זיי ווידער פאַר־בינדן מיט דער האַרטער, גרינער ערד.

כאָטש די מענטשן האָבן גאָר שווער איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן זייערע מחשבות מחמת דער דורותדיקער אָפּגעפרעמדקייט, האָט זיי פונ־דעסטוועגן דאָס טעגלעכע, איינגעבויגענע ערד־גראָבן דערנענטערט צו זיך, אַפילו אָן לשון. וואָס מערער זיי האָבן צוזאַמען איבערגעוואָרפן זאַמד־בערג — אַלץ נענטער זענען זיי געקומען צו זיך, גראָד ווי אין די איבערגעוואָר־פענע טויטע ערד־גרודעס וואָלט געלעגן פאַרזיגלט דער גאַנצער סוד פון זייער דורותדיקער אָפּגעפרעמדקייט. און דער זיגל פון מענטשלעכער אָפּגעפרעמדקייט איז צווישן זיי ביסלעכוויז צערינען דורך די באַפרייטע ערד־גרודעס, אַרויסגעוואָרפענע אויפן אויבערפלאַך אונטער דער זון, ווי ס׳צעשמעלצט אַ וואַקס־זיגל ביי אַ שטאַרק, ליכטיק פייער. ס׳איז געווען גענוג געווען אַ ווימפּערן־ציטער, אַ האַנט־תנועה, אַ הויב מיטן אַקסל, אָדער גאָר אַ צעבראָכן, ניי וואָרט, וואָס זיי האָבן ערשט געלערנט דאָ, אויפן פעלד. אַזוי לערנען אויסגעבריטע פייגל, בעתן ערשטן פלי, דעם ציטערדיקן באַריר מיט דער ערד אונטער זייערע שוועבנדיקע, דערשראָקענע פויגלשע פיס.

די מענטשן זענען איצט געגאַנגען איינער הינטער דעם צווייטן. אַ שמאָל, שטייניק באַרג־סטעזשקעלע האָט זיי געפירט אַראָפּ פונעם הויכן אָרט. אויף יעדנס אַקסל האָט זיך געוויגט דער גלאַנציקער שפּאַדל. בלויז דער מאַראָ־

קאַנער, וואָס איז געגאַנגען דער ערשטער הינטער דעם אויפזעער, האָט אויף זיין אַקסל געטראָגן דאָס אויסטערלישע, הילצערנע געשטעל, וואָס קיינער פון די מענטשן האָט ניט געוווסט וואָס דאָס איז אַזוינס.

דער פּראָפעסאָר האָט גייענדיק הינטערן פּוילישן צו אים אַריבערגעפּליסטערט, ווי ער וואָלט אים אַנטפּלעקט אַ סוד:

— סאַ־האַ־ראַ!... ס׳וועט זיין היינט הייס, קאַמעראַד!... הייסער ווי נעכטן!...

— מ׳עט מוזן באַלד אַראָפּוואַרפן די מכנסים!...

— און אפשר — די הויט אויך!.. ווען זיי קייגנאיבער, איבערן באַרג...

דאָס האָט געזאָגט דער רומענישער. ער איז געגאַנגען פאַרן פּוילישן און געהאַלטן דעם שפּאַדל אונטערן אָרעם. דער רומענישער האָט לייכט אונטערגעהינקט אויפן לינקן פוס. דער פּוילישער איז ערשט געווען דאָ די צווייטע וואָך און צוויי מאָל האָט ער שוין אַדורכגעלאָזט די אַרבעט. אַלע האָבן געוווסט, אַז גאָר אויבן, הינטער דער גרויער באַרג־קייט, ליגט דאָס פאַרלאָזענע חרובע דאָרף. פון אויבן דראָט ניט קיין שום סכנה, וואָרעם דער באָדן איז דאָרט פאַרצוימט מיט געדיכטן שטעכלדראָט. אַלע בנינים ליגן דאָרט צעפּאַלענע. ווייטער פון צפון: דער זאַמדיקער גרענעץ־כביש, וואָס איז אַוודאי אויך מינירט. צווישן די טויטע אַליוון־ביימלעך ליגן אונדזערע. בלעטער־נעצן און צווייגן פאַרדעקן זייערע פאַרטייעטע, אויסגעשטרעקטע גופים. זייער אויג וואַכט און לויערט...

דער פּוילישער האָט געזען, אַז דער תימנער האַלט זיין שפּאַדל גאָר הויך איבער זיך. ער איז געגאַנגען, דער תימנער, דער ערשטער אין דער ריי און הייזעריקלעך אונטערגעזונגען. דער פּוילישער האָט די גאַנצע צייט ניט געקענט אַראָפּנעמען זיינע אויגן פונעם תימנערס אויפגעהויבענעם, וויגנדיקן שפּאַדל. אים האָט זיך געדוכט, אַז דער תימנער טראָגט גאָרניט איבער זיך אַ שפּאַדל, נאָר אַ וואַקלדיקע, שוואַרצע טרויער־לאָמפּ.

זיי זענען אַראָפּ נידעריקער. דער אויפגעהויבענער זאַמד־באַרג איז געבליבן אין דער הויך: אַ שטאָק שטיגן. ס׳איז נאָך געבליבן אַראָפּצוגיין אַ צוויי שטאָק. אונטן, צווישן די אויפגעהויבענע בערג־ווענט, האָט זיך געשלענגלט דער טונקעלער וואַדי. פון אויבן האָט ער אויסגעזען, דער

וואַדי, זייער שמאָל. שפּעטער, אַז מ׳איז אַראָפּ אונטן, האָט מען געזען: ער האָט געהאַט די ברייט פון אַ דאָרף־כּביש.

גאָר אונטן האָט מען אויך געזען: אויף ביידע זייטן פונעם באַרג־שפּוע קוקן־אַרויס די טונקל־גרינע, צעשויבערטע גראָזן־קופּקעלעך. זיי וואַקסן אַרויס פונעם שיטערן ווייסלעכן זאַמד. קוים, קוים הייבן זיי אַרויס פון דער ערד זייערע ברוינלעך־רויטע און אויך זילבערנע וואָרצלען. דאָ, ווו די מענטשן זענען איצט אַראָפּ נידעריקער, איז געלאָפן אַ קילער לופט־שטראָם, וואָרעם דער וואַדי האָט זיך געצויגן פון מערב צו מזרח. דערפאַר האָט דער ווינט פון ים געקענט דאָ פריי, אפילו פון ווייטע מרחקים, אַדורכלויפן די נידעריקע, איינזאַמע ערד. ווען די מענטשן זענען אַראָפּ נאָך נידעריקער, האָט אַ גרויסער פליסיקער שאָטן פאַרדעקט די קייגנאיבערדיקע באַרג־וואַנט, וואָס איז געלעגן צו דרום. די זון האָט נאָך ניט געהאַט פאַרלאָזט דעם הימל־געוועלב אין מזרח, אַזוי אַז דער באַרג־שאָטן ,וואָס איז דאָ געלעגן, האָט נאָך געהאַט אין זיך די גוטע סוב־טראָפּישע נאַכט־קילקייט. אַסך פאַרגליווערט־פינקלדיקע זילבער־טראָפּנס פונעם נאַכט־טל האָבן נאָך געציטערט אויף די טרוקענע, איינזאַמע וואָרצל־גראָזן. ס׳האָט אויסגעזען ווי עמעצנס אַ סודותדיקע האַנט האָט דאָ, אין מיטן נאַכט, צעשיט שנירלעך דימענטן. איצט מיניען זיי אַזוי צניעותדיק און קיל מיט שיינע באַגינען־פייערן ביי די פאַרשטויבטע שיך פון די אַראָפּגייענדיקע מענטשן.

בעת די מענטשן זענען אַריין אינעם באַרג־שאָטן האָבן זיי פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די אויפגעהויבענע שפּאַדלעס. דער מאַראָקאַנער מיטן אויס־טערלישן געשטעל אויף די אַקסלען האָט זיך אָפּגעטיילט פון די איבריקע. ער איז געלאָפן לענגאויס דעם וואַדי צו מערב. ער איז אַזוי געלאָפן אַ הונ־דערט שריט, זיך אויסגעדרייט און געבליבן שטיין. ער האָט עפּעס צוריק־געשריגן צום אויפזעער. אדון גיל האָט געמאַכט אַ פּאָר שריט לינקס אויף הינטערווייַלעכץ, פאַרמרוזשעט דאָס לינקע אויג, געמאַכט פון דער רעכטער פויסט אַ שפּאַקטיוו און צוגעטראָגן די פויסט צום אָפּענעם, רעכטן אויג. מ׳האָט געזען ווי דער מאַראָקאַנער נעמט־אַראָפּ פון די אַקסלען דאָס געשטעל און לאָזט עס שטיין אויף דער ערד. דערנאָך האָט ער דאָס געשטעל, אַן אויסגעשפּרייטס אויף דריי דינע, שלאַנקע פיסלעך, פאַרפעסטיקט

אין דער ערד. ער האָט זיך איינגעבויגן און לאַנג געקוקט אַהער צו די שטייענדיקע מענטשן.

— שמאלה, מאַרקאָ!!!... יותר שמאלה!...* — דעם אויפזעערס קול האָט זיך געטראָגן צו מערב, נאָר דער ווינט האָט עס אומגעקערט קיין מזרח, אַזוי אַז דער מאַראָקאַנער האָט ניט געהערט דעם אויפזעערס רוף.

— יותר שמאלה, מאַרקאָ!!!... שמאלה!... — האָט אדון גיל געפאָכעט מיט די הענט אויף לינקס הינטער זיך. — דער מאַראָקאַנער האָט איצט פאַרשטאַנען. ער האָט איבערגערוקט דאָס צעשפּרייטע הילץ־געשטעל אויף לינקס. ערשט איצט האָט דער אויפזעער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס היטעלע אינעם שאָטן. מיטן אָפּגעדעקטן קאָפּ איז ער געגאַנגען אינעם סאָמע מיט פון וואָדי צום אויפגעשטעלטן פעלד־מעסטער.

ביידע, דער אויפזעער און דער מאַראָקאַנער, זענען לאַנג געבליבן דאָרט שטיין. פון דער ווייטנס האָבן זיי ביידע אויסגעזען ווי צוויי קאַרליקעס. איטלעך מאָל האָט אַ צווייטער זיך געבויגן צום געשטעל און געקוקט אין דער ריכטונג פון די וואַרטנדיקע. דער פּוילישער האָט אַלץ נאָך געהאַט אַ שווער געפיל ווי ער וואָלט געווען אַ באַטרונקענער. עפּעס אימהדיקס און בהלהדיקס איז געלעגן אין זיינע טריבלעכע אויגן, ווי תמיד ביי מענטשן, וואָס קומען פון דער פרעמד, פון אַן אַנדער ערד. נאָך פריער, אַראָפּגייענדיק פון באַרג־שפּוע, האָט זיך אים געדוכט: אָט גייט ער דאָ אַראָפּ, אַראָפּ, שריט ביי שריט, גראָד ווי דעמאָלט... דאָרט... מיט נאָך יידן... הינטער דער אויש־וויצער ציגעלניע... אונטן, צווישן די אוישוויצער זאַמד־בערג, ליגט דער טויטן־טאָל... דאָ פירט מען יעדן טאָג צו דער אַרבעט — די קראַנקע, די שוואַכע... זיי טראָגן אַ שילד: „אַרבעט מאַכט פריי״... ביי די זייטן זיי: אויסגעצ־פּוצטע... שוואַרץ־לויכטנדיקע שטיוול... איבער די בייכער — קורצע, שוואַרצע ביקסלעך... ס'וועט אַפילו ניט זיין קיין ווידערקול צווישן די זאַמד־בערג. בלויז: אַן איבערגעריסן געשריי פון אַ פאַלנדיקן. אַזוי שרייט טיילמאָל אַ נאַכט־פויגל: אַ פאַרשטומטער, אַ פאַלנדיקער פון פינצטערן הימל־חלל...

---

* מער אויף לינקס, מאַרקאָ!...

און בעת דער מאַראַקאַנער און דער אויפזועער האָבן פון דער ווייטנס געקי־רעוועט מיטן שמאָלן, שוואַרצן געשיר אויפן הילצערנעם געשטעל גלייך צו די מענטשן דורכן וואַדי — האָט זיך דער פּוילישער אָ כאַפּ געטאָן ביים האַרץ. ער האָט אַרויסגעלאָזט פון דער קעל אַ דערשטיקט געשריי — דין, שאַרף און אָפּגעהאַקט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָרט, הונדערט מעטער פון אים, קירעוועט זיך צו זיין האַרץ די דינע, שוואַרצע לופע פון אַן אויסגעשטרעקט ביקסל... ער האָט טאַקע אַרויסגעלאָזט אַזאַ פויגלש־מענטשיש געשריי פון זיין איינגעפאַלן מויל. דעמאָלט האָט ער זיך אָנגע־כאַפּט פאַרן פּראָפעסאָרס אָרעם. דער פּראָפעסאָר, אַביסל אַ צעטומלטער, האָט צו אים פרידלעך געשמייכלט פון הינטער די ברילן:

— איזט אינען ניכט וואָהל, הער קאַמעראַד?...

— ניין, ניין... גאָרניט ניט... גאָרניט... די היץ!... די היץ!...

דער פּראָפעסאָר האָט אַראָפּגענומען דאָס רעכטע בריל־הענטל. ער האָט שטראַמער אָנגעצויגן דאָס גרויע שנירל אַרום זיין גרויס אויער־לעפל. דערנאָך האָט ער זיך איינגעבויגן צום פּוילישן און אים געפּליסטערט נאָענט אונטערן אויער:

— קענען זי, הער קאָלעגע, די מעטאַמאָרפאָזיס?...

— וואָס? — האָט דער פּוילישער צוגעטראָגן זיין פּנים כמעט צום פּראָפעסאָרס געפּלאַצטע ליפּן.

— די מעטאַמאָרפאָזן דעס אָווידיוס?

דער פּוילישער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אין אַ קרומען, פאַרשעמטן גרימאַס. דער פּראָפעסאָר האָט ניט געוווסט וואָס ס'מיינט די תנועה פון פּוילישן: יאָ, צי ניין. דער שפּאַדל אין פּראָפעסאָרס האַנט האָט אַביסל אונטערגעציטערט. זיין ברייטער געלער שוך, אַן איבערגעצויגענער מיט אַ גילדן הייטל פון געלן זאַמד, איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אויפן אונטערשטן טייל פונעם שפּאַדעל.

— שאָוען זי... — האָט ער זיך אויפסניי צוגעבויגן צום פּוילישן, בעת זיינע אויגן הינטער די ברילן־גלעזער האָבן געפינקלט מיט אַ גרינלעכן בליאַסק ווי פון פריש גראָז — שאָוען זי... די ערדע... די קליינע שטיינכען... דאָס גראָז... אַללעס איזט מעטאַמאָרפאָזע... אויך די צייט... די מענטשן...

דאָס לעבען... און דער טאָט... יעצט איזט די צייט פיר אונס אַנדערש צו ווערדן.. אַנדערע מענטשן...

הינטער דעם פּראָפעסאָר האָט דער תימנער געהאַלטן איןביידע האַנט־פלאַכן אַביסל טרוקן זאַמד, וואָס ער האָט אויפגעהויבן פון צופוסנס. ער האָט פונעם זאַמד אַרויסגעבלאָזן די קליינע צעבראָקלטע שטיינשפּלי־טערס, ווי מען בלאָזט אַרויס האָבערלעך און גערעדט צו זיך אַליין:

— זה לא אדמה!... לא אדמה!... זה זהב!...*

דערווייל איז אָנגעלאָפן פון דער צווייטער זייט דער מאַראָקאַנער. דער אויפזעער איז געבליבן שטיין דאָרט, ווו ס'איז געשטאַנען דער פעלדמעסטער. מאַרקאָ האָט צעטיילט די מענטשן צו פיר אויף ביידע זייטן פונעם ריוו. ער האָט דערנאָך אַריינגעזעצט אין דער ערד קליינע הילצערנע שפּענדלעך און איבער זיי געצויגן נידעריקע שנירלעך כמעט בײַ דער ערד. אין דער שאָטן־זייט מיט די שפּאַדלעס זענען געשטאַנען: דער פּוילישער, דער פּראָפעסאָר, דער תימנער און דער רומענער.

אַלע האָבן זיי פּאַוואָליע אָנגעהויבן צו גראָבן די ערד לענגאויס דעם אָנגעצויגענעם שנירל. דאָס זאַמד האָבן זיי געוואָרפן הינטער זיך, העכער אויפן באַרג אַרויף. אויף דער צווייטער זייט באַרג, ווו ס'איז ניט געלעגן דער שאָטן, איז געשען דאָס זעלביקע. אויך דאָרט האָבן די מענטשן געוואָרפן דאָס זאַמד הינטער זיך. זיי האָבן אַלע געאַרבעט פּאַוואָליע, פאַרטראַכטע, געקוקט אָפט צו דער זון — און לאַנג געהאַלטן זייערע פיס אויף די שפּאַד־לעס. ניט אומעטום איז די ערד געווען נאָכגיביק. אַסך צעבראָכענע פעלדז־שטיינדלעך האָבן געקריצט איבערן שאַרפן בלעך פון די שפּאַדלעס. די מענטשן האָבן באַלד אָנגעהויבן צו ווישן זיך דעם שווייס. די וואָס זענען געשטאַנען אין באַרג־שאָטן, האָבן געאַרבעט שטילע, פאַרשוויגענע. דאָס האָט געדויערט אַ שעה. דער אויפזעער איז איצט געשטאַנען ניט ווייט פון זיי אויפן בערגל און אַראָפּגעשריגן:

— יודעים איזה עבודה כאן?...

— וואָס זאָגט ער? — האָט דער פּראָפעסאָר זיך געווענדט צום פּוילישן.

---

* דאָס איז ניט ערד... ניט ערד... דאָס איז גאָלד!...

דער פּוילישער האָט ניט געענטפערט. ער האָט אַרויסגעוואָרפן אַ פולן שפּאַדל זאַמד, וואָס ער האָט לאַנג געהאַלטן צופוסנס. דער תימנער האָט אויסגעשריגן:

— מחפשים זהב!...*

— כאן יהיה גשר!! — האָט דער אויפזועער צעשפּרייט זיינע ביידע הענט און געוויזן אויף דעם באַרג־שפּוע.

— וואָס איזט דאָס געשער? — האָט דער פּראָפעסאָר אויפסניי זיך אויסגעדרייט צום פּוילישן.

— גשר אַ בריק, נשר — אַן אָדלער!... — האָט אַהערגעשריגן דער רומענישער — הער פּראָפעסאָר! שוין צייט צו גיין אין חדר!... דאָ וועט שטיין אַ בריק!...

— איינע בריקקע?...

— יאָ, אַ בריק!... האָט דער אויפזועער אַראָפּגעשריגן אויף יידיש — גשר מעל התהום!!!...**

— געשער... נעשער... געשער... געשער... אַך, גאָט!... — האָט דער פּראָפעסאָר פאַר זיך אַליין איבערגעחזרט עטלעכע מאָל די פרעמדע אויס־טערלישע ווערטער, ווי דאָס וואָלטן געווען ווערטער פון אַ תפילה. ער האָט אָנגעהויבן אויפסניי מיטן שפּאַדל אַרויפצוּוואַרפן דאָס שיטערע, געלע זאַמד. דערנאָך האָט ער מיט דער האַנט־פלאַך זיך לאַנג געווישט דעם שטערן איבער די ברילן.

אַזוי האָט זיך יענעם פאַרטאָג אָנגעהויבן איבערן שמאָלן שוואַרצן תהום די ערשטע אַרבעט ביים לייגן די בריק צווישן די צוויי אָפּגעטיילטע בערג, ניט ווייט פון פאַרלאָזטן, חרובן דאָרף.

*

דאָס איז געווען אויפן דריטן טאָג. ס'איז אָנגעקומען דער בולדאָזער. נאָך אים האָט געדאַרפט אויך אָנקומען דער קאָמפּרעסאָר. אויף ביידע זייטן

---

* מע זוכט גאָלד!...

** אַ בריק איבערן אָפּגרונט!...

זענען שוין געלעגן אָנגעוואָרפן די הויכע זאַמד־בערג. מ׳האָט געמוזט וואַס גיכער צונעמען די אַרויסגעוואָרפענע ערד, וואָרעם דאָס זאַמד האָט זיך צוריק אַראָפּגעגליטשט אינעם וואַדי, ווי דאָס וואָלט געווען אַ שניי־לאַווינע. אונטן, אין סאַמע דנאָ פון תהום, האָט זיך באַוויזן אַ שוואַרצער, ברייט־געפּלאַטשעטער פעלדז־אָדער מיט אַ סך באַרג־שטיינער. די שפּאַדלעס האָבן זיי ניט געקענט אַרויסהויבן פון דער ערד־פאַרקלעמטקייט. דאָס האָט געדאַרפט העלפן דער קאָמפּרעסאָר. דער אויפזעער אדון גיל האָט זיך פון באַלד באַגינען געסודעט מיטן מאָראָקאָנער. טיילמאָל האָבן זייביידע געבליקט קיין צפון, ווו ס׳הענגט דער גרוילעך־ראָזעווער נעפל איבערן חרובן דאָרף. דער בולדאָזער איז קוים, קוים אַריינגעפּאָרן פונעם באַרג אינעם וואַדי. ער איז אָנגעקומען בעת די מענטשן זענען נאָך ניט געווען. בעת ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע אויפן סאַמע שפּיץ פון באַרג־שפּוע האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט זיך באַלד אַראָפּקייקלען פון באַרג אין תהום. אָבער דאָס איז ניט געשען. ער האָט זיך פּאַוואָליע, פּאַוואָליע געררוקט אַראָפּ, ביז ער איז אָנגעקומען צו די זאַמד־בערג, וואָס די מענטשן האָבן בעת די צוויי טעג אַרויסגעוואָרפן מיט די שפּאַדלעס.

ס׳איז געקומען די שעה פון פרישטיק. איבערן וואַדי איז געהאָנגען די זון צעשמאָלצן אין איר זומערדיק פײַער. די לופט לענגאויס דעם תהום האָט געציטערט. וואָס נידעריקער — אַלץ מערער האָט דער חלל איבער אים געפּאַליעט ווי אַ באַוועגלעכער וואַסער־פלאַך. די מענטשן זענען געזעסן אינעם וואָרעמען שאָטן אונטערן ברעזענטענעם דעכל. מיט די פּיס, געשטרעקטע פאַר זיך, האָבן זיי אויפגעוויקלט די שפּייז־פּעקלעך. זייער ברויט איז געווען פאַרוויקלט אין אַלט, צעקנייטשט צייטונגס־פּאַפּיר. דער פּוילישער איז ווידער היינט געקומען אַ פאַרשפּעטיקטער. דאָס מאָל האָט זיין פּנים געלויכטן. מיטן סוד האָט ער געוואָרט אויף שפּעטער: צו מיטאָג־שעה וועט ער אַרויסנעמען פון רוקזעקל דאָס פלעשל פּוילישן שפּירט מיטן בלויען עטיקעט... ער וועט אַלע מכבד־זיין... איז עס דאָך זיין ערשטער זון, דאָ, אויף דער דאָזיקער ערד... ער וועט האָבן אַ גוטן סימן: אויפן דריטן טאָג, בעת מ׳האָט גענומען שטעלן די בריק צווישן די בערג... די

מענטשן זענען געזעסן אין אַ קרייז און געוואַרט אויפן אויפזעער. ער איז אַוועק מיטן מאַראָקאַנער צום באַרג־שפּיץ. אויך דער רויטער יונג פון בולדאָזער איז אַוועק מיט זיי. מסתם האָבן זיי דאָרט, הינטערן באַרג־שפּיץ, אַ קיל, שאָטנדיק אָרט. נאָך איידער די מענטשן האָבן אונטערן ברעזענט־דעכל פאַרענדיקט דאָס עסן — זענען אַלע דריי אַראָפּגעגאַנגען פון אויבן.

אַראָפּנידערגנדיק פון אויבן, האָט דער אויפזעער אדון גיל שוין פון דער ווייטנס דערזען ווי די מענטשנס קעפּ אונטן, אונטערן ברעזענט־דעכל, זענען אַלע פאַרבויגן איבערן צייטונגס־פּאַפּיר, פון וואַנען זיי האָבן פריער געגעסן זייער ברויט. ער האָט צו זיך אַליין געשמייכלט, דער אויפזעער. טאָג־איין, טאָג־אויס געשעט מיט די מענטשן דאָס זעלביקע: נאָכן עסן בלייבן זיי אַלע זיצן אינעם צעריסענעם שאָטן אונטערן ברעזענט־דעכל. זייערע אויגן, זאַטע און שטילע, בלאָנדזשען איבערן אַלטן, שאַרכנדיקן צייטונג־פּאַפּיר. דער פּראָפעסאָר — אַ פּאַרטיפּטער און ניט־דאַאיקער, האַלט נאָענט אונטער די ברילן די צעריסענע זייט פון אַ בולגאַרישער צייטונג, דער פּוילישער — דאָס צונויפגעלייגטע בלעטל פון אַ פּוילישער, דער רומעני־שער — אַ רומענישע און אַ שטיקל יידישע. בלויז דער תימנער פליסטערט עפּעס פאַרשעמט פון אַ דין סידורל פלינקע פסוקים הינטער דעם רומענישן. אדון גיל טראַכט דעמאָלט: די־אָ מענטשן — ניי־געקומענע, פרעמדע און הונגעריקע נאָך אַ היים — זענען אַלץ נאָך ניט דאָ... ווער ווייס, צי וועלן זיי אַמאָל דאָ זיין... דערווייל זיצן זיי יעדן טאָג צווישן זיך — איינזאַמע, פרעמדע, פאַרבויגענע. הונגעריקע שלינגען זיי די שורות פונעם אַלטן, טויטן צייטונג־פּאַפּיר. אדון גיל האָט עס אָנגערופן: די פּאַפּירענע בריק... די אַלטע פּאַפּירענע בריק, וואָס פאַרבינדט זיי נאָך מיט די פאַרלאָזטע, טויטע הימען... צי קען מען גיין אויף אַ פּאַפּירענער בריק?... סיידן — מ׳שוועבט... ער האָט עס געוווסט פון אייגענעם נסיון — כאָטש די צייטן זענען געווען גאָר אַנדערע... איצט, בעת ער זעט, ווי די מענטשן טרעטן אויף דער פּאַפּירענער בריק, טראַכט ער, דער אויפזעער: זיי ווייסן אַפילו ניט, אַז זיי אַליין — זענען אַ בריק... אַ בריק צווישן פונאַנדערגעטיילטע בערג איבערן תהום... אַ בריק איבערן תהום צווישן שבטים...

בעת דער אויפזעער און מאַרקאָ זענען אַראָפּ נידעריקער פונעם באַרג־

שפּוּע, האָט שוין דער בולדאָזער ווידער געאַרבעט. אַ סימן: די צייט פון פרישטיק איז פאַרענדיקט. דער שאָטן איז געוואָרן איינגעשרומפּן און צעריי־נען. בלויז אויבן, ביים סאַמע ברעג פון באַרג־שפּיץ, איז ער נאָך געפלאָסן אַ דורכזיכטיקער, אַ דינער, אַזאַ וואָס ס׳לאָזט איבער נאָך זיך אַ שוועבנ־דיקער וואָלקן. אָבער קיין וואָלקנס אין הימל זענען ניט געווען. דאָרט, אינעם שאָטן, האָט די ערד אויסגעזען שוואַרץ. דער אויסגעגראָבענער ריוו האָט זיך שוין געצויגן איבער דער גאַנצער לענג צווישן די בערג. די מענ־טשן זענען ווידער אַראָפּ. צו מיטאָג איז נאָך געווען דריי שעה. דער ערשטער האָט אויפגעהויבן דעם שפּאַדל — דער פּוילישער. ער האָט מיט אים גאָר לייכט איצט געפּאָכעט אין דער לופט. דערנאָך האָט ער, אַ שמייכלענדיקער אין זיך, די שוואַרצע שאָפל טיף און גרינג אַריינגעלאָזט אינעם זאַמד.

דער בולדאָזער האָט פּלוצעם זיך אָפּגעשטעלט. דער רויטער יונג האָט ברייט געפּאָכעט מיט די הענט — און אַראָפּגעשפּרונגען פון געזעס. ער האָט זיך אויסגעצויגן לענגאויס דעם בולדאָזער. פון גאָר אויבן, פונעם באַרג־שפּיץ, האָט זיך עפּעס שטייניק־דראָבנע געקרישלט. מאַרקאָ און דער אויפזעער האָבן געשריגן צו די מענטשן. זייער קול האָט אָוועקגעטראָגן דער ווינט. די מענטשן האָבן אַוועקגעוואָרפן די שפּאַדלעס און אַריינגעלאָפן אין ריוו. ליגנדיקערהייט האָבן זיי זיך געשיצט ביי די ווענט. דעם פּראָפעסאָר זענען ביים לויפן אַראָפּגעפאַלן די ברילן. בעת זיי זענען אַלע שוין געווען אין ריוו, האָבן זיי ערשט געזען: דער פּוילישער פעלט. ער איז געבליבן אויבן. אַביסל העכער, אויפן גלאַטיקן באַרג־שפּוּע.

ס׳איז ניט געווען אַזוי לייכט פון אונטן אויפצוהויבן דעם קאָפּ. גאָר נאָענט האָט איבער זיי אומאויפהערלעך זיך געקרישלט אַ דין ווינט־פּייפּעריי ווי דאָס פּלאַצן פון גלאָז. אַמאָל האָט געפּרוווט אויפהויבן דעם קאָפּ — דער רומענער, אַמאָל — דער תימנער. מאַרקאָ האָט איצט געפּויזעט לענגאויס דעם ריוו. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט יעדע פּאָר רגעס און פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין זאַמד. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער זיך אַרויפדראַפּען העכער — ווי נאָר דאָס קרישלענדיקע פייער וועט זיך איינשטילן.

שפּעטער האָט קיינער ניט געוווּסט ווי לאַנג ס׳האָט געדויערט. די זון איז שוין געשטאַנען נידעריק. דער שאָטן איז געלעגן אויף דער קייגנאיבער־

דיקער זייט פון באַרג־שפּוע. דער מאַראָקאַנער האָט דערנאָך אַלץ דערציילט. צי האָט עמעצער פון די מענטשן שוין געפּרוווט טראָגן אויף די פּלייצעס אַ פאַרוווּנדעטן? ס׳איז ניט געווען אַזוי לייכט אים אַרויפצולייגן אויף די פּלייצעס און מיט אים צופּויזען צום ברעזענטענעם דעכל. זיי זענען איצט אַלע געשטאַנען איבער אים אַריבערגעבויגן. דער פּוילישער איז געלעגן אויף דער ערד. אונטערן דעכל זענען געלעגן לילאַ־שאָטנס, פאַרמישטע מיט פּיאָלעט פונעם שנעל־דעמערנדיקן הימל. די אָוונט־פלעקן אַרום אים האָבן אויסגעזען ווי אַ געפלאָכטענע וויג פון די אַראָפּפאַלנדיקע שאָטנס. דער פּוילישער האָט געהאַלטן די אויגן אָפן. זיי זענען געווען גלאָזיק־שטיל און פאַרטראַכטע. די הענט, פאַרקראַמפּטע, האָט ער געהאַלטן אין דער איינגעקורטשעטער שויס. ער האָט געקוקט אויף די מענטשן ווי ער וואָלט זיי געוואָלט עפּעס איבערגעבן. זיי האָבן געזען ווי זיינע ווייסלען ציטערן. אפשר האָט ער זיי געזען — די מענטשן. אפשר ניט. זיין מויל, אַביסל פאַרקרימט אויף אַ זייט, האָט שאַרף געזויגן די לופט ווי דאָס טוט אַ זיך טרינקענדיקער. פונעם בויך, איבער דער גאַנצער שויס, האָט פאַוואָליע געשטראָמט דער שווערער, טונקעלער בלוט־פלוס.

דער פּראָפעסאָר האָט צוריקגייענדיק געפונען די ברילן אין זאמד. ערשט אונטער דעם ברעזענט־דעכל האָט ער זיי אויפסניי אַרומגעבונדן אַרום די אויערן. ער האָט די גאַנצע צייט געקניט אויף דער ערד איבערן פּוילישן. דעם פּוילישנסביידע הענט האָט ער געהאַלטן נאָענט צום האַרץ. דער רומענישער האָט דערווייל דאָס רוקזעקל פון פּוילישן אים אַרונטער־געלייגט צוקאָפּנס. דער אויפזעער איז אַוועקגעלאָפן נאָכן קיבוץ־דאָקטאָר, הינטערן באַרג. ביידע הענט פון פּוילישן זענען געווען וואַרעם ווי די הענט פון אַ ייִנגל. זיין דין, קינדיש פּנים איז געווען בלייכער ווי תמיד. ער האָט ניט אַרויסגעלאָזט דעם מינדסטן הויך פון מויל. דעם פּראָפעסאָרס הענט, וואָס זענען געווען פייכטע פון שווייס, האָבן פון זיך ניט אַרויסגעלאָזט דעם פּוילישנס פאַרקראַמפּטע, דאַרע פינגער.

בעת דער דאָקטאָר איז אָנגעפאָרן מיטן דזשיפּ — איז שוין אונטערן ברעזענטענעם דעכל געווען פינצטערלעך־בלוי. די זון איז נאָרוואָס געהאַט פאַרגאַנגען. אַן איינזאַמע, קאַלטע הירשן־שטילקייט איז געגאַנגען פון די

בערג. די שטילקייט, וואָס איז תמיד פאַראַן דאָ ביים שיידן פון טאָג. אינעם תהום, צווישןביידע בערג, איז שוין געלעגן אַ נעץ פון וויגנדיקער טונקל־קייט. ביים שאַרפן אַריינבליקן אין הימל האָט מען געקענט זען: אויבן, אין די הימלישע אָרעמס, ציטערט בלאַס־גרינלעך דער ערשט־געבוירענער, יונגער אָוונט־שטערן.

דערנאָך האָט שוין לאַנג ניט געדויערט. דאָס בלוט פון זיין שויס האָט אַפילו אויפגעהערט צו פליסן. אַלע האָבן געמיינט: דער פוילישער שלאָפט מיט אַן אויסגעדרייט פנים. בעת דער דאָקטאָר האָט זיך איינגעבויגן — איז דעם פוילישנס פנים שוין געלעגן אַזוי פאַרקירעוועט אין אַ זייט, אַז ס'האָט אַפילו אָנגערירט די ערד. דער פּראָפעסאָר האָט אַלץ נאָך ניט אַרויסגעלאָזט פון זיינע פויסטן דעם פוילישנס קליינע, ייִנגלשע פינגער.

דער דאָקטאָר איז לאַנג ניט געווען. ער האָט עפּעס געזוכט אַרום זיך אונטערן ברעזענטענעם דעכל. ער האָט דערזען דעם פוילישנס שוואַרץ קאַפּעלושל. ער האָט עס גענומען אין דער האַנט, אויסגעשאָקלט דאָס זאַמד און געדרייט אַביסל צווישן די פינגער. דערנאָך האָט ער זיך איינגעבויגן און מיט'ן הוילן קאַפּעלוש־חלל פאַרדעקט דעם פוילישנס אָפּגעווענדט פנים.

— הוא מת!... הוא מת!!!... אלהים בשמים!...*

דאָס האָט אַזוי געשריגן דער תימנער. ער האָט אַרויפגעוואָרפן זיינע ביידע גלעלע הענט צום הימל, ווו ס'האָבן שוין געשימערט די אומצאָליקע נאַכט־שטערן, כאָטש אין מערב איז נאָך געווען גרינלעך־ראָזיק. דעם תימנערס קול איז געווען קוויטשיק־שאַרף. ס'האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די בערג און דערנאָך צוריקגעקומען צום ברעזענט־דעכל. מ'האָט געמיינט: דאָס ווידערקול פון אַ שופר.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך קוים, קוים אויפגעשטעלט פון דער ערד. די קני האָבן אים וויי־געטאָן פונעם האַרטן זאַמד. ער האָט נאָך געוואָלט אַלץ פליסטערן צום פוילישן. דאָס אויסטערלישע, פרעמדע וואָרט פונעם תימנער: „מת... מת...״ — האָט אים צוריקגעפירט פלוצעם צום לעצטן שמועס פון

---

* ער איז טויט! טויט!... גאָט אין הימל!...

נעכטן מיטן פּוילישן. עפּעס האָט אין אים געליכטיקט, געליכטיקט שטיל און פרידלעך, ווי דאָס ליכט אין אַ חלום: „מעט — מעט — מעטאַ — מאַר — פּאַ — זיס״... ער האָט אָבער דאָס וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן. ער האָט זיך געשעמט. זיינע ליפּן זענען געווען בלוילעך. זיי האָבן לאַנג געציטערט. ביז זיי האָבן זיך זייטיק פאַרקרימט און ער האָט אָפּגעווענדט זיין פּנים פון די שטייענדיקע מענטשן.

פּאַוואָליע האָבן זיי אים אויפגעהויבן און געלייגט אויפן לייוונטענעם טראָגבעטל. דערנאָך האָבן זיי דאָס בעטל אויפגעהויבן ביי די אָפּשטייענדיקע הענטלעך, וואָס שטייגן אַרויס צופוסנס און פון פאַרנט. דעם פּוילישנס פּיס האָבן זיי איבערגעדעקט מיטן קורצן רעקל. די שוואַרצע שיך זיינע האָבן אַרויסגעשטיגן פון הינטערן רעקל. זיי האָבן געגלאַנצט מיט אַ שוואַרצן, שאַרפן בליאַסק. בעת זיי האָבן אויך אַרויפגעלייגט דעם פּוילישנס רוקזעקל — האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעגליטשט דאָס קליינע פלעשעלע שפּירט אויף דער ערד. דאָס גלאָז האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן אַ שטיין און צעפּאַלן. די שפּירט־פליסיקייט איז זייער גיך אַריינגעדרונגען אינעם זאַמד. די ערד איז דאָרט געוואָרן שוואַרצלעך, באַדעקט ווי מיט אַ קיילעכדיקן שוואַרצן זיגל.

פון פאַרנט האָבן אים געטראָגן: דער מאַראָקאַנער און דער רומענישער. צופוסנס: דער פּראָפעסאָר און דער תימנער. הינטער זיי — די איבעריקע מענטשן, מיט די שפּאַדלעס אויף די אַקסלען. אָפּגייענדיק אַ פּאָר שריט צום דזשיפּ, האָבן זיי פּאַוואָליע אויפגעהויבן העכער די אָפּשטייענדיקע הילצערנע הענטלעך פונעם טראָגבעטל. איצט איז דאָס טראָגבעטל שוין געלעגן אויף די פיר אַקסלען. זיי האָבן אים ניט געוואָלט צופיל באַוועגן. די פיר מענטשן זענען געגאַנגען מיט ווייגנדיקע, געמאָסטענע שריט. פון ווייטנס האָבן זיי אַלע אויסגעזען, מיטן טראָגבעטל אויף די אַקסלען, ווי ס'וואָלט נאָענט איבער דער ערד געשוועבט פאַרויס אַ קליינע, באַוועגלעכע בריק. אַ בריק אין דער פינצטער פון לעבעדיקע, מענטשלעכע געשטאַלטן.

1960

אינהאַלט:

	זייט
דער פליענדיקער הירש	9
מוראַשקעס	33
פרעמדע	52
ליכט אין טאָל	64
אַלטע זאַכן	89
דער פרינץ	104
די קוקאַווקע	124
גאַטס פייגל	160
טרויבן אין די בערג	170
אַ זילבערנער בעכער	176
כתר ישראל	195
וואַנדערונג	213
די שבועה	246
דער רויטער זשאַקעט	277
די ירושה	293
די בריק	328

צייכענונגען פון אַלכסנדר באָגען אויף די זייטן:

25, 45, 81, 93, 131, 185, 233, 267, 337.

דערשינענע ביכער פון ישעיהו שפיגל

מיטן פנים צו דער זון, לידער, 1930

מלכות געטאָ, נאָוועלן, 1947

שטערן איבערן געטאָ, נאָוועלן, 1948

מענטשן אין תהום, נאָוועלן, 1949

און געוואָרן איז ליכט, לידער, 1949

מלכות גיטו, ספורים, תרגם: א. ד. שפיר, מבוא: ד. סדן, 1952

ליכט פונעם אָפּגרונט, נאָוועלן, 1952
(פּרעמירט דורך קעסל־פּאָנד, מעקסיקע)

ווינט און וואָרצלען, נאָוועלן, 1955
(פּרעמירט דורך אַל. ייד. קולטור־קאָנגרעס אין פראַנקרייך)

אין פאַרלאַג י. ל. פּרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיקע ביכער:

אין יידיש

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענד)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַדט)	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין גראַנגל — געקליבענע שריפטן
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פּאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פּרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (2 בענד)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דראָזדאָוו	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן
ד. זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (2 בענד)
א. שטיינבאַרג	משלים
יחיאל האָפער	ר׳ זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער

נ. ניר־ראַפאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
ב. ווײַנשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נײַער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
מ. ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גאַרעליק	פון די מלינער וועלטן
י. בראָנשטיין	אינאיינעם און באַזונדער
פ. בערמאַן	אָפענע פענצטער
א. וואָלף יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
א. שמרי	די פונקען פון תיקון
א. סוצקעווער	אָאַזיס
אירגון יוצאי באָרשטשיוו	ספר באָרשטשיוו
א. מנור	40 יאָר הסתדרות
א. לעוו	ביימער אין ווינט
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
ל. אָליצקי	מיין האַרץ־רייזע
נ. דרודוב	די יידן אין איטאַליע
ספר זרבבל	צו זיין 75־סטן געבוירנטאָג
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער
מלכה לי	אין ליכט פון דורות (לידער)
מ. יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
י. פּאַפּיערניקאָוו	די זון הינטער מיר
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (2 בענד)
י. גאָר	ווידערקלאַנגען
ב. עפּשטיין	זאַנגען אויפן ווינט
ש. פּאַלאַקעוויטש	אין אַ פרעמדער הויט
יעקב כהן	אונטער סאָוועטישע הימלען
יוסף ראַטנבערג	(צו זיין ערשטער יאָרצייט)

מרים ריינעס־מלצר	צום קוואַל
ד״ר חיים שאָשקעס	פון מאָסקווע ביז עבר־הירדן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 2)
ע. פּערשלייסער	געקליבענע דערציילונגען
ה. אַקערמאַן	כ׳בין קיינמאָל נישט אַוועק פון דער היים
י. שטיינבערג	אַפאָריזמען און גלייכווערטער
אירגון נכי המלחמה בנאצים	אַנטקעגן דעם נאַצישן שונא
אירגון יוצאי סטרי	ספר סטרי (יידיש, העברעיש, ענגליש)
אסתר לוריא	פרויען אין קנעכטשאַפט (אַלבאַם)
ב. שלעווין	חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן
איציק מאַנגער	ליד, באַלאַדע, דערציילונג (יידיש־העברעיש)
רחל קאָרן	פון יענער זייט ליד
רחל פישמאַן	זון איבער אַלץ
מ. ז. טקאַטש	מיין האָב און גאָב (לידער)
ש. זאַראַמב	אויסדערוויילטע שריפטן
גוסיאַ־איניאַ שיפמאַן	„דאָס לעבן נאָך פאַר מיר״...
מ. י. שעלובסקי	אין יאָרן אַרום
ל. חיין־שמעוני	גאַנג
ק. מאָלאָדאָווסקי	לידער פון חורבן — ת״ש־תש״ה, אַנטאָלאָגיע
ל. פּאַפּיערניקאָוו	די משפחה יעלניק
י. שטיינבערג	חכמה פון יידישן קוואַל
יהושע אַלקאַן	דראַמאַטישע ווערק
ל. קוסמאַן	דער לאַמפּ ברענט (לידער)
ה. יונג	העכער די וואָלקנס
ב. מייזיל	צוריקבליקן און פּערספּעקטיוון
ק. שבתאי	ווי שאָף צו דער שחיטה?

בעברית

יוסף ראָזען	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לעשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאָט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית המועצות
י. זרבבל	עלי חיים
ג. חנין	ברלה
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס
אפרים אויערבאַך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
מ. בורשטין	פת ומלח
ר. קוויאַטקאָווסקי־פנחסיק	נשים מאחורי הגדר
נחמיה לוינסקי	בצל הגועים
ד. פלקסר	האידיאה והאמת
מול האויב הנאצי	זכרונות ועדויות (יידיש־עברית)
פ. בילצקי	השיר והמשורר (א. סוצקבר)
איציק מנגר	שיר, בלדה, סיפור
א. ירושלמי	מיערות הצפון עד חורשות הכרמל
דב סדן	אבני מפתן
י. פריילין	מצדה ורומי
י. שטיינברג	ממעין החכמה של עם ישראל
א. מנור	פרופ׳ אריה טרטקובר